STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09066

A POSHETE MAYSE

Shmuel Yosef Agnon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. י. עגנון / אַ פּשוטע מעשה

ש. י. עגנון

שטריכן / אהרן צייטלין

עגנונס שאַפֿן אין ייִדיש / דבֿ סדן

אַ פּשוטע מעשׂה

ייִדיש / אליעזר רובינשטיין

1958 — ניו־יאָרק — תשי״ח

S. J. AGNON

A PUUŠETE MAASE

A SIMPLE STORY

TRANSLATED FROM THE HEBREW BY ELIEZER RUBINSTEIN

COPYRIGHT 1958 BY
S. J. AGNON, JERUSALEM, ISRAEL

איבערגעזעצט
פֿון לשון-קודש על דעת המחבר —
אליעזר רובינשטיין

ציכענונגען — יאָסל בערגנער;
אותיות צום שער-בלאַט —
א. רובינשטיין

אָריגינאַל אין „על כפות המנעול",
„כל סיפוריו של שמואל יוסף
עגנון", ב' 3 (הוצאת שוקן,
ירושלים ותל-אביב, תשי"ג)

שינויים לגבי דעם אָריגינאַל —
מיט דער הסכּמה פֿונעם מחבר

דאָס בוך איז געדרוקט
אין 1208 עקזעמפּלאַרן

סדר פֿון זאַץ און אײַנבאַנד —
ישׂראל לאָנדאָן

Published by

DER KVAL, I. LONDON, *Publisher,* NEW YORK, N.Y., U.S.A.

MANUFACTURED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK

שמריבן

ס׳האָט עמעצער געוואָלט וויסן, צי ביאַליק וועט געפֿינען אַ גראַם צו זײַן נאָמען. האָט ביאַליק שפּאַסיק אַן אימפּראָוויזיר געטאָן: על ביאַליק — לית מאַן דפליג.

עגנונס סטאַטוס אין דער העברעיִשער ליטעראַטור איז אַזאַ אַז בנוגע אים איז לית מאַן דפליג. מ׳זעט פֿאַר זיך אַ הויכן באַרג. אײַ, ווי קלעטערט מען אַרויף? דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין. יעדער איינער פּרוּווט קלעטערן אויף זײַן אייגענעם שטייגער.

עגנון איז פֿון יענע שרײַבער, וואָס לאָזן זיך נישט קלאַסיפֿיצירן. דאָס הייסט נישט, אַז מ׳האָט עגנונען נישט קלאַסיפֿיצירט; מ׳האָט עס געטאָן און מע טוט עס ביז

איצט. אָבער דער סך־הכּל איז, אַז די אַלע קלאַסיפֿיצירונגען זענען נאָר האַלבע אמתן, צו מאָל פֿערטל אמתן. וואָרעם עגנון האַלט אין איין איבערראַשן. נאָך דעם ווי מען איז שוין זיכער, אַז „אָט דאָס" איז עגנון, טאַקע דאָס און נישט עפּעס אַנדערש, ווײַזט זיך עגנון אין אַ נײַ, אומגעריכט געשטאַלט, און מען מוז בלית־ברירה קלערן וועגן רעווידירן פֿריִערדיקע פֿאָרמולעס און דעפֿיניציעס. דאָס טשיקאַווסטע איז, וואָס נישט געקוקט אויף די אַלע אומגעריכטקייטן און אַנדערשקייטן בלײַבט עגנון אַלע מאָל דער זעלבער. איר וועט אים דערקענען, ווי ליטוואַקעס זאָגן, „פֿאַר אַ וויאָרסט".

זאָל מען זאָגן, אַז עגנון איז אַ ראָמאַנטיקער? געווים. ער איז — צו נוצן, לײַכט געענדערט, זײַנם אַן אייגענעם משל — אַ מענטש, וואָס זיצט אין דער אָרעמער סוכּה פֿון יורדישע צײַטן און דערציילט וועגן דעם עשירות פֿון גרויסע אָבות. ער, שמואל־יוסף בר' שלום מרדכי הלוי, האָט דעם גאַנצן עבֿר פֿאַר זײַן הינטערגרונט. אין אַ ריי שאַפֿונגען, וואָס האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ קלאַסיקער פֿון דער נײַ־העברעיִשער ליטעראַטור, איז ער דער פּאָעט פֿון דער טראַדיציע און פֿון דער אַמאָליקער גײַסטיקער גאַנצקייט. גענוג צו דערמאָנען אַזאַ געהויבענעם עפּאָס פֿון אמונה ווי „הכנסת־כּלה", אָדער אַזאַ ראָמאַנטישן נאַראַטיוו ווי „בלבב ימים". אין פֿאַשיידענע ווערק פֿון גרעסערן כּמות אָדער קלענערן איז ער דער שילדערער און פֿאַרהערלעכער פֿון דעם פֿרום־דורותדיקן ייִדישן לעבנסגאַנג. זײַן קונסט איז געבויט אויף יענע ווערטן און אידעאַלן, וואָס זענען די נשמה פֿון דער היסטאָרישער כּנסת־ישׂראל. אָבער עגנון איז פּונקט אַזוי אַ שילדערער פֿון דעם מאָדערנעם ייִד. ער האָט געשילדערט אין „הכנסת־כּלה" דעם חסיד ר' יודל, דעם סימבאָל פֿון בטחון און יראת־שמים, און ער שילדערט אַ דאָצענט פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט, אַ מאָדערנעם ייִד ווי מאַנפֿרעד הערבסט. ער איז אַ ראָמאַנטיקער, אַ סימבאָליקער, אַ וויזיאָנער, און יאָרן איידער ס'איז אויפֿגעקומען דער סורעאַליזם איז ער געווען אַ סורעאַליסט אויף זײַן אייגענעם שטייגער. אָבער פּונקט אַזוי איז ער אַ רעאַליסט. ער האָט אַן אויג פֿאַר דעטאַלן און ער שילדערט פּרטים רעאַליסטיש. ער איז אַ ליריקער פֿון אַ הויכער מדרגה, אָבער דער מחבר פֿון „והיה העקוב למישור", פֿון „הכנסת־כּלה", פֿון „תמול שלשום", פֿון „אורח נטה ללון" און ענלעכע ווערק, איז פּונקט

אַזוי אַ לכל־הדעותדיקער עפּיקער. ער איז פֿאָלקסטימלעך און איז ראַפֿינירט און קאָמפּליצירט. ער איז גוטמוטיק הומאָר־פֿול („ווען איך וואָלט נישט געפּאַסט צוויי מאָל אַ וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק, וואָלט איך זיכער געשטאָרבן פֿון הונגער"), אָבער אין אַזאַ זאַך ווי „בנערינו ובזקנינו" איז ער שנײַדיק־סאַטיריש.

דער פּראָזע־פּאָעט פֿון „אגדת־הסופר", דער בעל־אגדה ש"י עגנון, שילדערט מאָדערנע ייִדן אין גלות און אין ארץ־ישׂראל און ער טוט דאָס מיט כּמעט די זעלבע, מדרשדיקע און פֿאָלקסטימלעך־חסידישע שפּראַכמיטלען, וואָס גיבן צו אַזאַ ראָמאַנטישן חן זײַנע דיכטונגען פֿון דעם אַמאָליקן יראת־שמימדיקן לעבנס־שטייגער. ווי אַזוי זשע, וועט איר פֿרעגן, איז שייך צו מאָלן מאָדערנע מענטשן מיט די זעלבע אָדער כּמעט די זעלבע שפּראַכמיטלען, וואָס מיט זיי ווערן געמאָלט אַזעלכע פֿרום־בטחונדיקע, אַלט־דורותדיקע ייִדן, ווי אַ ר' יודל חסיד? דער ענטפֿער איז, אַז דאָס וואָס עגנון טוט מיט דער שפּראַך, דאָס טוט ער מיט זײַן גאַנצן שאַפֿן. עגנונס שפּראַך באַשטייט פֿון פֿאַרשיידענע עלעמענטן (אַז ער דאַרף, ווערט עגנון תּנ"כיש אויך), נאָר מחמת עס איז אים געלונגען צו שאַפֿן אַ סטיליסטישע סינטעזע — פֿילט מען נישט די פֿאַרשיידנקייטן, פֿילט מען אַ גאַנצקייט. דאָס זעלבע איז מיט זײַן שאַפֿן בכלל. פֿון די פֿאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס מיר האָבן אויבן אויסגערעכנט, שאַפֿט ער אַן אייגענע סינטעזע, און וואָס און ווי אַזוי ער זאָל נישט דערציילן — פֿילט מען תּמיד איינס: מען פֿילט עגנונען. אין איין און דעם זעלבן ווערק קאָנען בײַ אים די אַנדערש־קייטן הויזן אונטער איין דאַך, און נישט סתּם הויזן צוזאַמען, נאָר טאַקע ווערן צונויפֿבאַהאַפֿטן. למשל: „הכנסת־כּלה" איז לויטן צוגאַנג דער היפּוך פֿון מענדעלעס משׂכּילישן „קיצור מסעות בנימין השלישי"; וואָס דער משׂכּיל מענדעלע לאַכט אוים — דאָס פֿאַרהערלעכט עגנון. „הכנסת־כּלה" איז דער קינסטלערישער אַפּאָטעאָז פֿון דעם וואָס די השׂכּלה האָט געהאַלטן פֿאַר בטלנות און געפֿירט קעגן דעם מלחמה. עגנון איז דער גרויסער אַנטי־משׂכּיל אין דער נײַ־העברעיִשער ליטעראַטור. אין זײַן אַפּאָטעאָז איז אָבער דאָ און דאָרט אַרײַנגעוועבט איראָניע, און דאָס וואונדער איז, וואָס די איראָניע הייבט נישט אָן צו שטערן דער פֿאַרהערלעכונג. אָדער נעמט דעם ראָמאַן „תמול שלשום", דעם עפּאָס פֿון

דער צוויטער עליה. דער רעאַליזם שטערט דאָרט נישט דער סימבאָליק — זיי גיסן זיך צונויף אין אַ גאַנצקייט. די סימבאָלישע געשיכטע מיט דעם הונט בלק ווערט אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דעם סיפּור־המעשׂה. אין „אורח נטה ללון" איז דער רעאַליזם ענג צונויפֿגעקניפּט מיט דעם סימבאָל פֿון די שליסלען צום בית־מדרש, פּונקט ווי הומאָר איז דאָרט באַהאָפֿטן מיט טראַגיזם. דאָרט, ווי אין אַנדערע ווערק עגנונס, גרעסערע און קלענערע, איז דאָס עפּישע צוגלײַך ליריש און דער ליריזם פֿאַרמינערט נישט די קראַפֿט פֿון דער עפּישקייט. עגנון איז דער דיכטער פֿון דער טראַדיציע, אָבער דאָס שטערט אים נישט צו זײַן אולטראַ־מאָדערן אויף אַן אייגענעם אופֿן. צי דער העלד איז ר' יודל חסיד, אָדער יצחק קומער, דער חלוץ, וואָס וואַרפֿט זיך צווישן אַלט און נײַ („תמול שלשום"), אַן אוניווערסיטעט־מענטש ווי מאַנפֿרעד הערבסט, אָדער אַ ירושלימער זקנה אַ צדיקת ווי די וואָס ווערט געשילדערט אין אַ דערציילונג ווי „תהילה" — עפּעס איז פֿאַראַן אין דעם אַלעמען אַזוינס וואָס פֿאַרבינדט די אַלע פֿאַרשיידנקייטן און אַנדערשקייטן אין אַן עגנונישן אײנס.

אומזיסט איז מען געפּלעפֿט געוואָרן און גענומען רעדן וועגן קאַפֿקאַן — ווען עגנון איז געקומען מיט זײַן „ספר־המעשׂים". מ'האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דער מחבר פֿון „שבועת אמונים" און ענלעכע זאַכן האָט צו קיינעם נישט געדאַרפֿט אָנקומען, כּדי אָנצושרײַבן דעם „ספר־המעשׂים", וואָס איז אין דער אמתן אַ ווײַטערע אַנטוויקלונג פֿון אַ שטענדיקן מאָטיוו זײַנעם: דער אַבסורד, וואָס הינטער אים איז באַהאַלטן דאָס וווּנדער. ס'איז נישט געווען סתּם אַ פּאַראַדאָקס, ווען אין אַ רעווידירטער אויפֿלאַגע פֿון זײַנע ווערק האָט עגנון אַרײַנגעגעבן זײַן „ספר־המעשׂים" גראָד אין אַ באַנד אונטערן נאָמען: „סמוך ונראה". דאָס וואָס איז אונטער דער נאָז, איז — ווען מ'האָט אויגן צום זען — זייער און זייער איראַציאָנעל און אומרעאַל. וואָס עגנון טראַכט וועגן דעם איראַציאָנאַליזם פֿון מעשׂים, זעט מען פֿון „עד הנה" און אַנדערע זאַכן. גראָד פֿון הינטער דער דזשאָנגלדיקער פּלאָנטערניש פֿון מעשׂים און פֿאַקטן גיט אַ קוק אויף אונדז דאָס אומבאַגרײַפֿלעך־געטלעכע. מיר פֿאַרשטייען נישט דער השגחהס וועגן, אָבער מיר כאַפּן זיך פֿון צײַט צו צײַט, אַז די השגחה האָט ליב צו טראָגן די מאַסקע פֿון אַבסורד.

בכלל האָט עגנון אַ נטיה צו שטעלן דעם שׂכל פֿאַר יענע רעטעניִשן, וואָס כאָטש דער שׂכל זעט זיי נישט, איז די וועלט פֿול מיט זיי. ווען ער האָט אָפּגעדרוקט זײַן אויסטערלישע דערציילונג „עידו ועינם", האָט נישט איין לייענער געקוועטשט מיט די פּלייצעס. דער אמת איז, אַז אויך דאָרט, ווו עגנון איז אַ רעאַליסט, איז עס אַן אויסטערלישער מין רעאַליזם. ווען ער האָט געשריבן אַזעלכע זאַכן ווי „הכנסת־כּלה", האָט מען געמיינט, אַז זײַן טעכניק פֿון דערציילן אַ מעשׂה איז, ווי בײַ מענדעלען, דעם ייִדנס נוסח פֿון דערציילן. ס'איז אמת, נאָר דער גאַנצער אמת איז עס נישט. עס איז אי דאָס אי נאָך עפּעס. גראָד דאָרט ווו עגנון איז רעאַליסטיש זעט מען, אַז די דאָזיקע טעכניק זײַנע איז אויסן עפּעס מער ווי נוסח אַליין. זי דאַרף אויסדריקן דאָס איראַציאָנעלע פֿון דער אַזוי גערופֿענער ווירקלעכקייט, געבן דאָס געפֿיל, אַז דאָס איראַציאָנעלע געפֿלעכט פֿון אַ מעשׂה בתּוך מעשׂה און אַ סיטואַציע בתּוך סיטואַציע פֿאַרבאַרגט אין זיך אַן אייגענעם סודותדיקן זין. דעריבער דערציילט עגנון כּלערליי פּרטים, וואָס אין פֿלוג זענען זיי נישט געווען אינטעגרירט. אָפֿט פֿרעגט איר: אַקעגן וואָס ווערט עס דערציילט? דער אמת איז, אַז דאָס איז אַ רעאַליזם מיט רמזים. כאָפּט מען נישט דעם רמז, איז מען נישט תּופֿס דעם פּשט. פֿון אָט דעם אייגנאַרטיקן סאָרט רעאַליזם פֿירט אַזוי אַרום אַ בריק צו יענעם אויסטערלישן עגנון, וואָס האָט געשריבן דעם „ספר־המעשׂים", „עידו ועינם", אָדער אַזעלכע פּאָעמעס אין פּראָזע ווי „לילות", וואָס זענען געבויט ווי מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס.

פּונקט ווי אַ סך לייענער זענען געוואָרן געפּלעפֿט פֿון דעם אויסטערלישן עגנון, כאָטש ער איז לכתּחילה נישט געווען קיין פּשטן, אַזוי זענען זיי געפּלעפֿט געוואָרן פֿון דעם טראַגישן עלעמענט אין עגנונען, און ווידער אַ מאָל נאָר דערפֿאַר וואָס זיי האָבן זיך נישט געכאַפּט, אַז אויך דער פֿריִערדיקער עגנון איז נישט געווען דער סתּם זיסער ראָמאַנטישער באַזינגער. זיי האָבן זיך נישט געכאַפּט, אַז למשל אַזאַ זאַך ווי „והיה העקוב למישור" איז אַ זאַך זייער אַ טראַגישע, — טראַגיש אויף אַן אופֿן נישט קיין גוייִשן, נאָר אַ טיף ייִדישן. איז פֿאַר זיי געווען אַן איבעררעשונג, ווען אין דעם שפּעטערדיקן עגנון האָט זיך דאָס טראַגישע אַרויסגעוויזן דאָ און דאָרט אויף אַן אופֿן וואָס איז זיי פֿאַרגעקומען ווי אַ סתּירה

צו זײַן אמונהדיקייט. אָבער פֿון װען אָן איז טראַגישע דער־קענטעניש אַ סתּירה צו אמונה? איז דען אמונה דאָס זעלבע װאָס ביליקער אָפּטימיזם?

אַרום און אַרום פֿאַרשטייט מען עגנונען נאָך אַלץ צו איינזײַטיק. עגנון האָט, װי יעדער קינסטלער, זיך ליב צו פֿאַרשטעלן — און יענע װאָס גלייבן אים אַזױ צו זאָגן אויפֿן װאָרט, װערן נכשל. אין זײַן קינסטלערישן פֿאַרשטעלן זיך העלפֿט אים אַרױס גאָר באַזונדער זײַן סטיל. די חנעװודיקע נאַיװקייט פֿון דעם סטיל (װאָס, כאָטש אין פֿלוג איז ער גענומען פֿון פֿאַרטיקע מקורות, פֿאַרמאָגט ער זײַנע אייגענע ריטמען און קאַדענצן) איז אַ סגולה צו פֿאַרשטאַרקן די באַהאַלטענע ראַפֿינירטקייט. אַגבֿ, בײַ עגנונען זענען די עלעמענטן פֿון דער שפּראַך נישט נאָר פֿאָרם, נאָר אויך אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דעם אינהאַלט, און דערפֿאַר איז עגנונען אַזױ באַזונדערס שװער איבערצוזעצן. דאַכט זיך, בלויז איין ניואַנס, איין קנייטש אין דער שפּראַך — און דער קנייטש שילדערט, מאָלט, אַנטפּלעקט. למשל: חתימת חיוך (געבויט אויפֿן אויסדרוק: חתימת זקן) איז מער װי שפּראַך־המצאה — ס׳איז בילד. לאָזט זיך אַזױנס איבער־זעצן? איך װײס נישט.

איך גלייב, אַז באַזונדערס נישט פּשוט איז עגנון גראָד דאָרט װוּ ער הענגט אַרױס די פּשוטקייט װי אַ שילד. זײַן „סיפּור פּשוט" למשל איז רעאַליסטיש, אָבער דער רעאַליזם און די פּשטות פֿאַרשלייערן דאָ דעם גאָר נישט רעאַליסטישן מאָטיװ פֿון אַ רבינס אַ קללה, װאָס װערט מקוים (די קללה פֿון שגעון) און װאָס דער העלד הערשל האָרוױץ מאַכט זי סוף־כּל־סוף צו נישט מיטן כּוח פֿון הכנעה. (אַגבֿ, אַ שיר־השירים פֿון פֿרומער הכנעה איז עגנונס שוין דערמאָנטע דערציילונג „תּהילה".) די באַשערטקייט פֿון דער ליבע צװישן הערשלען און בלימען װערט סוף־כּל־סוף אויס באַשערטקייט, אויס גורל, כאָטש די טיפֿע בענקשאַפֿט הערט נישט אויף אויך נאָך דעם װי הערשל װערט אויסגעהיילט פֿון משוגעת און דערזעט מינען מיט אַנדערע אויגן. װאָלט עגנון דעם העלד זײַנעם נישט אויסגעהיילט, װאָלט געפֿעלט דער עיקר — דאָס װאָס עגנון איז אויסן געװוען: דער נצחון איבער באַשערטקייט דורך אָפּזאָגן זיך.

בלימע נאַכט גייט אַװעק אין הינטערגרונט — אין דער נאַכט: מ׳זעט זי נישט מער, כאָטש איר שאָטן הוירט

איבער דער זאַך ביז צום סוף. מ׳קאָן מיינען, אַז עס איז מנצח הערשלס מוטער. אין דער אמתן זיגט נישט איר פּלאַן, נאָר דער פּלאַן פֿון עפּעס אַ העכערן רצון, וואָס פֿירט תמיד אויס. אין דער רעאַליסטיש-פּסיכאָלאָגישער און צוגלייך זייער פּאָעטישער דערציילונג „פּנים אחרות", ווי אַ מענטש דערזעט זיין פּרוי מיט אַנדערע, טיפֿערע אויגן, גראָד נאָך דעם ווי ער גט זי אָפּ, איז פֿאַראַן ערגעץ אַ שייכות מיט דעם מאָטיוו פֿון דערזען מינען אַנדערש — נאָך אַ טראַגישער אויפֿטרייסלונג.

„ספּור פּשוט" איז דאָס ערשטע בוך פֿון עגנונען, וואָס גייט אַרויס אויף ייִדיש. ס׳קומט דערפֿאַר אָנערקענונג מיין פֿריינד ישׂראל לאָנדאָן, גרינדער פֿון פֿאַרלאַג „דער קוואַל", וואָס איינער פֿון זיינע צילן איז צו וואַרפֿן אַ בריק צווישן אונדזערע ליטעראַטורן אויף ייִדיש און אויף העב-רעיִש. עס זענען מן-הסתם געווען סיבות, פֿאַר וואָס עגנון האָט געוואָלט זען אין אַ ייִדיש-לבֿוש קודם-כּל זיין „ספּור פּשוט". מען דאַרף דערביי האָפֿן, אַז קיינער וועט נישט באַגיין דעם אַבסורדאַלן טעות צו מיינען, אַז דאָ שפּיגלט זיך אָפּ דער גאַנצער עגנון, און אַז נאָך דעם ווי מען האָט איבערגעלייענט דאָס בוך — האָט מען דאָס רעכט אויף אַ מיינונג וועגן עגנונען בכלל. ניין, עגנונען דאַרף מען לייענען אין גאַנצן, און גאָר באַזונדערס דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף אַזעלכע ווערק ווי „הכנסת-כּלה", „אורח נטה ללון", „תמול שלשום" וכדומה.

⟡ ⟡ ⟡

„ספּור פּשוט" געהערט צו יענע שאַפֿונגען, ווו עגנון פֿאַרנעמט זיך מיט דעם אייביקן געוועב פֿון מאַן-פֿרוי-באַציִונגען. סיי דאָ סיי אין אַן „אגדת הסופר", ווו ערדישע און איבערערדישע ליבשאַפֿט גיסן זיך צונויף, סיי אין „שבועת אמונים", סיי אין „בדמי ימיה" און אַ ריי אַנדערע זאַכן, — אומעטום איז דאָס וואָס אינטערעסירט אים — נישט דער פּשט, נאָר דער סוד פֿון די באַציִונגען צווישן די געשלעכטער.

פֿאַראַן אין דער „פּשוטער מעשׂה" אַ מיסטעריעזע פּאַראַ-לעלקייט צווישן פֿאָטער און זון פֿון איין זייט, מאַמע און טאָכטער — פֿון דער צווייטער. הערשלס פֿאָטער האָט גע-דאַרפֿט חתונה האָבן מיט דער וואָס וועדט דערנאָך בלימעס

מאַמע, נאָר חתונה האָט ער מיט אַן אַנדערער. דאָס געשעט עפּעס ווי צופֿעליק — און פֿאָרט איז עס נישט צופֿעליק. הערשל ווידער, דער זון, ווערט טיף צוגעצויגן צו בלימען, דער טאָכטער פֿון דער וואָס איז אַ מאָל געווען זײַן פֿאָטערס כּלה, אָבער אויך ער האָט חתונה מיט אַן אַנדערער, און געשען געשעט עס עפּעס ווי צופֿעליק — און פֿאָרט איז עס נישט צופֿעליק. דער חילוק איז, וואָס דער פֿאָטער לײַדט נישט, בעת דער זון לײַדט שטאַרק, און גראָד די ליידן לייזן אים אויס. דאָס אַלץ ווערט געמאָלן אויף אַ לחלוטין נישט העראָיִשן הינטערגרונט — אַ הינטערגרונט פֿון גראָער סוחרישער בעל־הבתּישקייט, פֿון איין זײַט, און „אויפֿגע־קלערטער" קאָרטנשפּילערישער פּוסטקייט, פֿון דער צווײ־טער. גראָד די דאָזיקע גרויקייט מאַכט שטאַרק די שטילע אינעווייניקסטע דראַמע פֿון די באַציִונגען צווישן הערשל האָרוויץ און בלימע נאַכט.

עס איז אַ געשיכטע נישט אַזוי אַ פּשוטע ווי אַן איידעלע — און זי פֿאָדערט פֿונעם לייענער אַן אויפֿמערקזאַמקייט אויך צו אַזעלכע פּרטים, אָדער גאָר באַזונדערס צו אַזעלכע פּרטים, וואָס זענען אויס קליין, נישט־באַדײַטנדיק און אַפֿילו איבעריק. אַגבֿ, צום סוף פֿון בוך זאָגט עגנון צו, זיך אומצוקערן צו אַ ריי געשטאַלטן, וואָס ער האָט זיי נישט מער ווי סקיצירט, נישט מער ווי אָנגעצייכנט. עגנון קערט זיך אָפּט אום צו די געשטאַלטן זײַנע. זיי קאָנען בײַ אים אויפֿטויכן דאָרט ווו מ'האָט זיך אויף זיי נישט גערעכנט. עגנון האַלט זיך בכלל נישט אין די אָנגענומענע כּללים פֿון דערציילקונסט. אַ מאָל פֿאַרגעסט ער אַפֿילו צו שרײַבן, שמועסט ווי אַ היימישער בית־מדרש־ייִד, וואָס האָט צײַט און וואָס דערמאָנט זיך פֿאַרשיידענע פּרטים, וואָס קומען אים בשעת מעשׂה אויפֿן זינען. עס איז, ווי ער וואָלט דערציילט איין לאַנגע דערציילונג, וואָס ווערט מגולגל אין די סאַמע פֿאַרשיידנסטע דערציילונגען. אין דעם זין קאָן מען זאָגן, אַז ער ענדיקט קיין מאָל נישט. עס איז בײַ אים שטענדיק „תּם ולא נשלם". אַלץ איז ערגעץ ווו פֿאַרבונדן — וויל אונדז עגנון זאָגן. איז דערפֿאַר יצחק קומער פֿון „תּמול שלשום" אַן אייניקל פֿון ר' יודל חסיד אין „הכנסת־כּלה". עס איז אַלץ איין מעשׂה, נאָר די גלגולים פֿון דער מעשׂה ציִען זיך איבער דורות...

אהרן צייטלין

פֿונעם מחבר

אויך ביי מיין וויגעלע האָט מען געזונגען:

אונטער דעם קינדס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
דאָס איז דאָך די בעסטע סחורה —
שמואלטשע זאָל לערנען תורה;
תורה וועט ער לערנען, ספרים וועט ער שרייבן,
אַ גוט און פֿרום ייִדעלע וועט ער תמיד בלייבן.

גוט און פֿרום

בין איך ליידער נישט געבליבן, אָבער תורה האָב איך געלערנט ווי אַלע ייִדישע קינדערלעך. ספרים האָב איך ב״ה אויך געשריבן.

ס׳ווערט געבראַכט

אין „ספר חסידים״ סימן תק״ל: ״(ישעיה מ׳ י״ג) ׳מי תכן את רוח ה׳ ׳, כי הקב״ה גוזר מי יהיה חכם ומה חכמתו וכמה שנים וכמה ספרים יעשה, יש שגוזר עליו שעושה ספר אחד או שנים או שלשה... וכל מי שגילה לו הקב״ה דבר ואינו כותבו ויכול לכתוב, הרי גוזל מי שגילה לו, כי לא גילה לו אלא לכתוב, דכתיב (תהילים כ״ה י״ד) ׳סוד ה׳ ליראיו ובריתו להודיעם׳, וכתיב (משלי ה׳ ט״ז) ׳יפוצו מעינותיך חוצה׳ וזה שכתוב (קהלת י״ב י״ד) ׳יביא במשפט על כל נעלם׳ ״. (ס׳הייסט: „(ישעיה מ׳ י״ג) ׳ווער האָט אָנגעברייט דעם רוח־הקודש אין דעם מויל פֿון די נבֿיאים׳, וואָרעם דער אייבערשטער איז גוזר, ווער עס זאָל זיין אַ חכם און אין וואָס זיין חכמה זאָל באַשטיין, און וויפֿל יאָרן ער זאָל לעבן און וויפֿל ספֿרים ער זאָל מאַכן; פֿאַראַן אַז ער איז גוזר אויף אימעצן, ער זאָל מאַכן איין ספֿר, אָדער צוויי, אָדער דריי... און דער יעניקער וואָס דער אייבערשטער האָט אים עפּעס מגלה געווען און ער שרייבט עס נישט אָן, כאָטש ער קאָן עס אָנשרייבן, באַגזלט ער דעם וואָס האָט עס אים מגלה געווען, וואָרעם ער האָט עס אים מגלה געווען נאָר כּדי אָנצושרייבן עס, ווייל עס שטייט (תהלים כ״ה י״ד) ׳גאָטס סוד אַנטפּלעקט גאָט צו זיינע פֿאַרכטיקע און זיין תּורה, וואָס זי איז (גע) וואָרן געגעבן מיט איין כּריתות ברית, זעט ער צו מודיע צו זיין זיי׳, און עס שטייט (משלי ה׳ ט״ז)

'דיין קוואַל־ברונען וועלן צעשפּרייט ווערן אויף דער גאַס', און דאָס מיינט דער פּסוק (קהלת י"ב י"ד) 'ער וועט ברענגען פאַר אַ משפּט איבער אַלעם פאַרהוילענעם' ").

פאַרשטייט זיך

אַז פון דעם איבערשטנס אַ גזירה קאָן זיך קיינער נישט אַרויסדרייען, אַזוי אַז איך האָב אויך געשריבן כּמה וכּמה ספרים. נישט אַלע ספרים האָבן זוכה געווען צו זען די ליכטיקע שיין. אַ גרויסער ראָמאַן פון אַ זעכציק בויגן — „בצרור החיים" — וואָס זיין דערשיינען איז שוין געווען אָנגעמאָלדן אין דער „התקופה", כרך ד', איז פאַרברענט געוואָרן, און צוזאַמען מיט אים האָט דאָס פייער פאַרלענדט כּמה סיפּורים און שירים און צוויי דראַמעס און נאָך זאַכן, כּגון שטיקלעך פון מיינעם אַ טאָגבוך. דאָס אַלץ איז אַוועק מיטן רויך אין דער שׂריפה אין מיין דירה אין דייטשלאַנד — אין באַד האָמבורג ביי פראַנקפורט, פאַר שבועות תרפ"ד. ווי אַזוי די שׂריפה איז אויסגעבראָכן, דאָס האָב איך שוין מרמז געווען אין מיין סיפּור „פּת שלימה".

אַחוץ די ספרים הנשׂרפים

איז אויך אַ סך פון מיינע כּתבים געגאַנגען לאיבוד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. וואָרעם אַז איך בין אַוועק פון דער היים, האָב איך איבערגעלאָזט אויף הפקר אַ פולע שטוב מיט כּתבים. מיינט איר, אַז איך זאָג אַ גוזמא? זאָג איך אייך: אַ פולע שטוב — פּשוטו כּמשמעו. אַ יינגל איז אַ שוואַכער שומר.

פון די זאַכן מיינע,

וואָס זענען אַרויס פאַר דער שׂריפה און נאָך דער שׂריפה, זענען פאַראַן ספרים, וואָס זענען פאַרטייטשט געוואָרן אויף כּמה וכּמה לשונות, אַ טייל פון זיי אויף לשונות, וואָס איך קען אַפילו נישט די צורת האותיות זייערע, אָבער אויף יידיש איז פון מיר ביז היינט נאָך נישט געדרוקט געוואָרן קיין שום חיבור. שלא בידיעתי האָבן געוויסע צייטונגען און זשורנאַלן פאַרטייטשט און געדרוקט כּמה פון מיינע קלענערע סיפּורים, אָבער כּנהוג האָבן זיי מיר אַפילו נישט אַריינגעשיקט קיין עקזעמפּלאַר.

איך בין מחזיק טובה

למר ישׂראל לאָנדאָן שיחי', פונעם פאַרלאַג „דער קוואַל", וואָס ער איז זיך נוהג מיט מיר ווי עס באַדאַרף צו זיין ויותר מזה — וואָס ער גיט אַרויס מיינעם אַ גאַנצן חיבור. בזכותו וועלן אחינו ואחיותינו, וואָס זענען

ניסט באַהאָוונט אין לשון־קודש, לייענען מײַן „פּשוטע מעשׂה" אויף ייִדיש. און אויב אימעצער פֿון זיי וועט האָבן אַ שעה פֿאַרגעניגן פֿון מײַן סיפּור — והיה זה שׂכרי.

מיט אַ פֿופֿציק יאָר צוריק,

אײדער איך האָב זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישׂראל, האָב איך געשריבן שירים און סיפּורים און כּלערליי אַנדערע זאַכן בלשון ייִדיש. כּמה מהם זענען געדרוקט. איצט בין איך נישט קיין גרויסער בריה אויף ייִדיש־שרײַבן, אָבער פֿאַר אַ שטיקל מבֿין האַלט איך מיך נאָך. מעג איך זאָגן, אַז מר אליעזר רובינשטיין האָט מיט חכמה און מיט חן פֿאַרטײַטשט מײַן „סיפּור פּשוט" און עס קומט אים דערפֿאַר אַ שטאַרקער יישר־כּוח.

און אײַך, ליבע לייענער

און לייענערינס, וואָס איר לייענט מײַן חיבור, קומט דער אמתער יישר־כּוח צוליב דעם, וואָס אַז איר לייענט מײַן חיבור, בין איך זיך מתקשר מיט כּמה מנשמות ישׂראל. וואָס מער מען איז זיך מתקשר מיט ייִדן, איז דאָס אחדות־ישׂראל און דער כּוח־ישׂראל זיך מתגבר, און אַז דער כּוח־ישׂראל איז זיך מתגבר מכּוח האחדות, איז עס שיין און גוט הן למטה והן למעלה. אמן כּן יהי רצון.

עס וואָלט כּדאַי געווען

צו דערציילן, ווי אַזוי כ'האָב דעם דאָזיקן סיפּור געשריבן. טייל מאָל איז די געשיכטע פֿון אַ סיפּור שענער פֿונעם סיפּור גופֿא. און לעיניין דעם דאָזיקן סיפּור: עס האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ שטיק געזונט דאָס שרײַבן אים און יעדעס מאָל ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין שרײַבן און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט־אָט דערגרייך איך דעם אמתן אמת, האָט מען מיך מפֿסיק געווען. די לעצטע הפֿסקה איז געווען אין יאָר תּרפּ״ט, בעת די בלוטיקע געשעענישן. ערבֿ שבת נחמו האָב איך שטייענדיק אויף די פֿיס געשריבן ממש פֿון פֿרי־מאָרגן און איך האָב מרחיק געווען פֿון מיר כּל דבֿר וואָס קאָן מיך שטערן אין דער אַרבעט. פּלוצעם קומט מען און מען איז מיר מודיע, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַראַבישע אומרוען.

פֿון דעמאָלט אָן

האָט זיך בײַ מיר אָנגעהויבן, נישט איצטער געדאַכט, אַ נע־ונד זײַן און אַנדערע צרות, און אויף צו להכעיס האָב איך נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן

פונעם סיפור און כסדר געזען פאַר מײַנע אויגן כלערליי בילדער פון דעם וואָס ס׳וועט אין אים געשילדערט. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין טיש צו שרײַבן און קיין בענקל זיך אַנידערצוזעצן, און אַזוי האָב איך זיך מיאש געווען פון שרײַבן און געקומען אויף מחשבות, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט שרײַבן, למשל: וואָס וועט ווערן פון מײַן ווײַב און קינדער? און וואָס פונעם יישובֿ? און וואָס טאָקע פון מיר גופא? מיט וואָס וועט מען דעם טאָג איבערקומען?

השם יתברך

האָט זיך אָבער מרחם געווען איבער מיר און נאָך אַ צײַט האָב איך מיך אומגעקערט צו מײַן אַרבעט און האָב ממשיך געווען דעם סיפור.

דאָס איז אַ מעשה

פון מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק. דערווײַל איז דער „סיפור פשוט״ געדרוקט געוואָרן כמה פעמים אויף לשון־קודש. אַצינד גייט ער אַרויס אויף ייִדיש. לייענט, ליבע ייִדן, און אויב איר וועט הנאה האָבן פון מײַן סיפור, וועל איך אוודאי הנאה האָבן. די גזירת הקב״ה ספרים צו שרײַבן איז טאָקע אַ גזירה, אָבער זײַן ליבער נאָמען איז אַ מאָל מטיבֿ מיטן מחבר און שיקט אים צו אַ ליבן לייענער, איז דאָך דאָס אוודאי אַ גרויסע שׂמחה פאַרן מחבר און אַ טובֿה פאַר זײַן חיבור.

ש״י עגנון

ירושלים ת״ו, יום ג׳ לסדר „וחיתה נפשי בגללך״, תשי״ח

דער פאַרטײַטש פון די פסוקים אין אָנהייב הקדמה איז לויט: עבֿרי־טײַטש על כל תנ״ך, מקראות גדולות, לובלין תרנ״ט.

אַ פּשוטע מעשׂה

...האָט זי אָנגענומען בלימען פֿאַר דער גאָמבע און זי געפֿרעגט: ווער
ביסטו, מײַן קינד, און וואָס טוסטו דאָ?...

קאַפּיטל 1

מירל די אַלמנה איז יאָרן לאַנג געלעגן קראַנק. דאָקטוירים און רפֿואות האָבן פֿאַרצערט איר פּראָצע און דעם חולה האָבן זיי נישט אויס־געהיילט. גאָט אין הימל האָט צוגעזען איר פּײַן און האָט זי צוגענומען פֿון דער וועלט.

פֿאַרן שטאַרבן האָט מירל געזאָגט צו איר טאָכטער: איך ווייס, בלימע, אַז איך וועל מיך שוין נישט אויפֿהייבן פֿון בעט. האָסט אָפּשר תּרעומות אויף מיר, וואָס איך לאָז דיר גאָרנישט איבער, זאָלסטו נישט האָבן קיין תּרעומות. איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז אַלץ וואָס איך האָב געטאָן, האָב איך געטאָן, נישט ווײַל איך האָב זיך געהאַלטן גרויס. און אַצינד אַז איך גיי אַוועק פֿון דער וועלט, זאָלסטו פֿאָרן צו אונדזער קרובֿ ברוך־מאיר. איך בין בטוח, אַז ער וועט נישט אָפּטאָן זײַן רחמנות פֿון דיר און ער וועט דיר געבן אַן אָרט בײַ זיך אין שטוב.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען און מירל האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און אָפּגעגעבן איר נשמה דעם האַר פֿון אַלע נשמות.

איז בלימע געבליבן אַ קײַלעכיקע יתומה. זענען צו איר אַרײַנגעקומען אירע שכנים און שכנות מנחם אָבֿל זײַן. האָבן זיי געזען, אַז אין שטוב איז ליידיק. האָבן זיי געזאָגט: זי האָט אַ קרובֿ אין שיבוש, ברוך־מאיר האָרוויץ הייסט ער, אַ רײַכער קרעמער, ער וועט אַוודאי נישט אָפּטאָן זײַן רחמנות פֿון איר.

האָט בלימע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: די מאַמע מײַנע האָט אויך דאָס אייגענע געזאָגט.

אַז בלימע איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער שבֿעה, זענען זיך צוזאַמענגעקומען שכנות און געדונגען איר אַ פֿורל, זיי האָבן איר מיטגעגעבן עסן אויפֿן וועג און אַוועקגעשיקט זי קיין שיבוש. זיי האָבן איר געזאָגט: דער דאָזיקער קרובֿ, וואָס דו פֿאָרסט צו אים, איז אַ גרויסער גבֿיר און די גאַנצע שטאָט קען אים, דו דאַרפֿסט בלויז אַ פֿרעג טאָן, ווו ער וווינט און מען ווײַזט דיר גלײַך ווו.

איז בלימע אַרויף אויפֿן פֿורל און געפֿאָרן קיין שיבוש. דערפֿאָרן צו אירע קרובֿים, איז זי אַרײַן צו זיי אין שטוב, אַוועקגעלייגט אירע זאַכן אויף אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיי.

איז אַרײַנגעקומען צירל האָרוויץ און דערזען פֿאַר זיך אַ נײַ פּנים. האָט זי אָנגענומען בלימען פֿאַר דער גאָמבע און זי געפֿרעגט: ווער ביסטו, מײַן קינד, און וואָס טוסטו דאָ?

האָט זיך בלימע אויפֿגעהויבן פֿונעם בענקל און געזאָגט: חיים נאַכטס טאָכטער בין איך. אַצינד אַז די מאַמע מײַנע איז מיר אַפּגעשטאָרבן און איך האָב נישט נישט קיין טאַטן און נישט קיין מאַמען, בין איך געקומען צו אײַך, ווײַל איר זענט דאָך אונדזער משפּחה.

האָט צירל פֿאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

האָט בלימע אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אָנגענומען אירע זאַכן, ווי איינער וואָס כאַפּט זיך אַז אין עפּעס וואָס איז זײַן אייגנס, אויף אַז אַרט ווו ער האָט נישט קיין אַנדערן אָנהאַלט.

האָט צירל אַ זיפֿץ געטאָן און געזאָגט: גרויס צער האָבן מיר געהאַט דעם טאָג ווען מיר האָבן געהערט, אַז ס׳איז געשטאָרבן דײַן מאַמע עליה השלום. איך האָב זי נישט געקענט, אָבער איך האָב געהערט, אַז קיין גרויס נחת האָט זי אין איר לעבן נישט געהאַט. נישט יעדער איינער איז זוכה. דײַן טאַטע עליו השלום איז אויך אַוועק פֿאַר דער צײַט. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס ער איז געשטאָרבן. אַ ייִד אַ מושלם געווען. כ׳האָב געהערט, אַז ס׳גאַנצע לעבן זײַנס איז ער געווען אַרײַנגעטאָן אין ביכער. ער האָט דיך מסתּם אויך געפֿירט אויף דעם דרך. איך בין דערויף קיין מבֿין נישט, נאָר הלוואי וואָלט מען דיך געלערנט זאַכן, וואָס אַ ווײַבל דאַרף קענען.

תּוך כּדי דיבור האָט צירל געביטן איר קול און געזאָגט: פֿאָרסט דאָך הײַנט נישט צוריק אַהיים און מאָרגן וועלן מיר איבערשמועסן די זאַך, אפֿשר וועלן מיר פֿאַר דיר עפּעס אַן עצה געפֿינען.

האָט צירל געגעבן בלימען אַן אָרט בײַ זיך אין שטוב.

איז בלימע געלעגן בײַ אירע קרובֿים אין שטוב. איר מידקייט האָט אויף איר געבראַכט דעם שלאָף. בײַ נאַכט האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און זי איז שטאַרק נשתּומם געוואָרן. ווו איז זי? ס׳בעט איז נישט איר בעט און די שטוב איז נישט איר שטוב. האָט זי זיך אָנגעהויבן שרעקן, טאָמער וועט איר אַזוי פֿאַרגיין די גאַנצע נאַכט. זינט זי לעבט האָט זי נאָך קיין מאָל אַזוי נישט מורא געהאַט צו זײַן אויף ווי די נאַכט און אין דעם אָרט.

אַז זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט דאָס צווייטע מאָל, האָט שוין געטאָגט. האָט זי זיך געוואָלט דערמאָנען, וואָס עס האָט זי אַזוי געפּלאָגט אַ גאַנצע נאַכט. האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט זיך אַליין געזען אין חלום, ווי זי זיצט אויף אַ פֿור אין מיטן גאַס. האָט זי זיך געשעמט פֿאַר זיך אַליין, וואָס זי זיצט אַזוי פֿאַר אַלעמענס אויגן, און זי איז אַראָפּ פֿון דער פֿור. ווי נאָר זי איז אַראָפּ, האָבן זיך צעבריקעט די פֿערד און גענומען לויפֿן. איז זי געשטאַנען מיט פֿונאַנדערגענומענע הענט און אויסגעקוקט, דער בעל־עגלה זאָל אָנקומען, איידער די פֿערד וועלן אַרויף אויף די דורכגייענדיקע מענטשן. האָט זי געוואַרט און געוואַרט און ער איז נישט געקומען. זי

האָט געפֿילט, אַז אַ גרויס אומגליק רוקט זיך אָן און זי האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט, זי זאָל נישט צוזען דאָס פּורעניות.

אין שטוב האָט זיך נאָך קיינער נישט געהאַט אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. איז בלימע געלעגן אויף איר געלעגער און אַריינגעטראַכט אין איר שטאַנד. ווי זי ליגט אַזוי, האָט אַ ראָד פֿון אַ וואָגן אָנגעהויבן סקריפּען אויף דער גאָס פֿאַר איר פֿענצטער. אַ באַן־ליניע ציט זיך פֿון סטאַניסלע קיין שיבוש. צוויי מאָל אין טאָג קומט און גייט אַוועק אַ באַן און פֿורמאַנעס קומען אַרויס מיט זייערע פֿורלעך אָפּצופֿירן די פּאַסאַזשירן, וואָס קומען אָן און פֿאָרן אַוועק. ווער עס דאַרף נישט פֿאָרן, שטייט נישט אויף פֿרי. אָבער בלימע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, נאָך איידער די בעל־עגלות זענען אַרויסגע־פֿאָרן. בלימע איז געוווינט אויפֿצושטיין פֿרי, דעריבער איז זי אויפֿגעשטאַנען אַזוי פֿרי. די מאַמע אירע, עליה השלום, איז ס'רוב יאָרן פֿון איר לעבן געלעגן קראַנק און די גאַנצע אַרבעט אין שטוב איז געלעגן אויף בלימען. בלימע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווי געוויינלעך, אָבער דער טאָג איז עפּעס נישט קיין געוויינלעכער. אַנדערע קולות הערן זיך פֿון דרויסן און אַנדערע ווענט קוקן אויף איר. די סטעליע איז העכער פֿון דער סטעליע ביים טאַטן אין שטוב און דאָס צימער שוועבט אין דער לופֿטן. בלימע, וואָס איז געוווינט געווען צו וווינען אין דער נידער, האָט איצטער, שלאָפֿנדיק ביי די האַרוויצעס, אויף אַן אייבערשטן גאָרן געפֿילט ווי זי וואָלט געהאַנגען אין דער לופֿטן.

ליגן האָט זי נישט געקאָנט, ווייל ס'איז שוין געווען טאָג; אויפֿשטיין האָט זי נישט געקאָנט, טאָמער וועט זי אויפֿוועקן די שטובמענטשן. איז זי געלעגן ווי לאַנג זי איז געלעגן און געטראַכט וועגן איר מאַמען, וואָס איז אַלע אירע יאָרן געלעגן קראַנק, קוים געהאַט איבערצוקומען דעם טאָג און קיין מאָל גאָרנישט פֿאַרלאַנגט פֿון אירע קרובֿים. און אַז אירע שכנות פֿלעגן איר זאָגן: איר האָט דאָך רייכע קרובֿים, לאָזט זיי פֿון זיך וויסן, פֿלעג זי שמייכלען און זאָגן: וואָס האָבן מיר פֿון רייכע קרובֿים? וואָס מיר דאַרפֿן ז י י נישט געבן. יעדעס יאָר, אויף ראש־השנה, פֿלעגן אָנקומען פֿון זיי וווּנטשקאַרטלעך, בלימע געדענקט גוט יענע וווּנטשקאַרטלעך: פֿון גראָב פּאַפּיר זענען זיי געווען, האַרט זענען זיי געווען, און גאָלדענע אותיות זענען געווען אויסגעליישט אויף זיי. אַ גאַנץ יאָר זענען זיי געלעגן אויף די שטרויענע קיישעלעך, וואָס איר מאַמע עליה השלום האָט געפֿלאָכטן אויף איר קראַנקן בעט און אויפֿגעהאָנגען זיי אויף די ווענט פֿאַר שיינקייט וועגן. אַ גאַנץ יאָר זענען די וווּנטשקאַרטלעך געלעגן אין די קיישעלעך, ביז עס האָט זיך פֿון זיי אָפּגעשיילט דאָס גאָלד און דאָס פּאַפּיר איז אָפּגעבליאַ־קעוועט געוואָרן און מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפֿן. איצינד ליגט די מאַמע אין קבֿר און איר טאָכטער ליגט אויף אירע קרובֿימס אַ בעט.

מיט אַ מאָל איז איר דאָס בעט ענג געוואָרן. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען און אַרומגעוואַשן זיך און אָנגעטאָן זיך און אַוועקגעשטעלט זיך אין קיך און

צוגעגרייט אָנבײַסן. די כּלים, וואָס צירל האָט גענוצט בײַ נאַכט, האָט בלימע גענוצט אין דער פֿרי.

בלימע האָט צוגעשטעלט אַ מילכיקן טאָפּ און אויפֿגעקאָכט קאַווע און אויסגעשטעלט די גלעזער און די טעלער און אויסגעלייגט לעפֿל־מעסער, אָנגעשניטן ברויט און אַרומגעגלאָטיקט די פּוטער אין דער פּוטערניצע. דערנאָך האָט זי געעפֿנט איר קלומיקל און פֿון דאָרט אַרויסגענומען קיכלעך און אָוועקגעלייגט זיי אויף אַ קליאַש. אַז די פֿרוי האַרוויץ איז אַרײַנגעקומען מאַכן דאָס אָנבײַסן, האָט זי שוין פֿאַר זיך געטראָפֿן אַלץ גרייט.

איז אַרײַנגעקומען ברוך־מאיר און געריבן זיך די הענט און געזאָגט בלימען אַ גוט־מאָרגן. ער האָט פֿאַרבויגן די פֿאַלעס פֿון זײַן בגד און זיך געזעצט צום טיש. ער האָט זיך אָנגעגאָסן זײַן גלאָז און מיט מילדע אויגן געקוקט אויף בלימען און אויף אירע קיכלעך. נאָך אים איז אַרײַנגעקומען זײַן זון, הערשל, און אַ זאָג געטאָן: עפּעס שיינע קיכלעך זע איך דאָ. ער האָט גענומען אַ קיכל, פֿאַרזוכט און געזאָגט: אויף עפּעס אַזוינס איז נאָר אַ ברכה צו מאַכן.

האָט צירל אָפּגעבראָכן אַ קליין שטיקעלע, זי האָט פֿאַרזוכט און געזאָגט: ווער באַקט עס אַזוינע קיכלעך? דו? בלימע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און געזאָגט: נישט איך. זי האָט אויך אָפּגעבראָכן אַ שטיקל, געגעסן און געזאָגט: איך קאָן אויך באַקן אַזוינע קיכלעך.

האָט צירל געביטן איר שטים און געזאָגט: געלויבט צו גאָט וואָס מיר זענען נישט קיין בעקערס פֿון קיכלעך און פֿון בייגל און פֿון פּלעצלעך. מיר באַנוגענען זיך מיט אַ פּראָסט שטיקל ברויט.

האָט בלימע אַראָפּגעלאָזט די אויגן, בעת דאָס קײַען די קיכלעך האָט זיך אַלץ שטאַרקער געלאָזט הערן.

האָט הערשל צוגעבויגן דעם קאָפּ צו זײַן מאַמען און געזאָגט: אוי, מאַמע האַרציקע, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

צירל האָט אַ קוק געטאָן אויף איר זון און געזאָגט: זאָג.

האָט הערשל געשמייכלט און געזאָגט: נישט אַזוי, נאָר אויפֿן אויער.

האָט צירל צוגעלייגט איר אויער צום זון צו. הערשל האָט צוגענייגט זײַן מויל צו איר אויער, ווי ער וואָלט איר געוואָלט אײַנרוימען אַ סוד, און ער האָט אויפֿן קול געזאָגט: ס'וואַר, מאַמע, גוטע קיכלעך.

צירל האָט פֿאַרצויגן די ברעמען איבער די אויגן און געזאָגט: גוט, גוט.

האָט בלימע אַראָפּגענומען די כּלים פֿון טיש און איז אַרײַנגעגאַנגען אין קיך.

צירל איז איר נאָכגעגאַנגען אין קיך אַרײַן און געוויזן איר, ווי צו וואַשן דאָס מילכיקע געפֿעס, די שיסלען און די פּילקעס.

בלימע האָט מיט איין אויג געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער מילכיקער באַנק און מיט איין אויג אויף דער פֿליישיקער באַנק.

צירל האָט אויפֿגעכאַפּט בלימעס בליקן און זי האָט געזאָגט: אָפּקאָכן אַ שטיקל פֿלייש קאָנסטו? האָט בלימע געזאָגט: איך קאָן. האָט צירל געזאָגט: ביז מיר וועלן איבערוואַשן דאָס געפֿעס, וועט מען ברענגען דאָס פֿלייש. דאָ האָסטו די ריַיז און דאָ האָסטו די לאָקשן און דאָ האָסטו די גרויפּן און דאָ האָסטו אַלץ וואָס דיַינע אויגן זעען און דיַין האַרץ גלוסט.

האָט בלימע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: פֿון איצט אָן דאַרף איך דיך שוין נישט מער. האָט זיך צירל צוגעקוקט ווי בלימע טוט און זי איז אַוועקגעגאַנגען און זיך אומגעקערט און ווידער אַוועקגעגאַנגען און ערשט צוריקגעקומען אין אַנדערהאַלבן שעה נאָך האַלבן טאָג און שוין געטראָפֿן פֿאַר זיך געגרייט דעם טיש און אַ פֿאַרטיקן מיטאָג.

יענעם טאָג איז געווען ראש־חודש אייר, דער אָנהייב פֿון אַ ניַיעם זמן פֿאַר דינסטמיידלעך. אַ טאָג פֿריִער, איידער בלימע איז אָנגעקומען צו אירע קרובֿים, איז אַוועק די דינסט און קיין אַנדערע האָט מען נאָך נישט געהאַט צוגענומען. אַז עס איז געקומען אַ מעקלערקע צו צירלען און געבראַכט מיט זיך אַ דינסט, האָט צירל געזאָגט: איר זאָלט מיר לעבן, ווו וועל איך זי אַהינטאָן, ס'איז געקומען מיַינע אַ קרובֿה און פֿאַרנומען דער דינסטס בעטל.

האָט בלימע געדינט ביַי אירע קרובֿים; גאָט אין הימל האָט איר אַריַינגעגעבן כּוח און אירע צאַרטע הענטלעך טוען אַ סך מלאכות, זי קאָכט און באַקט און וואַשט און צירעוועט און לאַטעט. נישטאָ קיין ווינקעלע אין שטוב, וווּ עס זאָל זיך נישט לאָזן דערקענען בלימעס האַנט. בלימע איז געוווינט צו אַרבעטן. נישט אומזיסט האָט זי זיך אויפֿגעהאָדעוועט אין אַ שטוב פֿון אַ קראַנקער מאַמע. דאָס געוווינטקייט פֿון דער מאַמעס שטוב איז איר ביַיגעשטאַנען ביַי אירע קרובֿים אין שטוב. צירל האָט שוין דערקענט אויף בלימען, אַז זי האָט געלערנט אַלץ וואָס אַ פֿרוי דאַרף קענען. און אַזוי ווי זי איז אַ קרובֿה און נישט קיין דינסט, האָט זי מיט איר נישט אויסגערעדט קיין שׂכירות. צירל האָט געזאָגט צו איר מאַן: צי איז זי דען נישט קיין אייגענע? דער וואָס גיט אונדז וועט אויך איר געבן איר לוין.

אין פֿלוג איז פֿאַראַן אין דעם אַ לוין־עוולה. אָבער ווער עס קוקט טיפֿער אַריַין אין דער זאַך, זעט, אַז דער אמת איז מיט צירלען, וויַיל, אַז עס וועט קומען די ציַיט, בלימע זאָל אַ כּלה ווערן און עס וועט איינער קומען חתונה האָבן מיט איר, וועט צירל אַרומלויפֿן אָפּקלאַפּן די טירן פֿון די צדקה־

חבֿרות און זאָגן: גיט מיר אַ נדן פֿאַר מײַן קרובֿה, נאָר עס איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז זי אַליין וועט איר געבן לויט די יאָרן, וואָס זי האָט געדינט בײַ איר. און אויב ס'וועט זײַן אַ לײַטישער שידוך, וועט זי איר געבן נאָך אַ מאָל אַזוי פֿיל. און נאָך אַ זאַך: וואָסער אַ לוין האָט בלימע געקאָנט דערוואַרטן? זי האָט דאָך קיין מאָל בײַ קיינעם נישט געדינט. קומט דאָך אויס, אַז זי לערנט זיך די שטובאַרבעט בײַ צירלען, און דער דין מיט איר איז ווי מיט די משרתים אין די געוועלבער דאָס ערשטע יאָר און ווי מיט אַ לערנײַנגל, וואָס אַרבעט בײַ זײַן מײַסטער דרײַ יאָר און קריגט נישט געצאָלט.

איז בלימע געזעסן בײַ אירע קרובֿים אָפּגעזונדערט פֿון דער גאַנצער וועלט. מיידלעך פֿון אָרעמע שטובן, וואָס דינען בײַ אירע שכנות, זוכן נישט צו זײַן נאָענט מיט איר, און איבעריק צו זאָגן, אַז זי זוכט נישט צו חבֿרן זיך מיט זיי. מעקלערקעס, וואָס דינסטמיידלעך לויפֿן זיי נאָך, האָבן נישט קיין העזה צו קומען צו איר, און איבעריק צו זאָגן, אַז זי גייט נישט צו זיי. צי זי וויל יאָ, צי זי וויל נישט, איז זי געווען צוגעבונדן צו האָרוויצעס שטוב. אָבער די דאָזיקע שטוב קאָן נישט דערפֿרייען דאָס האַרץ. די שטובמענטשן זענען פֿאַרנומען אין געוועלב און קומען אַרויף אין שטוב אַרײַן בלויז אויסצוזופּן אַ לעפֿל געקעכטס און איבערשלאָפֿן די נאַכט. שבת און יום־טובֿ, אַז זיי גייען אַרויס שפּאַצירן, אָדער אין דער וואָכן, אַז זיי גייען אַוועק צו גוטע פֿרײַנד אויף אַ קערמעשל, נעמט מען בלימען נישט מיט. אַ שטוב דאַרף מען היטן, און ווער, אויב נישט בלימע, וועט היטן די שטוב, ווען קיינער פֿון די שטובמענטשן איז נישטאָ אין דער היים. איז בלימע געווען איינזאַם און עלנט, נישט געוווּסט פֿון די פֿאַרגעניגנס פֿון די דינסטמיידלעך און נישט פֿון די פֿאַרווײַלונגען פֿון די רײַכע מיידלעך.

אַ צײַט לאַנג איז בלימע געווען בײַ אירע קרובֿים. צירל האָט זי נישט געצערטלט און האָט זי נישט מצער געווען. צירל ווייסט ווי אומצוגיין מיט מענטשן. דאָס שטיין אין געוועלב גיט איר אַ סך צו פֿאַרשטיין און בײַ די קונים לערנט זי זיך אַ סך. צירל איז נישט מזלזל מיט קיינעם, אַפֿילו נישט מיט דעם אָרעמאַן, וואָס קויפֿט עפּעס פֿאַר אַ שיבוש. צירל זאָגט: הײַנט נעמט ער פֿאַר אַ גראָשן און מאָרגן קאָן ער געווינען אויף דער לאָטעריע און קויפֿן פֿאַר אַ רענדל. אַפֿילו אַ קינד, וואָס קומט נעמען עפּעס אַ קלייניקייט, ווײַזט צירל אַרויס גרויס ליבשאַפֿט, נעמט עס אָן פֿאַרן גאָמבעלע און גיט אים מיט אַ צולאָג. קליינערהייט איז עס נישט קיין גרויסער געברויכער, אַז עס וועט עלטער ווערן, וועט עס מער דאַרפֿן; אַז איך באַהאַנדל עס גוט, ווען עס איז קליין, וועלן עס שוין די פֿיס ברענגען צו טראָגן אַהער גרויסערהייט. וויפֿל גבֿירים פֿלעגן קליינערהייט קומען צום טאַטן המשה עשׂר בשבֿט קויפֿן אַ באָקסער און הײַנט קויפֿן זיי ראָזשינקעס מיט מאַנדלען אַלע טאָג.

דאָס געװעלב איז נישט דאָס אײנציקע אין שיבוש. אַ שרעגגע געװעלבער שטײט אין מאַרק אײנס לעבן אַנדערן און בײַסן זיך אײַן אײנס אין אַנדערן, אַחוץ די געװעלבער אױפֿן קלײנעם מאַרק און אױף די אַנדערע גאַסן. צײַטנװײַז זענען זײ פֿול, צײַטנװײַז זענען זײ לײדיק. צײַטנװײַז איז מען אין זײ באַשעפֿטיקט איבערן קאָפּ, און צײַטנװײַז שטײט מען לײדיק. אָבער בײַ האַרװיצן אין געװעלב איז שטענדיק פֿול. קײנער װײסט נישט, פֿאַר װאָס עס ציט אים אַהין. אַפֿילו כּלערלײ זאַלצן פֿאַר אַ רפֿואה װעגן, װאָס מען פֿאַרקױפֿט אין די אַפּטײקן און מען נעמט זײ אױף אַ רעצעפּט פֿון אַ דאָקטער, קױפֿט מען אױך בײַ צירלען, װײַל צירלס באַהאַנדלען די קונים איז שױן אַ האַלבע רפֿואה. און אַזױ װי זי באַגײט זיך גוט מיט יעדן אײנעם, אַזױ באַגײט זי זיך גוט מיט בלימען. געפֿינט זי אַ קלײדל, װאָס איז שױן נישט פֿאַר איר, גיט זי עס אַװעק בלימען. האָבן זיך אױסגעקרימט אירע שיך, גיט זי זײ אַװעק בלימען. דאָס װאָס קאָן נאָך עפּעס ניצן, באַנוצט זיך מיט דעם בלימע, און דאָס װאָס קאָן שױן צו גאָרנישט ניצן, רוימט זי אַרױס פֿון שטוב. אױף אַזאַ שטײגער פֿירעכץ זאָגט צירל: איך האָב קײן מאָל גאָרנישט נישט אַרױסגעװאָרפֿן אין דרױסן אַרױס, אָבער אונדזער בלימע איז נישט אַזאַ: װאָס ס׳געפֿעלט איר נישט, װאַרפֿט זי אַרױס. אין פֿלוג זענען דאָך דאָס װערטער, װאָס קאָנען פֿאַרדריסן, אָבער װער עס קען צירלען, װײסט, אַז ס׳איז נישט אַזױ, נאָר ס׳איז װי אײנער װאָלט געזאָגט צום אַנדערן: איך האָב נישט קײן פֿאַראיבל אױף דיר, איך זאָג דיר בלױז מײַן מײנונג. דאָס זעלבע אױך מיטן בעל־הבית: פֿאַר יעדער קלײניקײט, װאָס בלימע איז זיך מטריח פֿאַר אים, איז ער איר זײער דאַנקבאַר. און אַז ער פֿאָרט אַװעק אין אַן אַנדערער שטאָט און קומט צוריק אַהײם, גיט ער איר די האַנט בײַם אַװעקפֿאָרן און בײַם צוריקקומען, און ער געדענקט זי אַפֿילו פֿון דער װײַטנס. אַ ראיה האָסטו, אַז װען ער איז צוריקגעקומען פֿון קאַרלסבאַד, האָט ער איר געבראַכט אַ מתּנה. אַזױ װי ער האָט געבראַכט מתּנות זײַן װײַב און זײַן זון, אַזױ האָט ער געבראַכט אַ מתּנה בלימען. די דאָזיקע מאַנסלײַט, האָט צירל געזאָגט, קענסטו מײנען, אַז זײ װײסן נישט, װאָס װײַבער דאַרפֿן האָבן; אָבער מיט מײַן ברוך־מאירן איז עס נישט אַזױ, ער װײסט צוצוטרעפֿן, װאָס בלימע דאַרף האָבן, און ער האָט איר געבראַכט. אָדער אפֿשר לערנט אים דאָס בלוט זײנס. זי איז דאָך אונדזערס אַ קרובֿה.

אױך הערשל באַגײט זיך מיט איר גוט און ער פֿאַרגעסט נישט, אַז זײ קומען בײדע אַרױס פֿון זעלבן בלוט און פֿלײש. האָט זיך בײַם פּרעסן אַ ביסל צעקנײטשט דער קראַגן פֿון זײַן העמד, קומט ער נישט צו איר מיט קײן טענה, און איבעריק צו זאָגן, אַז ער גיט איר נישט צו פּוצן זײַנע שיך. ער קאָן נישט פֿאַרגלעטן זײַנע מוסר־רײד װי זײַן מאַמע קאָן, און ער װינקט נישט צו מיט די אױגן אױס ליבשאַפֿט, װי זײַן טאַטע. הערשל איז נאָך יונג און ער האָט נאָך נישט געלערנט װי אַרױסצובאַקומען עפּעס

מיט אַ ווינקען מיט די אויגן און מיט גלאַטע ריידעלעך. ווי אַלט איז ער, הערשל? זעכצן יאָר, און ער האָט שוין אויסגעפֿונען, אַז נישט אַלץ אויף דער דאָזיקער וועלט איז גוט. פֿאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז די גאַנצע צרה איז, וואָס די וועלט איז איַינגעטיילט אויף אָרעמע און רײַכע. אפֿשר איז דאָס די צרה, על־כּל־פּנים — נישט די עיקר־צרה. די עיקר־צרה איז, וואָס אַלץ קומט אָן מיט ווייטיק.

אין וואָס ס'באַשטייט דער דאָזיקער ווייטיק, דאָס ווייסט נישט הערשל. זינט ער איז אויף דער וועלט געקומען, האָט ער זײַן שטיקל ברויט צו דער זעט און אַ לײַטיש מלבוש, און גוטע מענטשן זענען גוט צו אים און טוען גערן זײַן פֿאַרלאַנג. ס'קאָן זײַן, אַז הערשל האָט זיך צוגעקוקט און געזען, ווי די זעלבע מענטשן, וואָס זענען גוט צו אים, טוען שלעכטס אַנדערע און דאָס האָט אים ווײי געטאָן. און עס קאָן זײַן, אַז עס איז געווען אַ קינדערײַ אַזאַ פֿון אים צו טראַכטן וועגן זאַכן, וואָס זענען נישט פֿאַר אים.

קאַפּיטל 2

הערשל איז אַ בן־יחיד בײַ זײַנע טאַטע־מאַמע. אַ בכור און אַ בן־זקונים.

נאָך דעם ווי זײַנע עלטערן האָבן זיך שוין געהאַט מיאש געווען צו האָבן קינדער, זענען זיי אויפֿגעריכט געוואָרן מיט אַ בן־יחיד און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך זײַן מאַמעס טאַטן, שמעון־הערש, נאָר דער ערשטער נאָמען איז פֿאַרגעסן געוואָרן, ווען ער איז נאָך געלעגן אין וויגל, און דעם צווייטן נאָמען האָט מען פֿאַרצויגן פֿון ליבשאַפֿט צו אים.

נאָכן אַנטווײַנען אים האָט זיך צירל אַרײַנגעלאָזט אין די געשעפֿטן אין גע־וועלב. זי האָט זיך שוין מער נישט געריכט אויף קיין קינדער. וועלן זיי קומען, וועלן זיי זײַן. זי אַליין האָט שוין מער נישט געבעטן אויף קיין קינדער, ווײַל דו ווייסט קיין מאָל נישט, וואָס עס איז גלײַכער פֿאַר זיי — זיי זאָלן קומען אויף דער וועלט, אָדער זיי זאָלן נישט באַשאַפֿן ווערן. כאָטש זי האָט נישט געהאַט מער ווי הערשלען, האָט זי אים נישט אַרויסגעוויזן צו פֿיל ליבשאַפֿט, כּדי ער זאָל זיך נישט גרויס האַלטן ווי אַ בן־יחיד. אָקעגן זשע איז ברוך־מאירס ליבשאַפֿט צו זײַן זון געווען טאָפּל גרויס און ער האָט אים גאָר שטאַרק ליב געהאַט.

ברוך־מאיר איז פֿון די וואָס האָבן הצלחה. צו וואָס ער רירט זיך צו, איז ער מצליח, און פֿון דעם וואָס ער פֿאַרמאָגט מאַכט ער נאָך מערער. ער טראַכט נישט אַרײַן, צי עס שטייט אים בײַ עפּעס אַ זכות, און די הצלחה, ווידער, טראַכט אויך נישט אַרײַן, צי ער האָט עפּעס אַ זכות בײַ איר. אַ פֿאַרנעפּלט געפֿיל האָט דוד־מאירן אונטערגעזאָגט, אַז ווער עס זיצט נאָר נישט מיט קיין פֿאַרלייגטע הענט, איז זײַן מי אָנגעלייגט. אַ שיקייִנגל איז ברוך־מאיר געווען, ווען ער איז אָנגעקומען אין געוועלב, און הײַנט איז ער אַ גרויסער קרעמער, און דאָס זעלבע געוועלב, וווּ ער איז פֿריִער געווען אַ משרת, איז הײַנט זײַנס און זײַן בעל־הביתס טאָכטער איז זײַן ווײַב.

אַז די הצלחה שפּילט צו ברוך־מאירן, דאָס דערקענט מען אויף זײַן פּנים, זי שײַנט אַראָפּ פֿון זײַן באָרד און זי קוקט אַרויס פֿון זײַנע אויגן, וואָס שמייכלען אַפֿילו ווען ער איז אַליין. זײַן לעבן גייט זיך גלײַך. אַפֿילו זײַן יצר־הרע און זײַן יצר־טובֿ האָבן שלום געמאַכט צווישן זיך: דער, ער זאָל אים נישט ברענגען צו קיין נסיון און דער, ער זאָל אים נישט דערקוטשען לאַחר המעשה. שבת און יום־טובֿ און אין די טעג וואָס מען זאָגט האַלב

הלל גייט ער אין שול אריין. וואלטסטו אים נאר געזאגט, אז פאר אזא שטייגער ייד ווי ער וואלט געפאסט, ער זאל יעדן טאג דאווענען מיט מנין, וואלט ער דיך געפאלגט. ברוך־מאיר געהערט צו די וואס הערן זיך צו, וואס אנדערע זאגן און ער שפארט זיך נישט איין צו טאן אלץ נאר ווי אים געפעלט. ברוך־מאיר ווארפט זיך נישט מיט קיין נדבות, אבער אז מען בעט ביי אים, גיט ער, א מאל ווייניקער און א מאל מערער. אפילו מיט די ארעמע־לייט, וואס גייען איבער די הייזער און וואס צירל שרייט אז אויף זיי, זיי זאלן זיך נעמען צו עפעס א מלאכה און זאלן לאזן לייטן צו רו, אויך מיט זיי באגייט ער זיך גוט. ברוך־מאיר זאגט: ס׳וועט דער וועלט גארנישט צוקומען, אויב עס וועט זיין מיט איין לידיק־גייער ווינציקער, און מיר וועט גארנישט אפקומען, אויב איך וועל אים געבן א גראשן. פונקט אזוי ווי ער לעבט בשלום מיט יעדן איינעם און ער האט נישט צו טאן מיט קיינעם, כדי ער זאל האבן א פרייען קאפ פאר זיינע געשעפטן, אזוי לעבט ער בשלום מיט זיינע משרתים און ווייזט זיי נישט ארויס זיין אייבערהערשאפט, אבער ער לערנט זיי, זיי זאלן נישט נאשן, ווייל אז א קונה וועט דאס זען, וועט אים פארמיאוסט ווערן די סחורה. גלייך פון ערשטן טאג, וואס ברוך־מאיר איז אנגעקומען אין שמעון־הערש קלינגערס געוועלב, איז ער געווארן צוגעבונדן צו זיין בעל־הבית. דער דאזיקער זקן, וואס פלעג זיך באדן אין טייך אויך ווינטערצייט, און האט אלץ געטאן לויט זיין אייגענעם פארשטאנד, איז ברוך־מאירן געפעלן געווארן פון ערשטן קוק. ברוך־מאיר האט נישט געוווסט, אויף וואס ער זאל זיך פריער וווּנדערן: צי אויף דעם, וואס די גאנצע וועלט האט נישט ביי דעם דאזיקן מענטשן די ווערט, ער זאל אויף איר קוקן, צי אויף דעם וואס ער ווייסט איטלעכע זאך, אפילו אומגעזען. אט קומט ער אריין אין געוועלב און ער הייבט נישט אויף די אויגן פון דער ערד, פון דעסט וועגן דערזעט ער גלייך וואס מען האט פארקויפט, אפילו פון אזא ארטיקל, וואס מען פארקויפט אויף דער וואג, א שטייגער ניס און ראזשינקעס און מאנדלען און נאך אזעלכע זאכן. לידיק־גייערס פלעגן זאגן: דער אלטער שפירט אוים זיין געוועלב ביי נאכט און ער וועגט איבער זיין סחורה און קאנטראלירט אלץ וואס געפינט זיך אין די קאסטנס און אויף די פאליצעס. ברוך־מאיר האט זיי נישט געגלייבט. און אזוי ווי ער האט נישט געגלייבט אין א זאך וואס דער שכל איז מחייב, האט ער געגלייבט אין א זאך וואס נעמט זיך פונעם דמיון, און אזוי ווי ער האט געגלייבט אין א זאך וואס נעמט זיך פונעם דמיון, איז עס ביי אים געווען א גרויס וווּנדער. שמעון־הערש פלעג נישט רעדן קיין סך. שמעון־הערש פלעג זאגן: א געוועלב איז נישט קיין בית־מדרש, וווּ מען רעדט דברים בטלים. זינט משרתים זענען ביי אים, האבן זיי קיין מאל פון אים נישט געהערט קיין גוט אדער שלעכט ווארט, אויסער א הם... איז עס א לאנגער הם..., איז א סימן, אז ער איז צופרידן פון דיר, איז עס א קורצער, איז א סימן, אז ער איז פון דיר

נישט צופרידן. פון דעסט וועגן האָבן זײַנע משרתים זיך געפּלײַסט צו טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. ווער ס'איז אַנגעקומען אין שמעון־הערשס געוועלב, האָט צוגעווײנט זײַנע אבֿרים, זיי זאָלן טאָן אַלץ, וואָס דער בעל־הבית הייסט.

זעקס און אַ האַלב יאָר האָט ברוך־מאיר געדינט בײַ זײַן בעל־הבית, און די אַלע יאָרן האָט זײַן בעל־הבית נישט גערעדט מיט אים מער ווי מיט די אַנדערע משרתים, אויסער איין מאָל, אונטער וועגנס, אין האָטעל. יענעם טאָג האָט זיך ברוך־מאיר צוריקגעקערט פון זײַן שטאָט און ער איז געווען אויפגעלייגט, ווײַל ער איז באַפרײַט געוואָרן פון מיליטער־דינסט און ווײַל ער האָט געהאַלטן בקרובֿ חתונה צו האָבן מיט זײַן שיינער קרובֿה. בײַ נאַכט אין האָטעל איז געווען איינער וואָס איז אַרומגעלאָפן איבערן צימער, מאַכנדיק אויפן קול פאַרשידענע חשבונות, און נישט געלאָזט קיינעם שלאָפן. יענער האָט דערזען, אַז ברוך־מאיר קוקט אים אָן, און ער האָט אים אַ פרעג געטאָן: איך שטער? האָט ברוך־מאיר געמיטלעך געענטפערט: חס ושלום! און דאָס זאָגנדיק איז ער אַרויף אויפן טיש און אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. אין דעם זעלבן צימער איז אויך אײַנגעשטאַנען שמעון־הערש קלינגער. האָט שמעון־הערש אַ קוק געטאָן אויף אים און צו אים געזאָגט: דו געפעלסט מיר, איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ לעמעשקע, און דו ביסט גאָר אַ גאַנצער מענטש. ער איז געווען צוגעלאָזט צו אים און האָט זיך פונאַנדערגערעדט מיט אים. ביז זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען האָט ער אים שוין געגעבן זײַן טאָכטער צירל פאַר אַ ווײַב.

אַז ברוך־מאיר האָט זוכה געווען אַרײַנצוקומען אין זײַן בעל־הביתם משפחה, האָט ער געהאַלטן אין איין איבערקלערן, טאָמער האָט ער נישט בײַ זײַן ווײַב קיין אַנדער זכות, אויסער דאָס וואָס זיי האָבן חתונה געהאַט, און ער האָט זי כּסדר אָגווירט, גלײַך ווי ער וואָלט נעכטן חתונה געהאַט מיט איר, ווי זי וואָלט נאָך פאַרמאָגט אין זיך עפּעס וואָס זי האָט נאָך נישט אַרויסגעבראַכט אין איר שליטה איבער אים. אָפט מאָל פלעג ער אַזוי זיצן מיט איר און חידושן זיך: וואָס אַזוינס פאַרמאָגט זי נאָך, וואָס איך האָב נאָך נישט קיין חלק אין דעם. זי אַנטפּלעקט דאָך פאַר מיר אַלץ, דאָס פאַרבאָרגענע ווי דאָס אָפענע בײַ איר, נאָר דאָס אָפענע איז אויך פאַרבאָרגן. יעדער ריר אירער, יעדעם נײַע קלייד, וואָס זי האָט אָנגעטאָן, האָבן זי געמאַכט פאַר אַ נײַער אין זײַנע אויגן. וואָס אַ טאָג מערער האָט ער זי אַלץ מער ליב באַקומען און נאָך מער ווי ער האָט זי ליב געהאַט, האָט ער זיך געחידושט. אויך זי האָט זיך געחידושט און געפרעגט בײַ זיך: וואָס אַזוינס נאָך פאַרלאַנגט ער פון מיר, וואָס ער האָט נישט בײַ מיר. ווי עס איז געבוירן געוואָרן דער זון, האָט ער באַשײַמפּערלעך געזען, אַז עס איז אים געגעבן געוואָרן אַלץ; וואָס ס'איז געווען באַהאַלטן אין די באַהעלטענישן פון איר האַרץ, האָט זי איבערגעגעבן אין זײַנע הענט. און אָט האַלט ער אים אויף זײַנע הענט און טוליעט אים צום

הארצן און שפּילט זיך מיט אים אַפילו ווען זײַן ווײַב איז נישטאַ דערבײַ. פֿון איצט אָן האָט ער טאָפּלט ליב באַקומען צירלען צוליב איר זון, און ליב געהאַט איר זון צוליב זײַן מאַמען. ברוך־מאיר האָט זיך קיין מאָל נים געפּוילט אין זײַנע געשעפֿטן. פֿון איצט אָן האָט ער אַלץ געטאָן מיט אַ טאָפּלטער בריהשאַפֿט. נישטאַ קיין טאָג, ער זאָל נישט האָבן צוגע־טראָכט עפּעס אַ נײַע זאַך. און נישטאַ קיין זאַך וואָס ער האָט נישט אַרײַנ־געבראַכט אין זײַן געוועלב. ער האָט געבראַכט פֿאַרשידענע זאַלצן פֿאַר אַ רפֿואה ווענגן און פֿאַר די גאַרבערס אויף אויסצואַרבעטן פֿעל און פֿאַרב אויף צו מאַליעווען מוסטערן און שילדן, ווײַל דאָס הײַנטיקע שיבוש שיבוש איז נישט שיבוש פֿון אַ מאָל. אַ מאָל, אַז אימעצער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך געלאָזט אָפּצאַפּן בלוט, הײַנט מאַכט ער זיך בעדער מיט פֿאַרשידענע זאַלצן; אַ מאָל האָט מען אויסגעווײַסט אַ שטוב מיט קאַלך, הײַנט מאַליע־וועט מען זי אויס מיט מוסטערן; אַ מאָל האָט מען אויפֿגעהאַנגען איבערן געוועלב אַ שילד אויפֿן גאַנצן לעבן, הײַנט מאַכט מען אויף אַ געוועלב און צו מאָרגנס זעצט מען אָן און מען דאַרף שוין האָבן אַ נײַע שילד, הײַנט אויפֿן נאָמען פֿון דער ערשטער ווײַב און מאָרגן אויפֿן נאָמען פֿון דער צווייטער ווײַב. און ווער עס וויל קויפֿן ביליק, קויפֿט בײַ ברוך־מאירן, ווײַל מען ווייסט, אַז ברוך־מאיר לייזט ביליקער. אַפילו קרעמער האָבן אָנגעהויבן קויפֿן בײַ ברוך־מאירן. ווײַל ברוך־מאיר באַציט זײַן סחורה פֿון דער ערשטער האַנט, קויפֿט ער ביליקער און פֿאַרקויפֿט ביליקער.

קאַפּיטל 3

זיבעצן יאָר איז הערשל אַלט געווען, ווען ער האָט אָנגעהויבן צוהעלפֿן אין געוועלב פֿון זײַנע טאַטע־מאַמע. הערשל איז נישט אַזוי פּיפּיק ווי זײַן מאַמע און נישט אַזוי געשיקט ווי זײַן טאַטע, אָבער אַן אַנדער מעלה האָט ער, ער פֿאָלגט אַלץ וואָס טאַטע־מאַמע זאָגן. כּל־זמן הערשל איז געזעסן אין בית־מדרש, האָבן זײַנע טאַטע־מאַמע געהאָפֿט, אַז ער וועט זײַן אַ רבֿ. איידער עס איז מקוים געוואָרן זייער האָפֿענונג, האָט הערשל פֿאַרלאָזט דאָס לערנען. אין יענער צײַט איז אַוועקגענומען געוואָרן דער כּבֿוד פֿון דער תּורה און בחורים האָבן אַוועקגעלייגט די גמרא און זענען אַוועק צו הײַנטוועלטישע זאַכן. בחורים מיט שׂכל לאָזן זיך אַוועק שטודירן און לערנען אַזעלכע זאַכן וואָס קאָנען געבן פּרנסה, די דורכשניטלעכע נעמען זיך צו מסחר. פֿאַראַן נאָך אַ סגאַל בחורים, וואָס זענען ווײַט פֿון תּורה און ווײַט פֿון הײַנטוועלטישקייטן, וואָס עסן פֿון טאַטע־מאַמעס טיש און פֿאַרטאַכלעווען זייערע טעג מיט לופֿטזאַכן, טייל מיט ציוניזם, טייל מיט סאָציאַליזם. מען האַלט נישט נישט פֿון די און נישט פֿון די. פֿון די ערשטע חוזקט מען אָפּ און פֿאַר די אַנדערע שרעקט מען זיך.

אמת, עס זענען פֿאַראַן אין שיבוש אַזעלכע וואָס זענען געניגט צום ציוניזם און קומען אויף יעדן ציוניסטישן אָוונט, און אַז עס קומט אַ רעדנער אין שטאָט, מאַכט מען פֿאַר אים אַ באַנקעט מיט קאַווע און קיכלעך און מען באַווײַזט אים די זעענסווירדיקייטן פֿון דער שטאָט, אַ שטיינער די שול, וואָס די זון און די לבֿנה און די צוועלף מזלות זענען אויסגעקריצט אויף איר סופֿיט, און דעם מעשענעם לאָמטערן, וואָס אויף זײַנע שײַבלעך איז אויסגעמאָלן דער סדר קידוש־לבֿנה, און אין אַלטן בית־מדרש דעם תּנ״ך מיט די אויסגעהוילטע אותיות, אַרומגעשריבן פֿון אַלע זײַטן מיט הגהות אויף לאַטײַן, וואָס עס האָט געמאַכט אַ קאַר־דינאַל, און דאָס ספֿר „מלאכת מחשבות" מיטן בילד פֿון מחבר אַן אַ באָרד און מיט לאַנגע האָר, וואָס דערגרייכן ביז צו זײַן נאַקן. אויך אַלע אַנדערע טעג זענען פֿאַראַן אַזעלכע וואָס קומען אין פֿאַראיינס־לאָקאַל, ווי למשל לייענען אַ צײַטונג, און אַז מען דאַרף, שטעלן זיי זיך אַוועק רעדן פֿאַרן ציוניזם, נאָר דאָס זענען מענטשן, וואָס דאַרפֿן שוין גאָרנישט טאָן און האָבן זיך זייער פּרנסה און דאַרפֿן זיך נישט מוטשען פֿאַר זייער שטיקל ברויט.

אַזאַ שטייגער בחור ווי הערשל וואָלט זיך געקאָנט לאָזן אויפֿן וועג פֿון די בחורים מיט שׂכל, גיין אין אַ גימנאַזיע און אין אוניווערסיטעט און ווערן אַ דאָקטער, אָבער די מאַמע זײַנע האָט מורא געהאַט פֿאַר די לימודים

און אים נישט דערלאָזט. אַ ברודער האָט צירל געהאַט, וואָס האָט געקאָנט זײַן אַ מענטש ווי אַלע מענטשן און ער איז אַראָפּ פֿון זינען. און פֿון וואָס איז דאָס געקומען ? פֿון די לערעס מיט וועלכע ער האָט זיך אָפּגעגעבן. וואָס זײַנע עלטערן האָבן אַלץ נישט פֿאַראַרבעט, ער זאָל צוריקבאַקומען דעם קלאָרן געדאַנק, האָט עס אַלץ נישט געהאָלפֿן. האָבן זיי צעריסן זײַנע ביכלעך, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַנדערע. האָבן זיי אים אַרויסגעטריבן פֿון שטוב, איז ער אַוועק אין וואַלד און דאָרט גענערט זיך מיט יאַגעדעס און גראָז ווי אַ בהמה, ביז ער איז אַוועק פֿון דער וועלט. און אַז צירל האָט געזען, אַז איר זון ציט שוין נישט מער צו דער גמרא, האָט זי זיך צוגעאײַלט און אים אַרײַנגענומען אין געוועלב אַרײַן, איידער ער וועט אַרײַנגעצויגן ווערן אין די וועלטלעכע לימודים. תּחילת האָט זי אים אַרײַנגענומען ווי אויף דערווײַל נאָר, און דערנאָך — אויף שטענדיק. צירל האָט געזאָגט: אַ גרויסע זאַך דאָס פֿאַרנעמען זיך מיט עפּעס אַ געשעפֿט, ווײַל דאָס פֿאַרהיט פֿון שלעכטס און גיט פּרנסה און אַ בכּבֿודיק לעבן. ווי אַלע אַנדערע ווײַבער, האָט זי אויך ערלעך געהאַלטן די תּורה און געשעצט די וואָס לערנען תּורה, נאָר ווי אַלע, אין וואָס זי האָט נישט געזען קיין תּכלית, איז בײַ איר זייער חשיבֿות נישט געווען קיין פּולס. אמת איז, אַז עס זענען פֿאַראַן רבנים, וואָס האָבן זיך גאַנץ שיין פּרנסה, אָבער וויפֿל זענען זיי, אַפֿילו קיין איינער נישט אין אַ שטאָט, אָבער עפּעס אַנדערש איז מיט סחורה, וואָס אַלע דאַרפֿן זי האָבן. אַצינד אַז הערשל האָט פֿאַרלאָזט דאָס לערנען תּורה, איז גלײַכער פֿאַר אים, ער זאָל אַרײַן אין געוועלב.

געווען אַ צײַט ווען זי האָט אויך געוואָלט, דער זון זאָל זײַן אַ רבֿ, נישט אַזוי מחמת ליבשאַפֿט צו דער תּורה, נאָר כּדי מכפּר צו זײַן אויף אַ זינד, וואָס עס איז באַגאַנגען איר עלטער־זיידע מיט זײַן טשעפּען זיך מיטן רבֿ פֿון שטאָט, אַז ער פּראַוועט צו פֿיל חסידות. מאַכט זיך אַ מעשׂה, אַז דער רבֿ האָט געטאָן עפּעס אַ זאַך וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שגגון. האָט דער אַלטער געזאָגט צו די שטאָטמענטשן: דאַכט זיך אַז דער רבֿ איז אַראָפּ פֿון זינען. האָט דער רבֿ צו זיי געזאָגט: ער און זײַנע בנים זענען אַראָפּ פֿון זינען. כאָטש די מחלוקה מיטן רבֿ איז געווען לשם שמים, איז אָבער מקוים געוואָרן דעם רבֿס קללה, ווײַל ס'איז נישט פֿאַראַן קיין מחלוקת לשם שמים, וואָס זאָל נישט האָבן אין זיך עפּעס אויף צו להכעיס. פֿון דעמאָלט אָן איז נישט געווען קיין דור אין דער משפּחה, אַז איינער זאָל נישט זײַן אַ משוגענער. אַז הערשל איז געבוירן געוואָרן, האָבן זײַנע טאַטע־מאַמע געוואָלט אָפּגעבן אים פֿאַר דער תּורה, אפֿשר וועט דורך אים פֿאַרגעבן ווערן יענע זינד. אָבער נישט אַלץ וואָס אַ מענטש אויף דער ערד וויל טאָן, באַשטייט מען דערויף אין הימל, בפֿרט, ווען די כּוונה זײַנע איז נישט קיין שלימותדיקע. און אַזוי ווי מ'האָט זי נישט געלאָזט טאָן, ווי זי האָט געוואָלט, האָט זי געטאָן דאָס וואָס האָט זיך געלאָזט טאָן.

און אַזוי האָט הערשל געמאַכט די התחלה אין געוועלב: ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז זײַן טאַטע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין קאַרלסבאַד אויף קוראַציע און די מאַמע איז געבליבן מיט אירע צוויי משרתים אין געוועלב. האָט זי געזאָגט צו הערשלען: זײַ מיט אונדז אין געוועלב, ביז דער טאַטע וועט צוריקקומען. האָט הערשל פֿאַרקנייטשט אַ בלאַט אין דער גמרא, ווי איינער וואָס האָט נאָך בדעה אומצוקערן זיך אַהער און ער איז אַרײַן אין געוועלב. הערשלען איז אויפֿן געדאַנק נישט געקומען, אַז ער וועט פֿון דאָרט נישט אַרויס אַזוי גיך, נאָר דער ריח פֿון אינגבער און צימערינג און ראָזשינקעס און ווײַן און קאָניאַק און די אַלע אַנדערע ריחות פֿונעם געוועלב האָבן אים בעסער געשמעקט ווי דער ריח פֿון דער גמרא. דאָס זעלבע איז מיט די קונים, וואָס זענען אים געווען מערער צום האַרצן, ווי די באַנקקוועטשערס אין בית־מדרש. ווער זענען געווען די בית־מדרש־זיצערס אין יענעם דור — בחורים, וואָס האָבן געלערנט תורה פֿון נישט האָבן וואָס צו טאָן. אַנדערש איז מיט די סוחרים און קונים, וואָס די מערסטע פֿון זיי זענען בעלי־שׂכל און פּראַקטישע מענטשן. ביז ברוך־מאיר איז צוריקגעקומען פֿון קאַרלסבאַד, איז שוין הערשל געווען אַ סוחר. דער משׂא־ומתּן פֿון תורה האָט אָפּגע־טרעטן פֿאַרן משׂא־ומתּן מיט סחורה און ער האָט אויסגעביטן דעם בית־מדרש אויף אַ געוועלב. דער סוף איז געווען, אַז די בית־מדרש־ווענט האָבן אים שוין מער נישט געזען, אויסער שבת און יום־טובֿ און אין די טעג וואָס מען זאָגט האַלב הלל.

ווי אַלע אַנדערע בעל־הבתּישע בחורים, וואָס האָבן געלערנט און זענען אַוועק פֿון לערנען, איז ער אויך אַרײַנגעטרעטן אין ציון־פֿאַראיין. דער ציון־פֿאַראיין איז אין אַ גרויסן לאָקאַל. און צײַטונגען זענען דאָרט געווען און אַ שאַכברעט איז געלעגן אין אַ ווינקל פֿון אַ טיש. און בחורים זיצן דאָרט, טייל שפּילן שאַך און טייל לייענען צײַטונגען. נישט אַלע צײַטונגען פֿאַרנעמען זיך מיט ציוניזם, און נישט אַלע וואָס לייענען זיי זענען ציוניסטן. פֿאַראַן אַזעלכע וואָס קומען לייענען און פֿאַראַן אַזעלכע וואָס קומען צוליב געזעלשאַפֿט, אַזוי צי אַזוי, די וועלט פּוסטעוועט נישט דאָרט. אין די ווינ־טערטעג, פֿאַר נאַכט צו, ווען די וועלט פֿאַרטונקלט זיך פֿאַר די מענטשן און פֿאַרהוילענע באַגערן פֿילן אַז דאָס האַרץ, מאַכט זיך אַז ווער פֿון דער חבֿרה נעמט זינגען אַ ליד פֿון די ציון־לידער, יענע טרויעריקע לידער, וואָס די נשמה ווערט נתפּעל פֿון זיי, און אַלע וואָס הערן זיך צו ווערן מיטגעריסן. אין דער צײַט איז אויף די יידישע בחורים געלעגן אויסגעגאָסן אַ באַזונדערער חן, ווי אין דער צײַט ווען זיי זענען אַ מאָל געזעסן אין די געצעלטן פֿון תורה.

צווישן די וואָס זענען געקומען אין לאָקאַל אַרײַן נישט מחמת ציוניזם, דאַרף מען אַרײַנרעכענען הערשלען. שווער צו וויסן, פֿאַר וואָס הערשל איז נישט געוואָרן קיין ציוניסט, אין דער צײַט ווען ס׳איז געווען אָנגענומען דאָך בײַ בעל־הבתּישע קינדער צו זײַן ציוניסטן. צי האָט ער געפֿונען

עפּעס אַ פּסול אין ציוניזם, אָדער אין די ציוניסטישע טוער, אָדער ער האָט זיך נישט פֿאַרטראַכט איבער דער צרה פֿון פֿאָלק, אָדער ער האָט זיך יאָ פֿאַרטראַכט און געזאָגט: נישט דאָס איז דער וועג.

הערשלס טאַטע־מאַמע האָבן גאָרנישט געהאַט צו זייער זון, וואָס ער האָט זיך אײַנגעשריבן אין פֿאַראיין. כּל־זמן ער פֿאַרנאַכלעסיקט נישט די געשעפֿטזאַכן און זיצט אַ גאַנצן טאָג אין געוועלב און גיט זיך אָפּ מיט דער סחורה, וואָס שאַט עס, אויב ער גייט אין אָוונט אַרײַן אין פֿאַראיינס־לאָקאַל און לייענט אַ צײַטונג. זאָל ער לייענען, וועט ער וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. צו קיין שידוך וועט עס נישט שאַטן. וואָס וואָלטן זיי געטאָן, ווען ער וואָלט חס וחלילה צוגעשטאַנען צו די סאָציאַליסטן. אין אַ דור, וואָס מען האָט נישט קיין שליטה אויף די אייגענע קינדער, איז גלײַכער, מען זאָל פֿאַרבײַסן די ליפּן און מען זאָל די מוסר־רייד נישט ברענגען פֿאַרן מויל. קינדער פֿון שיינע און גוטע שטובן ווערן מיטגעריסן מיט די כּלערליי פֿאַרדאַרבערס פֿון דער וועלט און מען קאָן זיי נישט צוימען, נאָר בלויז לאָזן אַ זיפֿץ אויף זיי און שרײַען אוי.

איין מאָל, צוויי מאָל אַ וואָך איז הערשל געגאַנגען אין לאָקאַל אַרײַן און געלייענט די נײַעס פֿון טאָג און פּאָליטיק און ידיעות וועגן ליטעראַטור און קונסט, און צווישן איינס און אַנדערן פֿאַררייכערט ער אַ סיגאַרעט און כאַפּט אַ שמועס מיט זײַנע חבֿרים. דאָנערשטיק בײַ נאַכט ווען די ביבליאָטעק איז אָפֿן און דער ביבליאָטעקאַר בײַט ביכער, נעמט הערשל דרײַ ביכלעד, איינס אַן ערנצט ביכל און צוויי אויף צעשטרײַען זיך. און אין די ווינטערדיקע פֿרײַטיק־צו־נאַכטסן, נאָכן עסן, ווען טאַטע־מאַמע שלאָפֿן, און אויפֿן טיש ברענען דרײַ גרויסע ליכט, איינס פֿאַר ברוך־מאירן און איינס פֿאַר צירלען און איינס פֿאַר הערשלען, זיצט הערשל און לייענט, ביז עס באַפֿאַלט אים דער שלאָף. אויך אין בלימעס צימער ברענט אַ ליכט, און זי זיצט אויך און לייענט אַ ביכל פֿון די ביכלעד, וואָס הערשל ברענגט אַהיים. בלימע האָט ליב די ביכלעד, וואָס עפֿענען אויף פֿאַר איר נײַע וועלטן און דערמאַנען זי אָמאָליקע טעג, ווען זי פֿלעג זיצן מיט איר טאַטן עליו השלום און לייענען פֿאַר אים.

חיים נאַכט, בלימעס פֿאָטער, האָט חתונה געהאַט מיט מירלען, וואָס האָט געזאָלט חתונה האָבן מיט איר קרובֿ ברוך־מאירן. ס׳גאָלד און זילבער, וואָס צירל האָט פֿאַרמאָגט, האָבן פֿאַרבלענדט ברוך־מאירס אויגן און ער האָט אָוועקגעשטעלט זײַן קרובֿה און גענומען צירלען. שמעון־הערש קלינגער, צירלס פֿאָטער, איז געווען אַ רײַכער קרעמער און ברוך־מאיר האָט געדינט בײַ אים אין געוועלב. נאָך דעם ווי דער זון איז אָוועקגעשטאָרבן אין זײַן משוגעת, איז שווער געוואָרן צו טאָן אַ שידוך מיט צירלען, כאָטש זי איז געווען אַ בת־יחידה און אַ רײַכע. אַ גרויסער פּסול אין דער

משפּחה קלינגער — אַ זון וואָס איז אַראָפּ פון זינען און געשטאָרבן אין משוגעת. אַלע צרות פאַרשווארצן דאָס פּנים די וואָס זענען מיט זיי געשטראָפט געוואָרן, אויסער דער צרה פון משוגעת, וואָס דער וואָס האָט זי פילט זי נישט, אָבער זיינע קרובים און קרובֿימס קרובֿים פילן זי שוין גאָר שטאַרק. אַלע צרות, אַז זיי גייען פאַרביי, ווערן זיי פאַרגעסן, אויסער דער צרה פון משוגעת, וואָס בלייבט אַ קלאָג אויף דורות. מען פאַרזאָרגט די פּוילישעקעס און מען מאַכט אַנשטאַלטן פאַר קאַליקעס. גאַנץ אַנדערש איז מיט אַ משוגענעם, וואָס פאַר אים אַנטלויפט מען וואָס ווייטער און מען שרעקט מיט אים קינדער און די קינדער זענען אַכזריותדיק צו אים און פאַרביטערן אים דאָס לעבן. צירלס פאָטער האָט געזען, אַז צירל ווערט עלטער און שדכנים קומען נישט צו אים, האָט ער זיך מישבֿ געווען און ער האָט זי חתונה געמאַכט מיט ברוך־מאירן. ברוך־מאיר קען זיך אויס אין סחורה און ער איז אַ געלאַסענער מענטש און טויג זיך אין האַנדל, און זינט ער דינט ביי אים, האָט מען אויף אים נישט געפונען דעם מינדסטן פּגם. אויך דער נאָמען פון דער משפּחה איז אַ שיינער און געשעצט ביי לייטן. וואָס אַז אמת, איז ברוך־מאיר האָרוויץ נישט פון דער משפּחה האָרוויץ הלוי, וואָס ציט איר יחוס פון של״ה הקדוש, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז שוין גענוג דער נאָמען האָרוויץ, כּדי דער וואָס הייסט אַזוי זאָל זיין געשעצט ביי לייטן.

נאָך דעם ווי ברוך־מאיר האָט חתונה געהאַט מיט צירלען, האָבן זיך מירלס עלטערן נישט דערווייטערט פון אים. און נישט נאָר דאָס, נאָר עס איז זיי ליב געווען, וואָס ער איז אַזוי אַרויף און גענומען אַ רייכע טאָכטער. ער האָט זיך אויך נישט דערווייטערט פון זיי און יאָר־יערלעך, אויף ראָש־השנה, האָט ער זיי געשיקט אַ ווונטשקאַרטל. און אַז מירל האָט חתונה געהאַט מיט חיים נאַכטן, האָט ער געשיקט איר און אויך איר מאַן. ווי ער האָט זיך נוהג געווען אַלע יאָרן מיט אירע עלטערן, אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען מיט איר און מיט איר מאַן.

חיים נאַכט איז נישט געבענטשט געוואָרן מיט קיין עשירות ווי ברוך־מאיר האָרוויץ און נישט געווען אַזוי אָנגעזען ביי לייטן. דערפאַר אָבער איז ער געווען אַ משׂכּיל און אַ קענער. ווי אַלע פון דער משפּחה נאַכט, האָט ער געהאַט מער דעת ווי מזל. כאָטש מירל האָט חתונה געהאַט מיטן פאָטערס הסכּמה, האָט ער פון דעסט וועגן נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט, ער זאָל זי נישט אַ טשעפּע טאָן, ווייל דער אַלטער האָט איר נישט געקאָנט שענקען, וואָס זי האָט נישט געוואָלט דאָס האַרץ פון אַ מוצלח, נאָר פון אַן אויסברענגער, וואָס האָט צעטרענצלט אַ נדן, נאָך איידער ער האָט פאַרדינט אַ פּרוטה.

אָבער מירל האָט נישט געזען קיין שום פּגם אין איר מאַן. אַפילו אַז ער האָט געהאַט אַ דורכפאַל אין געשעפטן, איז ער נישט געוואָרן געפאַלן ביי איר אין די אויגן. מירל איז געווען דאַנקבאַר חיימען, וואָס ער האָט

זי אַרויסגענומען פֿונעם רשות פֿון איר שטרענגן טאַטן און געגעבן איר אַ היים. און אַז דאָס מזל האָט זיי נישט צוגעדינט און זיי האָבן פֿאַרלוירן זייער געלט, האָט ער נישט אָנגעוווירן איר ליבשאַפֿט צו אים. מירל פֿלעג זאָגן: אויב ער איז נישט מצליח אין דרויסן, זאָל איך אים פֿאַרביטערן דאָס לעבן אין שטוב? מחמת רחמנות, וואָס זי האָט געהאַט אויף אים, האָט זי אים אַרויסגעוויזן נאָך מער ליבשאַפֿט, יענע ליבשאַפֿט וואָס זוכט נישט איר באַפֿרידיקונג אין קיין מאַיאָנטעקס. וואָס ער זאָל נישט טאָן, איז אין אירע אויגן געווען שיין און גוט. ווען אַלע מענטשן וואָלטן געווען אַזוי אָרנטלעך ווי חיים, וואָלט חיימען גאָרנישט געפֿעלט אויף דער וועלט, אָבער די וועלט איז געטיילט אויף מענטשן, וואָס האָבן הצלחה און אויף אָרנטלעכע מענטשן. די וואָס האָבן הצלחה נעמען צו דאָס פֿאַרמעגן פֿון די אָרנטלעכע און די אָרנטלעכע גלייבן זיי און גייען אונטער דורך זיי. איז ער דען שולדיק, אַז ער האָט געגלייבט אין מענטשן, וואָס האָבן אים צוגענומען ס'געלט און געלאָזט אים מיט ליידיקע הענט און אַצינד האָט ער נישט מיט וואָס צו האַנדלען. און אַזוי ווי עס איז געוואָרן אוים מיט זײַן ממון, איז געוואָרן אוים מיט זײַן נאָמען. און אַזוי ווי עס איז געוואָרן אוים נאָמען, איז געוואָרן אוים מיט געשעפֿטן. האָט ער פֿריִער געהאַט אַ גרויס געוועלב, איז ער איצט אַריבער אין אַ קליין געוועלבל, האָט ער פֿריִער געוווינט אין אַ גרוימער דירה מיט פֿענצטער, וואָס גייען אַרויס צום גרויסן מאַרק, האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין אַן ענגער דירה, וואָס זעט נישט אָן די ליכטיקע שײַן. און ער האָט נאָך אַלץ גענומען זיך צו קליינע געשעפֿטן און געהאַפֿט, אַז דאָס מזל וועט אים צודינען און ער וועט זיך ווידער שטעלן אויף די פֿיס. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך אײַנגעבראָכן און האָט זיך שוין מער נישט אויפֿגעשטעלט. ווי ער האָט געזען, אַז עס גייט אים נישט מיט זײַנע געשעפֿטן אין דרויסן, האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן בײַ זיך אין שטוב און גענומען עוסק זײַן אין לערע און בילדונג און געוואָלט ווערן אַ רעליגיע־לערער אין אַ שול. און אין דעם האָט ער יאָ מצליח געווען און נישט מצליח געווען. אַ צײַגעניש האָט ער באַקומען, פֿאַר קיין לערער איז ער נישט אָנגענומען געוואָרן. אין יעדער שול, ווו עס איז פֿרײַ געוואָרן אַ פּלאַץ, איז ער פֿרײַ געוואָרן נאָר פֿאַר עמי־הארצים, וואָס האָבן מיט געלט איבערגעקויפֿט די אינספּעקטאָרן און פֿאַרנומען דעם פּלאַץ. חיים נאָכט האָט נישט איבערגעקויפֿט נישט מיט קיין געלט און נישט מיט קיין רייד און אַ תּל געמאַכט פֿון זיך און פֿון זײַן הויזגעזינד.

ווי ער האָט געזען, אַז ס'איז נישטאָ פֿאַר אים קיין פּלאַץ אין די שולן, האָט ער גענומען און געמאַכט אַ שול פֿאַר זיך. ער האָט צונויפֿגענומען יִינגלעך בײַ זיך אין שטוב און געלערנט מיט זיי פֿאַר געצאָלטס. עס האָט לאַנג נישט גענומען און די תּלמידים האָבן אים פֿאַרלאָזן, ווײַל ס'האָבן זיך שוין געביטן די צײַטן און הײַנטיקע ייִדן זענען נישט דאָס וואָס אַ מאָל

און יעדער פֿאָטער זוכט אַ תּכלית פֿאַר זײַן קינד, און אויב שוין יאָ לערנען, איז כּדאַי צו לערנען בוכהאַלטעריע און ענלעכע זאַכן. ער, ווידער, האָט זיי אַ סך געלערנט געדיכטן און משלים, און פֿילאָסאָפֿיעס און אַנדערע זאַכן וואָס די וועלט דאַרף זיי נישט האָבן. אמת, ס'איז נישטאָ קיין לערער אין שטאָט, וואָס זאָל קאָנען אָנשרײַבן אַזאַ שיינעם בריוו ווי חיים נאַכט שרײַבט אָן, נאָר וואָס קומט מיר אַרויס דערפֿון, אַז איך פֿאַרשטיי נישט זײַנע מליצות.

צו יענער צײַט איז שוין רײַף געוואָרן בלימעס שׂכל און ס'האָבן זיך געעפֿנט אירע אויגן צו זען וואָס עס טוט זיך אַרום איר. האָט זי געזען, ווי איר מאַמע ליגט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, צו פֿאַרדעקן איר אָרעמשאַפֿט. אין דער זעלבער צײַט זיצט איר טאַטע בײַם פֿענצטער און זײַנע בלויע אויגן זענען פֿאַרגאָסן מיט טרערן, און זײַן בלאָנדע באָרד, וואָס איז ווייך ווי זײַד, האַלט ער צווישן די ציין, ער זיצט אַריבערגעבויגן איבער אַ בוך, אָבער לייענען לייענט ער נישט. טייל מאָל פֿלעג ער אָננעמען בלימעס האַנט און זאָגן צו איר: איך ווייס, מײַן טאָכטער, אַז איך בין ווערט, מען זאָל מיך פֿאַרשיקן אויף קאַטאָרגע, איך האָב אַ ווײַב און כ'בין אַ טאַטע פֿון אַ קינד, און איך גיב זיי נישט צו עסן. וויפֿל מאָל פֿלעג ער זיך פֿונאַנדערוויינען פֿאַר איר, ווען ער פֿלעג דערציילן די מעשׂה מיטן קאַליף, וואָס מען האָט געבראַכט פֿאַר אים אַ גנבֿ, האָט דער קאַליף געפֿרעגט דעם גנבֿ: פֿאַר וואָס האָסטו געגנבֿעט? האָט דער גנבֿ געזאָגט: איך האָב אַ ווײַב מיט קינדער. האָט דער קאַליף געזאָגט: לאָזט אים אָפּ, באַשטראָפֿט אים נישט פֿאַרן גנבֿענען, נאָר הענגט אים אויף, ווײַל ער האָט אַ ווײַב מיט קינדער און ער גיט זיי נישט צו עסן.

אַז ס'איז געקומען די צײַט, בלימע זאָל אָנהייבן עפּעס צו לערנען, פֿלעג דער פֿאָטער זי אַוועקזעצן לעבן זיך און לייענען מיט איר אין די ביכלעך. ער פֿלעג זאָגן, חיים נאַכט: איך ווייס, קינד מײַנס, אַז איך לאָז דיר נישט איבער קיין רײַכטום און קיין גיטער, אָבער איך לערן דיך לייענען אַ בוך, אַז עס גייט אַ מענטש אונטער זײַן וועלט, עפֿנט ער אַ בוך און ס'עפֿנט זיך פֿאַר אים אַן אַנדערע וועלט.

בלימען איז געווען לײַכט אין לערנען. זי האָט נאָך נישט געקענט דעם אַלף־בית ווי עס באַדאַרף צו זײַן און זי האָט שוין געקענט לייענען מעשׂהלעך, דערציילונגען און טעאַטער־שטיק. דעם פֿאָטער אירן, וואָס פֿלעג דורכקוויקן די בלעטער מיט זײַנע טרערן, איז געווען אַ גרויס וווּנדער אויף זײַן טאָכטער, וואָס זי לייענט און ווערט נישט נתפּעל. דאָ דאַרף מען וויינען, דאָ דאַרף מען קלאָגן, און זי — די צרות און יסורים רירן נישט איר האַרץ. וויפֿל האָט ער זיך אָנגעוויינט אויפֿן צער פֿון איינעם וואָס מען דערציילט וועגן אים אין די ביכלעך, און זי האָט אַפֿילו קיין איין טרער נישט געלאָזט. וואָס פֿלעג בלימע ענטפֿערן איר פֿאָטער, ווען ער פֿלעג איר שילדערן דעמס צרות? זי פֿלעג אים זאָגן: טאַטע, פֿאַר

וואָס האָט ער אַזוי געטאָן? ווען ער וואָלט אַנדערש געטאָן, וואָלט ער געוועזן אויסגעמיטן זײַן צרה. אויף אַזעלכע שטייגער ווערטער פֿלעג איר חיים זאָגן: טאָכטער מײַנע, טאָכטער מײַנע, צי ביסטו מײַן טאָכטער, אַז דו רעדסט אַזוי? ס'איז דאָך אַ גזירה פֿונעם גורל, אַז מען באַפֿעלט איבער דעם מענטשנס מעשׂים, און וואָס קאָנען מיר טאָן, אויב נישט דאָס וואָס איז אויף אונדז נגזר געוואָרן, גלײַך ווען מיר זענען באַשאַפֿן געוואָרן? בלימע שלאָגט אים איבער די רייד און זאָגט: איצט וועל איך גיין העלפֿן דער מאַמען, און ער ענטפֿערט איר און זאָגט: גיי, מײַן טאָכטער, און זײַ מיט איר, איך זע, אַז דײַן האַרץ לערנט דיך וואָס צו טאָן, העלף איר, דער מאַמען דײַנער, און איך וועל זיצן און איך וועל פֿאַרשטעלן דאָס פּנים פֿון בושה, וואָס איר האָרעוועט און איך העלף אײַך נישט צו. ווי איז מיר פֿאַרן יום־הדין, ווי איז מיר פֿאַרן טאָג פֿון באַצאָלונג! וואָס וועל איך ענטפֿערן, אַז מען וועט מיך ברענגען פֿאַרן משפּט. ווי איינער וואָס ווייסט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ משפּט אויף דער וועלט, פֿלעג ער אַוועקפֿאַלן אויף זײַן שטול און אײַנגראָבן זײַן פּנים אין זײַנע הענט און וויינען. איין מאָל איז ער אַזוי אַוועקגעפֿאַלן אויף זײַן שטול און ער איז שוין מער נישט אויפֿגעשטאַנען.

פֿון שאַנד און צער איז ער געשטאָרבן מיט אַ פּלוצעמדיקן טויט און איבער־געלאָזט זײַן ווײַב און זײַן טאָכטער מיט גאָרנישט.

איז בלימע געבליבן מיט איר מאַמען. ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז האָבן זיי אויס־פֿאַרקויפֿט דעם טאַטנס ספֿרים. דערנאָך זײַנע מלבושים און זײַן טיש און זײַן בעט. צום סוף זענען זיי אַרויס פֿון זייער קליינער דירה אין אַ נאָך קלענערער דירה. מירלס פֿאָטער איז נאָך פֿריִער געהאַט געשטאָרבן, און פֿון דער ירושה וואָס איז געבליבן נאָך אים, האָבן זיי קוים געהאַט אויף צו לעבן. פֿון טרויער, פֿון אַ לעבן אין צער, פֿון דער נאַסער דירה, פֿון דעם אַלעמען אין איינעם, איז מירל קראַנק געוואָרן. אַ צײַט לאַנג איז מירל געלעגן אַ קראַנקע אויף איר בעט. דאָקטוירים און רפֿואות האָבן אויפֿ־געגעסן זייער לעצט ביסל געלט און דעם חולה האָבן זיי נישט אויסגעהיילט. גאָט אין הימל האָט צוגעזען איר צער און האָט זי צוגענומען פֿון דער וועלט.

נאָך דעם ווי בלימע איז געוואָרן אַ יתומה נאָך דער מאַמען אויך, האָבן זי די שכנות אירע אַוועקגעשיקט צו אירע קרובֿים קיין שיבוש. בײַ אירע קרובֿים אין שטוב האָט בלימע געקריגן אַ געלעגער און עסן. האַלב ווי אַ דינסט און האַלב ווי אַ קרובֿה. ווען נישט דעם מענטשנס נאַטור צו באַקלאָגן זיך, וואָלט בלימע נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. גאָט אין הימל האָט איר געגעבן כּוח און חן און שׂכל, — זאַכן וואָס קאָנען טרייסטן אַ מענטש אין זײַן טרויער.

קאַפּיטל 4

האָט בלימע געלעבט אין הויז פֿון אירע קרובֿים. אַ ליכט ברענט אויפֿן טיש און אַ ווײַס טישטעך איז אויסגעשפּרייט איבערן טיש. די קליינע בלימע זיצט איינע אַליין אין איר צימער און לייענט אַ ביכל. דרײַ ביכלעך האָט הערשל געבראַכט אַ טאָג פֿריִער, צוויי האָט ער גענומען אַליין צו לייענען און איינס האָט ער אַנטליִען בלימען. גאָט אין הימל האָט איר אַרײַנגעגעבן פֿאַרשטאַנד צו זיצן אין שטוב. מנוחה פֿון גוף איז גוט פֿאַר דער מנוחה פֿון דער נשמה. אירע טאַטע־מאַמע זענען געשטאָרבן צוריק מיט יאָרן. נישט פּלוצלינג זענען זיי געשטאָרבן. ביסלעכווײַז, ביס־לעכווײַז זענען זיי געשטאָרבן. ס'גאַנצע לעבן זייערס האָבן זיי אויסגעקוקט אויפֿן טויט. די טײַערסטע טרערן אירע האָט זי שוין פֿאַרגאָסן בײַ זייער לעבן, איצט בלויז אַ זכר פֿון צער לאָזט זיך מערקן פֿון צווישן אירע אויגן־ווייִעס.

זיצט זיך אַזוי בלימע צווישן די פֿיר ווענט פֿון איר קליינעם צימער און דאָס בוך עפֿנט פֿאַר איר טירן פֿון דער גרויסער וועלט. בלימע איז געוווינט געווען צו זיצן מיט איר קראַנקער מאַמען אין שטוב, דעריבער איז פֿאַר איר נישט שווער דאָס זיצן אין שטוב. בלימע איז פֿון איר פֿריִער יוגנט אײַנגעוווינט צו לייענען ביכער, דעריבער זענען ביכער אַ טייל פֿון איר יוגנט. אַ גרויסע נבֿואה איז אַרויס פֿון חיים נאַכטס מויל, בעת ער האָט געזאָגט צו בלימען: קינד מײַנס, איך לערן דיך לייענען אַ בוך; אַז אַ מענטשן גייט אונטער זײַן וועלט, עפֿנט ער אַ בוך און עס עפֿנט זיך פֿאַר אים אַן אַנדערע וועלט. קיין רײַכטום און גיטער פֿאַרמאָגט נישט בלימע. די גאַנצע בלימע, דאָס זענען אירע הענט, וואָס זי האָט פֿאַר־דונגען צו אַנדערע, אָבער איר נשמה איז פֿרײַ, טראָגט זיך די נשמה אַרום אַ פֿרײַע אין די עולמות. ווי שיין איז אַ שבת־ליכט אין צימער פֿון אַ ציכטיק מיידל, בעת זי רוט זיך אָפּ פֿון איר האָרעוואַניע און לייענט אַ ביכל. גלייבט מיר, אַז בלימע נאַכט האָט נישט וואָס צו באַ־קלאָגן זיך אויף איר מזל. גאָט אין הימל האָט זי באַשאָנקען מיט אַ סך חן און לײַט גרייגשעצן זי נישט. זינט זי לעבט, האָט זי נאָך נישט געהערט קיין הויך וואָרט. ברוך־מאיר איז אַ גוטע נאַטור, אַז ער זעט בלימען בײַ דער אַרבעט, שפּראָצן אַרויס פֿונקען פֿון ליבשאַפֿט פֿון ברוך־מאירס אויגן צו בלימען אין די אויגן אַרײַן. ברוך־מאיר לעבט מיט יעדן איינעם בשלום, אַוודאי און אַוודאי מיט די וואָס זענען באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַר זײַן טובֿה וועגן. נישט איין מאָל פֿלעג ער בײַ זיך טראַכטן, אַז מירלס טאָכטער האָט זיך פֿאַרדינט אַ בעסער לעבן, אָבער אַזוי ווי ס'איז איר

באַשערט געוואָרן צו באַדינען אַנדערע, האָט דער אייבערשטער געטאָן מיט איר אַ חסד, וואָס ער האָט איר צוגעשיקט אַזאַ בעל־הבית ווי ער, און אַזוי ווי ער איז איר בעל־הבית, ווײַזט ער נישט אַרויס זײַן אייבערהער־שאַפֿט איבער איר, כּדי זי זאָל נישט זײַן געפֿאַלן בײַ זיך.

אויך צירל איז צופֿרידן פֿון בלומען. מיט דינסטן איז נישט לײַכט געווען דער ענין בײַ צירלען אין הויז. ווען מען האָט זי חתונה געמאַכט, האָט איר די מאַמע מיטגעגעבן איר דינסט, וואָס האָט אַלץ געטאָן אַליין און לויט איר אייגענעם פֿאַרשטאַנד און באַפֿרײַט צירלען פֿון דער שטוב־בעל־בתּישקייט. זי וואָלט געקאָנט, די דאָזיקע אַלטיטשקע, אויסלעבן אירע יאָר בײַ צירלען אין הויז, נאָר אַ בריוו פֿון אַ ווײַטער מדינה האָט זי אַוועקגענומען פֿונעם הויז. נאָך פֿערציק יאָר זײַן אַן עגונה, האָט זי דער מאַן געלאָזט וויסן, אַז ער האַלט בײַם שטאַרבן און ער וויל זי זען פֿאַרן טויט. האָט די עגונה צונויפֿגענומען אירע תּכריכים און איר גאַנץ פֿאַרמעג, וואָס זי האָט אָנגעקליבן פֿון איר אַרבעט דורך די אַלע יאָרן, און זי איז געפֿאָרן צו איר מאַן. מ'ווייסט נישט, צי זי האָט אים נאָך דערווישט אַ לעבעדיקן און צי זי אַליין לעבט נאָך. צירלס דינסט איז נישט געווינט געווען צו שרײַבן בריוו, און אַז ברוך־מאיר האָט געשריבן אַ בריוו צום רבֿ אין יענער שטאָט, וועגן די עגונה איז געפֿאָרן, און געבעטן, ער זאָל אים צו וויסן טאָן, וואָס מיט איר איז געוואָרן, האָט אים דער רבֿ געענטפֿערט: מיר האָבן נישט געהערט, אַז אַזאַ איינע געפֿינט זיך בײַ אונדז אין שטאָט. אַזוי אַרום איז אַוועק פֿון צירלען די גאַנצע רו אירע. קיין שום דינסט האָט שוין מער נישט געטויגט פֿאַר צירלען. די איז אַן אויסברענגערין און די רעדט אַנטקעגן, סײַ די און סײַ די קאָנען נישט קאָכן. און אַזוי ווי צירל אַליין איז נישט געווען באַהאַוונט אין שטוב־ווירטשאַפֿט, איז אומעטום, וווּ זי האָט זיך נאָר צוגערירט עפּעס גוט צו מאַכן, האָט זי נאָך קאַליע געמאַכט. האָט די דינסט דאָס באַמערקט און געטאָן ווי זי האָט געוואָלט. האָט צירל געהאַט צו איר אַ פּרעטענזיע. האָט די דינסט איר אָפּגעענטפֿערט און געזאָגט: אויב עס געפֿעלט איר נישט ווי איך טו, ווער לאָזט זי נישט אַליין טאָן? און נאָך אַ זאַך איז שלעכט מיט די דינסטן, וואָס בײַ נאַכט גייען זיי אַוועק צו זייערע אייגענע געשעפֿטן. שוין אַוועק אַ שפּאַר ביסל יאָרן, ווי ס'זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן די גוטע דינסטן, וואָס האָבן ס'גאַנצע לעבן זייערס אַוועקגעגעבן פֿאַר זייערע בעלי־בתּים, און פֿלעגן אַרבעטן טאָג און נאַכט, מען זאָל זײַן פֿון זיי צופֿרידן. אַ נײַע אומה פֿון דינסטן איז פּלוצלינג אויפֿגעשטאַנען אין שיבוש, וואָס די בעלי־בתּים זייערע גייען זיי נישט אָן. די לידער און געזאַנגען, וואָס פֿלעגן זיך הערן פֿון יעדער שטוב בעת דער אַרבעט זייערער, זענען פֿאַרשטומט געוואָרן, און עס האָט אָנגעהויבן הערשן אַ האָס, ווי עס וואָלט אַהין אַרײַן אַן אַרמיי שׂונאים.

ווער האָט דערצו געבראַכט? ס'איז פֿאַראַן איינער אין שיבוש, אַ דאָקטער,

קנאַבנהוט הייסט ער, וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט אַ נײַע תּורה אין שטאָט, אַז אַלע מענטשן זענען גלײַך און איינער איז נישט מער מיוחס פֿונעם אַנדערן. ער מאַכט פֿאַרזאַמלונגען און האַלט דרשות און ברענגט אַרײַן אַ צעמישעניש אין האַרץ פֿון המון. האָסטו גערופֿן דײַן דינסט שפֿלה, גייט זי אַוועק צו קנאַבנהוטן און ער נעמט זיך אָן איר כּבֿוד און לאָדט דיך צום גערייכט. די דינסטן קערן זיך שוין מער גאָר נישט אָן מיט דער שטוב. זייערע פֿאַרגעניגנס געפֿינען זיי זיך אויס. מחוץ די הײַזער פֿון זייערע בעלי־בתּים און זייער געלט האַלטן זיי אין די בענק. פֿאַראַן צווישן זיי אַזעלכע וואָס שעמען זיך נישט צו זאָגן אויף זיך: מיר זענען סאָציאַ־ליסטקעס, און זיי פֿירן זיך אויף ווי אַ שטייגער די בעל־הביתטע וואָלט געדאַרפֿט זיי באַדינען און נישט זיי די בעל־הביתטע. ווען צירל וואָלט נישט געווען פֿאַרנומען אין געוועלב, וואָלט זי צוגענומען אַ גויה, נאָר אַזוי ווי זי זיצט אַ גאַנצן טאָג אין געוועלב און קאָן נישט אַכטונג געבן אויף כּשרות, האָט זי נישט קיין ברירה און מוז האַלטן אַ ייִדישע דינסט.

אָבער זינט בלימע איז אָנגעקומען, האָט זיך אַלץ געביטן צום גוטן. בלימע זאָגט זיך נישט אָפּ פֿון קיין שום אַרבעט. אַלץ, וואָס ס'איז דאָ צו טאָן, טוט זי און טוט נאָך מער פֿון איר אייגענעם פֿאַרשטאַנד. דאָס געקעכטס איז פֿאַרטיק צו דער צײַט און דאָס אײַנגעמאַכטס איז געמאַכט און די וועש איז אויסגעוואַשן און די מלבושים פֿאַרראַכטן און די זאַכן גאַנץ און יעדעס ווינקל בלאַנקט, און אַלץ וואָס זי טוט, טוט זי געלאַסן און אָן אַ גערודער. וועלכע איז אַ גוטע בעל־הביתטע, די וואָס אירע דינסטן זענען גוטע. און צירל האַלט זיך ווידער פֿאַר אַ גוטער בעל־הביתטע. גוט און ווויל איז געווען די צײַט וואָס די עגונה האָט געדינט, נאָך בעסער איז די צײַט וואָס בלימע דינט. אויף אַלץ וואָס בלימע טוט ליגט אויס־געגאָסן אַ באַזונדערער חן. זיבן הענט טוען דאָס ניט אָפּ אין זיבן טעג, וואָס דאָס דאָזיקע מיידל טוט אָפּ אין איין טאָג.

בלימע איז אַליין שיין און איז אַ באַשיינונג פֿאַר דער שטוב. שיין פֿאַר דער שטוב און אַ באַשיינונג פֿאַר צירלען. צירל איז שוין געקומען אין די יאָרן, ווען דער עיקר בײַ אַ פֿרוי איז דאָס עסן און טרינקען. צירל האָט נישט געטאָן ווי אירע חבֿרטאָרינס, וואָס קײַען גאַנצע טעג ראָזשינקעס מיט מאַנדלען און אַז זיי דערזעען אַ הערינג גריזשען זיי אים אַזוי לאַנג, ביז עס בלײַבט פֿון אים נאָר דער עק. ס'גאַנצע פֿאַרגעניגן צירלס איז אַ לײַטיש מאָלצײַט. אַ געדישעכץ און אַ געבראָטנס און געקאָכטס, מילץ און אַ פּופּיקל און אַ מעגעלע, געפֿילטע העלדזלעך און פֿערפֿל, וואָס מען פֿאַרקנעט מיט אַ געלכל פֿון אַן איי און מען שיט זיי אויס אין אויוון צו טריקענען און מען טוט זיי אַרײַן אין דער יויך און די יויך ווערט זיס, און זיי צעגייען זיך אין מויל, און אַן עוף, וואָס מען האָט אָנגעפֿילט

מיט זעמלמעל. איידער צירל גייט אַריַין צום עסן, זיצט זי אַליין, איר גוף פּילט אוים די שטול, און זי שטעלט זיך פֿאָר, וואָס אַלץ עס שטייט איר פֿאָר באַלד צו עסן. און אַז זי קומט אַריַין צום עסן, בייגט זי זיך אַריבער מיט אַ ליבשאַפֿט איבערן עוף און לייגט זיך אַן אַ פֿולן טעלער, ווי איינע וואָס כאַוועט הינער גייט אַנהאַדעווען די עופֿות.

אָבער נישט תּמיד איז צירל צופֿרידן פֿונעם עסן. דאָס עסן איז גוט, צירלען געפֿעלט עס נישט. נעכטן האָט עס איר געשמעקט, היַינט שמעקט עס איר נישט. דאָס עסן איז יאָ גוט, אָבער דער קאָמפּאָט טויג נישט. כּל־זמן די עגונה איז געווען, האָט זי איר צוגעטראָפֿן צום טעם, זיסן כריין צו פֿלייש פֿון דער יויך, שאַרפֿן — צו געדושעט פֿלייש, און אויב נעכטן האָט זי געקאָכט פֿלייש אין דער יויך, איז קלאָר, אַז היַינט מאַכט זי אַ געדישעכץ, און דאָס זעלבע איז מיטן קאָמפּאָט, זיסע פֿלוימען צו געדושעט פֿלייש, זויערלעכע — צו געקאָכטס. דוכט זיך, אַז יעדע קעכין קאָן דאָס מאַכן, אָבער דינסטן זענען זיך נישט נוהג צו טאָן וואָס זייערע בעלי־בתּים וואָלטן געוואָלט. צירל האָט זיך דאַך באַמיט צו ברענגען זיי צו איר טעם. קומט זי צום עסן, פֿילט זי, אַז עס פֿעלט עפּעס צום מאכל. אַפֿילו די נאַטור האָט געביטן איר שטייגער. זעצט זיך צום עסן און דו ווייסט נישט, צי ס'איז זומער צי ווינטער, צי פֿרילינג צי אָסיען. אַ מאָל האָט יעדער איינער וואָס האָט געגעסן וואַרעניקעס געפֿילט מיט קאַרשן, געוווּסט, אַז ס'איז זומער, אויב מיט קאַשע, האָט ער געוווּסט, אַז ס'איז ווינטער. און איצט, — היַינט קאַשע מיט יויך און מאָרגן יויך מיט קאַשע, אַזוי ווינטער, אַזוי זומער, אַזוי שבת און אַזוי אין דער וואָכן.

זינט בלימע איז אַנגעקומען אין שטוב, האָט זיך די וועלט אומגעקערט צו איר שטייגער, ווי אַלע צײַטן פֿון יאָר וואָלטן געווען אויסגעקריצט אויבן איבער דער קיך. יעדעס געקעכטס אין זיַין צײַט, יעדעס געקעכטס מיט זיַין טעם. איין גאָט אין הימל ווייסט פֿון וואַנען דאָס אַלץ נעמט זיך צו דער דאָזיקער בלימען.

קאַפּיטל 5

נאָך איידער הערשל איז געקומען צו זײַן רײַפֿקייט, האָט ער שוין געהאַט פֿאַר זיך בלימען, אַט די בלימע, וואָס איז געווען ווי זײַנס אַ צווילינג־שוועסטער.

בלימע בליט ווי אַ בלום, וואָס קיין בייז אויג האָט נישט קיין שליטה איבער איר. זיבן מאָל אַ טאָג קוקסטו אויף איר און דו האָסט זיך נאָך נישט גענוג אָנגעקוקט. אַ דאַרע איז בלימע געווען, ווען זי איז אָנגעקומען קיין שיבוש, און איצט זענען אירע גלידער פֿולע. פֿון דעסט וועגן איז זי לײַכט אין אירע באַוועגונגען. פֿונעם זײַן באַשעפֿטיקט מיט אַן אַרבעט איז זי געוואָרן פֿלינק אין אירע באַוועגונגען. איר גוף טראָגט זיך ווי אַ פֿלאַטערנדיק פֿייגעלע. קוקסט אויף איר און דו זעסט בלויז איר שאָטן.

הערשל נעמט נישט אַראָפּ זײַן אויג פֿון בלימען. אַפֿילו ווען זי שטייט נישט לעבן אים, זעט ער זי אויך. אַ גרויסער מאָלער האָט אויסגעמאָלן בלימעס געשטאַלט און האָט עס אַרײַנגעגעבן אין הערשלס האַרץ און פֿון דאָרט באַווײַזט זי זיך פֿאַר אים מיט איר גאַנצער שיינקייט.

הערשל שטייט אין געוועלב און קוקט פֿאַר זיך. אַ גאַנצן טאָג קוקט ער אַזוי. זײַנע ליפּן זענען אַ ביסל אָפֿן און ער האַלט די צונג אין מויל, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין פֿאַרזוכן עפּעס אַ זיסוואַרג און ער וויל וואָס לענגער אויפֿהאַלטן דעם טעם אין מויל. בלימע גייט אַרום אין שטוב און טוט איר אַרבעט און הערשל הערט אירע טריט און דאָס האַרץ צאַפּלט אין אים. ווען זײַן פֿאַרשטאַנד וואָלט אים נישט צוריקגעהאַלטן, וואָלט ער אַרויף צו איר און וואָלט אויסגעשטרעקט זײַנע הענט און וואָלט מיט זיי אָנגעכאַפּט דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן סוד, וואָס ליגט באַהאַלטן אין איר, וואָס מאַכט אויפֿציטערן זײַן האַרץ, מיט זײַן מתיקות.

הערשל איז שוין נישט מער קיין קינד. ער האָט נאָך נישט עובֿר געווען אויף קיין עבֿירה, אָבער הרהורי־עבֿירה זענען ערגער פֿון דער עבֿירה. אַ סך קומט אַרויס פֿון שלעכטע חבֿרים. אויך אין דעם צניעותדיקן שיבוש, וואָס אַפֿילו די לײַדאַקעס זענען אָפּגעהיטן פֿון עריות, האָבן זיך געפֿונען בחורים, וואָס האָבן נישט אָפּגעהיט זייער תּמימות און נישט געשעמט זיך מיט זייערע מעשׂים, און פֿאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָך באַרימט מיט זיי פֿאַר מענטשן. די דאָזיקע מיאוסע רייד זענען אַרײַן אין הערשלס האַרץ און האָבן עס פֿאַרפּאַטשקעט. הערשל זיצט איינער אַליין און שטעלט זיך פֿאַר כּלערליי פֿרויען, וואָס זענען באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַרן מענטשנס פֿאַרגעניגן וועגן. ווער עס צעפּאַנקעוועט זײַן יצר, קומט אויף

אין זײַן האַרצן אַ פֿאַרדראָס. עס איז אים שווער צו קוקן אויף אַ פֿרוי, און ס'איז אים שווער נישט צו טראַכטן וועגן איר. בושה און כּעס און באַטריבטקייט מישן זיך אין אים אויס צוזאַמען. האָט ער אַוועקגעקוקט פֿון דער פֿרוי, פֿעלט אים עפּעס, האָט ער יאָ געקוקט אויף איר, ווערט ער צעטראָגן. אַזוי צי אַזוי, האָט ער נישט קיין מנוחה.

ווי וואָלט הערשל געוואָלט זיצן לעבן אַ פֿרוי — אירע האָר זענען צעלאָזן און הילן אײַן זײַן פּנים און ער האַלט זי בײַ דער האַנט און איר קול לאַשטשעט זײַן אויער. איין מאָל נאָר — און נאָך דעם וואָלט ער צוריק־באַקומען זײַן רו. אַ שווײַגנדיקער פֿלעג ער זיצן און אויסמאָלן זיך אין געדאַנק געשטאַלטן פֿון פֿרויען, זינגערינס און קאָמעדיאַנטקעס, אַנגעטאָנענע אין חסידישע בגדים און זינגען צווײדײַטיקע לידער. צוויי־דרײַ מאָל אין יאָר קומען אַראָפּ זינגערס אין שטאָט אַרײַן. זייערע קראַגנס, בלאַנקען און זייער העמד איז שטײַף און זייערע אויגן — קאָנסט נישט וויסן, צי זיי זענען שלאָפֿע, צי זיי גלאַנצן אַזוי, און עס טראָגן זיך פֿון זיי כּלערליי ריחות, פֿון פּאַרפֿום, פֿון טאַבאַק, פֿון שטויב פֿון די וועגן. און געמאָליעוועטע פֿרויען קומען מיט זיי, קוויטשענדיקע און לאַכנדיקע, קאָנסט נישט וויסן, צי זיי זענען זייערע ווײַבער, צי זייערע חבֿרטעס. און בײַ נאַכט מאַכן זיי אַ סצענע און זינגען לידער און טאַנצן און טרײַבן קאַטאָוועס און מאַכן פֿריילעך. ווי אַ סך שיבושער בחורים, איז אויך הערשל געגאַנגען זיי הערן און אַרײַנגייענדיק בעט ער בײַ גאָט: יהי רצון, אַז דער און דער זאָל מיך נישט זען. אין דער זעלבער צײַט זיצט יענער און בעט בײַ גאָט אויך דאָס אייגענע. און אַז די זינגערינס פֿאַרענדיקן זייערע לידער און גייען אַראָפּ פֿון דער סצענע, פֿאַלן צו צו זיי אַלע לעבּיונגען אין שיבוש און עסן און טרינקען מיט זיי און לאָזן זיך וואוילגיין. ווי מקנא ער איז זיי, הערשל, אָבער דערנעענטערן זיך צו זיי שעמט ער זיך. בעת זיי זינגען פֿלאַטערט זײַן נשמה ווי אַ זינדיקע, טאָ ווי וועט ער זיך אַוועקזעצן מיט זיי?

צײַטן בײַטן זיך און מינהגים ענדערן זיך. זינגער און זינגערינס, וואָס מען פֿלעג זיי באַטראַכטן פֿאַר אַ באַנדע גאַרנישטן, האָט פּלוצלינג די וועלט אָנגעהויבן האַלטן פֿון זיי. סטודענטן שפּאַצירן אַרום מיט זיי פֿראַנק און פֿרײַ און רופֿן זיי קינסטלער און קומען זיך צונויף מיט זיי אין די שענקען און האַלטן רעדעס לכּבֿוד זיי און לכּבֿוד דעם פֿאָלקסליד, און בײַ נאַכט דערלאַנגען זיי די זינגערינס בוקעטן בלומען און פּאַקן זיי אָן פֿולע מײַלער מיט זיסוואַרג.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז די זינגער און די זינגערינס האָבן זיך געענדערט און מען קאָן נישט זאָגן, אַז זיי האָבן זיך נישט געענדערט. הערשל האָט זיך געוויס נישט געענדערט. דער חותם פֿון אַ גוטער שטוב ווערט נישט אַזוי שנעל פֿאַרווישט. נעמען און מאַכן פֿון פֿאַרשידענע זיסוואַרגן אַ פּעקעלע איז טאַקע גרינג, אָבער שווער איז צו דערלאַנגען דאָס אַ מתּנה אַ פֿרעמדער

פֿרוי. ווידער איז הערשל געזעסן ווי זײַן שטייגער און פֿון דער ווײַטנס געזען ווי זײַנע חבֿרים גייען צו צו זיי פֿאַר זייער פֿאַרגעניגן וועגן און זײַנע הענט זענען ליידיק און זײַן האַרץ איז פֿול.

ער ווייסט, הערשל, אַז נישט הײַנט און נישט מאָרגן וועט ער פּטור ווערן פֿון זײַן קלעמעניש. די תּורה, וואָס ער האָט געלערנט יינגלווײַז, פֿאַרהיט אים בחורווײַז. ער וואַרפֿט אַ בליק אויף די היגע מיידלעך און די תּורה ווענדט אים אָפּ די אויגן פֿון זיי, ער זוכט אַן עצה ווי צוצוקומען צו זיי און זי זאָגט אים אונטער, וואָס אַמאָליקע חכמים האָבן געטאָן, ווי די מעשׂה מיט רבי מתיא בן חרש, וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן נישט געקוקט אויף קיין אשה, האָט דער שׂטן זיך מתקנא געווען אין אים און ער האָט זיך באַוויזן פֿאַר אים אין דער געשטאַלט פֿון אַ שיינער פֿרוי, וואָס האָט נישט איר גלײַכן אויף דער וועלט. ווי ער האָט זי דערזען, האָט ער אָפּגע־קערט זײַן בליק אין אַן אַנדערער זײַט, און אַז ער האָט געזען, אַז זי דרייט זיך אויס יעדעס מאָל אין זײַן זײַט, איז ער אַוועק און געבראַכט טשוועקעס און פֿײַער און ער האָט אָנגעגליט די טשוועקעס אין פֿײַער און אויסגעברענט זיך די אויגן.

אָבער מען קאָן נישט פֿאַרגלײַכן אַ בחור, וואָס זיצט אין אַ געוועלב אויפֿן מאַרק, צו אַ תּנא, וואָס זיצט און איז זיך עוסק אין תּורה, נאָר ס'איז אים צו הילף געקומען זײַן שׂכל, וואָס פֿלעג אים אונטערזאָגן, וויפֿל בושות ס'קומען נאָך אַן עבֿירה. ליבער טויזנט מיתות איידער איין בושה.

כּבֿיכול מיט איין האַנט זײַנער צעעפֿנט ער בלימעס שיינקייט און מיט איין האַנט עפֿנט ער אויף הערשלס אויגן. טויזנט זאַכן פֿלעג הערשל צוטראַכטן, כּדי ער זאָל זײַן לעבן בלימען. זײַנע פֿיס וואַקלען זיך נאָך ווען ער שטייט לעבן איר, זײַן צונג שטאַמלט נאָך ווען ער רעדט מיט איר, ער ווייסט נישט וואָס ס'מויל רעדט און זי ווייסט נישט וואָס ער זאָגט, אָבער דאָס האַרץ ווייסט מער ווי דאָס מויל און דאָס אויער הערט וואָס דאָס מויל קאָן נישט זאָגן.

איינעם אַ טאָג איז הערשל אַרײַן צו בלימען. נאָך איידער ער האָט זיך פֿונאַנדערגערעדט מיט איר און ס'האָט זיך אַ וואַקל געטאָן די ערד אונטער אים, ווי איינער וואָס ס'האָט זיך אַן עפֿן געטאָן פֿאַר אים אַ הייל און ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אים אַלע אוצרות פֿון דער וועלט, ער דאַרף בלויז אויסשטרעקן די הענט און גלײַך זענען זיי זײַנע. אָבער בײַ הערשלען זענען פּלוצלינג אָפּגענומען געוואָרן די הענט און ער איז געבליבן שטיין פֿאַרגאַפֿט. אויך זי איז געשטאַנען אַ פֿאַרגאַפֿטע. אין די מינוטן האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ גרויסער תּחום צווישן זיי.

זיי זענען ביידע געוואָרן צעטומלטע. דאָס פּיצל שמייכל אויף בלימעס ליפּן איז פֿאַרשוווּנדן. מיט אַ מאָל האָט זי אויפֿגעהויבן ביידע הענט און

צוזאמענגענומען אירע האר, וואס זענען צעפלאשעט געווארן פון זיך אליין, און זי האט אים דערלאנגט די האנט און געגעבן אים אנצוהערן, ער זאל ארויסגיין. אבער ער איז נישט ארויסגעגאנגען און נישט ארויס־געלאזט איר האנט פון זיינער. אין די מינוטן זענען רויט געווארן זייערע פנימער, ווי ביי מענטשן, וואס האבן געטאן א נישט־שיינע זאך. האט זי ארויסגענומען איר האנט פון זיינער און זי איז ארויס.

ווי לאנג האט געדויערט פון דער מינוט, וואס זי האט אים איבערגעלאזט אליין אין איר צימער? אפילו קיין קורצע ווײַלע איז נישט אריבער, אבער וואס הערשל האט אלץ דורכגעטראכט אין דער מינוט, טראכט נישט א מענטש דורך אין א סך שעהען.

וואס האט הערשל געטראכט אין יענער מינוט? דאס אלץ וואס בלימע האט געטאן איז ווי זי וואלט נישט געטאן. פון דעסט וועגן האט ער געפילט, אז עפעס איז דא פארגעקומען. אז ער האט זיך אויף דעם געכאפט, האט ער זיך געזאגט: נאך א מאל טו איך דאס נישט. און אזוי ווי ער האט זיך געזאגט: נאך א מאל טו איך דאס נישט, איז אים שוין פאר־געקומען, אז ס'האט גארנישט פאסירט.

מעגלעך, אז ס'האט גארנישט פאסירט, און מעגלעך, אז ווײַל ס'האט גארנישט פאסירט איז זיין הארץ צערודערט. ער האט דאך געקאנט גלעטן אירע האר און דריקן זי צו זיין הארץ און ער האט דאס נישט געטאן, און אז זי האט ארויסגענומען איר האנט פון זיינער און זי איז ארויסגעלאפן, האט ער זי געלאזט לויפן. טויזנט יאר וואלט ער געקאנט אזוי שטיין און אריינקלערן, יעדע מינוט האט זיך פאר אים אנטפלעקט איר געשטאלט נאך א מאל אזוי שיין ווי פריער, און אירע אויגן בליאסקען מיט אן אויסטערליש ליכט און אירע האר פלאטערן און שיינען. אבער אפילו בעת הערשל האט דאס אלץ געטראכט, האט ער נישט פארלוירן דעם שכל און ער האט איינגעזען, אז ער האט נישט גוט געטאן, וואס ער האט געהאלטן איר האנט אין זיינער, און אז כאטש ווען זי וואלט נישט אנטלאפן, האט ער געדארפט אנטלויפן.

הערשל איז געווען צופרידן, וואס ער האט געלאזט דעם שכל הערשן איבער זיין הארץ און ער איז נישט פארשקלאפט צו זיינע געפילן. צו וועמען איז הערשל געווען געגליכן? צו איינעם וואס מען האט אים איינגעגעבן א שלאפגעטראנק; ביז דער געטראנק ווערט זיך אויס פון אים, זענען זיינע גלידער מאט, אבער ווי נאר דער געטראנק האט זיך אויסגעוועפט, איז ער א מענטש ווי אלע מענטשן.

הערשל האט זיך אומגעקערט אין געוועלב אריין און געטאן זיין ארבעט. בעצם איז הערשל נישט גייציק נאך געלט. א מאל איז ער געזעסן אין בית־מדרש און ער האט נישט געשטרעבט צו ווערן קיין רב און היינט שטייט ער אין געוועלב און יאגט זיך נישט רייך צו ווערן. זיין טאטע האט אים אוועקגעזעצט אין בית־מדרש און זיין מאמע האט אים אוועק־

געשטעלט אין געוועלב, פונקט ווי דארטן האט ער נישט געזוכט נישט קיין כבוד און נישט קיין גדלות, אזוי האט ער דא נישט געזוכט קיין עשירות. יענעם טאג ווען ער האט זיך אומגעקערט פון בלימען האט ער זיך איינגעשפאנט אין זיין ארבעט, ווייל ער האט שוין איינגעזען, אז דער עיקר צרה זיינע איז דאס וואס ער גיט זיך מיט גארנישט נישט אפ און דעריבער איז ער פריי פאר נארישקייטן.

צירל קוקט זיך צו און איר הארץ קוועלט אז. זינט הערשל איז אריין אין געוועלב, האט ער זיך אזוי נישט אפגעגעבן מיט די געשעפטן ווי די טעג. צירל, וואס האט אים אריינגעצויגן אין געוועלב, האט זיך נישט געריכט, אז ער וועט זיך אזוי אין גאנצן ארייגלאזן אין מסחר. עס איז געגוג געווען פאר צירלען, אז הערשל איז אין געוועלב און יאגט זיך נישט נאך קיין פוסטע זאכן. און וואס זעט זי איצט? זי זעט, אז אלץ וואס ער טוט, טוט ער ווי א פולקומער סוחר.

האט צירל געזאגט צו איר מאן: ווייסטו וואס, ברוך־מאיר, הערשל וועט זיין א ליים. האט ברוך־מאיר צוגעשאקלט מיטן קאפ און געזאגט: יא. ברוך־מאיר האט זיך נאך נישט פארטראכט, וואס עס וועט זיין מיט זיין זון הערשלען. ברוך־מאיר וויל נישט וויסן פון פארויס, וואס עס וועט א מאל זיין. דער וואס רעגירט מיט אלע זיינע באשעפענישן, וועט רעגירן מיט נאך א באשעפעניש. ווייסט דען א מענטש, וואס עס שטייט אים פאר? און ווען ער וואלט אפילו יא געוווסט, איז ער דען בכוח עפעס איבערצומאכן? אבער היות צירל האט אזוי געזאגט, איז ער געווען איינשטימיק מיט איר.

און נאך עפעס האט ברוך־מאיר געזאגט: צירל מיינט, אז עס לאזט זיך איבערמאכן הערשלס נאטור, און זי ווייסט נישט, אז מען מאכט נישט איבער א מענטשנס נאטור, נאר הערשל וועט טאן וואס אים געפעלט און ער וועט באהאלטן פאר איר, וואס ער טוט. ברוך־מאיר האט זיך ארומגעזען, אז זיין זון איז נישט געקנעטן פון איין טייגעכץ מיט די פראקטישע מענטשן. האט ער געזאגט: אויב אזוי, וועל איך אים שלייפן פארזיכטיק און ער וועט זיך נישט צוזאמענפאלן און צעברעקלען זיך. הערשל וואלט געדארפט זיין א רב און נישט קיין קרעמער. איז ער שוין יא געווארן א קרעמער, דארף מען אים מאכן פאר א ריכטיקן קרעמער. איי ער איז נישט אזא ווי אלע אנדערע קרעמער? און איך בין יא ווי אלע אנדערע קרעמער? אין א שטאט, וואס איז פול מיט קרעמער, קאן זיין אויך אזא קרעמער.

צירל זיצט אין געוועלב און זי איז אויפגעלייגט. זינט זי איז אין געוועלב האט זי נישט אויף וואס צו באקלאגן זיך, בפרט איצטער, אז הערשל איז טויגלעך און פיפיק און שטייט אויף א פונדאמענט. יארן איז ער גע־

האנגען אין דער לופטן, מיט א מאל האט ער זיך פעסט אוועקגעשטעלט אויף זיינע פיס. אפילו די צוויי משרתים אין געוועלב מערקן שוין דאס און זיי האבן אנגעהויבן צוגעוויינען זייערע אברים צו טאן, וואס הערשל הייסט. איידער הערשל איז אריין אין געוועלב, האט געצל שטיין, דער זון פונעם שוחט, וואס מען האט אים מעביר געווען פון דער שחיטה, געהאלטן זיך, ווי ער וואלט געטראגן אויף זיך דאס גאנצע געוועלב. און אז הערשל איז אריין אין געוועלב, האט געצל נישט געהאט קיין דרך־ארץ פאר אים. מיט א מאל האט געצל אנגעהויבן צו פירן זיך אנדערש, און אויב עפעס א זאך פאלט אים שווער, קומט ער מיט דעם צו הערשלען און פרעגט אים, ווי א משרת זיין בעל־הבית. אויך דער אונטער־משרת, וואס איז אונטער געצלען און וואס שטייגט איבער געצלען מיט שכל און מיט יארן, און וואס רעדט שטענדיק אנטקעגן געצלען, און האט נישט געהאט קיין דרך־ארץ פאר הערשלען, האט שוין אנגענומען הערשלס הערשן איבער אים און ער רופט אים בעל־הבית.

הערשל האט דאס כמעט ווי נישט באמערקט. איידער ער האט צייט געהאט דאס אויפצוכאפן, האט זיך דאס איינגעפונדעוועט פון זיך אליין. דאס איז איינס פון די ווונדער, וואס ס'איז צו וווּנדערן זיך אויף זיי, אבער ער וווּנדערט זיך נישט אויף דעם. אנדערע מחשבות באאומרויקן אים. און א בעל־הביתס געדאנק דארף זיך נישט וווּנדערן אויף א זאך וואס זיינע משרתים וווּנדערן זיך דערויף.

הערשלס געדאנק איז נישט פריי, כדי צו וווּנדערן זיך אויף זאכן וואס אנדערע וווּנדערן זיך איבער זיי. אבער ער וווּנדערט זיך אויף זאכן וואס אנדערע וווּנדערן זיך נישט איבער זיי. למשל, ס'איז אריינגעקומען א פרוי אין געוועלב און זי קומט צו צו הערשלען. איז עס דאך א פשוטע זאך, אז א קונה קויפט און א סוחר פארקויפט. אבער ווער עס מיינט אזוי, קען נישט הערשלען. נאך דעם ווי די פרוי איז אוועקגעגאנגען, טראכט הערשל ביי זיך: אט, ווען איך האב אפגעווויגן פאר דער פרוי, האב איך נישט געטראכט, אז זי איז א שיינע און עס האט מיך נישט געצויגן צו איר. פאר וואס? ווייל איך טראכט נישט וועגן איר. איך וועל נישט טראכטן וועגן בלימען, וועט מיך נישט ציען צו איר. א מענטשנס הארץ ציט נאר צו דעם, וועגן וואס ער טראכט. איך הער אויף טראכטן וועגן איר און זי ווערט ארויסגעריסן פון מיין הארצן. אזוי ווי ער האט זיך דערמאנט אן איר, האט ער געטראכט וועגן איר.

בלימע איז אין כעס און טרויעריק. אז א מענטש איז טרויעריק און אויפגעבראכט, באהאלט ער זיך אויס און דו פילסט נישט, אז ער איז פאראן. א דינסטמיידל, אז זי איז טרויעריק און אויפגעבראכט, קאן זי זיך נישט אויסבאהאלטן, ווייל זי דארף דאך טאן איר ארבעט פארן בעל־הבית. צי זי וויל יא, צי זי וויל נישט, מערקט זיך אן איר טרויעריקייט און עס זעט זיך אן איר אויפגעבראכטקייט.

הערשל איז דעם בעל־הביתס זון און בלימע באַדינט אים. כּל־זמן זי דינט אין דעם הויז, טוט זי טרײַ איר אַרבעט. מאָרגן גייט זי נאָך נישט אַוועק פֿון דאַנען און זי זיצט נישט מיט פֿאַרלייגטע הענט. אירע צוויי הענט האָט זי פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ דירה און פֿאַר עסן און אַ מלבוש. איר פּנים און איר האַרץ האָט זי נישט פֿאַרקויפֿט. צי דער בעל־הבית וויל יאָ, צי ער וויל נישט, איר פּנים און איר האַרץ געהערן צו בלימען. און אפֿשר געהערן זיי אויך נישט צו איר, נאָר צו איינעם, וואָס איז איבער איר בעל־הבית אפֿילו, און איבער איר בעל־הביתטע. און בלימע קאָן אויף זיך נישט באַפֿעלן: ווײַזן אַ פֿריילעך פּנים, בעת ס'איז טרויעריק אין האַרצן.
אַז בלימע האָט געגרייט דעם טיש פֿאַר הערשלען, האָט זי נישט אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון איבערן טישטעך, און פּונקט ווי זי איז אַרײַן אַ שווײַגנדיקע, איז זי אַרויס אַ שווײַגנדיקע. איין גאָט אין הימל ווייסט די פֿירעכצן פֿון דעם מיידל.
הערשל זיצט בײַם טיש און עסט זײַן מאָלצײַט. אַ ווײַס טישטעך איז פֿאַרשפּרייט אויף אַ האַלבן טיש. אָבער הערשל זעט נישט דאָס טישטעך, וואָס פֿאַרדעקט אַ האַלבן טיש, און נישט דעם האַלבן טיש, וואָס איז נישט באַדעקט, נאָר ער קוקט פֿאַר זיך און זעט בלימען, וואָס איז אָקערשט אַרויס מיט אַ פֿאַרצאַרנט פּנים.
טראַכט בײַ זיך הערשל: דו פֿירסט חשבונות, דו מיינסט, אַז עס פּאַסט דיר דײַן שווײַגן. זײַ זיכער, פּונקט אַזוי ווי דו באַגייסט זיך מיט מיר, וועל איך זיך באַגיין מיט דיר, פּונקט אַזוי ווי דו שווײַגסט, אַזוי וועל איך אויך שווײַגן. אַ קרעמער, אַ זון פֿון אַ קרעמער, אַ זון פֿון אַ קרעמערס אַ טאָכטער, וואָס זײַן שטייגער איז צו מעסטן און וועגן יעדע זאַך, האָט זיך געוואָלט פֿירן מיט בלימען ווי אַ קרעמער, און דאָס איז דער פֿעלער, וואָס הערשל איז באַגאַנגען, ווען ער האָט אָפּגעמאַכט בײַ זיך צו באַגיין זיך מיט בלימען אַזוי ווי זי באַגייט זיך מיט אים. הערשל האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט: פּונקט אַזוי ווי דו שווײַגסט, אַזוי וועל איך אויך שווײַגן. און אַז עס איז דערצו געקומען, האָט זיך זײַן מויל געעפֿנט פֿון זיך אַליין. דער דאָזיקער אומעט, וואָס שפּראָצט אַרויס פֿון בלימעס אויגן, האָט באַוויגן זײַן צונג, און אַז בלימע איז אַרײַן אין איר צימער, איז ער אַרײַן נאָך איר.
האָט הערשל געפֿרעגט בלימען: וואָס איז דיר, בלימע?
איז בלימע געזעסן און געשוויגן און אים נישט געענטפֿערט קיין וואָרט. די שטול, וואָס בלימע איז אויף איר געזעסן, איז געווען די איינציקע אין איר צימער, און זי האָט נישט געהאַט אין איר צימער נאָך קיין שטול, ווײַל איר צימער איז נישט געווינט צו קיין געסט, און אַזוי ווי זי איז געזעסן, האָט הערשל נישט געהאַט קיין שטול זיך אַוועקצוזעצן.
איז הערשל געשטאַנען פֿאַר בלימען. זײַנע פֿיס וואַקלען זיך און זײַן מויל האָט אָנגעהויבן ציטערן. דאַכט זיך, ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן. איין גאָט אין הימל ווייסט, וואָס הערשל האָט איר געוואָלט זאָגן.

א קורצע ווײַלע איז ער געשטאַנען פֿאַר בלימען אין מיטן צימער. די ווענט פֿון צימער האָבן אים גענומען קלעמען צווישן זיך. ווי נאָענט ער איז צו איר און ווי ווײַט זי איז פֿון אים. דאָך איז זי נישט אַזוי ווײַט. ער דאַרף בלויז אויסשטרעקן די האַנט און אָט איז זי אים נעענטער מער ווי ווען ס׳איז.

סוף כּל סוף האָט די האַנט געטאָן וואָס דאָס האַרץ האָט געהייסן. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און געוואָלט אָננעמען איר האַנט און איבערבעטן זי. איידער ער האָט נאָך באַוויזן דאָס צו טאָן, איז זי אַרויס פֿון צימער.

איינער אַליין איז הערשל געשטאַנען אין בלימעס צימער. אַז זי איז אַרויס, האָט ער זי נאָך מער געפֿילט. דער גאַנצער חלל פֿון צימער איז פֿול מיט איר ריח. ווי אַן עפּל, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון בוים און פֿאַרשפּרייט אַרום זײַן ריח. הערשל האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן. ווי ער האָט געזען, אַז ער איז אַליין, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף איר בעט.

טויזנט יאָר איז זײַן קאָפּ געלעגן אויף בלימעס בעט. די גאַנצע וועלט איז פֿאַרשוווּנדן, נאָר איין הערשל איז דאָ. אַ פֿאַרשטומטער ליגט הערשל און זײַן האַרץ איז זיס ווי האָניק. דאָס גאַנצע חיות זײַנס האָט זיך אויפֿגעוועקט אין אים. איין גאָט אין הימל ווייסט, ווי לאַנג הערשל וואָלט אַזוי געלעגן. פּלוצלינג האָט אַ האַנט פֿון אַ פֿרוי אָנגערירט זײַן קאָפּ און געגלעט זײַנע האָר. אויב אַפֿילו איך וועל שווײַגן און כ׳וועל נישט דערציילן, וועט איר אַליין פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען בלימעס האַנט. ווי ער האָט זי דערפֿילט, האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף און ער איז אַרויס פֿון צימער.

הערשל האָט אָנגעהויבן רעדן ווייניקער. אַז ער איז אַליין אין געוועלב, שטייט ער און קוקט פֿאַר זיך. דאָס געוועלב איז פֿול מיט כּלערליי סחורות, וואָס עס איז גאָרנישט אַפּצושאַצן זייער ווערט. הערשל וואָלט געקאָנט שטאָלצירן, אַז דאָס אַלץ געהערט צו זײַנע טאַטע־מאַמע, און אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וועט דאָס אַלץ איבערגיין צו אים. הערשל איז אַן איין און איינציקער בײַ זײַנע טאַטע־מאַמע און אויסער אים האָבן זיי נישט קיינעם. אָבער ער פֿרייט זיך נישט. אַנדערע מחשבֿות פֿילן אויס הערשלס האַרץ און ער איז שוין מאַט פֿון זיי. טייל מאָל לייגט ער אַוועק די האַנט אויף דער שאָל, די שאָל קלאַפּט זיך אַן אין טיש און גיט אַרויס אַ קלאַנג און ער — ווי ער וואָלט אים נישט געהערט.

אויך מיט בלימען האָט ער נישט גערעדט. הערשל האָט זיך געשעמט צו שטיין לעבן איר. ער וויל זי זען און ער באַהאַלט זיך אויס פֿאַר איר.

אַ שטיק צײַט האָט ער זי שוין נישט געזען. אָבער דער גאָלדענער שטראַל, וואָס שפּאַרט אַרויס פֿון צווישן בלימעס אויגן־ווינעס, ווען זי קוקט אויף אימעצן, האָט די גאַנצע צײַט געבלענדט הערשלען פֿאַר די אויגן, ווי זי וואָלט געשטאַנען פֿאַר אים.

גייט בלימע אַרום בײַ הערשלס עלטערן אין הויז און טוט יעדע אַרבעט, קאָכט און באַקט, וואַשט און לאַטעט. די גאַנצע שטובאַרבעט ליגט אויף איר, אויסער וואַשן די פּאָדלאָגע און ענלעכע שטוב־מלאכות. בלימען האַלט מען ווי אַ קרובֿה און מען שאַפֿט זיך נישט מיט איר צו קיין פּראָסטער אַרבעט. בלימע איז אַן אייגענע. וויפֿל מיידלעך ווינטשן זיך: זאָל אונדז אַזוי גוט זײַן ווי בלימען. און בלימע אַליין האַלט גאָר נישט, אַז ס'איז איר אַזוי גוט. ס'איז שוין פֿאַרשוווּנדן דאָס פּיצל שמייכל פֿון אירע ליפּן און איר מויל איז האַלב אָפֿן, און דו ווייסט נישט, צי זי האָט נאָר וואָס אויפֿגעהערט רעדן, אָדער זי וויל אַ געשריי טאָן.

גאָט אין הימל האָט צוגעזען בלימעס פּײַן און אַרײַנגעגעבן אין הערשלס האַרץ, אַז ער זאָל זי מפֿיס זײַן. גאָט האָט באַשאַפֿן הערשלען אַ גראָדן. און אויך בלימע מאַכט נישט קיין סך חשבונות. נישט ווי זיי האָבן זיך נעכטן געפֿירט, פֿירן זיי זיך הײַנט, נאָר יעדעס מאָל, ווען זיי טרעפֿן זיך צוזאַמען, צווינגען זיי זיך שוין נישט מער צו רעדן. ער האָט איר אַ סך צו זאָגן, און זי פֿאַרשטאָפּט נישט די אויערן. אַלע זײַנע שמועסן זענען סתּם אין דער וועלט אַרײַן, פֿון דעסט וועגן זענען זיי איר צום האַרצן. דער דאָזיקער נאַכטיגאַל, ווי נאָר ער לאָזט זיך הערן, זיצט זײַן פּאָר אַנטקעגן און הערט זיך אײַן. הערשל הייבט נאָך אַלץ אָן יעדן שמועס מיט אַ זיפֿץ. וואָס איז דער מיין פֿון דעם דאָזיקן זיפֿץ? זײַן מיין איז: איין גאָט אין הימל זאָל זיך איבער אונדז מרחם זײַן און זאָל אונדז נישט צעשיידן, נאָר ביז דער אין הימל וועט זיך מרחם זײַן, דאַרפֿן מיר זיך אויסהיטן כּדי נישט צו דערצערענען טאַטע־מאַמע.

הערשל און בלימע זענען מיט זיך פֿאָרזיכטיק. בעצם האָבן זיי גאָרנישט געטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זיי זאָלן האַלטן, אַז מען דאַרף זיך דערמיט אויס־באַהאַלטן, נאָר אַזוי פֿירן זיך שוין ייִדישע בחורים מיט מיידלעך — ווען זייער האַרץ איז ריין ווי קרישטאָל, פֿאַרדעקן זיי עס אויך גאָר שטאַרק. די דאָזיקע זאַך דאַרף מען געבן צו פֿאַרשטיין און מעגלעך, אַז מען דאַרף דערצו באַנוצן אַ משל, אָבער קיין שום משל, וואָס מיר וועלן ברענגען, איז נישט אַזוי ריין ווי הערשל און בלימע.

צירל האָט אַלץ געזען. ווען הערשל וואָלט זיך נישט אויסגעהיטן פֿאַר איר, וואָלט זי נישט באַמערקט. נאָר דער וואָס האָט אַרײַנגעגעבן אין זײַן האַרץ דאָס ליבשאַפֿט צו בלימען האָט אים נישט געגעבן זײַן מאַמעס שׂכל.

קאַפּיטל 6

ציריל האָט געזען איר זונס פּירעכץ און זי האָט גאָרנישט געזאָגט. דאָס פּיקחות אירס, וואָס האָט איר געזאָגט: מײַן זון איז נישט אַזאַ נאַר, ער זאָל וואַרפֿן אַן אויג אויף דער אָרעמער בלימע, האָט געמאַכט זי זאָל שווײַגן. זי האָט בײַ זיך געטראַכט: איצט שפּילט ער זיך מיט בלימען, אַז עס וועט קומען די צײַט, ער זאָל חתונה האָבן, וועט ער נעמען אַ ווײַב ווי פּאַסט פֿאַר אים.

האָט ציריל זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט גאָרנישט נישט געהערט און גאָרנישט נישט געזען. זי האָט זיך נישט אַרײַנגעלאָזט אין קיין טענות מיט הערשלען און נישט דערוויײַטערט בלימען. אַדרבא, בײַ זיך אין האַרצן האָט זי געדאַנקט בלימען, וואָס דורך איר איז איר זון ניצול געוואָרן פֿון אַנדערע מיידלעך, ווײַל עס איז שוין דערגאַנגען צו צירלען, אַז אויך אין שיבוש הייבט אָן דאָס יונגוואַרג קאַליע ווערן. כּל־זמן הערשל האָט נישט געפֿונען זײַן באַשערטע, איז נישטאָ פֿאַר אים קיין בעסערע פֿון איר, ווײַל זי פֿאַרהיט אים פֿון זינד.

אָבער אַז עס איז צו רייד געקומען וועגן דער קאָמיסיע, וואָס דאַרף בקרוב קומען קיין שיבוש אונטערזוכן די בחורים, וואָס דאַרפֿן גיין דינען דעם קיסר, האָט ציריל געזאָגט: ווען עס וואָלט איר אונטערגעקומען אַ גוטער שידוך, וואָלט זי נישט געוואַרט, ביז הערשל וועט שטיין צום פּריזיוו. גראַד איז דאָרט געשטאַנען יונה טאָובער. אַז ער איז אַוועק, איז ציריל אים נאָכגעגאַנגען און געזאָגט צו אים: גדליה צימליך האָט אַ טאָכ־טער, מינע הייסט זי, אפֿשר איז כּדאַי אַ טאַפּ טאָן די זאַך. ווי מיינט איר, הער טאָובער?

האָט יונה אַרויסגענומען אַ ביבולע־פּאַפּירל און טיטון און פֿאַרדרייט אַ סיגאַרעטל. ער האָט עס געשפּאַלטן אויף צווייען, אַ האַלבס האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אייבערשטן קעשענקעלע פֿון זײַן רעקל און אַ האַלבס האָט ער אַרײַנגעשטעקט אין אַ קליין סיגאַר־שפּיצל. ער האָט זיך אויס־געדרייט מיטן פּנים צום געוועלב, פֿאַררייכערט דאָס סיגאַרעטל און אַוועקגעגאַנגען.

ציריל האָט זיך געריבן די הענט, ווי דער שטייגער איז פֿון איר מאַן, ווען ער איז צופֿרידן פֿון דעם וואָס ער טוט.

יונה טאָובער, וואָס מיט אים האָט עס ציריל גערעדט וועגן איר זון, איז געווען אַ שדכן. אין פֿלוג האָט ער קיין מאָל נישט גערעדט קיין שידוך,

פון דעסט וועגן האָט קיינער נישט חתונה געהאַט, אַז יונה טאָובער זאָל נישט האָבן זיין האַנט אין דעם. אימעצער זאָגט צו יונהן: איך האָב אַ זון חתונה צו מאַכן און ס׳געפעלט מיר דעם און דעמס טאָכטער. טאָובער הערט זיך צו און רעדט נישט קיין וואָרט, ווי ס׳וואָלט אים נישט אָנגע־שטאַנען צו פאַרנעמען זיך מיט שידוכים. צו מאָרגנס טרעפט ער דעם בחור און בינדט אָן מיט אים אַ פריינדשאַפט. ביז זיי גייען זיך פונאַנדער, איז שוין דעם בחורס האַרץ ביי יונהן אין די הענט. יונה האָט נאָך קיין מאָל נישט געזאָגט: נעם דאָס דאָזיקע מיידל, נאָר ער לאָזט פאַלן אַ וואָרט און פאַרשלינגט אַ וואָרט און דאָס איבעריקע טוט זיך שוין פון זיך אַליין. דאָס וואָס דער בחור מאַכט אָפּ ביי זיך אין האַרצן, מאַכט יונה צו נישט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, און דאָס וואָס דעם בחורס עלטערן ווילן, גיט יונה אַריין אין יענעמס האַרצן. צום סוף געפינט איין דער בחור, אַז ער האָט טאַקע געוואָלט דאָס דאָזיקע מיידל און אַז יונה האָט אויך מיט אים מסכים געווען. אויפגעקלערטע זענען פאַראַן אין שיבוש, וואָס לאַכן אָפּ פון יעדן איינעם, וואָס האָט חתונה געהאַט דורך אַ שדכן, און זיי ווייסן נישט, אַז אויך זיי האָט פאַרשדכנט יונה טאָובער.

יונה טאָובער האָט געהערט צו די לייטישע בחורים אין שטאָט, וואָס דער אַלטער בית־מדרש פלעג שטאָלצירן מיט אים, אַז ער וועט זיין אַ רבֿ. אָבער אַז ער איז אַוועק קיין לעמבערג נעמען סמיכה, האָט ער דאָרט אין דער אַכסניה געזען איינעם, ווי ער זיצט און קוקט אַריין אין אַ קליין ספרל מיטן נאָמען „שבילי עולם". האָט ער געכאַפּט אַ בליק אין דעם און געוואָרן אויסער זיך פון התפעלות. אַזוי פיל שטעט זענען פאַראַן אויף דער וועלט, אַזוי פיל לענדער זענען אויף דער וועלט פאַראַן, און ער האָט אַפילו זייערע נעמען נישט געהערט. איז ער געזעסן און אַזוי לאַנג געלייענט דאָס ספרל, ביז עס איז אים אויסגעגאַנגען דאָס געלט און ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין שטאָט אַריין, און ער איז אַפילו נישט אַריינגעגאַנגען צום רבֿ דאָרט און נישט געזען לעמבערג.

זיין בילדונג האָט אים נישט אַראָפּגעפירט פון דער אמונה, נאָר פאַרבאָר־גענע באַגערן, וואָס לאָזן זיך נישט אַרויסרעדן, האָבן אָנגעהויבן אַרויס־פּישטשען פון אים. איין מאָל, ביי נאַכט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גענומען טינט און פעדער און פּאַפּיר און זיך אַוועקגעזעצט און געשריבן אַ גאַנצע נאַכט. יענעם טאָג איז געקומען אַן אורח קיין שיבוש און טאָובער האָט אים געוויזן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. האָט עס דער אורח איבערגעלייענט און אַוועקגעשיקט צו יוסף כהן צדק אין לעמבערג. האָט יוסף כהן צדק גענומען און דאָס אָפּגעדרוקט אין זיין „הנשר" *.

שווער צו באַשטימען, וואָס פאַר אַ סאָרט זאַך דאָס איז געווען. אויב ער איז אויסן געווען צו שילדערן פעלקער און לענדער — וואָס האָט דאָס

* אַרויס אין לעמבערג, צו ערשט ווי אַ ביילאַגע צום וואָכנבלאַט „המבשׂר" — אין די יאָרן 1864—1872.

צו טאָן מיט הארצזאַכן? אויב ווידער עם איז אויסן געווען הארצזאַכן, וואָס האָט דאָס ווידער צו טאָן מיט נעמען פֿון שטעט און לענדער. נאָר צו יענער צײַט, ווען יונה טאַובער איז נאָך געווען אַ בחור און יוסף כּהן צדק איז געווען רעדאַקטאָר פֿון אַ צײַטשריפֿט, איז נאָך נישט געווען אײַנגעשטעלט קיין גרענעץ צווישן הארצזאַכן און צווישן אַלע אַנדערע ענינים. ווען יונה וואָלט זיך אויפֿגעהאָדעוועט צווישן חסידים, וואָלט מען אים דן געווען פֿאַר אַ מין אפּיקורס און מען וואָלט זײַן מאמר פֿאַרברענט, ווי מען פֿירט זיך מיט די מליצות־שרײַבער און מיט זייערע מליצות. אָבער אין אונדזער אַלטן בית־מדרש, ווּ יונה האָט געלערנט, ציט זיך אַ קייט פֿון משׂכּילים פֿון די צײַטן פֿון די ערשטע משׂכּילים, וואָס זייער פֿרומקייט שטײַגט איבער זייער השׂכּלה. דאָס זענען די בעלי־תּנ״ך און די בעלי־דקדוק, וואָס זענען מכוון אין זייער דאַווענען אַרויס־צוזאָגן יעדעס אות ווי עס געהער צו זײַן, נישט ווי יענע, וואָס פֿאַרשלינגען דאָס דאַווענען אין מויל, אַז די מלאכים פֿאַרשטייען נישט קיין וואָרט. די דאָזיקע משׂכּילים האָבן נישט אויסגעפֿונען קיין שום פּגם אין יונה טאַובערן, אַדרבא, זיי האָבן אויסגעשפּרייט דאָס בלאַט אין בית־מדרש און בודק געווען יעדע שורה. אַזוי ווי זיי האָבן געזען, אַז עס איז געשריבן על־פּי דקדוק, זענען זיי נתפּעל געוואָרן און האָבן אים געמאַכט אַ נאָמען.

אויסער דעם מאמר, האָט יונה טאַובער גאָרנישט אָפּגעדרוקט, אָבער ער האָט זיך מיט אים פֿאַרשאַפֿט אַ נאָמען. פֿון „הנשר“, ס'הייסט דער אָדלער, איז שוין נישט געבליבן קיין פֿעדער אין די פֿליגלען זײַנע, און יונהס נאָמען איז פֿאַרבליבן. גרויסע חכמים האָט שיבוש פֿאַרמאָגט, וואָס האָבן זיך קונה שם געווען מיט זייערע ספֿרים און האָבן געמאַכט פֿון שיבוש אַ שם־דבֿר אויף דער וועלט, און זיי זענען אין שיבוש נישט אַזוי אָנגעזען ווי יונה טאַובער. אַ באַזונדער ליבשאַפֿט האָבן צו אים די בחורים אין שטאָט, ווײַל דעם וואָס טוט נאָך נישט אָן קיין טלית, נעמט מען אים אין שיבוש נישט אַרײַן צווישן די גרויסע. גיט זיך אָפּ אַ חתונה־געהאַטער מיט אַ בחור, קלעפּט זיך צו אים צו דער בחור — כּל־שכּן צו טאַובערן, וואָס שפּאַצירט אַרום מיט בחורים אין מאַרק און רעדט מיט זיי ווי מיט זײַנס גלײַכן.

אַז טאַובער איז אַראָפּ פֿון זײַן שווערס קעסט, איז אים אונטערגעגאַנגען זײַן וועלט. דער נדן, וואָס ער האָט געקריגן צו דער חתונה, איז צעשוווּמען געוואָרן אין די הענט פֿון זײַנע שוואָגערס, וואָס האָבן מיט דעם געלט געמאַכט געשעפֿטן אויף זײַן נאָמען, און פֿון דעם צווייטן נדן, וואָס זײַן שווער האָט אים דערנאָך געגעבן, האָט ער אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט אַ תּל געמאַכט. ווען נישט יענער ספֿר „שבילי עולם“, וואָלט די גאַנצע וועלט געווען אָפֿן פֿאַר אים, וואָלט ער געקריגן היתּר־הוראה און ער וואָלט געוואָרן אַ דיין און ער וואָלט באַקומען געהאַלט פֿון קהלס קאַסע. אָבער פֿון דאָרט ווּ זײַן וועלט איז אים אונטערגעגאַנגען איז ער אויפֿגעריכט

געוואָרן. מאַכט זיך אַ מעשׂה, אַ גבֿיר האָט געהאַלטן ביַים טאָן מיט זיַין טאָכטער אַ שידוך פֿון אַן אַנדערער שטאָט און ער האָט געוואָלט וויסן, סאַראַ שטייגער בחור דער חתן איז, האָט ער געלאָזט רופֿן צו זיך טאַובערן, ער זאָל אים שריַיבן זיַינע בריוו, און ער האָט אים געגעבן אַ חלק אין שדכנות. אַזוי ווי ער האָט גענומען אַ חלק אין שדכנות, האָט ער געקריגן אַ נאָמען פֿאַר אַ שדכן. אַזוי ווי ער האָט געקריגן אַ נאָמען פֿאַר אַ שדכן, זענען אויסגעפֿירט געוואָרן דורך אים אַ סך שידוכים. אויך איצטער אַז צירל האָט געזען, וואָס עס קומט פֿאַר צווישן הערשלען און בלימען, האָט צירל געזאָגט צו יונה טאַובערן: ווען עס וואָלט אונדז אונטערגעקומען אַ ליַיטיש מיידל, וואָלט איך הערשלען גליַיך חתונה געמאַכט. זי האָט אים געגעבן אַנצוהערן אויף גדליה צימליכס טאָכטער, אפֿשר וועט טאַובער אַ טאַפּ טאָן די זאַך.

הערשל איז שוין אַריַין אין ניַינצעטן יאָר. ער איז נישט קיין שמשון הגבור און נישט אַזוי שיין ווי דוד המלך, פֿון דעסט וועגן טויג ער צו דינען דעם קיסר. קלענערע און שוואַכערע פֿון הערשלען עסן דעם קיסרס ברויט און טראָגן זיַינע בגדים. אָבער הערשל האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. ווער עס שיקט קיין שיבוש די קאָמיסיע צו נעמען די בחורים אין מיליטער, שיקט אַריַין דעם יצר־הרע פֿון געלט אין די הערצער פֿון די אָפֿיצירן, און ווער עס גיט זיי געלט, פֿאַרשריַיבט מען אים נישט צו דינען דעם קיסר. אַ מאָל האָט קנאַבנהוט דער דאָקטער, דער פֿאָטער פֿון דאָקטאָר קנאַבנהוט, דעם סאָציאַליסט, פֿאַרמיטלט צווישן זיי און דעם פֿאָלק. אַז ער איז געקומען אויף דער עלטער, זענען געקומען אַנדערע אויף זיַין אָרט, און זיי טוען דאָס זעלבע וואָס קנאַבנהוט און באַפֿריַיען די בחורים. אויב אַזוי, פֿאַר וואָס האָט צירל געזאָגט: ווען איך וואָלט געפֿונען פֿאַר הערשלען אַ ליַיטיש מיידל, וואָלט איך אים חתונה געמאַכט נאָך פֿאַרן שטיין צום פּריזיוו? צי איז דען פֿאַראַן אַ חשש, אַז מען וועט הערשלען נעמען אין מיליטער? נאָר צירל האָט דאָס געזאָגט, ווי דער שטייגער איז ביַי מענטשן, וויַיל אַ מענטש איז געוווינט צו זאָגן: דאָס האָט מיט מיר פּאַסירט, איידער איך בין געשטאַנען צום פּריזיוו; דאָס האָט מיט מיר פּאַסירט נאָכן באַפֿריַיט ווערן פֿון מיליטער־דינסט.

איין מאָל אין וואָך קומט גדליה צימליך קיין שיבוש. זיַין דאָרף מאַליקראָוויק, וווּ ער וווינט, איז נאָענט צו שיבוש. און שיבוש איז די מעטראָפּאָליע פֿאַר זיַינע געשעפֿטן. דאָרט פֿאַרקויפֿט מען זיַין תּבֿואה און דאָרט מאָנט מען אויף זיַינע שטיַיערן, און פֿון דאָרט באַצייט ער כּלערליי שפּיַיז. גדליהס גאַנצע משפּחה באַשטייט פֿון נישט מער ווי דריַי נפֿשות. ער און זיַין וויַיב בערטע און זייער טאָכטער מינע. פֿאַר זיך דאַרפֿן זיי נישט קיין סך, נאָר די געשעפֿטן זיַינע ציִען אים אַריַין אין אַ סך זאַכן, וואָרעם עס זענען פֿאַראַן שׂררות און באַאַמטע, וואָס דו קאָנסט זיי נישט איבערקויפֿן מיט קיין געלט, ווי זייערע קליינע קאָלעגן, נאָר מען גיט זיי אַ סך מתּנות.

נישט אַזוי ווי מען קויפֿט איבער די קליינע, קויפֿט מען איבער די גרויסע. אַ קליינעם באַאַמטן גיט מען אין דער האַנט אַרײַן און ער נעמט; אַ גרויסער שׂרה, וואָס דו ווייסט, אַז ער איז אַ נעמער, פֿלוצלינג באַפֿאַלט אים אַ משוגעת און ער זעצט דיך אײַן אין תּפֿיסה. נאָר פֿאַר קאַלענדע מאַכן די ווײַבער פֿון די שׂררות פֿרײַ אַ צימער, און יעדער איינער וואָס דאַרף אָנקומען צו זיי, ברענגט זיי מתּנות. גדליה צימליך איז זיך נוהג צו שיקן זיי כּלערליי שפּײַז. דעריבער איז ער באַליבט בײַ די האָרוויצעס און די האָרוויצעס זענען אים ליב. ער — ווײַל ער גיט זיי אַ סך צו לייזן און זיי — ווײַל זיי באַפֿרײַען אים פֿון דער טרחא מיט די דאָזיקע זאַכן, ווײַל די האָרוויצעס ווייסן ווי צוזאַמענצושטעלן די מתּנות. אַזוי אַרום זענען זיי נאָענט געוואָרן צווישן זיך, און האָרוויצעס געוועלב איז פֿאַר אים געוואָרן זײַן סטאַנציע אין שטאָט. און נישט בלויז דאָס געוועלב, נאָר אויך די שטוב, ווײַל נישט אַלץ, וואָס מען דאַרף רעדן אונטער פֿיר אויגן, קאָן מען רעדן פֿאַר אַלעמענס אויגן, און נישט אַלץ וואָס מען רעדט, קאָן מען רעדן אויף אַ ניכטערן מאָגן. דעריבער נעמט מען אים אַרויף אין שטוב אַרײַן און מען טרינקט מיט אים אַ גלאָז קאַווע. אַ מאָל פֿלעג מען צובײַסן צו דער קאַווע צוגעפּרעגלט ברויט. אַז בלימע איז אָנגעקומען, האָט מען אײַנגעפֿירט צו באַקן קיכלעך, אַזעלכע ווי די וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פֿון איר שטאָט. און אַז עס קומט אויס, עסט ער מיט זיי צוזאַמען מיטאָג. די אָפּגעהיטענע אין שיבוש עסן נישט איינע בײַ די אַנדערע, סײַדן אויף אַ סעודת־מצווה. דעריבער מאַכט אַ רושם יעדעס אַזאַ עסן צוזאַמען.

יענץ יאָר, ווען צירל האָט גערעדט מיט טאַטבערן וועגן שידוך, האָט מינע צימליך אָנגעהויבן קומען קיין שיבוש, און אַז זי קומט, שטייט זי אײַן בײַ האָרוויצן. גדליה און ברוך־מאיר האָבן זיך גערן און ס'שיקט זיך נישט, אַז גדליה צימליכס טאָכטער זאָל קומען אין שטאָט אַרײַן און זאָל נישט קומען צו איר פֿאָטערס ידיד. אין אַ בריטשקע, געשפּאַנט אין צוויי פֿערד, פֿלעג זי קומען און אַ סך זאַכן פֿלעג זי מיטברענגען מיט זיך — דאָס וואָס זי דאַרף פֿאַר זיך, ווי קליידער און היט און שיך, און וואָס האָרוויצעס שטוב דאַרף, ווי פּוטער און קעז און אויפּס. אַז זי פֿאַרפֿאָרט פֿאַרן געוועלב, גייט איר צירל אַרויס אַנטקעגן און פֿרעגט זי, וואָס זי מאַכט און וואָס טאַטע־מאַמע מאַכן, און סטאַד, דער קוטשער, נעמט אַראָפּ די קוישן און מינע גייט אַרויף אין שטוב. פֿאַראַן אין האָרוויצעס הויז אַ צימער, וווּ די פּליושענע מעבל שטייען דאָרט אַ גאַנץ יאָר איבערגעדעקט מיט ווײַסע איבערצוגן קעגן שטויב, און עס טראָגט זיך פֿון זיי אַ ריח פֿונעם נאַפֿטאַלין קעגן די מוילן, און מען מאַכט נישט אויף קיין פֿענצטער, נישט זומער און נישט ווינטער, ווינטער — צוליב דער קעלט און זומער — צוליב דער זון. אַהין קומט מינע און רײַבט זיך אײַן דעם שטערן און די שלייפֿן מיט אָדעקאָלאָן, און זי גייט צו איר חבֿרטאָרין סאָסיע גילדנהאָרן.

קאַפּיטל 7

מיר וועלן נישט רעדן קיין שלעכטס אויף מינען, כּדי צו לויבן בלימען.

מינע איז אויך אַ שיין און וויל מיידל. זי איז אַ דאָרפֿישע. פֿון דעסט וועגן פֿאַרמאָגט זי אַלע מעלות, וואָס עס פֿאַרמאָגן די שטאָטישע מיידלעך, ווײַל זי האָט זיך דערצויגן אין סטאַניסלע אין אַ פּאַנסיאָן און זי האָט געלערנט פראַנצייזיש און העפֿטן און שפּילן אויף קלאַוויר, ביז עס האָט זיך פֿון איר אָפּגעטרעסעט דאָס דאָרפֿישע און ס'איז שוין מער נישט געווען צו דערקענען אויף איר, אַז זי איז די טאָכטער פֿון אַ דאָרפֿסיִד. אַז מינע גייט מיט אירע עלטערן אין שטאָט, איז זי אָנגעטאָן אין שיינע קליידער און זיי אין פּשוטע מלבושים, זי גייט געלאַסן און זיי אין איין איַלעניש. קומט זי זיך פֿאַר ווי אַ פּריצישע טאָכטער, וואָס ייִדן האָבן זיך אָנגעטשעפּעט אין איר מיט מסחר־געשעפֿטן. מינע האָט שוין באַוויזן אַזוי צו ווערן אַנדערש, אַז אַפֿילו זײַענדיק צוזאַמען מיט אירע טאַטע־מאַמע, האָט זי אויסגעזען ווי נישט זייערע. זי האָט זיך נישט געשעמט מיט אירע עלטערן און נישט געגרייסט זיך מיט זיי. איר האַרץ איז פֿאַר־נומען מיט אַנדערע זאַכן, ווי אַ שטייגער, ווי לאַנג נאָך וועט זי דאַרפֿן זיצן אויפֿן דאָרף און ווען וועט זי זיך שוין אומקערן קיין סטאַניסלע.

פֿאַר מינען זענען די זומערטעג אין דאָרף געווען אַן אָפּקומעניש. ווי אַנדערע טעכטער פֿון רײַכע שטובן, וואָס פֿאַרלאָזן זומער זייערע שטובן און פֿאָרן אַרויס אויף פֿרישער לופֿט, האָט זי אויך זומער איבערגעלאָזט דעם פּאַנסיאָן און איז אַראָפּגעקומען קיין מאַליקראָוויק. אָבער דאָס זיצן אויפֿן דאָרף איז איר נישט געווען צום האַרצן. אפֿשר, ווײַל זי האָט נישט געביטן אירע שטאָ־טישע מלבושים אויף דאָרפֿישע, און אפֿשר, ווײַל זי איז צוגעוווינט צו דער שטאָט, וווּ מען זעט אַ סך מענטשן, וואָס אויפֿן דאָרף איז דאָס נישטאָ. און אויסער בהמות און עופֿות און קוסטן און ביימער זעט מען דאָ גאָרנישט. און אַז עס טראָגט זיך דורך אַ ווינט, ברענגט ער מיט זיך אַ ריח פֿון מיסט און אַ ריח פֿון מילך און שלעפּט אָוועק דײַן הוט און צעפּלאָשעט דײַנע האָר. יעדן טאָג, די גאַנצע צײַט וואָס מינע זיצט אויפֿן דאָרף קוקט זי שוין אויס, אַז עס זאָל אָוועק דער זומער און עס זאָל שוין קומען איר צײַט אומצוקערן זיך קיין סטאַניסלע. און פֿאָרן צוריקפֿאָרן קיין סטאַניסלע קומט זי קיין שיבוש. שיבוש איז טאַקע נישט סטאַניסלע, אָבער ווי עס זאָל נישט זײַן, איז עס פֿאָרט אַ שטאָט.

מינע האָט געהערט, אַז מען וויל זי חתונה מאַכן און זי האָט גאָרנישט געזאָגט דערצו. איר האַרץ געהערט נאָך צו איר און איז נאָך קיינעם נישט פֿאַרמשכּנט. זי האָט חבֿרטאָרינס ייִנגערע פֿון איר און זיי זענען שוין חתונה־

געהאַטע, און זי האָט עלטערע חבֿרטאָרינס און זיי האָבן נאָך נישט חתונה געהאַט. מינע ווייסט נישט וועמען פֿון זיי עס איז בעסער, די חתונה־געהאַטע אָדער די נישט חתונה־געהאַטע. זי ווייסט אָבער, אַז מען קאָן נישט אָפּלעבן אַזוי אַ גאַנץ לעבן אין אַ פּאַנסיאָן און זי דאַרף חתונה האָבן, אויב נישט הײַנט איז מאָרגן, און אויב נישט מאָרגן, איז איבערמאָרגן. און וואָס איז דער חילוק — הײַנט צי מאָרגן.

דער דאָזיקער האָרוויץ, וואָס מען וויל זי פֿאַר אים חתונה מאַכן, זי האָט צו אים גאָרנישט. אויב נאָך זײַנע מלבושים — איז ער אַ מאָדערנער מענטש, און אויב נאָך זײַנע מאַנירן נאָך — איז ער אַ מענטש מיט מאַנירן. אוודאי זענען נאָך פֿאַראַן אַ סך זאַכן וואָס אַ בחור דאַרף באַזיצן, כּדי געפֿעלן צו ווערן אַ מיידל. אָבער מינע האָט נאָך נישט קיין דערפֿאַרונג און זי איז נישט באַהאַוונט אין אַזוינע זאַכן. נאָר עס איז בײַ איר געווען אַ וווּנדער: וויפֿל מאָל זי האָט זיך צנויפֿגעטראָפֿן מיט אים בײַ זײַנע עלטערן אין הויז, האָט ער מיט איר גאָרנישט גערעדט, אויסער וועגן זאַכן סתּם אין דער וועלט אַרײַן. אַזוי פֿירן זיך מאָדערנע מענטשן, אַז זיי לאָזן איבער פֿאַר זייערע עלטערן, זיי זאָלן פֿאַר זיי ווירקן אויף זייערע באַשערטע?

מען קאָן נישט זאָגן, אַז הערשל האָרוויץ איז עס דער באַשערטער, וואָס מינע האָט באַגערט אין אירע חלומות, און מען קאָן נישט זאָגן, אַז ער איז עס נישט. עפּעס איז פֿאַראַן אין הערשל האָרוויצן, וואָס ציט צו אים דאָס האַרץ. מינע האָט נישט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער עפּעס איז עס יענער כּוח פֿון דער פֿאַרבאָרגענער ליבע און איר האַרץ ציט צו אים פּונקט אַזוי ווי דעמס האַרץ ציט צו אַן אַנדערער.

די טעג גייען זיך ווי געווינלעך. יעדער טאָג מיט זײַן רווח. אָבער ווער פֿירט זיך נישט ווי געווינלעך, דער דאָקטאָר קנאַבנהוט, וואָס האָט אײַנגעפֿירט, אַז די משרתים זאָלן איבערלאָזן זייערע געוועלבער אַכט אַ זייגער אין אָוונט, אַז זיי זאָלן נישט זײַן קיין שקלאַפֿן גאַנצע טעג און נעכט זייערע.

געצל שטיין און דער משרת, וואָס איז אונטער אים, זענען נישט אין קנאַבנ־הוטס קאָמפּאַניע, אָבער די סאָציאַליסטן האָבן געדריקט אויף זיי און זיי קאָנען זיך נישט אַרויסנעמען פֿון כּלל. קומט אַכט אַ זייגער, לאָזן זיי איבער דאָס געוועלב און גייען אַהיים. ווען נישט די מידה פֿון רחמנות, וואָס דער באַשעפֿער האָט אין אונדז אַרײַנגעגעבן, וואָלטן מיר זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פֿון געלעכטער; וואָס האָבן זיי דערפֿון, וואָס זיי גייען אַהיים פֿריִער? וואָס, מישטיינס געזאָגט, האָבן זיי בײַ זיך אין דער היים?

דער וואָס גאָט איז מיט אים איז אַפֿילו די שלעכטע זאַכן פֿאַלן אים אויך אויס צום גוטן. וויפֿל האָט זיך עס צירל אויסגערעדט דאָס האַרץ קעגן

דעם דאזיקן קנאבנהוט, וואס האט אנגעהעצט די משרתים, אז זיי זאלן פארלאזן זייערע בעלי־בתים צוויי־דריי שעה פאר דער צייט. צום סוף איז זי גאר צופרידן פון דעם, ווייל אז די משרתים גייען אהיים און הערשל גייט אוועק אין ציון־פאראיין, בלייבט צירל מיט איר מאן אליין און זיי אונטערהאלטן זיך זאלבע נאנד און ס'איז קיינער נישטא מיט זיי. אז די ראל־טיר איז אראפגעלאזט ביז אין דער העלפט, גייט קיין מענטש נישט אריין. ווער עס דארף עפעס, נעמט ער, איידער מען לאזט אראפ די טיר, און ווער עס וויל סתם רעדן דברים בטלים, קערט ער זיך אום און גייט אוועק ערגעץ אנדערש ווו. פאראן געגוג מזוזות אין שיבוש, וואס אויב דו ווילסט זיי א קוש טאן, דארפסטו זיך נישט איינבייגן.

די טיר איז האלב פארמאכט, אבער די קאסע איז אפן. ברוך־מאיר און צירל לייגן אוים זייער געלט, די קופערנע מטבעות באזונדער און די זילבערנע באזונדער און פאפירגעלט באזונדער. פון די מטבעות מאכן זיי קלעצלעך און פון פאפירגעלט פעקלעך.

נישטא עפעס בעסערס ווי זיצן ביי נאכט אין געוועלב, בעת דיין געלט ליגט פאר דיר. דו לייגסט א רענדל צו א רענדל און שטעלסט זיי אוים ארום טיש און דו זעסט און דו פילסט, אז דו ביסט צוגעקומען צום ארט, וואס דו האסט באגערט. אין דער זעלבער צייט לאזן זיך ארוים פארלעך און גייען פארביי דיין געוועלב און מאכן זיך צו בלאטע איינער פארן אנדערן. אויב דו האסט אויערן, הערסטו זייער הארץ און זייערע טריט. אוי, וויפל נעכט מוטשען זיי זיך שוין און וויפל נעכט וועלן זיי זיך נאך אזוי מוטשען און גיין, און איך ווייס נישט, צי עס דערוואַרט זיי עפעס גוטס. אין דער זעלבער צייט זיצסטו מיט דיין ווייב צירל אין דיין געוועלב און ס'דערטראגט זיך צו דיר א ריח פון פייגן און ראזשינקעס און צימרינג. אז אפשטיין פון אן אנדערער זון איז איבערגעבליבן אין די דאזיקע פירות, אפילו זיי ליגן באהאלטן אין א קעסטל, פילסטו איר ווארעמקייט. צירל און ברוך־מאיר זיצן זאלבע נאנד און שווייגן און זייערע אויערן זענען אנגעשפיצט. וואס האבן זיי פלוצלינג אנגעשפיצט זייערע אויערן? אפשר האבן זיי דערהערט אז אפקלאנג פונעם געזאנג פון א פלאנצער און פלאנצערינס, אדער אפשר האבן זיי דערהערט א בת־קול פון א קוש, וואס א פאסטעך האט געגעבן זיין כלה אונטער א פייגנבוים, און זיי האבן אנגעשטעלט זייערע אויערן?

פאראן אין שיבוש אזעלכע וואס האלטן, אז אויב א פריצטע איז געפעלן געווארן איר קנעכט און זי איז אוועק מיט אים, הייסט דאס, אז זי איז געווארן פארליבט, זי באקומט קלעפ און קערט זיך נישט אום צו איר מאן, כאטש ער וויל זי צוריקנעמען. און פאראן אזעלכע וואס האלטן, אז מאטשע שיינבארד איז געווארן פארליבט, ווייל צוליב א פרוי, וואס ער איז איר נאכגעלאפן, האט ער צעבראכן א פוס און מען האט אים געמאכט א הילצערנעם פוס און ער האט אלץ נישט קיין חרטה. און פאראן אזעלכע

וואָס האַלטן, אַז דער וואָס די ליבע האָט אים אַזוי באַהערשט, אַז ער איז אַזש אַראָפּ פֿון זינען, האָט ער זיך מוסר נפֿש געווען פֿאַר דער ליבע. אַלע וואָס האַלטן אַזוי, האַלט זיי זייער יצר אין אַ טעות.

צירלען און ברוך־מאירן ליגן נישט אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן. ער לויפֿט איר נישט נאָך און זי גייט נישט אַראָפּ פֿון זינען. זי איז רויִק מיט אים און ער איז רויִק מיט איר. אַלע יאָרן זייערע מאַכן זיי געלט, און אַז זיי האָבן אַ פֿרייַע מינוט, זיצן זיי זאַלבע נאָנד און שווייַגן זאַלבע נאָנד.

אָבער נישט שטענדיק ווילט זיך שווייַגן. פֿאַר דעם וואָס איז מיד פֿון זייַן שווערער אַרבעט, איז גוט, ער זאָל אַ מאָל כאַפּן אַ לייַכטן שמועס.

האָט צירל אָוועקגענומען די הענט פֿונעם געלט און געזאָגט: אַ מענטש קוקט ווייַט און זעט נישט, וואָס עס שטייט אים בייַ זייַן זייַט. קענן וואָס זאָג איך דאָס? קענן גדליה צימליכס טאָכטער. דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַ פּאַסיק מיידל פֿאַר הערשלען. ווי מיינסטו, ברוך־מאיר?

ס'איז נישט ברוך־מאירס שטייגער, ער זאָל זאָגן עפּעס וואָס זאָל נישט זייַן געבונדן מיט צירלס ווערטער. טייל מאָל חזרט ער איבער אירע ווערטער און טייל מאָל גיט ער עפּעס צו צו זיי שטאַרקער צו מאַכן די זאַך. אין צירלס קול איז נאָך פֿאַרבליבן אַ שמינית שבשמינית פֿונעם ערשטן יאָר נאָך זייער חתונה, וואָס איז ברוך־מאירן אַזוי ליב ווי דאָס ערשטע יאָר נאָך זייער חתונה.

אַצינד אַז זי האָט אָנגערירט אַ גרויסן עיקר פֿון זייַן זונס לעבן, האָט ברוך־מאיר אַ ווייַלע אויסגעוואַרט און ער האָט אָנגענומען די קייט פֿון זייַן זייגער, ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און אָנגעשטרענגט זייַן געדאַנק, כּדי גוט אַרייַנצוטראַכטן אין דער זאַך. אַז ברוך־מאיר טראַכט עפּעס, פֿאַרמאַכט ער די אויגן און טאַפּט די קייט אין זייַן האַנט, נישט ווי זייַן שווער, וואָס האָט נישט געדאַרפֿט האָבן קיין כּלים צו זייַנע מחשבֿות.

צירל האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און געקוקט אויף איר מאַן. יעדער דור מיט זייַנע מנהגים. איר טאַטע האָט נישט געקוקט קיין מענטש אין פּנים אַרייַן און ער האָט געוווּסט זייַנע מחשבֿות. אָבער צירל, אַז זי רעדט מיט אימעצן, האָט זי ליב צו קוקן אויף אים. אָדער אפֿשר האָט זי געוואָלט אייַנקוקן זיך אין איר מאַן, בעת ער זעט זי נישט? צום סוף האָט ברוך־מאיר געעפֿנט די אויגן און אַרויסגעלאָזט די קייט פֿון זייַן האַנט און געזאָגט: כּדאי פֿריִער צו הערן טאַטעס מיינונג.

האָט צירל געזאָגט: אַסור מיר, איך זאָל צונעמען בייַ טאַטעס זייַן פּרנסה, איך האָב נאָר פֿריִער געוואָלט הערן דייַן מיינונג.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: צימליך איז אַ ייִד אַ גבֿיר, קיינער וועט דאָס נישט פֿאַרלייקענען.

האָט צירל געזאָגט: און די טאָכטער זייַנע, מינע?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: די טאָכטער זײַנע, מינע, איז אַ ווויל מיידל, קיינער וועט דאָס נישט פֿאַרלייקענען. נאָר...

האָט צירל געזאָגט: נאָר וואָס?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: נאָר צו אַזאַ שטייגער זאַך דאַרפֿסטו מיך נישט האָבן. דאַכט זיך מיר, אַז דו פֿאַרשטייסט זיך אויף איר בעסער פֿון מיר.

האָט צירל געזאָגט: איך האַלט אויך אַזוי ווי דו, ברוך־מאיר.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: אויב אַזוי?

האָט צירל געזאָגט: אויב אַזוי, דאַרף מען אַ רעד טאָן מיט טאָובערן.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: דאָס האָב איך דאָך געזאָגט.

האָט צירל געזאָגט: ביסט גערעכט, ברוך־מאיר, כ'האָב אָבער געוואָלט פֿריִער הערן דײַן מיינונג.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: איך בין בײַ דער זעלבער מיינונג ווי דו, צירל.

האָט צירל געזאָגט: נישטאָ קיין זאַך, וואָס מען זאָל נישט דאַרפֿן זיך קיין עצה האַלטן דערויף. אַ מענטש דאַרף נישט אָפּטאָן קיין זאַך, איידער ער איז זיך מישבֿ מיט נאָך אימעצן. דער זאָגט אַזוי און דער זאָגט אַזוי און צווישן די ביידע ווערט קלאָר דער ענין און מען ווייסט, וואָס מען האָט צו טאָן. נאָר כּדי דו זאָלסט נישט זאָגן, אַז איך טו עפּעס אָן דיר, מוז איך דיר זאָגן, אַז איך האָב שוין געזען טאָובערן און שוין גערעדט מיט אים.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: און וואָס האָט ער געזאָגט?

האָט צירל געזאָגט: קענסט נישט טאָובערן?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: ווי ס'זאָל נישט זײַן, איז כּדאַי צו וויסן, וואָס ער האָט געזאָגט.

האָט צירל געזאָגט: ער האָט געשוויגן און איז זיך אָוועקגעגאַנגען.

האָט ברוך־מאיר זיך געריבן די הענט אַ צופֿרידענער און געזאָגט: האָ, טאָובער האָט געשוויגן און גאָרנישט געזאָגט.

האָט צירל געזאָגט: און איז זיך אָוועקגעגאַנגען.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: וווּהין איז ער עס געגאַנגען?

האָט צירל געזאָגט: איך גיי אים נישט נאָך, טאָובערן, אָבער איך האָב געהערט, אַז ער איז געווען אין מאַליקראָוויק.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: און וואָס האָט ער דאָרט געטאָן? געשוויגן, ווי זײַן שטייגער?

האָט צירל געזאָגט: אַז ער וועט קומען אָפּנעמען דאָס שדכנות־געלט, וועלן מיר אים אַ פֿרעג טאָן.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: מיר וועלן שוין פֿרעגן. און ער האָט זיך געריבן די הענט.

בלימע האט אלץ צוגעזען. פון מינעס קומען האט זי פארשטאנען, וואס עס לאזט זיך פארשטיין. זי האט נאך נישט געהערט קיין קלארע זאך, אבער איר הארץ האט איר שוין געזאגט א סך.

בלימע וואונדערט זיך אויף זיך אליין, וואס זי האט נישט קיין פארדראס און זי ערגערט זיך נישט. כל־זמן זי קאן פארריכטן, וואס אנדערע האבן קאליע געמאכט, האט זי נישט קיין טענות צו זיך. כל־זמן דער געדאנק איז ביי איר קלאר און דאס הארץ איז ביי איר רויק, צערנט זי נישט. נאר וואס וואלט זי געוואלט? ענדערן איר לאגע, איידער ס׳וועלן קומען די מחותנים און זי וועט זיי דארפן באדינען. אזוי צי אזוי, האט זי ביי זיך אפגעמאכט צו בייטן דאס ארט.

איינעם א טאג איז הערשל אראפ אין קעלער אנצאפן וויין פון פאס און זיין מאמע איז אראפ נאך אים. האט זיך הערשל געטראכט, די מאמע איז אראפגעגאנגען נאר כדי נאכצושפיאנירן, צי איך טרעף זיך נישט מיט בלימען. ס׳הארץ האט אין אים געברויזט פון כעס. צי זענען מיר חשוד, אז מיר טרעפן זיך אין קעלער. הערשל האט זיך געשעמט, וואס זיין מאמע איז אזוי געפאלן חושד צו זיין זיי אזא מין זאך. האט ער זיך געמאכט, ווי ער זעט זי נישט. ער האט ביי זיך געטראכט: זאל זי קומען, וועט זי זיך אומקערן א צעפלעפטע.

צירל האט פארשלאסן הינטער זיך די קעלערטיר און זי איז אראפגעגאנגען, טאפנדיק אין דער פינצטער, ביז זי איז צוגעקומען צו איר זון, און זי האט געזאגט: הערשל, איך וויל מיט דיר עפעס רעדן. פאר וואס שווייגסטו?

האט הערשל געזאגט: דו ווילסט דאך רעדן? איך שוויַיג, כדי איך זאל הערן.

צירל האט פארביסן די ליפן און געזאגט: ביסט גערעכט. אבער פון איר שטים איז נישט געווען צו דערקענען, אז ס׳איז איר געפעלן געווארן, וואס ער האט געזאגט.

זי האט גלייך געביטן איר שטים און ארויסגעלאזט א קרעכץ ווי א פארערדע צו דעם וואס זי וויל זאגן, און זי האט געזאגט: צימליכן קענסטו, איך מיין, אז איך דארף דיר נישט זאגן, ווער ער איז.

דער שטיין, וואס האט געדריקט אויף זיין הארצן, האט זיך אראפגעקאלערט פון זיך אליין. ער האט געמיינט, אז די מאמע זיינע שפיאנירט אים נאך, צום סוף קומט זי גאר ארויס אויף מסחר־זאכן. עס איז אים נאך אבער שווער געווען צו פארשטיין, פאר וואס קומט דער מאמען אן אזוי שווער דאס אנהייבן רעדן צום עצם ענין.

האט צירל ווידער אנגעהויבן: צימליך איז א רייַכער ייִד און זיין טאכטער איז א געבילדעט מיידל. וואס זאגסטו וועגן איר, הערשל? איך האלט, אז זי איז דאס וואס מען זאגט: א מאדערן מיידל. און וואס איר טאטע

וועט איר נדן געבן, הלוואַי אַז זײַן שאַדן זאָלן מיר דאָס פֿאַרדינען יעדעס יאָר. אָבער צי איז דער נדן דער עיקר, עס שטייט דאָך איר פֿאַר דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן זײַנס. כּל־זמן אַ מענטש איז נאָך נישט קיין חתונה־געהאַטער לאָזט ער זיך פֿירן פֿון זײַן האַרץ, ווי עס קומט אָבער די צײַט חתונה צו האָבן, לאָזט ער אָפּ אַלע זײַנע ליבעלעך, ווײַל ווען נישט, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. ווײַ איז צו דער וועלט, אײַן וועלכער די מענטשן לאָזן זיך פֿירן פֿון זייער האַרץ. איך בין גאָרנישט מקנא אַזאַ וועלט. אָסור מיר, אויב איך האָב עפּעס צו בלימען. קיין סך בלימעס וואַלגערן זיך נישט אין די גאַסן. אָבער איינס דאַרפֿסטו נישט פֿאַרגעסן, אַז זי איז אַן אָרעמע, וואָס פֿון רחמנות האָבן מיר זי אַרײַנגענומען צו אונדז אין שטוב און מיר האָבן איר געגעבן אַלץ וואָס זי דאַרף, און איך פֿאַרלאָז זיך אויף איר, אַז זי ווייסט איר פּלאַץ און זי וועט זיך נישט אַוועקשטעלן ווי אַ וואַנט צווישן דיר און דײַן מזל. דו ביסט אַ בעל־בתּיש קינד, הערשל, און דו ביסט באַשאַפֿן פֿאַר עפּעס בעסערס פֿון איר.

הערשל איז געשטאַנען און געשוויגן. אויך זײַן מאַמע האָט זיך נישט געריכט צו הערן פֿון אים אַ פֿעסטע תּשובֿה. זי איז נאָר אויסן געווען צוצוגרייטן אים.

הערשל איז געוואָרן אַפּהענטיק. ער האָט קוים געהאַלטן די קריג. ער האָט נישט געטרונקען פֿון דאָזיקן ווײַן און דער קאָפּ איז בײַ אים ווי אַ וואַרעמהויז פֿון ווײַנטרויבן, וואָס ברויזט פֿון זיך אַליין.

יענעם גאַנצן טאָג האָט ער אַרומגעזוכט בלימען. טויזנט זאַכן האָט ער איר צו פֿאַרציילן. כאָטש ער האָט געשוויגן פֿאַר זײַן מאַמען, האָט ער זיך באַטראַכט פֿאַר אַ העלד. אָבער בלימע איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. מען הערט נישט אירע טריט אין שטוב. פּלוצלינג האָט זי זיך פֿאַר אים באַוויזן. איר פּנים איז פֿאַרענדערט געוואָרן. איר אונטערשטע ליפּ האַלט זי פֿאַרביסן אין מויל. וויפֿל מלחמות ער האָט פֿאַר איר געפֿירט און צום סוף קוקט זי זיך נישט אום אויף אים. דאָס האַרץ איז אים אַנטפֿאַלן געוואָרן. צי האָט ער זיך מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט פֿאַר איר. איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז ער איז ריין פֿון דער מינדסטער שולד.

זײַן מאַמען האָט ער געזען מער ווי מען דאַרף, און בלימען ווייניקער ווי מען דאַרף. האָט ער באַגעגנט די מאַמע, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פֿון איר. האָט ער באַגעגנט בלימען, האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פֿון אים. אין זײַן ליבע צו בלימען האָט הערשל געהאָפֿט צו געפֿינען בײַ בלימען אַן אָנשפּאַר און זי — לאַ די וואָס זי העלפֿט אים נישט, נאָר זי קוקט זיך אַפֿילו נישט אום אויף אים.

אַ פֿאַרנעפּלט געפֿיל האָט הערשלען אונטערגעזאָגט, אַז ווען בלימע וואָלט אים נישט געלאָזט אַליין, וואָלט ער געשטאַנען פֿעסט אויף זײַנע פֿיס און

ער וואָלט זיך נישט געוואַקלט אהער און אַהין. אין די טעג, וואָס בלימע האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, האָט זיך איבערגעקערט ס'האַרץ אין אים. נישט אַז ער האָט זי אַרויסגעלאָזט פון זײַן האַרץ, נאָר בײַ אים אין האַרץ איז אויפגעקומען אַ פאַרדראָס אויף איר.

צירל האָט געטאָן, וואָס זי האָט געטאָן, און אַלץ וואָס זי האָט געטאָן האָט זי געטאָן גיך. זי האָט זיך נישט באַראָטן מיט הערשלען און אים נישט דערקוטשעט. אויך ער האָט זי נישט געפרעגט: וואָס איז דאָס, מאַמע? און דאָס איז עס געווען דער טעות פון צירלס זײַט, וואָס זענדיק אַז הערשל זאָגט איר גאָרנישט, האָט זי געמיינט, אַז איר זון איז געקומען צום שׂכל און ער וויל זײַן גוטס.

קאַפּיטל 8

ווער עס וויל זען בלימען, זאָל ער אַרײַנקוקן אין הערשלס האַרצן אַרײַן, ווײַל בײַ די האַרוויצעס אין הויז זעט מען זי נישט. בלימע האָט זיך אָפּגעפֿונען אַן אָרט אין אַן אַנדער הויז. די גאַנצע צײַט איז זי געווען בײַ די האַרוויצעס, פּלוצלינג האָט זי אַ נעם געטאָן אירע זאַכן און איז אַוועק.

בלימע איז אָנגעקומען צו אירע נײַע בעלי־בתּים און זי האָט פֿונאַנדער־געלייגט אירע זאַכן און אויפֿגעהאָנגען איר טאַטנס בילד איבער איר בעט. דעם טאַטנס געזיכט האָט אָפּגעבליאַקעוועט, זײַן בלאָנדע באָרד, וואָס נעמט אַרום זײַן פּנים, איז בלייכער געוואָרן און אַ שימער פֿון אַן אַנדער וועלט שוועבט איבער אים. פֿון קינדווײַז אָן האָט בלימען נישט געצויגן צו איר טאַטן. פֿון גרויס רחמנות אויף איר מאַמען האָט זי געהאַט פֿאַרדראָס אויף איר טאַטן, וואָס זיצט מיט זײַנע ביכער און לייענט און זיפֿצט, אַזוי ווי ער איז געשטאָרבן, איז ער איר געוואָרן טײַער. יעדע זאַך וואָס האָט זי דערמאָנט דעם טאַטן האָט אויפֿגערודערט איר האַרץ. וואָלט ער נאָך געלעבט, איז אַ ספֿק, צי זי וואָלט געזען זײַנע מעלות, איצט אַז עס איז פֿון אים געבליבן נישט מער ווי זײַן בילד, איז איר האַרץ אויפֿגערודערט.

בלימע האָט פֿאַרלייגט די הענט אויפֿן האַרצן און געקוקט אויפֿן בעט פֿאַר זיך. דאָס איז שוין דאָס צווייטע בעט אירס, זינט זי איז אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון איר מאַמעס שטוב. אין די מינוטן איז בלימע געשטאַנען, ווי זי וואָלט נאָך אַ מאָל פֿאַריתומט געוואָרן.

האָט בלימע געפֿרעגט בײַ זיך: צי איז אויף מיר נגזר געוואָרן, איך זאָל מײַן גאַנץ לעבן זײַן אַ דינסט? צי ווײַל איך בין אַוועק פֿון צירלס הויז, איז אַוועק מײַן האָפֿענונג? האָט זיך בלימע דערמאָנט, ווי זי איז אָנגעקומען צו די האַרוויצעס אין הויז. וואָס איז דעמאָלט געווען איר גאַנצע האָפֿענונג? פֿון דעסט וועגן איז בעסער געווען איר קומען ווי איר אַוועקגיין, ווײַל זי איז אַוועק פֿון דאָרט מיט אַ דערשלאָגן געמיט.

האָט בלימע בײַ זיך געטראַכט: צי ווײַל הערשל איז צוגעבונדן צו דער מאַמען זײַנער, דאַרף איך זיך מיאש זײַן. אַז זײַנע הענט זענען געבונדן, בין איך אָבער פֿרײַ. בלימע אַליין האָט נישט געוווּסט, וואָס זי מיינט דערמיט, צי זי דאַרף אויפֿבינדן זײַנע הענט, צי זי דאַרף זיך פֿון אים אָפּזאָגן.

ווי זי שטייט און רעדט צו זיך אַליין, האָט זיך דערהערט אַ לײַכטער קלאַפּ

אין טיר פון איר צימער און ס'איז אריינגעקומען פרוי תרצה מזל, די בעל־הביתטע, און געפרעגט: איר דארפט אפשר עפעס? זי האט א קוק געטאן אויפן בילד און געפרעגט: דאס איז אייער פאטער?

האט בלימע געענטפערט: יא, דאס איז מיין טאטע.

האט תרצה געקוקט מיט פארוואונדערונג און געשוויגן.

האט בלימע געזאגט: איך בין געראטן אין דער מאמען. און אין רעדן האט זי זיך פארריטלט, ווי מען וואלט זי געכאפט ביי א ליגן.

שווייגנדיקע זענען זיי ביידע געשטאנען פארן בילד. איידל און טרויעריק איז דאס פנים פון דעם דאזיקן מענטש און א מנוחה ליגט אויסגעשפרייט אויפן פנים, א מנוחה פון איינעם וואס אלע זיינע פרעטענזיעס זענען סתם אזוי גערעדט.

בלימע האט אראפגעלאזט דעם קאפ און תרצה איז שטיל ארוים פון צימער. פון פרוי מזלס רייד האט בלימע דערזען אין איר טאטן אזוינס, וואס זי האט פריער קיין מאל נישט געהאט געזען אין אים.

איינעם א טאג האט הערשל דערהערט א גערויש אין צימער פון די פליושמעבל. איז ער אריינגעגאנגען און געטראפן מינע צימליך, ווי זי זיצט און שטריקט א קאמיזעלקע. ער האט געשטאמלט און געזאגט: אנטשולדיקט, איך האב א טעות געהאט און איך בין אריין אז א רשות.

האט מינע אוועקגעלייגט דאס שטריקעכץ און געזאגט: איך בין דאך אריין אין אייער רשות און נישט, אז איר זענט געקומען אין מיין רשות.

הערשל האט קיין מאל נישט געזען מינען, געזען האט ער זי יא, נאר ער האט זיך נישט אומגעקוקט אויף איר. איצט אז ער איז אריין אין איר מחיצה און אומגעריכט געשטאנען פאר איר אויג אויף אויג, איז ער צעטומלט געווארן. הערשל האט געוווסט, אז ער האט איר געדארפט עפעס ענטפערן, נאר דאס לשון איז אים אפגענומען געווארן. וויפל מאל האט ער געטראכט ביי זיך: זי האט דאך געפונען דאס ריכטיקעווארט פאר דעם וואס זי האט געוואלט זאגן, און איך בין געשטאנען פאר איר ווי א גולם. ווי זע איך אוים ביי איר אין די אויגן — א מענטש, וואס באזיצט נישט קיין מאניערן, און זי לעבט דאך אין א גרויסער שטאט און האט זיך דערצויגן אין א פאנסיאן און קען פראנצייזיש און געזען טעאטערס און געהערט קאנצערטן, און איך בין כמעט נישט ארוים פון מיין שטאט, אויסער איין מאל, וואס איך בין מיט דער באן געפארן קיין פיטשעריץ, וואס איז א סך קלענער פון שיבוש.

ווי פארשעמט איז א הארץ, וואס איז באליידיקט געווארן פון א זאך, וואס איז גארנישט אים נוגע; ווי געפאלן ביי זיך איז א מענטש, וואס האלט זיך נידעריקער פון א צווייטן, צוליב א פאר מייל, וואס יענער האט געמאכט מער פון אים. און ער ווייסט נישט, אז דורך דעם, וואס ער האלט זיך נידעריקער, ווערט יענער דערהויבן.

אַ טאָג גייט אַוועק און אַ טאָג קומט. דאָס וואָס האָט נעכטן דערשלאָגן הערשלס געמיט, האָט ער שוין היינט פאַרגעסן. הערשל האָט שוין פאַרגעסן, וואָס ס׳האָט אים פּאַסירט מיט מינען. סוף כּל סוף האָט ער זי דאָך נישט געמאַכט פאַרן עיקר פון זיינע מחשבֿות און ער האָט געמעגט זי פאַרגעסן. אָבער וועמען האָט הערשל נישט פאַרגעסן — בלימען.

הערשל טראַכט וועגן בלימען און ער ווייסט נישט, פאַר וואָס זי איז אים אַזוי טייער: צי דערפאַר ווייל זי האָט זיך אַזוי דערוויטערט פון אים, איז זי אַזוי אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן?

אַ גרויסן טעות האָט הערשל געהאַט: נישט דאָס אָרט איז דער גורם, דאָס האַרץ איז דער גורם. טייער איז זי אים תּמיד געווען, זינט ער איז רייף געוואָרן האָט אים געצויגן צו איר, ווי זיינס אַ צווילינג־שוועסטער, וואָס מען האָט זי דערוויטערט פון אים מיט געוואַלד.

פון הערשלען איז צוגענומען געוואָרן דער רעאַלער חוש. מיט וויפל מחשבֿות האָט זיך דער דאָזיקער בחור אַרומגעטראָגן און עס איז אים אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז בלימע דינט ביי אַנדערע. וואָס האָט הערשל געמיינט, אַז בלימע לעבט פון די שטערן? אַלץ אין דער וועלט האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, נאָר אַז בלימע דאַרף האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און וואָס צום עסן, דאָס איז אים אויפן געדאַנק נישט געקומען.

ענדלעך האָבן זיך געעפנט הערשלס אויגן און ער האָט דערזען, וואָס ער האָט פריער נישט געזען. און הערשל האָט זיך נאָך אַלץ פאַרשפּילט מיט פאַרשידענע פאַנטאַזיעס. די מעשׂה מיט דער פרוי מזל, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין איר מוטערס לערער און האָט מיט אים חתונה געהאַט, האָט איינגעהילט אין אַ מין ראָמאַנטישן שלייער דאָס הויז, וווּ בלימע געפינט זיך איצט. טייל מאָל שטעלט זיך הערשל פאָר, אַז זי און פרוי מזל שמועסן איינע מיט דער אַנדערער. די דערציילט, וואָס זי האָט אַלץ דורכגעמאַכט, ביז זי האָט דערלעבט חתונה צו האָבן מיט עקבֿיה מזל, און די דערציילט איר, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען צווישן איר מיט הערשלען. ביז זיי גייען זיך פונאַנדער. ווייסט שוין בלימע, אַז אַלץ איז געווענדט אין דער פרוי. און הערשל האָט שוין אויסגעקוקט, אַז בלימע זאָל עפּעס טאָן אין דער זאַך. און אַז עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און בלימע האָט גאָרנישט געטאָן, האָט ער זיך געוווּנדערט. און אַז עס איז אַוועק נאָך אַ שטיקל צייט, האָט ער אָנגעהויבן אויסטענהן זיך מיט איר ביי זיך אין האַרצן. אַז זי וועט זיך נישט צואײַלן, וועט דער סוף זיין, אַז זי וועט פאַרשפּעטיקן.

וואָס האָט בלימע געטאָן? בלימע האָט נישט געלעבט מיט קיין חלומות. אַפילו אַז עס פלעגן קומען צו איר דער מלאך פון די חלומות, פלעגט זי זיך

אויסלאכן פון אים. טויזנט מלאכות האט זי געטאן, אבי נאר צו פארטרייבן אירע מחשבות. א גאנצן טאג גייט בלימע ארום ביי אירע בעלי־בתים אין הויז און טוט יעדע ארבעט. אומזיסט שרייען אויף איר די בעלי־בתים אירע, אז זי שינדט אראפ פון זיך די הויט. אויף זיבן ערטער געפינט איר זי אין דער זעלבער מינוט. יעדע ארבעט טוט זי. דאס גאנצע בעל־בתישקייט ליגט אויף איר. אפילו מיטן קינד גיט זי זיך אפ. קלאגט זיך פרוי תרצה און זאגט: איך הייב שוין אן צו צווייפלען, צי דאס קינד מיינס איז מיינס, אפשר איז עס בלימעס.

הערשל שטייט אין געוועלב און באדינט די קונים. א סך מענטשן שטייען אין ענגשאפט אין געוועלב, בעלי־ביתטעס און דינסטן. דער גיט ער צוקער און דער גיט ער נאפט.

הערשלס וועלט גייט זיך ווי געוויינלעך. ער שטייט פאר דער וואג און וועגט כלערליי סחורות און פארפאקט זיי און דערלאנגט זיי די קונים. די סחורה איז גוטע סחורה, און די וואג איז א ראיעלע וואג. די קונים און דער קיסר מעגן זיין צופרידן פון אים. וויפל האט עס נישט צירל געלויבט מינען. פון דער צווייטער זייט, האט אויך הערשל פארדינט, מען זאל אים לויבן. יעדער ריר זיינער ברענגט רווח.

צווישן איין קונה און צווייטן שטייט הערשל ביי דער וואג און קוקט פאר זיך און טראכט ביי זיך: פאר וואס נעם איך אן יעדע זאך אזוי גלייכגילטיק. צי לאזט זיך גארנישט ענדערן?

אמת, א סך זאכן זענען פארגעקומען אויף דער וועלט פון זינט ווען צירל האט זיך באוויזן פאר איר זון אין קעלער און א סך ענדערונגען וועלן נאך קומען דורך זיי. וואונדערט זיך הערשל און פרעגט: פאר וואס האב איך נישט קיין פארדראס אויף מינען, וואס זי האט זיך אוועקגעשטעלט ווי אן אייזערנע וואנט צווישן מיר און בלימען. איידער ער האט נאך געפונען דעם ענטפער, איז ער שוין מסיח דעת פון איר און הייבט ווידער אן טראכטן וועגן בלימען. א פארנעפלט געפיל האט אים אונטערגעזאגט, אז נישט מינע איז שולדיק אין דעם, נאר בלימע, ווייל ווען זי וואלט אים געוויזן א פריילעכע מינע, וואלט ביי אים נישט געווען קיין ארט פאר מינען.

אבער ביי הערשלען בייט זיך די מיינונג יעדן טאג. נעכטן האט ער זיך געוואונדערט, וואס ער האט נישט קיין פארדראס אויף מינען, און היינט האט ער פארדראס אויף בלימען און ער וואונדערט זיך גארנישט. הערשל טראכט ביי זיך, אלץ וואס איז געקומען אויף מיר איז געקומען צוליב דעם ווייל זי האט מיך פארלאזט און איז זיך אוועק און איך האב נישט, ווער עס זאל זיך פאר מיר איינשטעלן ביים טאטן, ביי דער מאמען און ביי די אלע וואס האבן זיך אנגעזעצט אויף מיר.

הערשל פרעגט בײַ זיך אליין: פאר וואס נעם איך אלץ אזוי ווי א זעלבסט־פארשטענדלעכע זאך? צי קאן מען שוין דא גארנישט ענדערן. הא, דאס וואס צירל האט געטאן, וועט שוין ענדערן הערשלס לאגע. עס זענען זיך שוין צוזאמענגעקומען הערשלס עלטערן מיט מינעס עלטערן און אפגע־שמועסט דעם נדן פאר זייערע קינדער. איצט דארפן זיי נאר צוזאמענברענגען זיי אויף איין ארט.

הערשל האט געפרוווט זיך ווערן קעגן זײַן מאמען, אבער זי האט זיך נישט ארײַנגעלאזט אין קיין טענות מיט אים, נאר זי האט צוגעגעבן אירע זיפצן צו זײַנע און געזאגט: דער מענטש איז נישט קיין בעל־הבית איבער זײַן גורל. און נאך עפעס האט זי געזאגט: גלײַכער, אז איינער זאל חתונה האבן מיט א מיידל, וואס שעצט אים און נישט נאכלויפן די וואס קוקן זיך נישט אום אויף אים. זי איז א גרויסע פיקחית, צירל, און זי ווייסט, אז היַינטיקע צײַטן האבן עלטערן נישט קיין דעה איבער זייערע קינדער, און ווער שמועסט נאך, אז עס האנדלט זיך וועגן א שידוך. ווען זי וואלט זיך באגאנגען מיט איר זון ווי די אנדערע מאמעס, וואלט ער זיך אפשר ארויסגענומען פון איר רשות. אבער אז זי באגייט זיך מיט אים מיט ליבשאפט, איז זײַן הארץ ווייך ווי וואקס, וואס לאזט זיך קנעטן ווי מען וויל.

זיצט הערשל לעבן זײַן מאמען און זײַנע אויגן פײַכטלען זיך. ווי ווײַט ער איז געווען פון איר, צום סוף האט ער נישט קיין נעענטערן פון איר. א חבר האט ער געהאט אין זײַנע קינדער־יארן, וואס ער האט אין אים א טעות געהאט און געמיינט, אז ער איז זײַנער א גוטער־ברודער. איין מאל האט ער בוגד געווען אין אים און הערשל האט פון דעם גרויס צער געהאט. האט זײַן מאמע צוגעזען זײַן צער און זי האט אים גענומען און אים געגלעט איבערן קאפ און געקושט אים אין שטערן. צום סוף האט ער פארגעסן זײַן חבר און איז געווארן צוגעבונדן צו איר. וואס עס האט פאסירט מיט הערשלען אין זײַן קינדהייט, האט מיט אים פאסירט בחורווײַז.

דער ווינטער איז געשטאנען אין זײַן גאנצער קראפט. די הײַזער זענען פארזונקען ביז אין דער העלפט אין שניי. און א רויך גייט ארויס פון יעדן הויז און פון יעדן דאך, פון די נידעריקע הײַזלעך — ווײַט פון הימל און פון די הויכע — נאענט צום הימל; פון די נידעריקע — א מאגערער און פון די הויכע — א געדיכטער און א פעטער. דער טײַך ליגט אויס־געשפרייט ווי א הימל־געוועלב פון אײַז און א צלם פון אײַז שטייט אין זײַן מיטן. די חגאות דערנענטערן זיך און אלע געוועלבער אין שיבוש זענען פול מיט סחורות און מיט קונים. שליטנס טראגן זיך פארבײַ און

עם קלינגען די גלעקלעך אויף זייערע פערד. פון איין עק שטאט ביזן צווייטן הערן זיך קלארע און קאלטע קלאנגען. און די פריצים מיט די פאכטערס פון זייערע גיטער קומען איינגעבערדעוועטע אין פעלצן פון בערן און פון וועלף. שיבוש קאכט ווי א קעסל און בלאנקט אין שניי און די קרעמערס זענען פארטאן ביז איבערן קאפ.

נישט געווען פאר די קרעמערס קיין בעסערע צייט ווי ערב די חגאות, ווען מען קויפט איין א סך אויף כיבודים און מתנות. נישטא קיין געוועלב, וווּ מען גרייט נישט צו קיין מתנה־פעקלעך פאר די שטאטישע באאמטע.

גדליה צימליך איז געקומען אין שטאט און איז אריינגעקומען צו הורוויצן. צירל איז געזעסן ביי א פייערטאפ און געווארעמט זיך די הענט. אז ער איז אריינגעקומען, האט זי אויסגעצויגן אירע ליפן צו אים און צו א רייע קעסטלעך, וואס דער ריח פון זייער הויז איז אויסגעמישט מיט ריחות פון שפייזווארג און משקאות. ברוך־מאיר איז אראפגעגאנגען פון זיין קאנטארל און דערלאנגט אים א צעטעלע און האט אים איינגערוימט עפעס אין אויער.

האט צימליך גענומען דאס צעטעלע אין דער רעכטער האנט און דורכגעקוקט עס און איבערגעלייענט אויפן קול, אפווישנדיק מיט דער לינקער האנט די פארפרוירענע וואנצעס און זיינע מידע, גוטמוטיקע אויגן האבן אויפגעלויכטן. ס'איז געווען קאנטיק אויף אים, אז ער האט פארגעניגן פון דעם וואס ס'שטייט פאר די באאמטע און זייערע ווייבער צו עסן און טרינקען.

וויים פון אים, ביים טיש, ווו עס שטייט די וואג, איז געשטאנען הערשל מיט א גרימאסע אויפן מויל ווי אוים גרינגשעצונג, און ער האט געפויקט מיט די פינגער אויף דער שאל. הערשלס אויגן האבן נישט געלויכטן ווי צימליכס אויגן און זיינע מחשבות זענען געווען וויים פון צימליכס מחשבות. וואס דעם געפעלט, געפעלט נישט דעם. אין הארצן האט ער געהאט א פארדראס; די היטער פון געזעץ נעמען שוחד, זיי זאלן נישט פארדרייען דאס געזעץ, און די וואס גיבן זיי דעם שוחד, פרייען זיך, גלייך ווי מען וואלט זיי געטאן א גרוים חסד. און נישט בלויז דאס, נאר די וואס נעמען שוחד זענען געשעצט און די וואס גיבן שוחד זענען בזויים. נישט מחמת סאציאליזם און נישט מחמת יידישן כבוד איז הערשל געקומען צום אריינטראכטן זיך אין דער זאך, נאר מחמת זילזול צו יענעם דארפסמאן איז ביי אים אין הארצן אויפגעקומען דער פארדראס.

האט צירל דאס באמערקט אויף איר זון און זי האט אים געוואלט ארויפפירן אויף אן אנדער עניין. האט זי אוועקגערוקט דעם פייערטאפ און געפרעגט צימליכן: וואס שרייבט עפעס פריילין מינע? כאטש מען האט שוין געהאט אפגעשמועסט דעם נדן, האט צירל נאך אלץ גערופן זי פריילין.

האָט גדליה אוועקגעלייגט דאָס צעטעלע און געזאָגט: מיר ריכטן זיך אויף איר יעדן טאָג, אם ירצה השם.

האָט ברוך־מאיר זיך געריבן די הענט און געזאָגט: איז אַ גוטער מינוט.

האָט צירל געזאָגט: און גלייך נאָך די חגאות וועט זי צוריקפאָרן קיין סטאַניסלע?

האָט גדליה צימליך געזאָגט: זי פאָרט שוין מער נישט צוריק.

האָט צירל געזאָגט: פאַר וואָס?

האָט גדליה צימלעך אָפּגעזיפצט און געזאָגט: די אייגנטימעריז פון פּאַנסיאָן, ווי מינע האַלט זיך אויף, האָט חתונה געהאַט מיט אַ גוי.

האָבן ברוך־מאיר און צירל ביידע מיט אַ מאָל אויסגערופן דערשטוינטע: מיט אַ גוי, מיט אַ גוי האָט זי חתונה?

גדליה צימליך האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ.

האָט ברוך־מאיר אַריינגעשטעקט די פינגער פון זיין רעכטער האַנט אין זיין באָרד און האָט זי אַ שויבער געטאָן צו זיין פנים אַרויף, ווי איינער וואָס שליידערט אוועק אין זיין צער אַ שיינע זאַך.

צירל האָט אָנגעהויבט אירע שפּיצן פינגער אין איר מויל און אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. ברוך־מאיר האָט צו רעכט געמאַכט זיין באָרד מיט זיין רעכטער האַנט און אָנגענומען די קייט פון זיין זייגער און געזאָגט: ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף דער מיידל, וואָס זי דאַרף זיצן אויפן דאָרף.

האָט צירל געזאָגט: און איך פריי זיך מיט אירע טאַטע־מאַמע, וואָס פון איצט אָן וועט שוין זייער טאָכטער זיין צוזאַמען מיט זיי.

האָט ברוך־מאיר שטאַמלענדיק געזאָגט: אויב צוליב דעם, פריי איך זיך אויך.

האָט צירל געזאָגט: איך האָף, אַז הער צימליך וועט זי נישט באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב און מיר וועלן אויך האָבן די זכיה צו זען זי.

האָט גדליה געזאָגט: איך האָב מורא, אַז זי וועט זיין מער אין שטאָט ווי אין דאָרף. זי איז נאָך נישט געקומען און סאַפּיע האָט זי שוין פאַרבעטן צו זיין ביי איר. די דאָזיקע סאַפּיע פאַרמיאוסט איר ממש מאַליקראַוויק.

האָט ברוך־מאיר צוגעגעבן, ווי איינער וואָס קען זיך אויס אין זיין חברס עסקים מחמת ליבשאַפט צו אים, און געזאָגט: איר מיינט די פרוי גילדנ־האָרן, אייזשע העלערס טאָכטער.

האָט גדליה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: זי לאָזט ממש נישט אָפּ מיין טאָכטער, ווי נאָר זי קומט, שלעפּט זי זי גלייך אין שטאָט אַריין. זי זאָגט צו איר: די קי וועלן געבן מילך אַז דיר אויך.

האָט צירל געזאָגט: זי האָט אַ באַקוועמע דירה און עס איז דאָרט פריילעך פון מענטשן, וואָס קומען און גייען, ס׳קאָן זיין, אַז ס׳איז פאַראַן אין דעם אַ גוטע זייט, וואָס פריילין מינע וועט זיך דאָרט אויפהאַלטן.

האט גדליה געזאגט: איך האב אויך אזוי געזאגט, נאר איר מאמע איז נישט צופרידן פון דעם. א קינד, וואס איז תמיד ווײַט פון דער היים, אז עס קומט צוריק אהיים, וויל די מאמע, אז עס זאל זײַן לעבן איר.
האט צירל געזאגט: אז פרײַלין מינע וועט קומען, וועלן מיר זיך אלע פרייען מיט איר. וואס זאגסטו, הערשל, די ציוניסטן מאכן נישט עפעס א חנוכה־אוונט דאס יאר?
צירל האט נישט ליב געהאט נישט די ציוניסטן און נישט זייערע אוונטן, נאר כדי צו פארשאפן הערשלען פארגעניגן, האט זי געפרעגט, וואס זי האט געפרעגט, ווי איינער זאגט: וואס ס'איז דיר ליב, איז מיר אויך ליב.

סאפיע גילדנהארן, מינעס חברטאריז, איז געווען עלטער פון מינען מיט צוויי יאר און האט אויסגעזען יינגער פון איר מיט צוויי יאר. זי האט חתונה געהאט מיט א רײַזנדיקן אגענט פון אן אסעקוראציע־געזעלשאפט, יצחק גילדנהארן הייסט ער, א לוסטיקער און לײַכטזיניקער מענטש, וואס פלעג ארומפארן איבער די שטעט און צורעדן די קליינשטעטלדיקע, זיי זאלן זיך אסעקורירן אויפן לעבן און ער האט בײַ דעם גוט פארדינט. די גאנצע צײַט, וואס גילדנהארן איז אונטער וועגנס, הערשט א שטילקייט בײַ אים אין שטוב. ווי נאר ער קומט צוריק קיין שיבוש, הייבט זיך דארט אן רודערן, באזונדערס אין די חגא־טעג, ווען די געשעפטן זענען געשלאסן און די מענטשן זענען אויפגערוימט. קומען זיך צונויף בײַ אים אלע לעביונגען אין שיבוש און הוליען גאנצע נעכט, עסן און טרינקען און שפילן אין קארטן און טרײַבן לצנות. און בעתן פארברענגען דארט גיבן זיי די ייִדן פון שטאט חוזק־נעמען און צונעמען און מאכן כלערליי קאטאוועס־פלאקאטן און הענגען זיי אויף אין מארק. טייל מאל פארדרייען זיי די נעמען און די צונעמען און טייל מאל ליגן זיי צו עפעס צום נאמען. צוליב די דאזיקע צונעמען זענען פארגעסן געווארן א סך פאמיליע־נעמען און ס'זענען אפגעגאנגען א סך שידוכים, ווײַל מען האט זיך געשעמט צו טאן א שידוך מיט א משפחה מיט א מיאוסן צונאמען. זינט גילדנהארן האט זיך באזעצט אין שיבוש, איז שוואכער געווארן דער כוח פון די שיבושער שיינע ייִדן און עס איז פארטונקלט געווארן זייער ליכט און די לצים פון שטאט האבן אויפגעהויבן דעם קאפ, און שיבוש איז געווארן ווי א שטאט פון הולטײַסטווע. און ס'איז נישטא, ווער ס'זאל זיי זאגן א ווארט, ווײַל די שיבושער ייִדן, אדער זיי האבן מורא אײַנצורײַסן מיט גילדנהארענען, אדער עס ציט זיי צו אים. ס'איז א באוווסטע זאך, אז מענטשן ציט צו דעם וואס ס'איז בײַ אים פרײלעך און מען קאן בײַ אים עפעס נעמען אין מויל ארײַן. ווער עס איז ארײַנגעקומען צו גילדנהארענען, האט דארט געטראפן מענטשן, וואס ס'איז אים גארנישט אײַנגעפאלן צו זען זיי דארט.

קאַפּיטל 9

זאת חנוכּה בײַ נאַכט האָט גילדנהאָרן פֿאַרבעטן די משפּחה האָרוויץ אויף לאַטקעס, וואָס סאָפֿיע מאַכט. סאָפֿיע האָט געוווּנען אויף דער לאָטעריע און זי האָט באַשטימט צו מאַכן פֿאַר דעם געלט אַ סעודה. אַז ס'איז געקומען די צײַט צו גיין, האָט צירל געזאָגט צו הערשלען: איך מיטן טאַטן זענען פֿאַרנומען און מיר קאָנען נאָך נישט אַוועקגיין, איך בעט דיך, גיי דו און מיר וועלן אונטערקומען. דו קענסט דאָך די דאָזיקע לײַט, נישט כּדאַי אָפּצוזאָגן זיי. לויט די משקאות, וואָס זיי האָבן הײַנט אָנגעקויפֿט, קאָן מען זיך משער זײַן, אַז ס'איז עפּעס אַ שׂמחה בײַ זיי אין שטוב. אפֿשר איז כּדאַי, זאָלסט אָנטאָן אַ שיין מלבוש פֿאַר די מענטשן וועגן.

אַז הערשל איז אַרײַנגעקומען צו גילדנהאָרנען, איז גילדנהאָרן שוין געזעסן מיט זײַן קאָמפּאַניע און געשפּילט אין קאָרטן. הערשל איז געגאַנגען שיין אָנגעטאָן, אָבער ווי איינער וואָס איז נישט געוווינט צו קומען צווישן מענטשן, האָט ער געהאַלטן אין איין באַטאַפּן זײַנע קליידער, טאָמער האָט זיך אים דער קראַוואַט פֿאַררוקט אין אַ זײַט, טאָמער האָבן זיך אים אַראָפּ־געלאָזט די זאָקן. ווי איינער וואָס אַ פֿלוי האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צווישן זײַנע בגדים, אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין אַרומטאַפּן זיך און געווען אַ צעטראָגענער.

אַ סך מענטשן זענען געווען בײַ גילדנהאָרנען: לייבוש טשאָרטקעווער, אַ ייִד מיט אַ באָרד, אַ לײַכטזיניקער און אויסגעקאָכט מיט יעדן איינעם, האַלט שטאַרק פֿון זײַן רבין און אַ קאָרטן־שפּילער; גימפּל קוריץ, אַ רעליגיע־לערער אין דער באַראָן הירש־שול; מאָטשע שיינבאָרד מיטן איינעם פּוס, אַן אויסגעפּראַנטעוועטער און האָט ליב צו טרײַבן שפּאַס, אַ ריח פֿון פֿרישער פֿאַרב האָט זיך געטראָגן פֿון זײַן קוליע און זײַן פּנים איז געווען פֿריילעך; און אײַזשע העלער, דער בעל־הביתטעס פֿאָטער, און נאָך מענטשן, וואָס הערשל קען זיי יאָ און קען זיי נישט. נאָך דעם ווי זיי האָבן אים אָפּגעענטפֿערט אויף זײַן גוטן אָוונט, האָבן זיי זיך ווידער אַרײַנגעלאָזט אין זייערע קאָרטן און האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. איז הערשל געבליבן אַליין און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, ווו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. די בעל־הביתטע איז אַרײַנגעקומען און דערפֿרייט זיך מיט אים, וואָס ער איז געקומען און געפֿרעגט זיך: ווו זענען עפּעס די טאַטע־מאַמע און ווען וועלן זיי קומען? איידער ער האָט איר געענטפֿערט, איז זי שוין אַוועק, ווײַל זי האָט אויסגעגאָסן די לאַטקעס, און מען דאַרף אויף זיי אַכטונג

געבן. ווידער איז הערשל געבליבן אליין. נישט געהאט ארום זיך מיט וועמען א ווארט אויסצורעדן.

ווי הערשל האט געזען, אז ער איז אליין, האט ער זיך צוגעקוקט צום בעל־הבית און ער איז געווארן געפאלן ביי זיך. דער דאזיקער גילדנהארן, צי מען וויל יא, צי מען וויל נישט, ווערט מען ביי זיך געפאלן קעגן אים. נישט ווייל ער איז א קלוגער — פאראן קליגערע פון אים — נאר ער איז א הויכגעוויקסיקער. שיבוש גיט נישט ארויס קיין הויכע מענטשן. דערפאר ווייל זיי עסן מאכלים פון טייג, וואקסן זיי אין דער ברייט און נישט אין דער לענג. דער אייבערשטער איז נישט קיין פארשווענדער, אז ער האט זיי געגעבן אין דער ברייט, גיט ער זיי נישט אין דער לענג.

ווידער האט זיך הערשל צוגעקוקט צו דער קאמפאניע און אנגעהויבן אויסטייטשן זייערע פאמיליע־נעמען. הערשל האט זיך געטראכט: דער וואס הייסט טשארטקעווער, איז דאך דער שכל מחייב, אז ער איז א טשארט־קעווער חסיד, צום סוף איז דער דאזיקער לייבוש גאר א באבעווער חסיד. אדער אפשר איז דער נאמען פון א מענטש גאר דער היפוך פון אים. פון דער אנדערער זייט — קורץ: ער איז א קליינער און זיין נאמען איז קורץ. און דער דאזיקער שיינבארד, דער אנעם פוס, וואס לויט זיין נאמען וואלט ער געדארפט האבן א שיינע באָרד — איז ער גאר א גלוח. אקעגן זשע דער דאזיקער לייבוש טשארטקעווער מיט דער בארד, וואס עס וואלט געפאסט, ער זאל הייסן לויט זיין בארד, הייסט ער גאר אויפן נאמען פון א שטאט וואס ער האט נישט מיט איר קיין שום שייכות. נאר לעולם זענען נעמען א זאך פאר זיך, און די מענטשן, וואס הייסן די דאזיקע נעמען — פאר זיך. וויפל עס זאל זיך נישט לאזן אויסטייטשן נעמען, לאזן זיי זיך נישט אויסטייטשן לויט די וואס הייסן אזוי. א ראיה האסטו: באלאבאן, דער וואס זיצט לעבן אייזשע העלער און רייכערט אן אן אויפהער, וואס באטייט דער דאזיקער נאמען?

אזוי ווי ער האט זיך צוגעקוקט צו באלאבאנען, האט אים דער רויך פון זיין סיגארעט א שלאג געטאן אין מויל. האט ער ארויסגענומען א סיגארעט און געוואלט פאררייכערן. האט ער געזוכט אין די קעשענעס און נישט געפונען קיין שוועבעלע. הערשל האט נישט געשפירט קיין פארגעניגן אין רייכערן, נאר ער האט זיך געפירט ווי די מענטשן פון זיין צייט, וואס רייכערן אפילו אז זיי האבן נישט קיין פארגעניגן דערפון. דעריבער פלעג ער נישט נעמען מיט זיך קיין שוועבעלעך, אז אויב ער וועט וועלן רייכערן, זאל ער דארפן ארומזוכן א שוועבעלע, און ער וועט זיך נישט צוגעוויינען צום רייכערן. אזוי ווי ער האט נישט געפונען קיין שוועבעלע, האט ער געוואלט פאררייכערן ביי באלאבאנען.

באלאבאן איז געווען ארייננגעטאן אין זיינע קארטן, האט ער ארויסגענומען דעם סיגארעט פון זיין מויל און אים א ווארף צו געטאן הערשלען, ווי איינער וואס גיט א נדבה אן ארעמאן, וואס האט זיך אין אים אנגע־

...די גאַנצע קאָמפּאַניע זיצט מיט די קאָרטן אין די הענט און מיט
די סיגאַרעטן אין די מײַלער און דער רויך מישט זיך צונויף אײנעמס
מיטן אַנדערנס...

טשעפּעט. הערשל איז רויט געוואָרן און ער האָט זיך געריבערט מיט כּעס, און דער רויך האָט נאָך פאַרשטאַרקט זײַן כּעס. איידער ער האָט אויסגעריבערט דעם סיגאַרעט, האָט ער שוין פאַרריבערט אין אים אַ צווייטן. די סיגאַרעטן האָבן אים צעמישט און ער האָט געהאַלטן אין אייין רייבערן. דער טעם און דער ריח פון די סיגאַרעטן האָבן אַלץ מער צעמישט זײַן געדאַנק. פון דער קיך האָט אויך געזעצט אַ געדיכטער און פעטער ריח, אַז עס האָט אים אַזש פאַרפּעלט לופט צום אָטעמען. ער האָט געפילט, אַז ער האַלט בײַם חלשן, אָדער ער וועט אויסברעכן און וועט ווערן בחרפּה. די קאָרטן זענען געשפּרונגען אין די שפּילערס הענט מיט אַ משונהדיקער גיכקייט, אַז מען האָט אַזש נישט אַרויסגעזען די הענט צווישן זיי. צום סוף זענען פאַרשוווּדן אויך די קאָרטן און כּלערליי שוואַרצע און רויטע פּרצופים האָבן זיך באַוויזן אין שטוב, ווי זיי שפּרינגען און לאַכן פאַר אים.

איז הערשל געשטאַנען פאַרחידושט. ס׳זענען דאָך גאַרנישט פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע קליינע מענטשעלעך, נאָר ווײַזט אויס, אַז די פיגורן פון די קאָרטן זענען אים פאַרגעקומען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך. די גאַנצע קאָמפּאַניע זיצט מיט די קאָרטן אין די הענט און מיט די סיגאַרעטן אין די מײַלער און דער רויך מישט זיך צונויף איינעמס מיטן אַנדערנס און צעמישט אים דעם קאָפּ. הערשל האָט געוואָלט אַרויסגיין. האָט ער זיך דערמאַנט אַ מעשה מיט אַן אורח, וואָס איז אַרויס אַן דעם בעל־הביתס וויסן; צו מאָרגנס האָט עפּעס געפעלט און מען האָט חושד געווען דעם אורח. כאָטש הערשל האָט געוווּסט, אַז מען וועט אים נישט חושד זײַן, האָט ער אַרויסגענומען זײַנע קעשענעס אין דרויסן ווי איינער וואָס וויל ווײַזן, אַז ער האָט גאַרנישט צוגענומען.

אין דער רגע האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַרײַנגעקומען מינע. ער האָט זיך געגעבן אַ הייב אויף און ער איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען. ער האָט איר מיט פרייד דערלאַנגט זײַן האַנט און איר אַראָפּגענומען דעם מאַנטל און געהאָלפן אַראָפּציִען די הענטשקעס.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און זיי זענען שוין געשטאַנען זאַלבע נאָנד און געשמועסט.

הערשל האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין שמועס און געוואָלט אַרײַנציִען מינען אין שמועס, איידער מען בעט זי צו צום שפּילן און ער וועט בלײַבן אַליין. טויזנט זאַכן האָט הערשל דערציילט מינען. זינט ער לעבט האָט ער נישט גערעדט אַזוי פיל ווי דאָס מאָל. איין גאָט אין הימל ווייסט, פון וואַנען עס האָבן זיך דערנומען צו הערשלען אַזוי פיל מאָס רייד. ער האָט נאָך נישט פאַרענדיקט איין זאַך, קומט אים שוין אַ נײַע זאַך

פֿאַרן מויל און ער רעדט וועגן זאַכן וואָס מינע האָט נאָך אין איר לעבן נישט געהערט.

אַ שווײַגנדיקע שטייט מינע פֿאַר הערשלען. אירע גרויסע און שווערע אויוױנגלעך הענגען איר אַראָפּ פֿון אירע קליינע אויערן און באַוועגן זיך נישט, און זי שלינגט יעדעס וואָרט און יעדן זאָג זײַנעם. הערשל קוקט אויף אירע אויערן, וואָס האָבן זיך אַ ביסל פֿאַררויטלט און ער קוקט הינטער זיך. ווי ער האָט געזען, אַז אַלע זענען פֿאַרטאָן אין די קאָרטן און קוקן זיך נישט אום אויף אים, האָט ער גענומען אַ שטול און אַוועקגעשטעלט זי פֿאַר מינען און ער האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן איר. און ווידער האָט הערשל גערעדט און מינע שווײַגט. ער האָט נישט געמערקט, אַז זי שווײַגט, אָבער זײַן האַרץ האָט געפֿילט, אַז זי הערט.

מינע האָט נישט געקענט קיין סך בחורים, אויסער פֿיר־פֿינף יונגע לערערס, וואָס פֿלעגן קומען אין פּאַנסיאָן לערנען מיט די שילערינס, עטלעכע פֿון זיי קאַוואַליערן און עטלעכע חתונה־געהאַטע, וואָס האָבן זיך אויפֿגעפֿירט ווי קאַוואַליערן. מינע אַליין האָט נישט זוכה געווען, ווי די מערהייט חבֿרטאָרינס אירע, צו זײַן באַליבט בײַ אירע לערערס, ווער שמועסט נאָך צו פֿאַרפֿירן מיט זיי אַ ליבע. דאָס גאַנצע רעדן זייערס איז געווען נאָר פֿון שטודיום. ס'איז אַריבער די לעקציע, זענען זיי זיך אַוועקגעגאַנגען. זי האָט זיך נישט געטראָפֿן מיט זיי אין די גערטנער און זיי האָבן זי נישט געקושט, זיי האָבן אין איר געזען נאָר אַ שילערין, וואָס אירע עלטערן צאָלן זיי פֿאַר דער לערע און אויסער לערנען האָבן זיי נישט קיין שום געמיינזאַמס מיט איר. אַפֿילו די לעקציעס פֿלעגן זיי אָפּכאַפּן אויף גיך און אַוועקגיין. אַז זי איז געזעסן פֿאַר הערשלען, איז איר געווען אַ וווּנדער אויף זיך און אויף הערשלען — וואָס ער אײַלט זיך נישט אַוועקצוגיין פֿון איר און אויף זיך — וואָס זי איז אַזוי וויכטיק, אַז מען רעדט מיט איר אַזוי פֿיל. איז מינען געקומען אויפֿן געדאַנק: יענע וואָס אירע חבֿרטאָרינס לויפֿן זיי אַזוי נאָך, צי זענען זיי דען בעסערע פֿון הערשלען. צום סוף האָט זי אויפֿגעהערט צו פֿאַרגלײַכן זיי און זי איז געוואָרן מיטגעריסן מיט זײַנע רייד.

הערשל האָט אויפֿגעכאַפּט אירע מחשבֿות און ער האָט געוואָלט איר ווײַזן, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין טעות אין אים. ס'איז נישט געווען קיין זאַך וואָס ער האָט געוווּסט און געהאַלטן פֿאַר פּאַסיק צו רעדן וועגן דעם, אַז ער זאָל נישט דערציילן מינען. זײַן קול איז נישט געווען צו הויך און נישט צו נידעריק און נישט באַגלייט מיט קיין זיפֿצן, ווי יענע וואָס ער פֿלעג צוגעבן, בעתן רעדן מיט בלימען. מיר דאַרפֿן אָבער דער־מאָנען צום גוטן מינעס אויגן, וואָס קוקן נישט אַזוי מיט חשד ווי בלימעס אויגן.

הערשל איז געזעסן און גערעדט. ער האָט זיך נישט באַמיט איר געפֿעלן צו ווערן, ווי ער פֿלעג דאָס טאָן פֿאַר בלימען. מינע איז נישט בלימע, און זײַן רעדן צו בלימען איז נישט ווי דאָס רעדן צו מינען. נאָר אַ שטיק צײַט האָט ער שוין קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אַז עס איז אים איצט אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט צו רעדן, האָט ער נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן מינען און בלימען. אין רעדן האָט ער געפֿילט, אַז מען קוקט אויף אים און מען ווינקט זיך איבער. ער איז רויט געוואָרן און ער האָט זיך צעטומלט און אָפּגעהאַקט אין מיטן רעדן.

אין יענעם מאָמענט האָט גילדנהאָרן געהאַלטן אין האַנט אַ פּעשל קאָרטן און ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ געלעכטער: זעט נאָר ווי זיי וואָרקען דאָרט ווי אַ פּאָר פֿאַרליבטע טײַבעלעך.

הערשל איז געוואָרן צעטומלט. שטאַרק צעטומלט איז ער געוואָרן. לאו די וואָס מען האָט אים באַליידיקט, נאָר צוזאַמען מיט אים האָט מען אויך מינען באַליידיקט. הערשלען איז אין דער מינוט באַפֿאַלן אַ גרויסער כּעס, וואָס מען האָט אַנגערירט זייער ביידנס כּבֿוד און וואָס ער קאָן נישט אָפּענטפֿערן. ווי געפֿאַלן ער איז בײַ זיך, ער קאָן אַפֿילו די אויגן נישט אויפֿהייבן.

אָבער ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און זיך אײַנגעקוקט אין די וואָס האָבן געקוקט אויף אים. אָבער די אַלע וואָס האָבן געקוקט אויף אים האָבן געקוקט אויף אים מיט פֿריילעכע בליקן. זינט ער לעבט האָט ער נישט געזען אויף אַ מאָל אַזאַ טשאַטשע אויגן, וואָס זאָלן אַזוי ענלעך זײַן איין פּאָר צו דער אַנדערער, און ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזאַ לאַכן פֿון פֿרייד און ליבשאַפֿט.

ווי ער קוקט אַזוי פֿאַר זיך, איז צוגעקומען קורץ און אים געגעבן אַ שטעק אַרײַן די האַנט און אים אײַנגערוימט אויפֿן אויער אַ גראַם, וואָס עס האָט געמאַכט אַ דיכטער וועגן אַ בחור מיט שיינע אויגן, וואָס שפּאַצירט מיט אַ שיין מיידל אין גאָרטן, ער זאָל נישט זײַן קיין גאַפֿע און פֿאַרזוכן די זיסע פּרי. פֿון קורצס ווינקען מיט די אויגן האָט זיך געלאָזט פֿאַרשטיין, וואָס ער איז אויסן, היינו אַז דער בחור איז הערשל און די זיסע פּרי איז מינע און ער זאָל נישט זײַן קיין גאַפֿע.

הערשל איז געזעסן און געשוויגן, טראַכטנדיק בײַ זיך: וואָס קלערט מינע וועגן אים, וואָס ער האָט איר גורם געווען די דאָזיקע באַליידיקונג. אָבער ער האָט נישט אויפֿגעהויבן די אויגן און נישט געקוקט אויף מינען. אַ שווײַגנדיקער איז ער געזעסן, ס'האָט אויסגעזען, אַז אויב ס'וועט נישט פּלוצלינג אויסברעכן אַ מלחמה, אָדער אַ שׂריפֿה, וועט ער זיך קיין מאָל נישט רירן פֿון אָרט.

נישט אַזוי ווי הערשל האָט געטראַכט, האָט מען געטראַכט וועגן אים אין הימל. פֿערציק טעג איידער ער איז באַשאַפֿן געוואָרן, איז שוין אַרויס

אַ בת־קול און אויסגערופֿן: בת גדליה להערשל. ער איז אויפֿגעשטאַנען און ער האָט אָנגענומען מינעם האַנט און אַזוי געהאַלטן זי אין זײַנער. האָט זיך געקלאָמערט איר האַנט אין זײַנער און אַ נײַ ליכט האָט אויפֿגעשײַנט אין אירע אויגן. דאָס איז עס דאָס ליכט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין איר זינט יענעם טאָג ווען ס'בת־קול האָט אויסגערופֿן: בת גדליה להערשל. און איצט האָט עס ווידער אויפֿגעלויכטן אין איר.

וואָס איז הערשל אויסן געווען, ווען ער האָט אָנגענומען איר האַנט? הערשל איז אויסן געווען צו זאָגן איר: איך בין נישט שולדיק אין דעם באַליידיקן דיך. איידער נאָך ער האָט באַוויזן דאָס צו זאָגן, איז צוגעקומען גילדנהאָרן און האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט: איך האַלט פֿון אײַך, אַזוי דאַרף זײַן אַ אמתער מאַנספּאַרשוין, ווי דער מאַן אַזוי זײַן גבֿורה.

הערשל האָט אויפֿגעציטערט און ער האָט אַרויסגענומען זײַן האַנט פֿון מינעם האַנט. האָט גילדנהאָרן אָנגענומען הערשלס האַנט און געהאַלטן זי אין זײַן האַנט און אַ זאָג געטאָן: „איך גראַטולירע".

„איך גראַטולירע" איז נישט דאָס זעלבע ווי דער מזל־טובֿ, וואָס מען ווינטשט אַ חתן צו די תּנאים. אַז אימעצער געווינט עפּעס, ווי למשל אין קאָרטן און דאָס גלײַכן, זאָגט מען אים „איך גראַטולירע", נאָר דאָס בת־קול, וואָס האָט אויסגערופֿן „גדליה צימליכס טאָכטער פֿאַר הערשל האָרוויצן", האָט עס אַרויסגערעדט פֿון גילדנהאָרענען און די גאַנצע חבֿרותא זײַנע האָט אָנגענומען זײַנע ווערטער ווי אַ ווינטשן מזל־טובֿ, אַז גילדנהאָרן גראַטולירט הערשלען, וואָס ער איז אַ חתן געוואָרן.

איז סאָפֿיע אַרײַנגעלאָפֿן און מיטן גאַנצן כּוח אירן אַרומגענומען מינען און געקושט זי אין מויל און געלאַכט צו איר און געזאָגט: זינט איך לעב בין איך נישט געווען אַזוי גליקלעך ווי די מינוט. איך בעט דיך, זאָג מיר, ווי אַזוי האָט דאָס דער הער האָרוויץ זיך דערקלערט דיר אין ליבע. אַזאַ נאַיִווער בחור, ס'איז גאָרנישט געווען צו דערקענען אויף אים, אַז ער הויפֿירט דיך. שטיל וואַסער גראָבט טיף.

ווי זי שטייט און רעדט מיט מינען, האָט זי אָנגעכאַפּט הערשלען און געטרייסלט אים די האַנט, אַז זי איז אַזש רויט געוואָרן. אַלע האָבן אַרומגערינגלט הערשלען מיט מינען. די האָבן געטרייסלט זײַן האַנט און די האָבן געטרייסלט איר האַנט און האָבן זיי אָנגעוווּנטשן און געפֿרייט זיך.

האָט זיך אויפֿגעשטעלט לייבוש טשאַרטקעווער און גענומען דאָס געלט פֿון די קאָרטן און געשיקט ברענגען משקה. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם טעלער, ווו עס איז געלעגן דאָס געלט, און אים צעבראָכן.

האָט מאַטשע שיינבארד געטופּעט מיט זײַן קוליע אויף דער פּאָדלאָגע און אויסגערופֿן הויך אויפֿן קול: מזל־טובֿ! מזל־טובֿ!

האָט אײַזשע העלער געזאָגט צו קורצן: גיי און גיב צו וויסן דעם חתנס

עלטערן און דער כּלהס עלטערן, אַז עס איז שוין געקומען די צײַט וואָס מיר דאַרפֿן זיי שוין האָבן. איידער ער איז געגאַנגען, זענען זיי שוין געקומען. דאָס האַרץ פֿון טאַטע־מאַמע האָט געפֿילט, אַז עס איז געקומען די שעה פֿון אַנטשיידונג אינעם גורל פֿון זייערע קינדער און זיי זענען געקומען.

צימליך האָט געהאַלטן די האַנט אויפֿן האַרצן, דאָרט וווּ עס ליגט זײַן געלט, ווי ער וואָלט גרייט געווען גלײַך אויפֿן אָרט צו סילוקן דעם נדן. ברוך־מאיר האָט אַ צופֿרידענער געריבן זיך די הענט און געזאָגט: חבֿרה, חבֿרה... ווי איינער זאָגט: איך בין נישט שולדיק אין דער גאַנצער זאַך, דאָס גאַנצע אַחריות פֿאַר דעם פֿאַלט אויף דער חבֿרה.

צירל האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו גדליהן. גדליה האָט איר דערלאַנגט זײַן לינקע האַנט, ווײַל זײַן רעכטע האַנט איז בײַ אים געלעגן אויפֿן האַרץ.

האָט בערטע געזאָגט: די לינקע איז נאָענט צום האַרצן.

האָט ער זיך געכאַפּט און ער האָט איר דערלאַנגט זײַן רעכטע האַנט און געפֿרעגט: וווּ איז דער...

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן און זײַן ווײַב האָט אים איבערגעהאַקט די רייד און זי האָט געזאָגט: וווּ איז דער חתן?

האָט גדליה געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ געליימטער, וואָס מען האָט פֿאַר־שטאַנען וואָס ער וויל, און ער האָט געזאָגט: וווּ איז מינע? כאָטש מען האָט אים צו וויסן געטאָן, אַז זי איז אַ כּלה געוואָרן, איז נאָך בײַ אים געווען אַ ספֿק, צי ס'איז טאַקע אַזוי.

קאַפּיטל 10

די סעודה, וואָס סאָפּיע האָט געמאַכט פאַרן געלט, וואָס זי האָט געוווּנען אויף לאָטעריע, איז געווען גרייט. וואָס אַן אמת, האָט סאָפּיע געוווּנען נאָר אַ קליין געווינס, אָבער עסן און טרינקען האָט זי צוגע־גרייט אַזוי פּיל, ווי זי וואָלט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס.

נאָך דעם ערשטן געריכט האָט זיך גילדנהאָרן אויפגעשטעלט און גענומען אַ גלעזל אין האַנט און צוגעוווּנטשן די אָרומזיצנדיקע און די מחותּנים און געלויבט זײַן ווײַב, וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה מיט קרעפּלעך, וואָס זענען אַ מאכל, ווײַל דאָס פלייש איז באַהאַלטן אין טייג, בבחינת „איתכסייא קודם לאיתגלייא", ס'הייסט: פאַרדעקט פאַרן אַרויסקומען, אַזוי איז אויך מיט הערשלס ליבע, זי איז געווען באַהאַלטן און זי איז אַרויסגעקומען. קורץ האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אַ גלעזל אין האַנט, ער האָט אָנגעהויבן מיט שילערן און געבראַכט אַ ראיה פון הײַנע, אַז אַלע פּאָעטן האָבן באַזונגען נאָך דעם פאַרליבטן. דעריבער — האָט קורץ געזאָגט — דעריבער גיט איך אַן מײַן גלעזל און איך שטעל זיך אויף די פיס און כ'פאַרבעט די וואָס זיצן דאָ אַרום טיש, זיי זאָלן טרינקען מיט מיר אַ לחיים פאַר דעם שיינעם פּאָרל, וואָס האָט זוכה געווען אַליין מקיים צו זײַן, וואָס ס'האָבן באַגערט אַלע גרויסע פּאָעטן.

האָט לייבוש טשאַרטקעווער זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל און געזאָגט צו קורצן: במקום גדולים אַל תעמוד, שטעל זיך נישט צווישן די גרויסע, האָט געזאָגט דער פּסוק, דעריבער טרינק איך זיצנדיק.

האָט שיינבאַרד געטופּעט מיט דער קוליע אין דער פּאָדלאָגע און געזאָגט: אוי מײַן קוליע פּלאַצט מיר פון געלעכטער.

הערשל איז געזעסן ווי איינער וואָס איז אַרײַן אין אַ פרעמדנס רשות. ס'געמיט איז אים געווען דערשלאָגן און דער געדאַנק צערודערט. ער האָט שוין עטלעכע מאָל זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, וואָס קומט דאָ פאָר אַרום אים און איבערגעהאַקט אין דער מיט. איין זאַך האָט זיך געפּלאָנטערט מיט דער אַנדערער און אַן עניין מיט אַן עניין. צום סוף האָבן אים די אַלע זאַכן אַרויסגעפירט אויף איין זאַך וואָס ער האָט געהערט קליינערהייט. ס'איז אַ מעשה מיט איינעם וואָס איז פאַרוואַלגערט געוואָרן אויף אַ חתונה. האָט ער געזען, אַז די חתן־כּלה זענען פון שטרוי און די מחותּנים און די אונטערפירערס זענען לצים און אַלץ איז שטוב נישט מער ווי פאַרבלענדעניש. האָט ער געוואָלט זיך אַרויסקריגן פון דאָרט און אַנטלויפן מיטן לעבן, האָט ער געזען אַ קידושין־רינגל און ער האָט דערקענט, אַז

עס איז פֿון גאָלד, איז אים געקומען אַ געדאַנק צו נעמען עס. ווי ער האָט עס נאָר אָנגענומען, האָט די כּלה אויסגעשטרעקט אַ פֿינגער און ער האָט איר אָנגעטאָן דאָס רינגל און געזאָגט: הרי את מקודשת לי. גלײַך איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער צווישן די לצים און ער האָט אויך געלאַכט. האָט זי אים אָנגעכאַפּט בײַ זײַנע קליידער און אים שוין מער נישט אָפּגעלאָזט.

צירל האָט געקוקט אויף איר זון און געגלעט זיך דעם שטערן. אָבער ער האָט זיך נישט אָנגעשטויסן, וואָס זי איז דערמיט אויסן און ער האָט נישט אויסגעגלעטיקט די קנייטשן אויף זײַן שטערן. אַ גרויס עקשנות איז אים באַפֿאַלן אין דער מינוט. האָט צירל פֿאַרביסן איר אייבערשטע ליפּ און געשמייכלט צו זיך אַליין, ווי איינער זאָגט: אַז דיר איז ליב אַזוי, זאָל זײַן אַזוי.

אַז די געסט האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, האָבן זיי גענומען זינגען שפּאַסיקע לידלעך מיטן ניגון פֿון „חד־גדיא" און מיטן ניגון פֿון „אחד מי יודע". מינע איז געזעסן אַ פֿאַרוווּנדערטע, מענטשן זאָגן סתּם ווערטער, וואָס האָבן נישט קיין שום באַטײַט, און זיי לאַכן. גדליה האָט געהאַט צער, וואָס אַ טייל געסט זינגען אין די גאַלע קעפּ שטיקלעך פֿון דער הגדה. ווי ער האָט אָבער געזען, אַז זײַן מחותּן זיצט און לאַכט, איז אים לײַכטער געוואָרן. ברוך־מאיר האָרוויץ איז אַ ירא־שמים, און אויב ער לאַכט, איז אַ סימן, אַז מען מעג.

ברוך־מאיר האָט געדריקט הערשלס האַנט און געקוקט אויף אים מיט ליבשאַפֿט. ער האָט זיך שוין געהאַט געשראָקן, טאָמער וועט זײַן גאַנצע מי זײַן אומזיסט. אַז ער האָט אָבער געזען הערשלען זיצן מיט מינען, און צימליך און זײַן ווײַב זיצן צוזאַמען מיט זיי, און דער טיש איז פֿול מיט גוטע זאַכן און די מענטשן עסן און טרינקען און פֿרייען זיך, איז ער געווען דאַנקבאַר זײַן זון. אַנטקעגן אים איז געזעסן צירל און געקוקט אויף אים. אַן אַנדער ווײַב קוקט נישט אַזוי אויף איר מאַן אין דער נאַכט פֿון איר זונס תּנאים. אַן אַנדער ווײַב האָט אָבער נישט אַזאַ מאַן. ער איז דאָך שוין אַ מענטש פֿון אַ יאָר זיבן און פֿערציק און ער איז נאָך בײַ די פֿולע כּוחות.

אויך צירל פֿאַרמאָגט נאָך איר פֿרישקייט. אירע אַכט און פֿערציק יאָר זעען זיך נישט אָן אויף איר. איר פּנים זעט אויס ווי זי וואָלט עס געוואַשן מיט וואַסער פֿון די ערשטע רעגנס און אירע אויגן, ווי זי וואָלט זיי יעדן טאָג אויסגעוווישט מיט אַ פֿריש איי. אַ סך מאָל האָבן מיר שוין דערמאָנט צירלען און מיר האָבן נישט דערמאָנט אירע אויגן. אמת, זי האָט נישט מער ווי צוויי אויגן, ווי אַלע אַנדערע מענטשן, אָבער דער כּוח פֿון אירע אויגן איז שטאַרקער ווי פֿון די אַלע אַנדערע מענטשן, זי קוקט אויף איר מאַן און זי נעמט נישט אַראָפּ אירע אויגן פֿון מינען. אַ באַזונדער

ליבשאַפֿט האָט זי צו מינען, וואָס איז געוואָרן איר שנור און וועט איר העלפֿן אַפּטשעפּען הערשלען פֿון בלימען.

און הערשל האָט ביַי זיך געטראַכט: איך האָב זיך אויסגעהיטן פֿון שדכנים, פּלוצלינג האָב איך אַליין אַריַינגעשטעקט מיַין קאָפּ צו זיי אין פּיסק אַריַין. ווי וועל איך איצט קאָנען אויפֿהייבן דעם קאָפּ און וואָס פֿאַר אַ פֿאַרענטפֿער וועל איך האָבן פֿאַר בלימען. וואָלט ער נאָר געקאָנט, וואָלט ער אַוועק אַהיים און ער וואָלט איַינגענורעט דעם קאָפּ איןביידע הענט זיַינע און ער וואָלט דאָרט געזעסן אַ שוויַיגנדיקער און געהערט די טריט פֿון בלימעס פֿיס, ווי זי גייט אַרום און בעט די בעטן. וואָס אַן אמת, איז שוין בלימע אַוועק פֿון זייער הויז, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער פֿלעג טראַכטן וועגן איר, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז דאָרטן.

די פֿרייד פֿון די געסט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. ברוך־מאיר האָט געשיקט און מען האָט געבראַכט פֿון זיַין געוועלב וויַין און ליקער און ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. ווער ס'האָט געהאַלטן זיַין גלעזל אין האַנט, האָט געטרונקען. ווער ס'האָט נישט געטרונקען, האָט געגעסן. ס'רובֿ געסט האָבן שוין געהאַט פֿאַרגעסן, לכּבֿוד וואָס ס'איז די גאַנצע סעודה.

קורץ האָט געקוקט אין זיַין גלעזל און געזאָגט: ווען עס וואָלט געווען אַ ביסעלע גרעסער, וואָלט גאָרנישט אויסגעמאַכט. האָט סאָפּיע געפֿרעגט: צו וואָס גרעסער? קאָנסט דאָך עס אָנגיסן נאָך אַ מאָל.

האָט קורץ אַ קוק געטאָן אויף איר און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער וואָס נעמט שוין מספּק זיַין אין מענטשלעכן שׂכל, און ער האָט געזאָגט: אַ שיינע שאלה האָסטו געפֿרעגט, סאָפּיע.

האָט לייבוש טשאַרטקעווער געזאָגט: דו פֿאַרשטייסט נישט, סאָפּיע, ווען זיַין גלעזל וואָלט געווען גרעסער, וואָלט ער דערמיט געקאָנט יוצא זיַין אַ מקווה.

האָט קורץ געזאָגט: אַ מקווה פֿעלט מיר נישט אויס, וואָס מיר פֿעלט יאָ, איז אַ בעזעמל.

מאַטשע שיינבאַרד האָט אַ טופּע געטאָן מיט זיַין קוליע און געזאָגט צו לייבוש טשאַרטקעווער: דו באָרד איינער, דיַין באָרד מיינט ער.

האָט לייבוש זיך אַ נעם געטאָן פֿאַר זיַין באָרד און געזאָגט: וואָס וויל דער גלות פֿון מיַין באָרד?

האָט מאַטשע געזאָגט: מאַכן פֿון איר אַ בעזעמל אויף צו שמיַיסן זיך אין באָד.

האָט לייבוש געזאָגט: פֿאַרפֿוילט זאָל ווערן דיַין קוליע, מאַטשע, אויב זיַינע וואָנצעס וועלן נישט סטאַיען פֿאַר אים און פֿאַר אַזעלכע ציגן ווי ער. האָט מאַטשע געזאָגט: לאָז צו רו מיַין קוליע, זי איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַר עפּעס בילכערס, פֿאַרן טאָג, ווען מען וועט איַינהייצן דעם גיהנום פֿאַר אַזעלכע צדיקים ווי דו לעתיד לבֿוא.

האט גילדנהארן א קלאפ געטאן אויף א קאראפינקע, וואס איז געשטאנען פאר אים, און ער האט געזאגט: גיסט אן די גלעזלעך און טרינקט.

האט לייבוש גענומען זיין גלעזל און אויסגערופן: לחיים, גימקע, לחיים.

האט קורץ אפגעענטפערט און געזאגט: לחיים לייבוש, לחיים, יהי רצון, אז...

האט לייבוש געזאגט: אז... אז... אז מיר זאלן זוכה זיין צו טרינקען יין המשומר און עס זאל אונדז נישט פארלוירן גיין קיין איין און איינציקער טראפן...

האט אייזשע העלער געזאגט: עם כל ישראל אחינו, אמן.

האט מאטשע געזאגט: אמן ואמן.

האט קורץ געזאגט: לחיים ר׳ גדליה, יהי רצון, אז...

האט לייבוש געזאגט: אז... אז... אז...

האט מאטשע געזאגט: שבשפלנו זכר לנו.

האט גילדנהארן געזאגט: וגם הערשל זכור לטוב.

האט לייבוש געזאגט: הערשל, נים זיך אן און טרינק, אדער האסט אפשר מורא, אז עס וועט זיך דיר טרעפן, וואס עס האט זיך געטראפן מיט יענעם איידעם ביים שווער, וואס ער האט געטרונקען און ר׳איז געווארן שיכור?

האט באלאבאן געזאגט: עס האט זיך אים געטראפן, וואס עס האט זיך אים געטראפן, ער האט געבראכן און געבראכן.

האט אייזשע העלער געזאגט: אן איידעם ביים שווער. א שיינע מעשה. טא וואס האט ער געטאן?

האט לייבוש געזאגט: ער האט איבערגעביטן זיין שעפל אויף דעם שווערס.

האט גילדנהארן געזאגט: איך האלט פון אזא איידעם.

האט לייבוש געזאגט: אין דער פרי האט זיין שוויגער געזאגט צו זיין שווער: איי, דו אלטער, ווי שעמסטו זיך נישט פאר דיין איידעם.

האט קורץ געזאגט: א גוטע עצה, הערשל, האסט שוין נישט וואס מורא צו האבן. גים אן און טרינק.

הערשל איז געזעסן און זיך געטראכט: איך קאן שוין מער גארנישט איבערמאכן, בגוואלד וועל איך דא זיצן ביז עס וועלן זיך פונאנדערגיין די געסט. אפשר א מאל איז מיין מאמעס ברודער נישט געוועזן משוגע, און וואס ער האט געטאן, האט ער געטאן מיט א קלארן פארשטאנד.

באלאבאן האט זיך גוט צוגעקוקט צו הערשלען און געזאגט: איך ווייס, וועגן וואס איר טראכט, הער הארוויץ, אלץ וואס איר טראכט איז פאר מיר אפן און קלאר, ווי אט די האנט, וואס איר זעט דא.

הערשלען האָט דאָס גאַנצע בלוט אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין.

האָט באַלאַבאַן ווייטער געזאָגט: איך ווייס, הער האָרוויץ, אַז איר האַלט, אַז דער הײַנטיקער טאָג איז בײַ אײַך דער שענסטער און דער בעסטער, ווײַל אין דעם טאָג זענט איר חתן־כּלה געוואָרן מיט אײַער אויסדער־ווײלטער. דאָס זעלבע האָב איך אויך געמיינט דעם טאָג, ווען איך האָב תּנאים געשריבן מיט מײַן פרוי עליה השלום און אַ סך מיינען דאָס זעלבע אַז זיי דערלעבן דעם טאָג. אָבער איך זאָג: דער טאָג איז גאָרנישט מיט גאָרנישט אין פאַרגלײַך מיט דעם טאָג ווען איר וועט גיין צו דער חופּה. זעט נאָר, זעט, ער פאַררויטלט זיך. זײַן תּמימות מאַלט זיך אים אויפן פּנים. איך האָב ליב תּמימות. תּמימות פּאַסט זיך פאַר אַ בחור ווי... אַ שאָד וואָס איך געפין נישט קיין פּאַסיקן משל, אָבער וואָס דאַרפן מיר זיך מטריח זײַן און ווײַט זוכן, אַז מיר האָבן אים דאָ לעבן אונדז, ס'פּאַסט זיך תּמימות פאַר אַ בחור ווי אַ חופּה פאַר דער כּלה. דעריבער זאָג איך: נישט דער טאָג פון די תּנאים איז דער עיקר, נאָר דער טאָג פון דער חופּה. און אַלץ וואָס איז געווען פאַר דער חופּה איז גאָרנישט אַנטקעגן דער חופּה. און אַלץ וואָס מיר האָבן געטרונקען, רבותי, לכּבֿוד די תּנאים, איז גאָרנישט אַנטקעגן דעם וואָס מיר וועלן טרינקען לכּבֿוד דער חתונה. דעריבער הייב איך אויף מײַן גלעזל און איך טרינק הײַנט לכּבֿוד דעם טאָג, ווען הער האָרוויץ און פרײַלין צימליך וועלן גיין צו דער חופּה.

הער באַלאַבאַן האָט געקוקט אויף הערשלען מיט גרויס ליבשאַפט און גוטהאַרציקייט. ווען מען וואָלט דאָס אויפן געדאַנק געקומען, אַז אָט דער הער באַלאַבאַן, וואָס ווייסט, וואָס עס טוט זיך בײַ יענעם אין האַרצן, איז עס דער זעלבער באַלאַבאַן, וואָס האָט הערשלען צוגעוואָרפן אַ שטיקל סיגאַרעט און אים אַרײַנגעבראַכט אין כּעס. נאָר אַזוי איז שוין דער שטייגער פון מענטשן: גייט דיר — זענען זיי זיך מטריח אַפילו אַרײַנצוקוקן דיר אין האַרצן אַריין; גייט דיר נישט — קוקן זיי דיר אַפילו נישט אין פּנים אַרײַן.

לחיים, חתן, לחיים! טשאַטשעס הענט האָבן געדריקט הערשלס הענט און גע־טרייסלט זיי מיט גרויס ליבשאַפט און געווונטשן אים מזל־טובֿ. ער האָט זיי אויך געדריקט די הענט און געענטפערט אויף די ווונטשן. די גלעזלעך האָבן זיך אָנגעקלאַפּט, די היץ איז גרעסער געוואָרן. צירל איז געווען רויט מחמת עסן און טרינקען, און זי שמייכלט צו בערטען, און בערטע שמייכלט צו צירלען.

ברוך־מאיר האָט זיך אָנגעגאָסן זײַן גלעזל און געזאָגט: איצט וועלן מיר טרינקען אַ לחיים פאַר דער כּלה.

האָט קורץ געזאָגט: ס'איז אַן אײַנפאַל.

האָט מאַטשע געזאָגט: זאָל זיך מײַן גלעזל צוקלעפּן צו מײַן האַנט, אויב דאָס איז מיר נישט פֿרײַער אײַנגעפֿאַלן.

האָט אײַזשע העלער געזאָגט: אויב אַזוי, ווער האָט דיך נישט געלאָזט זאָגן.

האָט לייבוש געזאָגט: דאָס ביסל ווײַן, וואָס איז געבליבן אין זײַן גלעזל, האָט אים נישט געלאָזט, ווײַל צו אַזעלכע שטייגער זאַכן דאַרף מען האָבן אַ נײַ גלעזל און עס איז נאָך עפּעס געבליבן אין זײַן גלעזל פֿון פֿרײַערדיקן טרינקען.

האָבן די געסט גיך אויסגעליידיקט זייערע גלעזלעך און זיי האָבן ווידער געטרונקען אַ לחיים פֿאַר דער כּלה.

סאָפּיע איז געזעסן אַ צערודערטע. נאָכן ערשטן ברען איז זי געוואָרן אַ ביסל אָפּגעקילט. אַ סך מאָל האָט זי געוואָלט זיך קלאָר מאַכן, פֿאַר וואָס זי פֿרייט זיך נישט אַזוי ווי פֿרײַער, אָבער וויפֿל זי האָט נישט אַרײַנגעטראַכט אין דער זאַך, האָט זי נישט געפֿונען קיין באַשייד. צי האָט הערשל געזען, אַז זי איז רויט געוואָרן, ווען זי האָט געדריקט זײַן האַנט, און אויב ער האָט געזען — וואָס טראַכט ער?

האָט סאָפּיע אויפֿגעהויבן איר גלעזל און געזאָגט: איצט וועלן מיר טרינקען אַ לחיים פֿאַרן חתן. איר קול האָט געציטערט, אָבער איר האַנט האָט זי אויסגעשטרעקט מיט פֿולער קראַפֿט. זי האָט אויסגעטרונקען איר גלעזל מיט איין צי און האָט דערמיט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און עס איבערגעקערט. לייבוש טשאַרטקעווער האָט געפֿינטלט מיט די אויגן און געזונגען אשת חיל.

האָט בערטע אויפֿגעהויבן איר גלעזל און געזאָגט: און אַצינד וועלן מיר טרינקען אַ לחיים פֿאַרן חתנס פֿאָטער.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: און אַצינד אַ לחיים פֿאַר דער מחותּנתטע, דער כּלהס מוטער.

האָט גילדנהאָרן געזאָגט: און אַצינד אַ לחיים פֿאַר דער כּלהס פֿאָטער.

האָט לייבוש געזאָגט: און אַצינד אַ לחיים פֿאַר כּל־ישׂראל.

האָט אײַזשע געזאָגט: און אַצינד אַ לחיים פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

האָט לייבוש געזאָגט: און אַצינד אַ לחיים פֿאַרן האַר פֿון דער גאַנצער וועלט.

לחיים, רבונו־של־עולם, אוי־אוי־אוי, לחיים, לחיים, לחיים!

איינס אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך הערשל אומגעקערט מיט זײַנע עלטערן אַהיים. איין מאָל און נאָך אַ מאָל איז ער שטיין געבליבן אויפֿן וועג. די פֿיס זענען אים געווען שווער ווי שטיינער. הערשל האָט נישט געטרונקען, נאָר דער ריח פֿון די עסנס און געטראַנקען איז אים אַרויף אין קאָפּ אַרײַן און האָט אים צעפּלאָנטערט די פֿיס.

צירל איז שטיין געבליבן און אַ זאָג געטאָן: דער שניי טאַיעט.

הערשל האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך אײַנגעקוקט אין פאַרוואָלקנטן הימל.

צירל האָט אַ גענעץ געטאָן און געזאָגט: געלויבט צו גאָט, מיר זענען שוין צוריק אין דער היים. איך בין מיד און מאַט.

האָט ברוך־מאיר געשמייכלט און געזאָגט: צער־גידול־בנים.

האָט צירל געזאָגט: נעם דעם שליסל און עפן די טיר.

האָט ברוך־מאיר אַרײַנגעשטעקט דעם שליסל און געזאָגט: וואָס איז דאָס, די טיר עפנט זיך נישט.

האָט צירל געזאָגט: סטײַטש, זי עפנט זיך נישט?

האָט ברוך־מאיר אַרײַנגעקוקט דורכן שליסללאָך און געזאָגט: עס שטעקט דאָרט אַ שליסל פון אינעווייניק.

האָט צירל געזאָגט: ווער האָט עס פּלוצלינג אַרײַנגעשטעקט אַ שליסל פון אינעווייניק?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: ווײַזט אויס, אַז דאָס מיידל האָט פאַרשלאָסן פון אינעווייניק און זי האָט פאַרגעסן, אַז מיר מעגן אויך אַרײַנגיין.

האָט צירל געזאָגט: וואָס פאַר אַ מיידל?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: דאָס דינסטמיידל.

האָט צירל מיט כּעס געקלאַפּט אין טיר און געשריגן: עפן אויף!

איז געקומען דאָס מיידל און געפרעגט: ווער איז דאָרט?

האָט צירל נאָך שטאַרקער געקלאַפּט און געשריגן: מאַך אויף און האַלט מיר נישט קיין לאַנגע דרשות.

האָט דאָס מיידל אינעווייניק געטאַפּט אַרום דער טיר און געזאָגט: די בעל־הביתטע איז עס? אָט עפן איך.

האָט ברוך־מאיר געענטפערט און געזאָגט: ס'איז די בעל־הביתטע און דער בעל־הבית און אויך דער בעל־הביתטעס און דעם בעל־הביתס זון און זיי בעטן רשות אַרײַנצוגיין צו זיך אין שטוב אַרײַן. זײַ אַזוי גוט און עפן.

האָט דאָס מיידל געזאָגט: איך כאַפּ נאָר אויף מיר אַרויף אַ קליידל און אָט עפן איך.

האָט צירל מיט כּעס געקלאַפּט אין טיר און געשריגן: איר האָט שוין געזען אַזוינס, קליידלעך וויל זי זיך אָנטאָן. ווי מיר וואָלטן געקומען צו דיר צו גאַסט.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: ווי האָט לייבוש טשאַרטקעווער געזאָגט, פאַר־פוילט זאָל ווערן דײַן קוליע, מאַטשע, אויב זי עפנט נישט זאַרעז.

האָט צירל געזאָגט: איך וויל שלאָפן און ער חכמהט זיך.

האָט ברוך־מאיר זיך געריבן די הענט און געזאָגט: סוף כּל סוף האָט זי געעפנט.

אַ מאָגער ליכט האָט קוים געצאַפּלט אין קליינעם לעמפּל. צירל האָט זיך אַרומגעקוקט אין שטוב און זי האָט זיך אויסגעטאָן. ברוך־מאיר האָט

אנגעשטעלט דעם זייגער און אים אוועקגעלייגט צוקאפּנס. הערשל האָט טיף אָפּגעאָטעמט און זיך אויסגעצויגן אויף זײַן געלעגער. צירל האָט פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ און אַ דרימלענדיקע זיך געלייגט אין בעט אַרײַן. צום סוף האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום מאַנס בעט צו און געזאָגט: שלאָפֿסט?

האָט ברוך־מאיר געענטפֿערט און געזאָגט: ניין, כ'שלאָף נישט.

האָט צירל געזאָגט: איך שלאָף אויך נישט.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: איך ווייס, אַז דו שלאָפֿסט נישט.

האָט צירל געזאָגט: פֿון וואַנען ווייסטו, אַז איך שלאָף נישט.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: ווען דו וואָלטסט געשלאָפֿן, וואָלטסטו נישט גערעדט.

האָט צירל געזאָגט: איך קאָן נישט באַנעמען, ווי מענטשן קאָנען עס אַזוי פֿיל טרינקען. וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאַכט?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: איך האָב זיך דערמאָנט אַ מעשה, וואָס האָט מיך לאַכעדיק געמאַכט.

האָט צירל געזאָגט: וואָס אַזוינס האָסטו זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין מיטן דער נאַכט?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: אַ מעשה מיט איינעם, וואָס כּל ימיו איז ער געזעסן אין שענק. איין מאָל האָט זײַן ווײַב געזאָגט: איך וועל גיין זען, וואָס מײַן מאַן טוט. איז זי געגאַנגען און געטראָפֿן אים זיצן מיט זײַנע חבֿרים. ווי זיי האָבן זי דערזען האָבן זיי איר אָנגעגאָסן אַ גלעזל און נאָך איינס און נאָך איינס. האָט איר דער ווײַן אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַרײַן און זי האָט זיך אָרונטערגעקאַטשעט אונטערן טיש. האָט איר מאַן געזאָגט צו איר: זעסט, מײַן טײַבעלע, אַזוי מוטשע איך זיך נעבעך אָפּ אַלע מײַנע יאָרן.

האָט צירל געזאָגט: איך זע, אַז דו ביסט אויפֿגערוימט, ברוך־מאיר, און איך בין אויסער זיך פֿון כּעס. איך האָב מורא, אַז מחמת גרויס מידקייט וועל איך נישט שלאָפֿן.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: און איך זאָג, אַז דו וועסט שוין איין מאָל שלאָפֿן. אַ גוטע נאַכט, צירל.

האָט צירל געזאָגט: ווער כראָפּעט עס דאָרט אַזוי און לאָזט מיך נישט שלאָפֿן?

האָט ברוך־מאיר אָנגעשפּיצט די אויערן און געזאָגט: איך הער גאָרנישט.

האָט צירל געזאָגט: אַ כראָפּען ווי פֿון אַ געקוילעטן דבֿר־אַחר.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: דאָס מיידל האָט מסתּמא אַ שווערן שלאָף.

האָט צירל געזאָגט: מיט אַ מינוט צוריק האָט זי זיך אָנגעטאָן אַלע אירע קליידלעך און איצט שלאָפֿט זי שוין. אויף מיר געזאָגט אַזאַ שלאָף. בלימע פֿלעג נישט כראָפּען. האָסט געזען אַזאַ זאַך, דאָס מויל צערײַסט זיך מיר פֿון גענעצן און דעם קאָפּ מײַנעם אַרט עס גאָרנישט. דער זייגער קער שוין אוודאי זײַן נאָך צוויי, אוי בין איך מיד. שלאָפֿן וויל איך.

קאַפּיטל 11

הערשל איז יענע נאַכט גוט געשלאָפן. אַז ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט אין דער פרי, האָט ער געפילט, אַז דאָס האַרץ איז ביי אים אויפגעטיילט. מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז אים געווען שלעכט אויפן האַרצן און מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז אים געווען גוט אויפן האַרצן. הערשל האָט געטראַכט וועגן דעם וואָס עס האָט זיך מיט אים געטראָפן נעכטן ביי נאַכט און ער האָט זיך געזאָגט, אַצינד איז שוין גאָרנישט צו מאַכן, וואָס איך דאַרף איצט יאָ טאָן — פאַרגעסן בלימען און טראַכטן וועגן מיין כלה.

נאָך דעם ווי ער האָט שלום געמאַכט מיט דעם וואָס ס'איז געשען, האָט ער זיך אַריינגעטראַכט אין די אַלע זאַכן, וואָס האָבן אים געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט אַ מיידל, וואָס ער האָט בכלל נישט געטראַכט וועגן איר. ער האָט זיך דערמאָנט דעם אָוונט און די קאָמפּאַניע און דעם מענטש, וואָס האָט אים צוגעוואָרפן אַ שטיקל סיגאַרעט און די פרייד, וואָס ער האָט געהאַט, ווען מינע האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון זיין איינזאַמקייט. האָט הערשל געטראַכט ביי זיך, דאָס איז אַלץ צוליב דעם וואָס בלימע איז געווען אַן איינגעהאַלטענע. ווי אין אַ מאַרע האָט ער געזען איר פּנים, וואָס איז פול, אָבער עס איז נישט קענטיק, אַז עס איז פול, און אירע אויגן, וואָס נישט זיי לאַכן און נישט זיי וויינען, וואָס אַ בלויע שטומקייט בלויט אַרויס פון זיי. די גאַנצע וועלט וואָלט ער אַוועקגעגעבן, ווען ער וואָלט זוכה געווען נאָך איין מאָל בלויז איינצאַפּן דעם ריח, וואָס האָט אָנגעזעטיקט זיין נשמה יענעם טאָג ווען ער איז געשטאַנען פאַר איר ביי איר אין צימער.

אָבער הערשל גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון זיינע מעשים און ער ווייסט, אַז וואָס מען טוט אָפּ איז אָפּגעטאָן, פון איצטער אָן טאָר ער צו זיך מער נישט צולאָזן אַזעלכע מחשבות, און ער פאַרטרייבט זיי פון זיך און טראַכט וועגן מינען, וואָס ער איז פאַר איר אַ חתן געוואָרן, אַדער אפשר גאָר איז ער קיין חתן נישט געוואָרן, וויל הערשל האָט אַ מאָל געהאַט גע־פרעגט: ווי אַזוי האָט מען חתונה? האָט מען אים געזאָגט: מען גייט צו אַ מיידל און מען פאַרניינט זיך פאַר איר און מען פאַלט פאַר איר אויף די קני און מען נעמט אַז איר האַנט און מען קושט זי. אמת, דאָס האָט מען אים געזאָגט, ווען ער איז געווען קליין און ער האָט שוין געדראָפּט וויסן און פאַרשטיין, אַז נישט אויפן זעלבן אופן קומט דאָס פאַר אומעטום, אָבער דאָס דאָזיקע בילד איז געווען איינגעקריצט ביי הערשלען אין האַרצן, און אַזוי ווי ער האָט נישט געקניט פאַר מינען

און נישט געקושט איר האנט, איז זי אים פארגעקומען, ווי זי וואלט נישט געווען זיין כלה.

א סך האט הערשל געטראכט, אבי ער זאל נאר נישט טראכטן וועגן מינען. און צום סוף גאר דרייען זיך אלע זיינע מחשבות נאר ארום מינען. כאטש זי איז געווען ווייט פון אים, פון דעסט וועגן כל־זמן זי איז פאראן, האט ער נישט קיין אנטרינונג פאר איר. ער האט חלילה נישט געוואלט איר שלעכטס, אבער אנטרינען פון איר האט ער געוואלט, ווי עס זאל נישט זיין. ער האט געהאפט, אז עס וועט עפעס געשען, וואס וועט אים באפרייען פון זיין צרה, למשל אז ער איז געווארן פארארעמט און צימליך האט אפגעלאזט דעם שידוך און ער אליין האט זיך פארדונגען צו א קרעמער אין אן אנדערער שטאט. אין איינער א נאכט האט הערשל געזען אין חלום א בריוו, וואס ער האט געשריבן צו זיינע טאטע־מאמע, און ער האט נישט געוווסט, אז אזוי פלעגן מירלס, בלימעס מאמעס טאטע־מאמע, זיצן זאלבע נאנד און לייענען ברוך־מאירס, זיין טאטנס, בריוו, איידער צירל איז פאר אים א כלה געווארן. נאך עפעס האט הערשל געטראכט ביי זיך: אויב עס איז נישטא קיין אנדערע ברירה, וועל איך אוועק קיין אמעריקע. ער האט געוווסט, הערשל, אז אזא שטייגער מענטש ווי ער פארלאזט נישט זיין טאטע־מאמעס שטוב און פארט נישט אוועק קיין אמעריקע. נאר דער בעל־דמיונות האט אים אויסגעדומעט אזעלכע זאכן, אז ער זאל נישט ארייגפאלן אין קיין ייאוש.

צו יענער צייט האבן שוין יידן פון שיבוש געלעבט אין אמעריקע. מאנכע פון זיי בעל־מלאכות, וואס האבן נישט געהאט קיין פרנסה אין זייער שטאט און זענען אוועק אהין, מאנכע פון זיי סוחרים, וואס האבן אנגעזעצט און האבן מורא געהאט פאר מלכות. אויך ביי זיין טאטן אין געוועלב איז דא א משרת, געצל שטיין הייסט ער, דער זון פונעם שוחט וואס מען האט מעביר געווען פון דער שחיטה, און ער האט צוויי ברידער אין אמעריקע. צווישן די וואס זענען אוועק קיין אמעריקע, זענען פאראן אזעלכע, וואס שרייבן בריוו און שיקן צייטונגען זייערע ברידער אין שיבוש, און פאראן אזעלכע וואס זענען צוריקגעקומען פון אמעריקע און דערציילן אן מעשיות, נסים ונפלאות פון דער נסיעה אויפן ים און פון דער שיף, וואס מען פארט מיט איר וואכן לאנג צווישן אייזבערג גרויסע ווי א שטאט, און גרויסע מעסערס שפארן ארויס פון דער שיף און צעשניידן די גרויסע וואלפיש וואס יאגן זי נאך, און ווען נישט דאס, וואלטן זיי איינגעשלונגען די שיף צוזאמען מיט די מענטשן.

גייען זיך ארום די צוריקגעקומענע פון אמעריקע אין שיבוש, א גאלדענע קייט הענגט זיי איבערן בוזעם און מיט גאלדענע ציין אין מויל, און זיי בארימען זיך פאר די שיבושער יידן, אז אין אמעריקע קען יעדער איינער זיין א פרעזידענט, וואס ס'איז ווי א מלך אויף זעקס יאר, און אין זייער רעדן מישן זיי אריין ענגלישע ווערטער און לאכן אפ פון זייערע

ברידער אין שיבוש, וואָס פֿינצטערן אַף זייערע יאָרן אין אָרעמקייט און פֿאָרן נישט אַוועק קיין אַמעריקע מאַכן אַ לעבן. ווי אַזוי מען מאַכט אַ לעבן — דאָס דערציילן נישט די צוריקגעקומענע פֿון אַמעריקע. מעגלעך, אַז זיי האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, וואָס זיי האָבן דאָרט געטאָן, און מעגלעך, אַז זיי האָבן אַליין געוואָלט פֿאַרגעסן, ווי זיי האָבן זיך דאָרט אָפּגעמאַטערט. זיצן זיי בײַ זייערע ברידער אין שיבוש, הײַנט בײַ דעם און מאָרגן בײַ דעם, און עסן רעטשענע לאַטקעס, אַ מאכל, וואָס שיבוש האָט מיט דעם געשמט, און זיי זאָגן זיך נישט אָפּ אויך פֿון די אַנדערע שיבושער מאכלים, און בשעתן עסן דערציילן זיי וועגן די גאָלדענע בערג אין אַמעריקע, און אַז ווער עס וויל, נעמט אַ לאָפּעטע און לאָזט זיך גראָבן גאָלד, נאָר די גאָלדענע בערג זענען ווײַט פֿון ניו־יאָרק, וואָס איז דער עיקר פֿון אַמעריקע, און מען דאַרף פֿאָרן עטלעכע חדשים ביז מען קומט אָן צו זיי. און אין ניו־יאָרק זענען פֿאַראַן גרינע און לאַנגע פּאַפּירלעך, מען רופֿט זיי דאָלאַרן, און יעדער דאָלאַר האַלט אויפֿן עסט־רײַכישן געלט צוויי און אַ האַלבן רײַניש. אַך, ווי עס צאַפּלען די הערצער בײַ די שיבושער יִדן פֿון די דאָזיקע רייד, און פֿאַראַן אַזוינע וואָס קאַרגן אויף זייער עסן כּדי צו קויפֿן אַ שיפֿסקאַרטע און אַוועקצופֿאָרן קיין אַמעריקע.

אַזוי איז שוין מיט שיבוש, ווער עס עסט אירע מאכלים, קלעפּט זיך צו צו איר. דער סוף איז, אַז די צוריקגעקומענע פֿון אַמעריקע קלעפּן זיך צו צו שיבוש און פֿאָרן שוין נישט צוריק קיין אַמעריקע. נישט מחמת די גרויסע וואַלפֿיש, וואָס ווילן אײַנשלינגען די שיף, וואָרעם מעסערס האַקן זיי דאָך אָפּ די קעפּ, און נישט מחמת די אײַזבערג, וואָרעם עס זענען דאָך פֿאַראַן אויך גאָלדענע בערג, נאָר צוליב די שיבושער מאכלים, וואָס ווער עס שטאָפּט אָן זײַן בויך מיט זיי, פֿוילט ער זיך צו לאָזן זיך אויפֿן ים. ווער ס'האָט אַ דאָלאַר, פֿאַרקויפֿט אים די וואָס זענען זיך נוהג צו געבן אויסלענדיש געלט אַ דרשה־געשאַנק חתן־כּלה; ווער ס'האָט נישט קיין דאָלאַר, פֿאַרקויפֿט פֿון זיך אַראָפּ די גאָלדענע קייט און קויפֿט זיך כּלים און עפּנט זיך אַ וואַרשטאַט אין שיבוש און פֿינצטערט אָפּ זײַנע יאָרן אין אָרעמקייט, ווי אַלע זײַנע ברידער אין שיבוש. און אַז עס ווערט אים צעבראָכן אַ גאָלדענער צאָן, האָט ער נישט פֿאַר וואָס אים צו פֿאַרריכטן, ווײַל ער האָט געבראָכן די שבֿועה, וואָס קאָלומבוס האָט מיט איר באַשווירן די אַלע וואָס קומען קיין אַמעריקע, דהיינו אַז זיי זאָלן פֿאַרגעסן זייער געבוירנלאַנד, און ער פֿאַרשעלט זיך דעם טאָג, וואָס ער איז צוריק־געקומען קיין שיבוש און די שיף, וואָס האָט אים צוריקגעבראַכט קיין שיבוש. און ווי ער שעלט שטילט ער זיך אײַן, ווײַל ער האָט שוין אײַנ־געאָטעמט שיבושער לופֿט, און ער זאָגט: דעם אמת געזאָגט, אַזאַ לופֿט איז אין אַמעריקע נישטאָ.

אַ כּוח אַזאַ פֿאַרמאָגט די לופֿט — אַ זאַך וואָס לאָזט זיך נישט אָנטאַפּן

מיט דער האַנט — צו האַלטן די געבוירענע אין שיבוש צוגעבונדן צו שיבוש, שוין אָפּגערעדט פֿון אַז איבערבעט און אַ קישן, וואָס לאָזן זיך יאָ אַנטאָפּן. הערשל האָט דאָך געטראַכט צו אַנטלויפֿן פֿון שיבוש, אָבער ווי נאָר ער ליגט אַוועק דעם קאָפּ אויף זײַן קישן און דעקט זיך איבער מיט זײַן איבערבעט, ווייסט ער גלײַך, אַז ער וועט זיך נישט רירן פֿון שיבוש.

קאַפּיטל 12

מוצאי־שבת, נאָך דער הבֿדלה, איז פֿאַרפֿאָרן צימליכם שליטן צו הארוויצן צו ברענגען די הערשאַפֿטן קיין מאַליקראַוויק צו דער מלווה־מלכּה, וואָס מען מאַכט דאָרט לכּבֿוד זיי.

ברוך־מאיר און צירל האָבן נאָך פֿאַר שבת געוווּסט, אַז זיי וועלן מוצאי־שבת פֿאָרן קיין מאַליקראַוויק, אָבער אַז ס'איז אַריינגעקומען דער קוטשער, האָבן זיי ביידע געקוקט פֿאַרווּנדערטע, ווי די גאַנצע נסיעה זייערע וואָלט געקומען אומגעריכט.

הערשל איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן טיש און געהאַלטן אין האַנט אַ נישט־געבונדן ביכל, ער האָט איינגעלייגט די בלעטער און זיי אויפֿגעשניטן מיט אַ מעסער און געלייענט, וואָס ער האָט געכטן ביי נאַכט נישט דערלייענט. צום סוף האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס ביכל און גענומען טיטון און האָט זיך פֿאַרדרייט אַ סיגאַרעט און פֿאַררייכערט און געקוקט אויף דער בייטש, וואָס דער קוטשער האָט געהאַלטן אין האַנט, ווי דער רימענד איז אַרומגעוויקלט אַרום דעם שטעקל.

ברוך־מאיר האָט אַרויסגענומען אַ פֿלאַש בראַנפֿן און אָנגעגאָסן סטאַכן אַ גלעזל. סטאַך האָט אַוועקגעשטעלט די בייטש און אויסגעטרונקען.

האָט ברוך־מאיר געפֿרעגט דעם קוטשער: נאָך אַ גלעזל?

האָט סטאַך אַ קוק געטאָן אויף זיין גלעזל און געזאָגט: פֿאַרן געזונט פֿון די הערשאַפֿטן וועל איך טרינקען נאָך אַזאַ קליין גלעזל.

האָט צירל אַ קוק געטאָן אויף איר זונס מלבושים און זי האָט אַרומגעגלעטיקט אירע מלבושים און געזאָגט: גוט וואָס איך האָב נישט אויסגעטאָן די שבת'דיקע מלבושים און איר דאַרפֿט אויף מיר נישט וואַרטן.

האָט ברוך־מאיר אויסגעטאָן דאָס שבתדיקע שטריימל און אָנגעטאָן דעם וואָכעדיקן קאַפּעליוש און געזאָגט: איך און הערשל זענען מיר אויך אין די שבתדיקע מלבושים. ער האָט פֿאַרלייגט די הענט, ווי איינער וואָס איז שוין פֿאַרטיק מיט זיין מלאכה און ער האָט שוין נישט מער וואָס צו טאָן.

האָט צירל זיך אַרומגעקוקט איבערן טיש און זי האָט פֿאַרשלאָסן די שאַנק און באַהאַלטן די שליסלען און געזאָגט: איר זענט גרייט?

האָט ברוך־מאיר געענטפֿערט: מיר זענען גרייט, מיר זענען גרייט.

איז סטאַך אַרויס און צוריקגעקומען און געבראַכט דריי פּעלצן און ער

האט צוגעהאלפן זײַנע פּאַסאַזשירן אַנטאָן זיי און אַרײַנזעצן זיך אין שליטן און ער האָט אויסגעשפּרייט אַ בערענע פֿעל איבער זייערע קני.

האָט צירל זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו איר שטוב צו און אַ געשריי געטאָן: הער נאָר דו דאָרטן, פֿאַרשליס די שטוב און גיב מיר אַרויס דעם שליסל, האָסט געהערט?

האָט דאָס מיידל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און בשעת־מעשה איז איר אײַנ־געפֿאַלן, אַז די בעל־הביתטע האָט נישט געזען, אַז זי האָט איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איז זי אַרויסגעגאַנגען און געזאָגט: האָבט נישט קיין מורא, בעל־הביתטע, איך וועל פֿאַרשליסן און אַרויסגעבן אײַך דעם שליסל.

האָט צירל אויסגעצויגן די פֿיס און געמאַכט זיך באַקוועם און זי האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון איר פּעלץ און געזאָגט: פֿאָרן מיר, הייסט עס.

האָט ברוך־מאיר אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די אַרבל פֿון זײַן פּעלץ און געענטפֿערט: מיר פֿאָרן.

האָט צירל געזאָגט: הערשל, האָסט זיך גוט אײַנגעהילט? שטעל אויף דעם קאָלנער.

האָט זיך הערשל אײַנגעהילט און אַזוי געזעסן פֿילנדיק ווי צימליכם פּעלץ רײַבט אים דעם האַלדז און ער האָט זיך אונטערגעהוסט, ווי איינער וואָס עס קרעלט אים אין האַלדז. ער האָט זיך געטאַפּט אין די קעשענעס און אַרויסגענומען זײַן נאָזטיכל און צוגעלייגט עס צום מויל.

צירל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום מאַן אירן און אים געזאָגט אויפֿן אויער: ס'דאַכט זיך מיר, אַז דער קוטשער האָט אָנגעשמירט זײַן צונג מיט אַזאַ פֿליסיקייט, וואָס מען מאַכט איבער דעם אַ „לחיים".

האָט ברוך־מאיר געקוקט אויף דער בײַטש, וואָס סטאַך האָט געהאַלטן אין די הענט, און געזאָגט: באמת, ער שאָקלט מיט זײַן לולבֿ ווי נאָך אַ וואָזשנעם קידוש.

צירל האָט הנאה געהאַט פֿון ברוך־מאירס ענטפֿער און ברוך־מאיר פֿון צירלס חוזק־לשון.

סטאַך האָט אַרויסגעלאָזט אַ פֿײַף פֿון זײַן מויל און דער שליטן האָט אַ ריר געטאָן פֿון אָרט און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

דער וועג איז געווען אַ גלאַטער און אַ גוטער. דער שניי האָט אַרויסגע־בראַכט אַ ליבע קעלט און די פֿערד זענען געגאַנגען געלאַסן. נאָכן אָפּפֿאָרן אַ שעה האָבן זיך מיט אַ מאָל באַוויזן פֿאַר זיי קליינע פֿײַערלעך, ווי אַ שנירל ליכט וואָלט געהאַנגען אין דער לופֿטן, און עס האָט זיך געהערט אַ בילן פֿון הינט.

האָט סטאַק אויפגעהויבן זײַן בײַטש און געפּאַכעט מיט איר אַהין און אַהער, ביז עס האָט זיך אַרומגעוויקלט דער רימענד אַרום שטעקן, ער האָט אײַנגעצויגן די לייצעס און געזאָגט: פּררר.

האָבן די פערד אײַנגעהאַלטן זייערע טריט און דער שליטן איז שטיין געבליבן.

האָט צירל געפּרעגט ברוך־מאירן: פאַר וואָס האָט ער פּלוצלינג אײַנגע־האַלטן די פערד?

האָט ברוך־מאיר געענטפערט און געזאָגט: ווײַל מיר זענען שוין אָנגעקומען אויף אַזאַ אָרט, וואָס הייסט מאַליקראָוויק.

האָט צירל געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג: שוין אָנגעקומען?

האָט ברוך־מאיר געענטפערט מיט שטאָלץ, ווי איינער וואָס ס'איז אים געלונגען עפּעס אַ זאַך, וואָס אַנדערע האָבן זיך מיט איר געמאַטערט און עס איז זיי נישט געלונגען, ביז ער איז געקומען און עס איז אים יאָ געלונגען, און ער האָט געזאָגט: מיר זענען שוין אָנגעקומען.

האָט צירל אַ זאָג געטאָן מיט פאַרוווּנדערונג געמישט מיט פרייד: אַזוי גיך?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: פּרוּוו נאָר גיין צו פוס, וועסטו שוין זען, צי דו וועסט מאַכן דעם וועג אַזוי גיך.

האָט צירל געזאָגט: דו ביסט אַ גוטער מיט יענעמס פיס. הערשל, מיר זענען שוין אָנגעקומען.

האָט הערשל אויפגעהויבן זײַן נאָזטיכל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער בערענער פעל, און האָט עס צוריק אַרײַנגעלייגט אין קעשענע.

צימליכס הויז איז געשטאַנען צווישן ביימער און קוסטן און סטאַדאָלעס און שטאַלן און סטאַיניעס. איין העלפט באַדעקט מיט שניי און איין העלפט שטעקט אַרויס נאַקעט ווי קלעצער, וואָס מען האָט אַן זיי פאַרגעסן און מען האָט זיי נישט אײַנגעלייגט אין קיין שטאַבליעס. אַז דער שליטן איז פאַרפאָרן אין הויף, האָבן די הינט ווידער אָנגעהויבן בילן, צום ערשטן מאָל לכבוד סטאַכן, וואָס האָט זיך אומגעקערט, און צום צווייטן מאָל פאַר די וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך.

איז סטאַך אַראָפּגעגאַנגען און אײַנגעבויגן זיך. ער האָט אויפגעהויבן אַ פוס און דערלאַנגט אַ קאָפּע אַ הונט אין בויך אַרײַן און ער האָט אים אויפגעהויבן מיטן פוס אין דער הייך און אים אַ וואָרף געטאָן אין שניי אַרײַן און ווידער אים אויפגעהויבן און אַ וואָרף געטאָן אויף די אַנדערע הינט. האָט דער הונט אָפּגעטרעסעט דעם שניי און געקוקט אויף אים אָן שום פאַרדראָס, ווי איינער זאָגט: ער האַלט זיך נאָך אַלץ בײַ זײַנעם, נאָר דאָס מאָל איז שוין געווען אַ ביסל צו פיל, דו קאַסטיוק* איינער.

* דאָרנדיקער, שטעכיקער, האַרטביינעיקער.

די הינט האָבן געראָפן סטאַכן קאַסטיוד צוליב זײַנע שיך, וואָס זײערע זוילן זענען פֿול מיט אײַזערנע טשוועקעס.

ברוך־מאיר איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון שליטן און דערלאַנגט צירלען די האַנט און צירל האָט געגעבן די האַנט הערשלען צוצוהעלפֿן אים אַראָפּצוגיין. הערשל איז אַראָפּ און האָט זיך געריבן די אויגן מיט דער נאָסער הענטשקע און געקוקט אויפֿן באַלויכטענעם הויז. דאָ, האָט ער געטראַכט בײַ זיך, וווינען מענטשן, וואָס האָבן אַ רויִקע וועלט. ווי ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף אַרײַנגיין, איז פֿאַרשווונדן פֿאַר אים דאָס שיינקייט פֿונעם הויז און ס'האָט זיך פֿאַר אים אָפּגעטאָן די קנאה.

גדליה און בערטע זענען פֿריילעכע אַרויס אַנטקעגן זייערע געסט און געוואָלט אַראָפּנעמען פֿון זיי די פּעלצן. האָט זיך ברוך־מאיר נאָך מער אײַנגעפּעלצט און געברומט: בערן קומען, בערן קומען. האָבן די דינסטן זיך געפֿרייט און געקײַכט פֿון געלעכטער. צירל האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף נאָך העכער ווי זי איז, שטאָלצירנדיק מיטן רײַזפּעלץ. איז מינע אַרויסגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט אין טיר. ברוך־מאיר האָט מיט שמחה אָנגעכאַפּט איר האַנט און געזאָגט: די בערן, וואָס זענען געקומען, האָבן געבראַכט אַ הערשל אין זייערע לאַפּעס.

אין הויז איז געווען ליכטיק און דער אויוון האָט געברענט און אַ גוטער ריח פֿון צעפֿלאַקערט האָלץ פֿול מיט זשיווע און אַ ריח פֿון געבראָטנס און געקאָכטס האָט זיך געטראָגן איבער אַלע שטיבער און די מענטשן וואָס זענען געזעסן און די וואָס זענען אַלע מאָל אַרײַנגעקומען זענען געווען שבתדיק אָנגעטאָן און זייערע פּנימער שײַנען און די משרתים און דינסטן גייען אַרום פֿריילעכע.

ווי נאָר זיי זענען אַרײַנגעקומען, האָט זיך די משפּחה האָרוויץ צעטיילט אויף צווייען. ברוך־מאיר און צירל זענען געבליבן מיט גדליהן און בערטען, און הערשל איז געבליבן מיט מינען. די אין איין צימער און די אין איין צימער.

מינע איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ און לאַנג סאַמעטן קלייד, שמאָל איבער דער טאַליע און אונטן ברייט, געמאַכט ווי אַ מין קאַפּל צוגעפּאַסט צום האַרץ, מיט פֿישביין אין די פֿאַלדן, און אַן אויפֿגעשטעלט קראַגעלע, צוויי פֿינגער די ברייט, נעמט אַרום איר האַלדז. דער בליצלאָמפּ, וואָס האָט אַראָפּגעלויכטן פֿון סופּיט, האָט באַשײַנט איר פּנים און פֿאַררייטלט אירע באַקן. אירע האָר, פֿון אַ נישט זיכערן קאָליר, זענען געווען אָפּגעצויגן אויף הינטן, פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ גרעק. די נאַכט האָט מינע אויסגעזען בײַ הערשלען נישט ווי זומער און נישט ווי אין דער נאַכט פֿון די תּנאים. אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט וועגן מינען איז מיט אַ מאָל געוואָרן צו נישט.

אַפּשיַ און אַז אַנדער אומבאַשטימט געפֿיל האָבן געהויבן איר חשיבֿות אין
זײַנע אויגן.

אָבער צו קיין שמועס זענען זיי נישט געקומען. ס'איז אים ממש שווער
געווען, הערשלען, צו בינדן איין וואָרט מיטן צווייטן. ווער עס האָט זיי
געזען בײַ גילדנהאָרענען און האָט זיי געזען דאָ, האָט געקענט שטויגען;
די זעלבע מענטשן און גאָרנישט די זעלבע רייד. בײַ גילדנהאָרענען אין
שטוב זענען די ווערטער פֿון זיך אַליין געפֿלאָסן און אַרויסגעקומען פֿון
זײַן האַרץ, און דאָ זענען זיי געבליבן ליגן בײַ אים אין האַרצן און זיך נישט
געלייגט אויף דער צונג. מינע האָט דאָס געפֿילט, נאָר זי האָט בײַ זיך
געטראַכט, וואָס זאָל ער רעדן, שילערס און לעסינגס געדיכטן זאָל ער פֿאַר
מיר דעקלאַמירן? מען פֿלעג זיך פֿירן אין יענער צײַט, אַז אַ בחור און
אַ מיידל זענען זיך צוזאַמענגעקומען און זיי האָבן געהאַט געלייענט ביכער,
פֿלעג ער רעדן וועגן זײַן בוך און זי וועגן איר בוך, אָדער זיי האָבן אָנגע־
הויבן מיט שילערס אַ געדיכט, אַ שטייגער „די גלאָקע", אָדער „אַן דער
קוועלע זאָס דער קנאַבע", ער דעקלאַמירט איין פֿערז פֿון אויסנווייניק און
זי איין פֿערז פֿון אויסנווייניק, ביז זיי פֿאַרענדיקן דאָס גאַנצע געדיכט,
איז שוין אַוועק אַ שעה און דאָס האַרץ איז געזעטיקט געוואָרן. אַ סך וויצן
זענען פֿאַראַן אַרום דער זאַך, און די וואָס דערציילן די דאָזיקע וויצן האָבן
זיך בחורווײַז אויך אַזוי געפֿירט. אַ מאָדנע זאַך, האָט הערשל בײַ זיך
געטראַכט, מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זי מיך אַרויסגעטראָטעוועט פֿון
פֿרעמדע הענט, הײַנט וויל איך אַנטרינען פֿון אירע הענט. אַ צעטומלעניש
האָט הערשלען געקלעמט בײַם האַרצן. זינט יענעם טאָג ווען ער איז
פּלוצלינג אַרײַן אין איר צימער, מיינענדיק בטעות, אַז ער וועט דאָרט
טרעפֿן בלימען און ער האָט גאָר געטראָפֿן מינען, האָט ער נישט געפֿילט
אַזאַ קלעמעניש.

איך דאַרף נישט מער, נאָר בלויז אַרויסלאָזן איין נישט לײַטיש וואָרט
פֿון מײַן מויל און איך ווער זי פּטור אויף אייביק. אָבער דאָס וועלן שוינען
זײַן כּבֿוד האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפֿון. אין די מינוטן איז ער געוואָרן
ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל און ווי אַ טײַך, וואָס האָט קיין ברעג נישט. זאַכן,
וועגן וועלכע ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט, האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן
אַרויסשפּרודלען פֿון זײַן מויל. מינע האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צו אים.
אירע גרויסע אווירינגלעד האָבן געבלישטשעט.

כאָטש מינע האָט אַ צײַט געלעבט אין סטאַניסלע, ווייסט זי נישט, ווען
סטאַניסלע איז געוואָרן אַ שטאָט, און זי ווייסט נישט, אַז אין יאָר
ת"ו נו"ן בי"ת האָבן זי חרובֿ געמאַכט די טאָטערן. און איבעריק צו זאָגן,
אַז זי האָט קיין מאָל נישט געהערט אַפֿילו די נעמען פֿון די סטאַניסלעווער
גאונים, וואָס אין זייער זכות איז סטאַניסלע געוואָרן אַן עיר ואם בגאַליציע,
אויף אַזוי ווײַט, אַז טיסמעניץ, וואָס איז געווען אַ סך חשובֿער פֿון איר,

איז געוואָרן אונטערגעאָרדנט צו איר, און זי ווייסט אויך נישט, אַז ס׳לעבט דאָרט אַ העברעישער פּאָעט און ער איז אַ „קייזער־קעניגליכער בעאיידעטער טראַנסלאַטאָר” *. מעגלעך, אַז אַזוינע זאַכן זענען נישט וויכטיק ביי אַ מיידל, אָבער מינע האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס התפּעלות און אויף יעדן וואָרט געזאָגט: אָ! פֿון מינעס התפּעלות איז ער אויך נתפּעל געוואָרן און ער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן.

פֿאַראַן זאַכן וואָס דו ווייסט זיי יאָ, אָבער דו ווייסט זיי נישט אויף קלאָר, האָסט געהערט און האָסט נישט באַוויזן צו הערן ווי ס׳דאַרף צו זיין, אָדער דו האָסט געהערט און נישט דערגאַנגען צום עיקר זייערן און דו ווייסט נישט ווי וויים זיי גרייכן. מיט אַ מאָל איז דיר זיי אויסגעקומען נאָך אַ מאָל צו הערן און צו באַנעמען זיי, פֿילסטו אַ דאַנק צו דעם וואָס האָט זיי דיר געזאָגט און קלאָר געמאַכט דעם ענין. האָסט למשל געהערט אַ מעשׂה וועגן יידישע משפּחות, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פֿון רומעניע און זיי זענען געקומען קיין סטאַניסלע און דער פּרנס פֿון דער קהילה האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטאָט אַריין, טאָמער וועלן זיי אים פֿאַלן צו לאַסט, און זיי מיט זייערע ווייבער און פּיצלעך קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אין מושב אויסער דער שטאָט און זייערע געשרייען זענען דערגאַנגען עד לב השמים, און דו ביסט צו יענער צייט געווען אַ קליין קינד און דו האָסט נישט פֿאַרשטאַנען צו פֿרעגן, ווי דאָס האָט פּאַסירט, און אַלע דיינע יאָרן האָסטו דערפֿון צער געהאַט, ביז דו האָסט דאָס אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אָדער דו האָסט יאָ פֿאַרגעסן און נישט פֿאַרגעסן, און עס איז געקומען הערשל און האָט דיר אַלץ דערציילט גענוי, כאָטש עס איז שוין נאָך אַלעמען און דו קענסט זיי שוין נישט העלפֿן אין זייער נויט, ווייל אַ טייל פֿון זיי זענען שוין אויסגעשטאָרבן און אַ טייל ווייסטו נישט, וווּ זיי זענען אַהינגעקומען. און דו קענסט זיך אויך נישט אָננעמען זייער קריוודע ביי יענעם פּרנס, ווייל ער איז אַ גביר און אַ תקיף. אָבער שוין דאָס וויסן אַליין שטעלט דיך צו־פֿרידן, ווי דאָס לייענען געשיכטע. מעגלעך, אַז אויך די דאָזיקע געשיכטע, וואָס איז נישט מער ווי איינע פֿון די צייט־געשיכטעס, אינטערעסירט נישט מינען, און מעגלעך, אַז מינע האָט זיך נישט פֿאַרטראַכט איבער דעם, נישט קינדוויייז און נישט מיידלווייז, פּונקט ווי זי טראַכט נישט וועגן אַנדערע אָנשיקענישן, וואָס די צייט ברענגט אַלץ מיט זיך מיט, פֿון דעסט וועגן אַז הערשל האָט דערציילט, האָט מינע זיך צוגעהערט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם און זי האָט אים געקוקט אין מויל אַריין אַ פֿאַרגאַפֿטע און אַ צעטראָגענע. מינע האָט ביי זיך געטראַכט: אַ מאָדנע זאַך, אַ סך מאָל בין איך שוין געווען ביי די איניקלעך פֿון דעם דאָזיקן פּרנס און איך האָב גאָר נישט געזען, ער זאָל זיין אַזאַ אכזר, אַדרבא, איין מאָל האָט ער מיר אַ קלאַפּ געטאָן אויפֿן אַקסל מיט ליבשאַפֿט, אמת, אַז זיינע קינבאַקן זענען שוין בלוי

* געשוווירענער איבערזעצער.

און זײַן באָרד האָט שוין באָרסטינעס, אָבער צי זענען דען אַזעלכע שטייגער זאַכן אַ סימן פֿון אַזאַ אַכזריות.

ווי הערשל רעדט אַזוי, איז אַרײַנגעקומען צירל מיט צעשמייכלטע אויגן און אַ פֿריילעך פּנים. הערשל האָט געהאַלטן אין מיטן שמועס, און ער האָט אָפּגעהאַקט. בײַ אים אין האַרצן איז פּלוצלינג אויפֿגעקומען אַ פֿאַר־דראָס. אין די מינוטן האָט ער נישט געזען אין מינען די מינע, וואָס זײַנע טאַטע־מאַמע ווילן זי חתונה מאַכן מיט אים, נאָר אַ פֿרוי, וואָס ער וויל זי, און די מאַמע איז געקומען פֿונאַנדערשיידן צווישן זיי. האָט ער גלײַך אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און האָט אָנגענומען מינעס האַנט און זי גע־דריקט, ווי איינער וואָס כאַפּט זיך אין עפּעס אָן, בעת אַלץ איז קעגן אים.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און ס'איז געקומען די דינסט און גערופֿן זיי צו דער סעודה.

קאַפּיטל 13

אויך דו ביסט דאָ? — האָט יונה טאָובער געפֿרעגט הערשלען מיט פֿאַרוווּנדערונג.
האָט הערשל געזאָגט: דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אויך דאָ.
האָט זיך ברוך־מאיר געריבן די הענט פֿון הנאה. שוין איין מאָל אַ תּשובֿה האָט זײַן זון דערלאַנגט יונהן. אַזאַ תּשובֿה איז אַפֿילו אויפֿן געדאַנק נישט געקומען דעם פֿאַרמשפּטן צום הענגען, ווען מען האָט געהאַלטן בײַם פֿאַר־וואַרפֿן די שטריק אויף זײַן האַלדז און דער תּלין האָט אים געפֿרעגט: דו ביסט אויך דאָ? ברוך־מאיר האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דער נמשל טויג נישט צום משל און ער איז געווען פֿריילעך.
האָט טאָובער פֿאַרמאַכט די אויגן און געזעסן ווי אײַנער, וואָס חלומט אַ שיינעם חלום.
די וואָס זענען געזעסן האָבן זיך אויפֿגעהויבן און זיך געוואַשן די הענט און זיך געזעצט צום עסן.
דער טיש איז געווען געגרייט מיט חלות און דרײַ מינים שנאַפּס, איינער אַ פּשוטער און איינער צוגעריכט מיט טשערנישקע און איינער פֿאַרפֿראַוועט מיט סאַק פֿאַר די ווײַבער און אויפֿן טיש זענען אויך געווען גריבקעלעך,* געמאַכט מיט עסיק און מיט לאַרבערבלעטער. מען האָט געטרונקען לחיים און געמאַכט המוציא.
צירל און ברוך־מאיר, וואָס זענען נישט געוווינט געווען ווינטער צו עסן גריבקעלעך, ווי נאָר זיי האָבן זיי פֿאַרזוכט, האָבן זיי זיי שוין מער נישט אַרויסגעלאָזט פֿון די הענט. דאָס איז אַ ביסל נישט געווען צום האַרצן דער בעל־הביתטע, וואָס האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי זיך אָנעסן מיט די גריבקעלעך און זיי וועלן נישט הנאה האָבן פֿון דער עיקר־סעודה, וועט אויסקומען, אַז די גאַנצע האַרעוואַניע אירע איז געווען אומזיסט.
די עיקר־סעודה, וואָס בערטע האָט אַזוי מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי נישט הנאה האָבן פֿון איר ווי ס'דאַרף צו זײַן, איז געווען יויך און פֿלייש פֿון עופֿות, וואָס מען רופֿט זיי גרעצקע הינער, וואָס אַ מאָל איז געווען אַ ספֿק, צי מען מעג זיי עסן, ווײַל זיי זענען משונהדיק מיט זייער הייך, מיט זייער לענג און מיט זייער ברייט, כאָטש זייערע אייער זענען אין איין עק שפּיציק און אין איין עק קײַלעכדיק, ביז עס זענען געקומען אונדזערע גרויסע רבנים אין גאַליציע און זיי האָבן מתּיר געווען צו עסן זיי אָן שום חשש, ווײַל זיי האָבן דרײַ סימני־טהרה: אַ וואַליע און אַ פּופּיק, וואָס זײַן אינעווייניקסטע הײַטל שיילט זיך אָפּ, און אַ צוגאָב־פֿינגערל, און ס'איז

* שוואָמען.

אָנגענומען, אַז זיי זענען כּשר און זיי פּאָרן זיך מיט אונדזערע עופֿות, און פֿון די אייער, וואָס אונדזערע הינער לייגן, קומען אַרויס עופֿות אַזעלכע ווי זיי. באַגלייבטע עדות האָבן געזאָגט, אַז אין ארץ־ישׂראל זענען זיי פֿאַראַן אַ סך און מען עסט זיי אָן שום חשש. כאָטש מען האָט זיי מתּיר געמאַכט, זענען זיי נישט געווען צו קויפֿן אויפֿן מאַרק, נאָר די באַאַמטע האָבן זיי געהאָדעוועט אין זייערע גערטנער, דעריבער האָט בערטע געוואָלט, אַז די מחותּנים זאָלן צוטרעטן צו דער עיקר־סעודה נישט קיין זאַטע, ווען זיי וויסן וואָס זיי עסן.

האָט צירל געזאָגט: איר האָט שוין געזען אַזאַ מאָדנע זאַך, זומער ווען די וועלדער זענען פֿול מיט גריבעס ריר איך זיך נישט צו צו זיי און הײַנט האַלט איך זיי אין איין עסן.

האָט בערטע געזאָגט: זאָל אײַך וווּיל באַקומען, מחותּנתטע, עסט און זשאַלעוועט אײַך נישט, איך האָב שטיין עטלעכע סלאָיִקעס אַזוינע.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: איך האָב איינעם אַ קרובֿ, וואָס עסט נישט קיין גריבעס דעם טאָג וואָס מען האָט זיי געקאָכט, טאָמער סמען זיי און ער וועט שטאַרבן. נאָר ער וואַרט צו אַ טאָג, און אַז ער זעט, אַז דער טאַטע און די מאַמע און די ברידער און די שוועסטער זענען נישט געשטאָרבן, נעמט ער אַרויס זײַנע גריבעס און ער עסט.

האָט צירל געזאָגט: מיינסטו, אַז צוליב דעם טעם עס איך נישט זומער קיין גריבעס?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: נישט צוליב דעם טעם, נאָר צוליבן טעם, וואָס זיי האָבן אַ גוטן טעם, עסטו זיי ווינטער.

ווי זיי האַלטן אין רעדן, איז אַרײַנגעקומען אַ דינסט און אַרײַנגעבראַכט אַ גרויסן פּאָרצעלײַענעם פּאָלומעסיק בצורת קאַטשקע. האָט זיך בערטע אויפֿגעהויבן פֿון איר שטול און האָט אַראָפּגענומען די פּאָקרישקע און אָנגעגאָסן יויך אין די טעלער. פּלאַכיק איז געשטאַנען דאָס פּאָרצעלײַענע עוף און זײַן בייזער שנאָבל איז אָפֿן ווי אַ קבצן, וואָס מען האָט בײַ אים אַרויסגענומען דעם ביסן פֿונעם מויל. אַ וואַרעמע און געדיכטע פּאַרע האָט געזעצט פֿון אים און האָט אײַנגעהילט דעם לאָמפּ. בערטע האָט גענומען די פּאָקרישקע און צוגעדעקט די כּלי.

ווידער האָט הערשל געגעסן בײַ יענעם. דאָס ערשטע מאָל בײַ גילדנהאָרענען, ווען ער האָט אומגעריכט אַרײַנגעטראָפֿן צום עסן, און ער האָט אין דעם גאָרנישט געזען. אַציינד אַז ער האָט געהאַט צײַט צו טראַכטן, איז אים געווען מאָדנע די זאַך וואָס מענטשן גייען אַוועק פֿון זייערע שטובן כּדי צו עסן בײַ יענעם.

גדליה האָט גוטמוטיק געקוקט אויף זײַנע געסט, וואָס עסן און טרינקען און האָבן הנאה. ער האָט אויך געגעסן און געטרונקען און הנאה געהאַט. אָבער יעדעס מאָל ווען ער האָט עפּעס גענומען אין מויל אַרײַן האָט ער

...פֿלאַכיק איז געשטאַנען דאָס פּאָרצעלײַענע עוף און זײַן בייזער שנאָבל איז אָפֿן ווי אַ קבצן, וואָס מען האָט בײַ אים אַרויסגענומען דעם ביסן פֿונעם מויל...

זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל נישט איבערלאָזן אַ העלפֿט אויף מאָרגן, טאָמער וועט ער מאָרגן נישט האָבן וואָס צו עסן.

האָט בערטע געזאָגט צו די געסט: איר שטאָטישע זענט געוווינט צו בעסערע עסנס ווי מײַנע, אָבער אַזוי ווי איר זענט געקומען אין דאָרף אַרײַן, זאָל אײַך שמעקן די דאָזיקע קליינע סעודה, וואָס איך האָב געמאַכט פֿאַר אײַך. זי האָט געוווּסט, בערטע, וואָס זי האָט זיי געגעבן, פֿון דעסט וועגן איז זי זיי געווען דאַנקבאַר, וואָס זיי האָבן זיך גענומען די מי און זײַנען געקומען.

צירל האָט געגעסן מיט אַפּעטיט און גענומען זיך נאָך אַ פּאָרציע. דער וועג און די שׂמחה האָבן זיי אויסגעהונגערט. אַפֿילו אַזעלכע מאכלים, וואָס זי איז געוווינט צו עסן זיי, האָבן איר אויסגעזען באַטעמטער ווי בײַ זיך אין דער היים. אויף יעדן געריכט האָט זי זיך געפֿרעגט, ווי מען מאַכט עס. קיין מאָל האָט בערטע זיך נישט אַזוי געפֿרייט מיט דער דאָזיקער פֿרוי, ווי אויף דער דאָזיקער סעודה.

יונה טאָובער איז געזעסן אַן אײַנגעקאָרטשעטער צווישן די טעלער און ער האָט אַ סך געגעסן. כּל־זמן זײַן ווײַב איז געווען געזונט, פֿלעג זי אים געבן עסן צו דער זעט. זינט זי איז קראַנק געוואָרן, שטעלט מען פֿאַר אים אוועק אַ טעלער אויפֿן טיש און ער פֿאַרגינט זיך נישט צו עסן צו דער זעט, טאָמער נעמט ער צו בײַ זײַנע שוועלבעלעך. אַצינד, אַז ער עסט בײַ יענעם און זײַנע קינדער שטייען נישט איבער אים, האָט ער געגעסן צו דער זעט און נאָך מער. זײַנע אויגן זענען געווען האַלב פֿאַרמאַכט ווי בײַ אײנעם וואָס טראַכט וועגן עפּעס. וואָס האָט טאָובער געטראַכט אין די מינוטן? ווער ווייסט?

די געסט זענען געזעסן ברווח און געגעסן מיט הנאה. די סעודה האָט זיך פֿאַרצויגן, אָדער זיי האָבן געגעסן פּאַוואָליע, אָדער זיי האָבן געגעסן טאָפּלטע פּאָרציעס. צום סוף האָבן זיי אַוועקגעלייגט די גאָפּלען און זיך אָפּגעווישט דאָס מויל.

האָט ברוך־מאיר פֿאַרבויגן זײַן באָרד אויף אונטן און האָט זי געגלעט פֿון אויבן ביז אַראָפּ טראַכטנדיק בײַ זיך: אַז מיר האָבן שוין געענדיקט עסן און טרינקען, וואָלט זיך געפּאַסט אַנהייבן עפּעס צו רעדן. האָט ער באַמערקט אויף זײַן זון, אַז ער עסט נישט. האָט ער צו אים געזאָגט: דו מיינסט, אַז ס'איז הײַנט דײַן חופּה־טאָג, וואָס דו פֿאַסט. און בעתן זאָגן דאָס, האָט ער זיך געווענדט צו מינען און געזאָגט: ס'איז שוין בײַ אײַך, פֿרײַלין.

האָט בערטע אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פֿאַרוווּנדערונג און געזאָגט: איך מיין, אַז עס פּירט זיך, אַז אַ מחותּן זאָל רופֿן זײַן שנור מיטן נאָמען און נישט פֿרײַלין. האָט יונה געעפֿנט די אויגן און זיך אײַנגעקוקט אין מינען, וואָס איז געזעסן, ווי נישט זי מיינט מען. ברוך־מאיר האָט זיך געריבן די

הענט און געוואָרפֿן אַ בליק אויף יונהן, אפֿשר וועט ער עפּעס זאָגן לכּבֿוד די גאַסטגעבערס. יונה האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק ברוך־מאירס בליק, אָדער ער האָט אים נישט באַמערקט, אָדער ער האָט אים באַמערקט און געמאַכט זיך ווי ער וואָלט אים נישט באַמערקט. צום סוף האָט ער געעפֿנט דאָס מויל און געזאָגט: איך וועל אײַך דערציילן אַ זאַך, און נישט סתּם אַ זאַך, נאָר אַ זאַך וואָס ס'איז כּדאַי צו הערן. איך בין אַ מאָל פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין אַן אָרעם שטעטעלע, וואָס אַזאַ האָב איך נאָך קיין מאָל אין מײַן לעבן נישט געזען. ווו דו זאָלסט נישט קוקן, זעסטו נישט קיין לעבעדיק נפֿש, אויסער אַ טשאַטע גענדז, וואָס פּאַשען זיך אין מיטן מאַרק. געווען אַ זומערטאָג און די זון האָט געברענט ווי אַן אויוון און איך בין געווען זייער דאָרשטיק. האָב איך זיך אַרומגעקוקט און דערזען עפּעס אַ מין שפּײַז־קרעמל. בין איך אַרײַנגעגאַנגען און געוואָלט קויפֿן אַ לימענע, אויף צו מאַכן זיך אַ ביסל לימאָנאַדע. האָט מען געקוקט אויף מיר מיט שטוינונג. זינט זיי לעבן האָבן זיי נישט געזען קיין לימענע פֿאַר זייערע אויגן. האָב איך געבעטן אַ גלאָז ביר. האָבן זיי געקוקט אויף מיר מיט שטוינונג. וואָס איז דיר פּלוצלינג אײַנגעפֿאַלן צו פֿאַרלאַנגען אַ זאַך וואָס איז נישט בנמצא אין דער גאַנצער שטאָט. צום סוף האָב איך געבעטן אַ גלאָז וואַסער. און דאָ הייבט זיך אָן דער עיקר פֿון דער מעשׂה. איך קען נישט זאָגן, אַז מען האָט מיר נישט געגעבן קיין וואַסער, אָבער די כּלי האָט נישט געהאַט קיין צורה פֿון אַ כּלי, אַ פֿאַרסאַדזעט און צעבויגן שטיקל בלעך, מלא פֿלעקן פֿון זשאַווער. איידער איך פּועל בײַ מיר: יאָ טרינקען, נישט טרינקען, האָב איך געכאַפּט אַ קוק און איך האָב געזען, ווער עס האָט געבראַכט דאָס וואַסער. האָב איך זיך געטראַכט, אויב זי איז אַ בת־מלך, צי איז דען דער שטייגער, אַז אַ בת־מלך זאָל וווינען אין אַן אָרעם שטעטעלע.

ווי קומט די דאָזיקע מעשׂה צו צימליכן? אויב עס איז אַ משל, פּאַסט זיך נישט דער משל צום נמשל, ווײַל די עסנס און געטראַנקען זענען גאָר גוטע און די כּלים זענען שיינע, און מינע ווי שיין און ווי ציכטיק זי איז, איז זי דאָך נישט קיין בת־מלך. נאָר נאָך דעם ווי יונה טאָובער האָט דערציילט די מעשׂה, האָבן אַלע געפֿילט, אַז עס איז זיי גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרץ. אַז דער מאָגן איז פֿול, וואָס נאָך האָט געפֿעלט צום טיש — אַ שמועס.

הערשל, וואָס האָט כּמעט גאָרנישט געגעסן, האָט זיך צוגעקוקט צו די וואָס זיצן אַרום טיש, וואָס זענען מיד פֿון אַזוי פֿיל עסן און טרינקען און ער האָט געהאַט אי הנאה אי צער. צער געהאַט, וואָס ער איז הונגעריק און הנאה געהאַט — וואָס זײַן בויך איז אים נישט פֿול. מיט אַ צײַט צוריק איז אים אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט אַ קליין ביכעלע פֿון וועגעטאַריער, ווו עס רעדט זיך קעגן דעם עסן פֿלייש און פֿיש און ווײַן און די כּלערליי איבעריקע עסנס. אַז הערשל האָט געזען די אַרום טיש, ווי זיי קענען זיך שוין נישט רירן פֿון אַזוי פֿיל עסן און טרינקען, און זיי באַטאַפּן זיך נאָך אַלץ זייערע לײַבער און ווילן אַרײַנלייגן אין זיך נאָך און נאָך, האָט ער בײַ זיך גע־

טראַכט: אפֿשר איז מײַן מאַמעס ברודער, וואָס האָט זיך געזשיוועט מיט גראָזן, געווען אַ וועגעטאַריער, נאָר די מענטשן אין זײַן צײַט האָבן אים נישט פֿאַרשטאַנען און זיי האָבן אים גערופֿן משוגענער, און אפֿשר איז וואָר, וואָס עס שטייט געשריבן אין יענעם ביכעלע, אַז אַלע צרות קומען פֿון צו פֿיל עסן, וואָס דער מענטש לאָזט זיך נישט באַנוגענען מיט ווייניק און שנאַפּט אַלץ נאָך וואָס מערער און מערער. ווען מײַן מאַמע וואָלט זיך אַזוי נישט געיאָגט נאָכן געלט, וואָלט איך נישט געדאַרפֿט זיצן פֿאַר פּגרים פֿון עופֿות און פֿיש. הערשל האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ כּדי צו זען, וואָס ס'איז איבערגעבליבן פֿון די דאָזיקע נישט־גוטסקייטן, וואָס זייער ריח הודעט אים אונטער, און ער האָט דערזען מינען. אויך זי, ווײַזט אויס, פֿילט זיך דאָ נישט גאָר פֿויגלדיק. אפֿשר טראַכט זי אויך וועגן דער זעלבער זאַך. הלוואי וואָלט ער געקענט איר זאָגן: מיר טראַכטן ביידע וועגן דער זעלבער זאַך.

ווער עס זאָגט, אַז פּעסימיזם קומט פֿון אַ ליידיקן מאָגן, איז אַ ליגנער. אַדרבא, אַז דער מאָגן איז ליידיק, איז דער מוח קלאָר. ווײַל דווקא ווען איך בין הונגעריק, טראַכט איך דאָך וועגן תּיקון־המידות, נאָר כּל־זמן איך מוז אָנקומען צו טאַטע־מאַמע, האָב איך נישט קיין האָפֿענונג עפּעס וואָס מתקן צו זײַן. ער האָט ווידער אַ מאָל אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויף מינען: צי ווייסט זי, מינע, וועגן וואָס איך טראַכט?

מינע איז געזעסן ווי פּער מוז*. דער דאָזיקער גאָרסעט, וואָס נעמט אַרום איר האַרץ, האָט זי שטאַרק געמאַטערט און געדריקט. בערטע האָט דאָס באַמערקט און געטראַכט בײַ זיך: דאָס קינד האָט זיך צו שטאַרק אײַנגעשנירט.

צירל האָט געקוקט אויף מינען מיט ליבשאַפֿט און בײַ זיך געטראַכט: מיר פֿלעגן זיך מיידלווײַז נישט אַזוי מאַטערן.

ווידער איז אַרײַנגעקומען אַ דינסט און געבראַכט אַ גרויסן פּאַשטעט פֿון קוקורודזע־מעל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאַפּלווערד פֿול מיט פֿלוימען און נים און באַשיט מיט מטבעות געמאַכט פֿון צוקער. אַלע אַרום טיש, אויסער הערשלען, זענען שוין געווען איבערזאַט, אָבער זײַן גוטער ריח האָט אויף ס'נײַ אָנגעמאַכט אַן אַפּעטיט. הערשל, וואָס האָט זיך פֿרײַער נישט צוגערירט צום עסן, האָט גענומען אַ גרויס שטיקל און געגעסן מיט אַפּעטיט.

האָט צירל אויסגעצויגן אירע ליפּן צו איר זון צו און געזאָגט: ס'וואָר, אַ גוטער קוגל. הערשל איז רויט געוואָרן. ער האָט דאָך שטאָלצירט בײַ זיך, אַז ער האָט נישט טועם געווען פֿון דער סעודה, צום סוף האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום עסן ווי אַ הונגעריקער. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, אַז ענלעכע ווערטער האָט ער געזאָגט אויף אַן אַנדער

* בעל־כּורחו.

ארט, יענעם טאָג, ווען בלימע איז געקומען צו זיי אין שטוב דאָס ערשטע מאָל און זי האָט מיטגעבראַכט גוטע קיכלעך און ער האָט געזאָגט צו זײַן מאַמען: ס'וואָר מאַמע, אירע קיכלעך זענען גוט.

נאָכן בענטשן האָבן זיך די געסט אויפֿגעהויבן און זענען אַרײַן אין אַן אַנדער חדר, וווּ ס'איז געשטאַנען אַ טיש פֿול מיט זיסוואַרג און סיגאַרעטן. דאָס איז געווען אַ נײַע זאַך וואָס מינע האָט יענע נאָכט אײַנגעפֿירט לויט דעם וואָס זי האָט געזען אין סטאַניסלעװ: אַז עס זענען דאָ געסט, שטעלט מען אַוועק אַ טיש מיט זיסוואַרג און סיגאַרעטן אויף נאָך דער סעודה.

בערטע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן און געזאָגט: גדליה, פֿאַר וואָס דערציילסטו נישט, פֿון וואַנען עס זענען געקומען צו דיר די דאָזיקע סיגאַרעטן.

האָט גדליה געקוקט מיט פֿאַרווּנדערונג און געזאָגט: וואָס איז דאָ צו דערציילן?

האָט בערטע געזאָגט: דערצייל, דערצייל, ס'איז כדאי דאָס צו דערציילן.

צירל האָט געלאָשטשעט גדליהן מיט די אויגן און געזאָגט: נו, מחותן, פֿון וואַנען קומען צו אײַך די דאָזיקע סיגאַרעטן.

גדליה, וואָס האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים חושד זײַן, אַז ער האָט באַשמוגלט דעם אַקציז, האָט אָפּגעעטעמט און געזאָגט: אַ יינגערן ברודער האָט אונדזער גראַף און אַ גרויסער אויסברענגער איז ער. אַז ער קומט צו זײַן ברודער קיין מאַליקראַוויק, ברענגט ער מיט זיך אַ סך סיגאַרעטן.

האָט בערטע אַ זאָג געטאָן אַז אויפֿגעציטערטע: אָבער דעם עצם ענין האָסטו דאָך נישט דערציילט, גדליה.

האָט צירל געזאָגט: ער האַלט דאָך נאָך אין מיטן דערציילן.

האָט גדליה אָפּגעווישט דעם שטערן און געזאָגט: דער עצם ענין איז אַזוי: די דאָזיקע סיגאַרעטן זענען געמאַכט שפּעציעל פֿאַר אים, אַ פֿאַבריק איז פֿאַראַן אין פּאַריז, וווּ מען מאַכט סיגאַרעטן פֿאַרן גראַף, דאָס הייסט פֿאַרן יינגערן ברודער פֿון אונדזער גראַף. און זי מאַכט נישט נאָר אַזוינע פֿאַר קיין שום מענטש אויף דער וועלט. און אַזוי ווי דער גראַף, דאָס הייסט אונדזער גראַף, ציילט צו דעם גראַשן זײַן ברודער און גיט אים נישט קיין פּרוטה, ער זאָל נישט צעטרענצלען זײַן געלט אויף גאָרנישט — צאָלט ער פֿאַר יעדער זאַך מיט סיגאַרעטן. טוט אים דער לאַקיי אויס דעם מאַנטל, שטעקט ער אַרײַן די האַנט אין קעשענע און ער וואַרפֿט אים צו אַ פֿולע האַנט סיגאַרעטן. פֿירט אים דער קוטשער שפּאַצירן אין דער קאַטש, וואַרפֿט ער אים צו אַ פֿולע האַנט סיגאַרעטן. אַנומלט האָט אונדזער גראַפֿס קוטשער געטרונקען אין שענק און אַנשטאָט געלט האָט ער צוגעוואָרפֿן דעם שענקער סיגאַרעטן. און דער שענקער האָט זיי מיר פֿאַרקויפֿט.

האָט זיך ברוך־מאיר געריבן די הענט און געזאָגט: כּדאַי זיך צו דערוויסן, וואָס פאַר א טעם גראַפן פאַרמאָגן. ווי מיינסטו, הערשל, נעם א סיגאַרעט און רייכער. איך און די מאַמע פאַרבייגן אויף כּיבוד אָב ואם, דו מעגסט רייכערן אונדז אין די אויגן.

האָט טאָובער אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין שאַכטל און ער האָט זיך גענומען א סיגאַרעט, באַטראַכט אים פון אַלע זייטן און אַריינגעשטעקט אין מויל. איידער ער האָט אים פאַררייכערט, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף הערשלס אַקסל און אים אַוועקגענומען אין א זייט.

הערשל האָט זיך דערפרייט מיט טאָובערן, אַפשר דערפאַר, ווייל עס האָט אים שוין אויסגעפעלט וואָס צו רעדן מיט מינען און אַפשר דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט, נאָכן זיצן אַזוי לאַנג אויף איין אָרט, דורכגיין זיך איבערן צימער, וואָס ער קען דאָס נישט טאָן, ווען ער רעדט מיט מינען.

טאָובער האָט פלוצלינג א קוק געטאָן פאַר זיך ווי א נאַכטוואַנדלער און געזאָגט: א געלערנט פריילין.

אַל דאָס גוטע וואָס בילדונג פאַרמאָגט אין זיך האָט ער אַרויסגעבראַכט אין די דאָזיקע צוויי ווערטער.

ער האָט ווידער א מאָל געקוקט פאַר זיך פאַרזשמורענדיק די אויגן, ווי איינער וואָס זוכט א וואָרט, וואָס זאָל אַרויסברענגען די גאַנצע טיף פון זיין געדאַנק, און ער האָט אָנגענומען הערשלס האַנט און געזאָגט: אַצינד, הער האָרוויץ, פאַרלאָז איך אייך, איך בין א שוואַכער מענטש און איך דאַרף שוין שלאָפן. ער האָט פאַררייכערט דעם סיגאַרעט און ער איז אַרויס.

טאָובער איז אַוועק און הערשל איז געבליבן אַליין. זיינע הענט זענען געווען וואַרעם און זיינע אויערן — ווי מען וואָלט זיי געגלעט. מעגלעך, אַז דער באַריר פון טאָובערס האַנט און זיין קול לאָזן זיך נאָך אַלץ פילן.

עס האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון זייגער. ברוך־מאיר האָט געגעצנדיק זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס מויל און א זאָג געטאָן: שוין צען א זייגער.

צירל האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: שוין צייט אין שטאָט אַריין.

האָט בערטע געפרעגט: וואָס איילט איר אייך אַזוי?

האָט צירל געשמייכלט און געזאָגט: מיר דאַרפן דאָך שוין באַלד עפענען דאָס געוועלב.

צימליך, וואָס האָט די ווערטער פאַרשטאַנען פשוט, האָט געזאָגט: ביז צום עפענען די געוועלבער איז נאָך דאָ עטלעכע שעה. וווּ איז רבי יונה? האָט בערטע געענטפערט בנעימות און געזאָגט: טאָובער שלאָפט. ווער עס פירט זיך אַזוי ווי טאָובער, וועט לעבן הונדערט יאָר.

האט ברוך־מאיר געזאגט: איך זאג הונדערט און צוואנציק יאר און —
וועט פון קיין שום מחלה נישט וויסן.

סטאך האט איינגעשפאנט די פערד. ברוך־מאיר און צירל און הערשל האבן זיך איינגעהילט אין צימליכס און זיין ווייבס ווארעמע פעלצן און האבן זיך אריינגעזעצט אין שליטן. די הינט האבן זיך שטארק צעבילט און זענען אנטשוויגן געווארן, געבילט און אנטשוויגן געווארן. האט סטאך א סמאטשקע געטאן מיט די ליפן און א קנאל געטאן מיט דער בייטש און די פערד האבן א צי געטאן דעם שליטן.

שטיל זענען געגאנגען די פערד. דער שניי האט געלויכטן פוןביידע זייטן סטעזשקע. דער וועג, וואס איז אזוי ווייך געווען ביים ארויספארן, איז פארגלייזט געווארן. די פערד האבן געקלאפט מיט די פיס און די גלעקלעך אויף זייערע העלדזער האבן באגלייט זייערע טריט מיט א קלינגען.

סטאך האט זיך אריבערגעבויגן און מיט דער בייטש דערלאנגט די פערד איבערן בויך און האט זיך צעזונגען.

האט ברוך־מאיר געשמייכלט און זיך פונאנדערגעלאכט.

האט צירל געזאגט: וואס לאכסטו?

האט ברוך־מאיר געזאגט: אן אלטיטשקע האט געוווינט בשכנות מיט אונדז; אז מען האט געשלאגן א פערד, פלעג זי זיפצן און זאגן: לאז אים אפ, ער האט שוין גענוג, וואס ער איז א פערד. הערשל איז געזעסן איינגעגנער־רעט אין זיין פעלץ און געטראכט ביי זיך: וועגן וואס האב איך געטראכט, איידער איך בין ארויף אויפן שליטן, וועגן תיקון־המידות און טהרת־החיים. יא, וועגן תיקון־המידות און טהרת־החיים האב איך געטראכט, ווי ווייך טאובערם האנט איז. דער טאטע האט גוט געזאגט: ווער עס פירט זיך ווי טאובער, וועט לעבן הונדערט און צוואנציק יאר. אבער כל־זמן איך בין אין טאטע־מאמעס רשות, קען איך זיך אנדערש נישט פירן.

קאַפּיטל 14

שיבוש האָט נישט באַרעדט דעם שידוך. אַדרבא, זי האָט זיך מיטגעפֿרייט מיט דער שׂמחה פֿון די האָרוויצעס. ברוך־מאיר און צירל פּאַסן זיך פֿאַר שיבוש ווי פֿעפֿער צו פֿיש. ווער עס מאַכט חוזק פֿון זיי, טוט מען אים צוליב און מען לאַכט מיט. און מען לאַכט, נישט דערפֿאַר, ווײַל מען וויל אָפּלאַכן פֿון זיי, נאָר כּדי צוליב צו טאָן דעם חוזק־מאַכער. דער וואָס גאָט איז מיט אים זענען אויך זײַנע שטאָטלײַט נישט קעגן אים. אַ קליין משרתל איז ברוך־מאיר אַ מאָל געווען און הײַנט איז ער אַ רײַכער קרעמער. אַפֿילו זײַנע תּנועות און זײַן באָרד דערציילן וואָס ער איז. זײַנע תּנועות זענען נישט קיין אײַליקע און נישט קיין שליאָמ־פּעריקע און זײַן באָרד איז נישט צו לאַנג און נישט צו קורץ. אַזאַ ייִד ווי ברוך־מאיר קען פֿאַרקומען אומעטום, סײַ אין קאַרלסבאַד סײַ אין שיבוש. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געקריגט מיט קיין מענטש און נישט אַרויסגערופֿן קיין פֿאַרדראָס אויף זיך, אויסער איין מאָל וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַ זאַך און ער האָט געשטימט פֿאַר בלאָכן *, נישט ווי סעבאַסטיאַן מאָנטאַג, דער בירגער־מײַסטער, וואָס האָט פֿאַרקויפֿט זײַן נשמה פֿאַר אַ טאָפּ לינדזן און געוואָלט, מען זאָל דווקא שטימען פֿאַר ביקן **. אָבער מיט דעם איז ברוך־מאיר נישט געווען דער איינציקער אין שטאָט. גאַנץ שיבוש איז געווען פֿאַר בלאָכן. אויב אַזוי, ווי אַזוי איז אויסגעקליבן געוואָרן ביק און נישט בלאָך? דאָס איז אַ סדרה פֿאַר זיך, וואָס קער זיך נישט אָן אַהער. זינט דעמאָלט זענען שוין אַ סך וואַסערן אָפּגעפֿלאָסן אין דער סטריפּע און שיבוש האָט זיך שוין אָפּגעוואַשן פֿון איר שמוץ און סעבאַסטיאַן מאָנטאַג האָט זיך שוין איבערגעבעטן מיט ברוך־מאירן. אַ סימן האָסטו, אַז ס'איז אַזוי, ווײַל אַ סך פֿון די גוטע זאַכן וואָס קומען אַרויף אויף מאָנטאַגס טיש, שטאַמען פֿון ברוך־מאירס געוועלב. אַ באַזונדער בלאַט איז פֿאַראַן אין ברוך־מאירס קאָנטעבוך און ס'איז אויף אים אָנגעשריבן מתּנות לרז. וואָס דער רז באַטײַט — דעם דאָזיקן סוד בין איך דיר מגלה, רז דאָס זענען די ראשי־תּיבֿות פֿון ר' זײַנוול, ס'הייסט סעבאַסטיאַן, ס'הייסט זײַנוול. און אַז ער קומט אַרײַן צו זיי אין געוועלב, גייט אים צירל אַנטקעגן מיט גוטע זאַכן, מיט אַ גלעזעלע קאָניאַק און פֿאַרבײַסעכץ. און ווען נייטיק, מאַכט מען אַ פּעקעלע און מען שיקט עס אים אָפּ אַהיים. און פֿאַר דעם קומט ברוך־מאירן און צירלען אַ שבֿח. ווען נישט זיי, וואָלט זײַן ווײַב געשטאָרבן פֿון הונגער, ווײַל סעבאַסטיאַן איז אַ גרויסער אויסברענגער. יעדן גראָשן,

* ד"ר יוסף־שמואל בלאָך — מיטגליד פֿון עסטרײַכישן פּאַרלאַמענט.
** ד"ר עמיל ביק — מיטגליד פֿון עסטרײַכישן פּאַרלאַמענט.

וואָס קומט נאָר אַרײַן אין זײַנע הענט, ברענגט ער אוים אויף קאָרטן און אויף נעבעכלעך. נעבעכלעך, דאָס איז סעבאַסטיאַנס אַזאַ וואָרט פֿון ליבשאַפֿט און רחמנות פֿאַר די מיידלעך, וואָס זענען גרייט פֿאַר זײַן הנאה וועגן. ער האָט אַ ברייטע האַנט, סעבאַסטיאַן מאַנטאַג, און זי איז קיין מאָל נישט פֿאַרמאַכט. האָט זי זיך אויסגעליידיקט, פֿילט מען זי אָן, כּדי מען זאָל קענען אויפֿהייבן דעם קאָפּ פֿאַר די גויִם, זיי זאָלן נישט זען די בושה פֿון אונדזער בירגער־מײַסטער. ווי מען באַגייט זיך מיט אים, אַזוי באַגייט מען זיך מיט זײַנע קרובֿים, ווײַל אויב מען באַגייט זיך נישט מיט זיי ווי מיט מענטשן, קענען זיי ווערן שדים. אויסער דעם בירגער־מײַסטערס קרובֿים דאַרפֿן אויך אַנדערע פּרנסה. נישט אַלע אַכט טויזנט ייִדן אין שיבוש זענען גבֿירים אדירים. ס׳זענען פֿאַראַן עשירים, וואָס וווינען אין גרויסע הײַזער און עסן ווײַס ברויט און טרינקען קאַקאַאָ, ווידער זענען פֿאַראַן אָרעמע־לײַט, וואָס האָבן אַפֿילו נישט קיין טרוקן שטיקל ברויט מיט אַ ציבעלע און האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ. אַז אַן אָרעמאַן קומט אַרײַן צו ברוך־מאירן, גיט ער אים אַ גראָשן, און אַז ער זעט אַ יורד, האָט ער אײַנזעעניש מיט אים. אַז מען שרײַט אויף די קבצנים, זיי זאָלן גיין טאָן עפּעס אַז אַרבעט און נישט טשעפּען קיין מענטשן, זאָגט ברוך־מאיר: די וועלט וועט שוין נישט מוחזר למוטבֿ ווערן, אויב איין קבצן וועט זיך נעמען צו אַ מלאכה. און אין ענין יורד זאָגט ער: אדרבא, זאָלן מיר דאַנקען דעם דאָזיקן שלימזל, וואָס האָט סקאַסירט זײַנע געשעפֿטן, ווײַל דו קענסט נישט וויסן, וועמענס געלטער ער וואָלט אַרײַנגעשלעפּט און פֿון זיי אַ תּל געמאַכט.

דאָס הויז פֿון די האָרוויצעס שטייט אין מיטן שטאָט, אין אַ צײַל * הײַזער און געוועלבער, און עס איז נישט גרעסער פֿון די איבעריקע הײַזער אין דער צײַל. אָבער עס איז קאָנטיק צוליבן אײַנגעפֿאַלענעם טויבנשלאַק, ווײַל זײַן שווער פֿלעג האַלטן טויבן. דער אייבערשטער גאָרן איז אַ גרויסע דירה מיט פֿיל צימערן, און דער אונטערשטער גאָרן איז אַ לאַנג און שמאָל געוועלב. אויב עס וועלן דאָרט שטיין פֿאַר אַ מאָל דרײַ־פֿיר מענטשן, קען מען מיינען, אַז דאָס געוועלב איז פֿול מיט קונים. אָבער עס זענען דאָרט תּמיד פֿאַראַן מער ווי פֿינף־זעקס. די טישן זענען אָנגעשטעלט מיט וואָגן און זייערע שאָלן זענען באַלייגט מיט סחורות. בײַ דער וואָג, וואָס שטייט בײַ דער טיר, זיצט צירל. צירל אַליין פֿאַרנעמט זיך נישט מיט פֿאַרקויפֿן, נאָר זי שמועסט אײַן מיט די קונים; נישט ווי איר טאַטע, וואָס פֿלעג זאָגן: אַ געוועלב איז נישט קיין בית־מדרש, וווּ מען רעדט דבֿרים בטלים; און נישט ווי איר מאַן, וואָס איז פֿאַרנומען מיט זײַנע געשעפֿטסביכער; און נישט ווי הערשל, וואָס וועגט און מעסט; און נישט ווי די משרתים, וואָס מאַכן די פּעקלעך. און בשעתן שמועסן מיט די קונים גיט זי אַ ווונק צום משרת און יענער קומט און דרייט זיך אַרום קונה. דאָס

* שורה.

וואָס ברוך־מאיר טוט איז געוועלב איז חשובֿ, ווײַל ער שרײַבט און פֿאַרצייכנט און מעקט און באַשטעלט די סחורה — יעדע סחורה אין איר סעזאָן; דאָס וואָס הערשל טוט איז חשובֿ, ווײַל ער פֿאַרקויפֿט און פּאַקט אײַן און וועגט; דאָס וואָס די משרתים טוען איז חשובֿ, ווײַל זיי לאָדן אויף און לאָדן אָפּ די סחורה און באַדינען די קונים און טראָגן זיי אָפּ די סחורה אַהיים. חשובֿער פֿון אַלעמען איז צירלס אויסרעדן זיך, ווײַל פֿון איר רעדן מיט דיר דערגייט זי, וויפֿל דו ביסט ווערט. מעגלעך, אַז אין איר טאַטנס צײַטן, ווען די וועלט איז געווען אַז אַפּענע און ס'איז געווען קאַנטיק, ווער ס'איז אַ גבֿיר און ווער אַן אָרעמאַן, האָט מען אפֿשר נישט געדאַרפֿט קיין סך רעדן, אָבער אין אונדזער צײַט, ווען אָרעמע־לײַט מאַכן זיך פֿאַר גבֿירים — פֿאַר אָרעמע־לײַט, די, כּדי מען זאָל זיי לײַען און זיי וועלן אָנזעצן, און די, כּדי אַרויסצודרייען זיך פֿון געבן אַ נדבֿה, קומט גאָרנישט אַזוי שטאַרק צו נוץ, ווי דאָס רעדן, ווײַל אַזוי אַרום דערגייסטו דעם אמת. אויב דו ביסט נישט אַזוי ווי דו מאַכסט דיך, זאָגן אויס דײַנע רייד, וואָס עס טוט זיך בײַ דיר אין האַרצן; דײַן צונג גיט דיך אויס. אַפֿילו דו האָסט אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע, וואָס קאָסט אַ הונדערט רײַניש, און דו גראַבלסט אין דײַן קעשענע, ווי זי וואָלט געווען פֿול מיט רענדלעך און דו האָסט אַרויפֿגעלייגט ברעקלעך ווײַס ברויט אויף דײַנע וואָנצעס און דו שטייסט אין מאַרק און דו קרעכצסט, ווי איינער וואָס איז מיד פֿון אַ פֿעטער סעודה, ווערט מיט אַ מאָל פֿון דײַן פֿאַלשן קרעכץ אַן אמתער קרעכץ און עס קומט די צונג און זאָגט אויס, אַז דו ביסט שולדיק מער ווי דײַנע מלבושים זענען ווערט, און דײַן קעשענע איז ליידיק, און דײַן בויך — הלוואַי וואָלט מען אים געגעבן אַ רעטעך אָדער אַ ציבעלע. און אַזוי איז אויך פֿאַרקערט. איינער גייט אָנגעטאָן פּשוטע מלבושים, זײַן הוט האָט שוין קיין צורה נישט, און זײַנע שיך זענען פֿאַרבלאָטיקט און די קעשענעס הענגען אים אַרויס אין דרויסן. און אַז מען בעט בײַ אים אַ פּרוטה, קרעכצט ער אָפּ: ווער, מישטיינס געזאָגט, בין איך, וואָס מען פֿאַרלאַנגט פֿון מיר געלט, וואָס זשע זאָגט די צונג? איר האָט געהערט זײַן קרעכץ? דאָס איז אַ קרעכץ מחמת שׂמחה, וואָס מענטשן דאַרפֿן אָנקומען צו אים און ער דאַרף נישט אָנקומען צו מענטשן. ווען נישט די שמועסן, וואָס צירל פֿאַרפֿירט מיט די מענטשן, וואָלט זי דען געקאָנט וויסן, אַז דער דאָזיקער צימליך איז ווערט כּף טויזנט רײַניש. אויף זײַן פּנים דערקענט מען נישט זײַן עשירות און זײַן אָנגעטועכץ זאָגט נישט עדות, אַז ער האָט געלט, נאָר אַז מען פֿאַרפֿירט מיט אים אַ שמועס, פֿילט מען אין זײַנע רייד, אַז ער האָט געלט. אַ מטבע האָט אַ קלאַנג. ווער ס'האָט די מטבע, לאָזט זי זיך פֿון אים הערן.

זינט צירל איז דערגאַנגען דעם אמת, האָט זי נאָך מער מקרבֿ געווען גדליה צימליכן און זי האָט אײַנגעפֿירט צו פֿאַרבעטן אים צו זיי אין שטוב אַרײַן און טרינקען מיט אים אַ גלאָז קאַווע און אַז עס קומט אויס,

עסט מען צוזאַמען וואַרעמעס. די דאָזיקע טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צו די האָרוויצעס אין שטוב אַריין, זענען שמאָלע און ס'פעלן עטלעכע צווישן זיי, און זענען אויסגעשמירט מיט בוימל און מיט נאַפט און ריין און שטיקלעך צוקער און צעבראָכענע שוועבעלעך און צעקוועטשטע ראָזשינ־קעס, און קערעלעך קאַווע וואַלגערן זיך אויף זיי. דאָס זעלבע דאָס פירהויז, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט קעסטלעך ליכט און טערפּענטין און מיט פלעדליי פאַרבן און פעפער און פאַרשידענע זאַלצן. אָבער די צימערן זענען תמיד צוגערוימט. בלימע האָט אויף זיי שטענדיק גוט אַכטונג געגעבן. און אַז בלימע איז אַוועק און ס'איז אָנגעקומען אַן אַנדערע אויף איר אָרט, האָט צירל געהאַלטן אין איין אָנזאָגן איר וועגן דעם ריינקייט. צירל לערנט פון יעדן איינעם און דאָס וואָס זי האָט געלערנט, פאַלשעוועט זי נישט.

און הערשל, אוודאי איז נישטאָ וואָס אים אויפצוואַרפן, אַ צוגעלאָזענער צו מענטשן און האַלט זיך נישט גרויס מיט זיין עשירות. מען זאָגט דאָך אויף די גבירים, אַז מחמת זייער קלוגשאַפט זענען זיי רייך געוואָרן. איז דאָך דער שכל מחייב, אַז אַ קרעמער, אַ זון פון אַ רייכן קרעמער, זאָל זאָגן: יאָ, עס איז טאַקע אַזוי, דאָס קלוגשאַפט, וואָס סוחרים פאַרמאָגן, ברענגט זיי דאָס עשירות, אָבער ער זאָגט נישט אַזוי, אַלאַ וואָס זאָגט ער: אַז אימעצער האָט סחורה און פאַרקויפט, וווּ איז דאָ די חכמה זיינע? שיבוש ווייסט, אַז עס איז נישט אַזוי, נאָר עס פּאַסט זיי אַזוי, די גבירים, צו רעדן ווי סאָציאַליסטן.

אַזוי ווי שיבוש האָט גערן די האָרוויצעס, אַזוי האָט זי גערן די צימליכס. גדליה צימליך רירט אַפילו נישט אָן קיין פליג אויף דער וואַנט. כאָטש ער עסט ברויט באַשמירט מיט פּוטער, רופט ער נישט אַרויס ביי קיינעם קיין קנאה. זינט ער איז עולה לגדולה געוואָרן, האָט ער זיך נישט גרויס געהאַלטן פאַר מענטשן. ער האָט קיין מאָל נישט געגעבן קיין צדקה, מען זאָל זען, און נישט געהייסן אַנדערע טאָן ווי ער, נאָר זיינע נדבות גיט ער אַנדערע צום צעטיילן, אַז קיינער זאָל נישט ווײסן. פאַראַן אין שיבוש גבירים, וואָס האָבן באַקומען אַ שם פאַר בעלי־צדקה מיט גדליהס געלט.

דאָס וואָס גדליה צימליך האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, זעט אויס ווי מעשי־נסים, כאָטש אין פלוג איז עס נאַטירלעך אין לעבן פון אַ מענטשן, וואָס האָרעוועט אַלע זיינע יאָרן און לייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן. זיין טאַטע איז געווען אַ מילכיקער, אָבער ס'איז אים נישט געגאַנגען גוט, ווייל אין זיין צייט האָט יעדער ליטוישער בעל־הבית געהאַלטן אַ מעלקנדיקע קו ביי זיך אין שטוב און ער האָט נישט געדאַרפט קויפן קיין מילך ביים מילכיקן. און גדליהס ברידער און די איבעריקע קרובים זיינע, אויך זיי איז נישט גוט געגאַנגען. זייענדיק אָן פּרנסה, זענען זיי אַוועק, ווו די אויגן האָבן זיי געטראָגן. אַ טייל פון זיי זענען געשטאָרבן פון הונגער, אַ טייל פון זיי זענען געגליכן צו טויטע. איינער פון זיי איז אַוועק קיין דייטשלאַנד זוכן

דאָרט זײַן מזל. צום סוף האָט מען אים קובֿר געווען אין פֿרעמדע תּכריכים.

גדליה איז נישט געווען קיין שׂמח בחלקו, נישט ווײַל ער פֿאַרלאַנגט מערער, נאָר ווײַל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט מען בײַ אים צונעמען דאָס וואָס ער האָט, און ער וועט צוריק ווערן אַן אָרעמאַן. זעסט דאָך, בעסערע און גרעסערע פֿון אים האָבן נישט קיין שטיקל ברויט און קיין מלבוש און ער האָט אַלץ וואָס ער דאַרף. ער וווינט אין אַ גערוימער דירה און ער עסט און טרינקט און פֿאָרט אין אַ ברישקע. כאָטש ער איז אַן אָפּגעהיטענער ייִד און טוט קיינעם קיין בייז נישט, שרעקט אים שטענדיק דאָס האַרץ, אַז נישט דערפֿאַר ווײַל עס קומט אים, האָט אים דער אייבערש־טער געגעבן עסן און טרינקען און די איבעריקע באַדערפֿענישן, נאָר ער האָט אים הײַנט געגעבן, כּדי ער זאָל מאָרגן אַ תּל מאַכן פֿון אים. מאָרגן וועט קומען דער בעל־חובֿ און וועט אויפֿמאָנען זײַן חובֿ. יעדער פֿרעמדער מענטש, וואָס איז צו אים אַרײַנגעקומען, האָט זיך גדליהן אויסגעדאַכט, ווי ער וואָלט געקומען אַרויסנעמען די שליסלען פֿון זײַן האַנט. ער געדענקט, גדליה, ווי ער און זײַנע טאַטע־מאַמע פֿלעגן זיך לייגן שלאָפֿן אָן וועטשערע און זיך אַרויסלאָזן פֿאַר טאָג צו זייערע געשעפֿטן אָן אָנבײַסן און זענען איבערגעקומען דעם טאָג מיט אַ פּיסנע שטיקל ברויט און אַ ציבעלע. די קי האָבן געגעבן מילך בעין יפֿה, אָבער דער מילכיקער האָט נישט געטרונקען פֿון זייער מילך, ווײַל מילך איז צום פֿאַרקויפֿן און איז נישט פֿאַר ווילטאָג. פֿון דעסט וועגן פֿלעג גדליה דערמאָנען מיט ליבשאַפֿט יענע טעג, ווען ער פֿלעג אַרומגיין מיט זײַנע קאַנען. כּבֿיכול שלאָפֿט נאָך אין זײַנע הימלען און ער גייט שוין אַרום מיט זײַן טאַטן טראָגנדיק די כּלים אויף די אַקסלען. אָנגעקומען אין אַ שטאָט אַרײַן, גייען זיי אַרײַן אין שול און דאַווענען אָפּ מיט מנין און גייען אַרויס טאָן זייער מלאכה. אין אַ צײַט אַרום האָט גדליה חתונה געהאַט מיט ברײַנדלען, די טאָכטער פֿונעם אַרענדאַר פֿון דער דאָרפֿשענק און ער איז געווען בײַ זײַן שווער, ביז דער שווער איז געשטאָרבן און די אַרענדע איז אַריבער צו אים. און גדליה איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפֿן זעלבן אָרט, ווו מען האָט אים אַוועקגעשטעלט. ער האָט קיין סך נישט באַלעסטיקט זײַן באַשעפֿער מיט גרויסע פֿאַרלאַנגען, נאָר ער פֿלעג אײַנשפּאָרן אין די הוצאות זײַנע און האָט זיך געלאָזט באַגנוגענען מיט דעם ביסל וואָס ער האָט געהאַט; און אויך דאָס דאָזיקע ביסל האָט ער באַטראַכט ווי אַ חסד־געשענק פֿון השם יתברך. דערפֿאַר האָט אים השם יתברך געהאָלפֿן און ער האָט געלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, ביז עס איז פֿון זיי געוואָרן רענדלעך. ס'זענען נישט אַריבער קיין סך יאָרן און ער האָט שוין געקענט נעמען דאָס דאָרף אין פּאַכט. אַז ער איז געוואָרן דער פּאַכטער פֿון דאָרף, האָט ער אָנגעהויבן שרעקן זיך, טאָמער איז דאָס גאַנצע עולה לגדולה זײַן נישט מער ווי אַ נסיון. אָבער ווער איז עס, דער וואָס עס איז אים כּדאַי צו שטעלן אים, גדליהן, פֿאַרן נסיון? אפֿשר אַ מאָל

דער איבערשטער? וואס האט עס דער באשעפער פון דער וועלט מיט אזא גארנישט ווי ער? צי האט ער נישט קיין חכמים און קיין צדיקים, וואס ווייסן, וואס מען האט צו טאן מיט געלט. נאר אוודאי האט אים דער פריץ אריינגעצויגן אין דעם עסק, וואס האט אים פלוצלינג געגעבן א הייב אויף און האט אים פארפאכט זיינע פעלדער, כדי אים דערנאך צו דערני־דעריקן. ווען גדליה האט געוווינט מיט זיינע עלטערן אין א הילצערנער כאטע, ווו עס רעגנט אריין פון אויבן און דאס וואסער שפארט אריין פון אונטן, און דער פראסט מאלט אוים, מעשה רשעות, כלערליי חוזק־צורות אויף די פענצטער, און זיינע ברידער און שוועסטער בעטן א שטיקל ברויט און עס איז נישטא, און די טאטע־מאמע שרייען אויף זיי און זיי וויינען און ער זיצט און לייענט מעשיות פון צדיקים, א שטייגער די מעשה מיטן בעל־שם הקדוש, וואס האט מיט זיין חכמה אזוי געמאכט, אז אן ארעמער ייד איז פלוצלינג באשענקט געווארן מיט א שענק, פלעג גדליה ווערן מלא שמחה פון דער מעשה מיטן וווּנדער פון גאט, וואס ריכט אויף יידן. אבער קיין מאל איז גדליהן נישט געקומען אויפן געדאנק צו ריכטן זיך, אז אזא נס וועט געשען מיט אים; און אז עס איז געשען דער נס און דער פריץ האט אים פארפאכט זיינע פעלדער, האט גדליה נישט געוואגט איינצורעדן זיך, ס׳איז מיר געשען א נס, כביכול האט צוגעזען מיין צער און ר׳האט זיך דערבארעמט איבער מיר, נאר ער פלעג זאגן, גדליה, ער האט געמאכט א שפאס מיט מיר, דער פריץ, און ער האט מיך דערהויבן, כדי ער זאל מיך דערנאך אוועקשליידערן.

אז ער איז געווארן א פאכטער, האט ער זיך נישט געהאלטן גרוים. זיין שטוב איז געווען אפן פאר ארעמע־לייט און ער אליין פלעג זיי באדינען. איז ער געווען פריי פון זיינע געשעפטן, איז ער געזעסן און געזאגט תהילים. און מאנטיק און דאנערשטיק פלעג ער פארן אין שטאט אריין דאווענען מיט מנין. כאטש ער האט קיין מאל קיינעם נישט מקנא געווען, האט ער זיך מתקנא געווען אין די וואס לייגן צוויי פאר תפילין. יעדע מצווה איז חשוב, בפרט נאך, אז זי איז א טאפלטע, נאר אזוי ווי א סך גוטע און פרומע יידן זענען יוצא מיט איין פאר תפילין, האט ער ביי זיך נישט געהאט די העזה צו לייגן צוויי פאר. אבער ער פלעג אפהיטן זיינע תפילין און זיי אלע מאל געלאזט איבערקוקן און ער האט אין די תפילין נישט גערעדט קיין שיחה בטלה, און אויף יעדן יום־טוב פלעג ער זיך קויפן א נייעם טלית און אים אויסבייטן אויף א צעריסענעם טלית פון א תלמיד־חכם, אז ארעמאן. די דאזיקע שטומע תפילין און דער דאזיקער צעריסענער טלית פארמאגן אין זיך עפעס פון זייער בעל־הבית, וואס זיין מויל איז שטום און זיין הארץ איז צעריסן. אויב ער האט אנגעטאן אנדערע מלבושים, האט ער עס נישט געטאן פאר זיך, נאר פאר די פריצים, ער זאל זיך נישט פארמיאוסן ביי זיי אין זיינע שמאטעס. ווען נישט זיין ווייב, וואלט ער געטאן מיט זיינע מלבושים דאס זעלבע וואס ער טוט מיט זיין טלית.

פונקט ווי ס'איז אים געווען א ווונדער אויפֿן באַשעפֿער, וואָס האָט אים געגעבן אַל דאָס גוטס, אַזוי איז אים געווען אַ ווונדער אויף זײַן ווײַב, וואָס פֿירט זיך ווי אַ גבֿירטע און שרײַט אויף די משרתים בײַ איר אין שטוב, אַז זיי צעברעכן אַ כּלי, אָדער טוען עפּעס וואָס ס'געפֿעלט איר נישט. מאָרגן וועט דאָך דער אייבערשטער אויפֿריכטן זיי און ער און זי וועלן דאַרפֿן זיי באַדינען, צי וועלן זיי דען נישט געדענקען, אַז זיי האָבן זיי דערקוטשעט? אַריבער אַ וואָך און עס איז נישט צעבראָכן געוואָרן אַ כּלי אין שטוב, פֿלעג ער שוין איבערקלערן, טאָמער חס ושלום נעמט ער זיך אָפּ זײַנס שוין אויף דער וועלט.

אַז מינע איז געבוירן געוואָרן, האָט זײַן שרעק נאָכגעלאָזט. דאָס כּסדרדיקע ציטערן איבערן קינד, טאָמער וועט עס פֿאַלן, טאָמער וועט עס צעברעכן אַ הענטל אָדער אַ פֿיסל, טאָמער וועט זי אַ הונט אַ בײַס טאָן, האָט אָפּגעקערט זײַן געדאַנק פֿון זיך און ער האָט נישט נאָכגעטראַכט וועגן זײַן הצלחה. אויב ער האָט נישט קיין אייגענעם זכות בײַם אייבערשטן, וועט אים בײַשטיין דער זכות פֿון זײַן קינד.

אַז ער האָט זיך משדך געווען מיט ברוך־מאיר האָראָוויץ, האָט ער ווידער אָנגעהויבן אַרײַנטראַכטן אין זיך. די גאַנצע שמחה זײַנע איז געווען אויס־געמישט מיט צער. פֿרײַער האָט ער זיך געשראָקן נאָר פֿאַר זיך; אַז ער האָט זיך משדך געווען מיט אַ רײַכן און אַ חשובֿן ייִדן, האָט ער זיך אָנגעהויבן שרעקן, טאָמער וועט ער מיטשלעפּן מיט זיך זײַן מחותּן. אַז עס איז אַריבער אַ טאָג און עס האָט אים נישט פּאַסירט קיין שום מכשול, האָט ער זיך געפֿרייט, ווי ס'וואָלט אים דעם טאָג געשען אַ נס.

דער שטייגער פֿון אַזאַ איינעם איז צו ליגן אונטער דעם ווײַבס פּאַנטאָפֿל, אָבער גדליה איז נישט אַזאַ. בערטע, זײַן ווײַב, איז געווען אַ פּשוטע ייִדענע און זי האָט זיך נישט געהאַלטן העכער פֿון אים. איידער נאָך עס האָט זיי צוגעשפּילט דאָס מזל, האָט זיך שוין פֿאַרפֿונדעוועט איר כאַראַק־טער. אַלץ וואָס ליגט אין אירע הענט, האָט זי געטאָן, און אַלץ וואָס ליגט אין זײַנע הענט, האָט ער געטאָן. זי איז געווען צופֿרידן, וואָס דער אייבערשטער האָט איר געהאָלפֿן, און זי האָט נישט צו פֿיל אַרײַנגעטראַכט, און אויב זי האָט געאַרבעט מיט אַ טאָפּלטן כּוח און זי האָט זיך אַרויפֿ־געאַרבעט און דאָס פֿאַרמעגן איז געוואַקסן, איז נישט צוליבן פֿאַרמעגן האָט זי אַזוי פֿיל געאַרבעט, נאָר ס'איז בערטעס שטייגער צו אַרבעטן און האָרעווען. נאָר וואָס, צו זיצן מיט אירע חבֿרטעס און אויסהערן זייערע פּליאָטקעס איז זי באַשאַפֿן געוואָרן? פֿון קליינוויז אָן איז זי געוווינט געווען צו אַרבעטן, דעריבער האָט זי געאַרבעט. אַ מאָל האָט זי קיין סך נישט געהאַט פֿון איר האָרעוואַניע און הײַנט, וואָס זי זאָל נישט טאָן, קומט אַרײַן גאָטס ברכה. פֿון גאָטס גאָב איז זי מהנה אירע קרובֿים און דעם מאַנס קרובֿים. גדליה האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט זײַנע קרובֿים.

זענען זיי געקומען צו אים, האָט ער געגעבן; זענען זיי נישט געקומען, האָט ער נישט געגעבן. גדליה איז נישט געווען באַהאַוונט אין אַדרעסן און נישט געווען קיין אײַנגייער אין דער פּאָסט. אָבער בערטע האָט זיי געשיקט ~~נישט געווען קיין אײַנגייער אין דער פּאָסט. אָבער בערטע האָט זיי געשיקט~~ ער וואָלט אויסגעגאַנגען פֿון צער און חרטה.

בערטע האָט זיך אויך נישט געהאַלטן גרויס און זי האָט זיך נישט געפֿירט אַזוי, מען זאָל זי פֿײַנט קריגן. פֿון אָנהייב, זינט זי האָט גענומען זיך רופֿן בערטע שטאָט ברײַנדל, פֿלעגן די שיבושער לצים חוזק און זאָגן: ווײַזט אויס, אַז עשירות איז אויך אַזאַ מין קרענק, וואָס ס'איז אַ סגולה פֿאַר איר צו בײַטן דעם נאָמען. מיט דער צײַט האָט מען זיך צוגעווינט צו רופֿן זי בערטע, מיט דער צײַט האָט מען זיך צוגעווינט זי צו רופֿן הינטער די אויגן די פּאַסעסערקע פֿון מאַליקראָוויק און אין די אויגן — פֿרוי צימליך.

מינען האָט מען ווייניק וואָס אָנגעזען אין שיבוש. ס'רובֿ יאָר איז זי געזעסן אין סטאַניסלע און נישט פֿאַרבראַכט אין שיבוש. טייל מאָל ווערט באַנוצט איר קלייד, אָדער הוט, אָדער שיך ווי אַ פֿאַסאָן פֿאַר אירע חבֿרטאָרינס, אָבער ביז דער בעל־מלאכה ברענגט זיי אָפּ, פֿאַרגעסט מען די פֿון ווענען מען האָט גענומען דעם פֿאַסאָן.

קאַפּיטל 15

הערשל האָט פֿלוצלינג דערזען אַז מענטשן האָבן אים געגרן ווי אַ חתן, וואָס אַלע זענען פֿון אים צופֿרידן. אַ מאָל, אַז שיבוש איז נאָך געווען שיבוש, האָט מען זיך נוהג געווען זיך משדך צו זײַן צווישן זיך, און עס זענען נאָך איצט פֿאַראַן אין שיבוש משפּחות, וואָס זענען נישט קיין קרובֿים איינע מיט דער אַנדערער, אָבער עס איז בײַ זיי אײַנגענומען, אַז מיט דורות צוריק זענען זיי געווען קרובֿים. דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבן משדך צו זײַן פֿון אַנדערע ערטער. וואָס ווײַטער דאָס אָרט, אַלץ חשובֿער דער שידוך. די דאָזיקע חתנים און כּלות, וואָס זענען געקומען פֿון די ווײַטע מקומות, פֿלעגן אַרומגיין אין שטאָט ווי סאַמאַראָדנע פּריצים. יעדע באַזונדערע תּנועה זייערע פֿלעג מען אויסטײַטשן אויף טויזנט אופֿנים, יעדעס וואָרט און יעדער זאָג זייערער פֿלעג זיך פֿונאַנדערגיין, ביז זיי זענען אַרײַן אין עול פֿון פּרנסה און זיי זענען געוואָרן ווי אַלע אַנדערע ייִדן אין שיבוש.

יעדע משפּחה האָט אַ סך צו דערציילן וועגן חתונה־נסיעות און וועגן זייערע פּאַסירונגען אויפֿן וועג מיט גזלנים און שווינדלער, מיט מחותּנים און מיט שדכנים, זיי באַרימען זיך מיט די מעשׂיות און האָבן זיי ליב צו דערציילן. אַז די דורות זענען אַרונטער און צו געפֿינען אַ לײַטישן זיווג איז שווער געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן, וואָס עס קומט אונטער. אָבער הערשלס שידוך האָט פֿאַרמאָגט אין זיך ביידע זאַכן צוזאַמען. ווילסטו, איז זײַן כּלה פֿון אַן אַנדער אָרט, ווילסטו, איז זי איינע פֿון די שיבושער מיידלעך. ווי ווײַט איז מאַליקראַוויק פֿון שבוש, קוים אַ מײַל.

אַז עס זענען אויפֿגעקומען די פּאַזשעמקעס, האָט גדליה געשיקט זײַן בריטשקע ברענגען דעם חתן מיט זײַנע טאַטע־מאַמע, כּדי זיי זאָלן עסן פּאַזשעמקעס דאָרט ווו זיי וואַקסן, די קי קערן זיך אום פֿון דער פּאַשע און די דאָרפֿסשיקסעס באַגלייטן זיי מיט זייערע לידער, און די זון זעצט זיך און פֿאַרגייט און די לבֿנה מיט די שטערן קומען אַרויס אויפֿן הימל, און הערשל זיצט אונטער אַ בוים און זײַנע טאַטע־מאַמע און זײַן כּלה זיצן מיט אים, און אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, וואָס האָט אַ זויערלעכן טעם און מאַכט אַן אַפּעטיט, ליגט פֿאַר אים, און פּוטער און קעז און זויערמילך שטייען אויסגעשטעלט אויפֿן טיש און רויטע יאַגדעס שווימען אַרום אין זיסער סמעטענע, און בערטע קוקט אויף אים מיט גרויס

ליבשאפט. און באדינער און דינסטן, פון וועלכע עס טראגט זיך א ריח פון סמאלע און פון דזשעגעכץ, שטייען ארום אים גרייט אים צו באדינען. זיי רוימען אראפ טעלער און קריגעלעך און גלעזער, און ברענגען טעלער און קריגעלעך און גלעזער. אז הערשל זיצט אזוי ארומגענומען מיט אזוי פיל ווילטאג פון אלע זייטן, קוקט ער אויף זיך ווי אויף א חולה, וואס מען פארעט זיך ארום אים. פאראן דארט עפעס אזוינס וואס אפילו א געזונטער קען פון דעם קראנק ווערן.

הערשל און מינע שמועסן נישט איינער מיטן אנדערן. די אוונטן און די נעכט פון תחילת זומער פארטראגן נישט קיין רייד. זיצן זיי זיך, הערשל און מינע, זאלבע נאנד און טראכטן, אדער אפשר טראכטן זיי גארנישט. צו מאל הייבט מינע אויף אירע אויגן צום הימל און פארקוקט זיך אויף דעם שטערן, אויף יענעם שטערן. פאר איר כלה ווערן האט זי געלערנט די נעמען פון עטלעכע שטערן, איצט האט זי זיי פארגעסן, נישט זי האט פארגעסן, ווי מען רופט זיי, נאר זי קען נישט אנרופן קיין שום שטערן ביי זיין נאמען. ווען דער לערער וואלט זי געפרעגט, ווי הייסט דער אדער יענער שטערן, וואלט זי געשטאמלט.

הערשל איז נישט קיין לערער און רעדט נישט וועגן אסטראנאמיע. א צעבראכענער זיצט ער אויף א הילצערנער באנק און די פיס באמבלען זיך אים אראפ צו דער ערד און באר̈ירן זי נישט, און זיינע אויערן הערן יא און הערן נישט. אפגעהאקטע קלאנגען דערטראגן זיך פון דארף. ס'דאכט זיך, אז די דארפישע שיקסעס זינגען דאס ליד וועגן דער בת־מלכה, וואס האט געהאט א הויט פון א פיש. יעדעס מאל ווען דער בן־מלך האט זיך צוגערירט צו איר, פלעג ער אויפציטערן. וואס האט דער בן־מלך געטאן, אז ער האט זיך געכאפט, אז זי איז גאר א רוסאלקע? וויט־ווייט זענען די שיקסעס פון הערשלען און זייערע קולות דערגייען צו אים פון דער ווייטנס און נישט פון דער נאענט.

דאס דאזיקע זיצן הערשלס מיט זיינע עלטערן ביי צימליכן שלעפט זיך נאך פון ווען עס איז נאך טאג געווען, און אז זיי הייבן זיך אויף, גייט ער אריין מיט זיין טאטן אין שטוב אריין דאווענען מעריב. צימליך ווארט נישט מיטן דאווענען און דאוונט גלייך, ווי נאר עס באווייזן זיך די שטערן. אבער יעדעס מאל, ווען זיי גייען אריין דאווענען, גייט ער אריין מיט זיי כדי צוצוקוקן זיך ווי יידן דאווענען.

ברוך־מאיר דאוונט אפ גיך און הערשל דאוונט פאוואליע. מעגלעך אז דאס הארץ איז ביי אים פול און מעגלעך, אז מחשבות זרות צעטומלען אים. איידער ער גייט אוים שמונה־עשרה, שטייט שוין דער קוטשער גרייט מיט זיין בייטש אפצופירן זיי צוריק קיין שיבוש.

א שעה נאך מעריב פארן זיי צוריק אהיים. סטאד דערלאנגט זיינע פערד איבער די בייכער און זינגט זיסע און טרויעריקע לידער. א מאל טראכט

בײַ זיך הערשל, אַז מען האָט אים געגעבן אַל דאָס גוטס, אָבער זײַן האַרץ איז טרויעריק. נישט גוטע מאכלים און פֿרישע לופֿט און נישט כּבֿוד און גדולה און עשירות און מאַיאָנטקעס ברענגען דעם מענטשן פֿרייד, נאָר איין זאַך איז פֿאַראַן אַזאַ וואָס דאָס האַרץ ווייסט נישט, וואָס דאָס איז, אַפֿילו דו האָסט אַל דאָס גוטס פֿון דער וועלט און דאָס פֿעלט, איז דאָס האַרץ נישט גאַנץ און די פֿרייד איז קיין פֿרייד נישט.

וואָס פֿעלט אים, הערשלען? אויב זײַנע טאַטע־מאַמע ווייסן נישט, טאָ ווער זשע דען זאָל וויסן?

טאַובער האָט שוין אָפּגענומען שדכנות־געלט. פֿון דעסט וועגן, ווי ער זעט נאָר הערשלען, נעמט ער אים אונטערן אָרעם, פֿאַרפֿירט מיט אים אַ שמועס און שמועסט מיט אים לאַנג וועגן זאַכן וואָס הערשל האָט ליב צו הערן. צי ציריל האָט געפֿרעגט טאַובערן, וואָס ער האָט גערעדט יענעם טאָג ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַראָפּגעפֿאָרן קיין מאַליקראָוויק, דאָס ווייסט מען נישט; אָבער מען ווייסט, וואָס ער רעדט מיט הערשלען. גיב אַ קוק, שיבוש האָט אַן אַלטן בית־עולם און פֿון דעסט וועגן — אומעטום ווי מען גראָבט נאָר, געפֿינט מען אַ קבֿר. וועגן דעם האָט עקבֿיה מזל אָנגעשריבן אַ גרויס בוך און זוכה געווען, מען זאָל אים דערמאָנען אַפֿילו אין דער „נײַע פֿרײַע פּרעסע". אָבער אויך טאַובער ווייסט זאַכן וואָס ס'איז כּדאַי זיי צו הערן. אַז הערשל האָט דאָס דערמאָנט פֿאַר טאַובערן, האָט טאַובער געזאָגט: איך געדענק, אַז ווען מען איז געגאַנגען פֿאַרריכטן דעם רבֿס בית־מדרש, האָט מען דאָרט געפֿונען צוויי קבֿרים אונטער דער ערד. און נישט בלויז אין בית־מדרש, אומעטום ווי מען גראָבט, געפֿינט מען קבֿרים. עס האָט זיך שוין געשטעלט אַ שאלה, צי אַ כּהן מעג וווינען אין שיבוש. מזל האָט אָנגעשריבן אַ גרויס בוך און טאַובער ווייסט פֿאַר צוויי ביכער. און הערשלס האַרץ גאַרט צו הערן נאָך און נאָך. אפֿשר וואָלט מזל געקענט שטילן זײַן נײַגער, ווײַל נישט אַלץ וואָס ער ווייסט שרײַבט ער אין בוך.

אָבער מזל וווינט אין עק שטאָט און הערשל וווינט אין מיטן שטאָט, און דער אייבערשטער פֿירט זיי נישט צונויף אויף איין אָרט. אַקעגן זשע פֿירט ער צונויף הערשלען מיט טאַובערן. דער דאָזיקער טאַובער איז אָנגעשטאָפּט מיט וויסן, אַ שאָד וואָס מזל קען אים נישט. ס'איז כּדאַי צו הערן, וואָס מזל וואָלט געזאָגט וועגן טאַובערן.

טאַובער טרעפֿט זיך נישט צונויף מיט מזלען. ווען בלומע נאָכטס פֿאָטער וואָלט געלעבט און ער וואָלט געווען רײַך און ער וואָלט געוואָלט אַ רײַכן איידעם, איז מעגלעך, אַז טאַובער וואָלט געגאַנגען צו מזלען, ווײַל בלומע איז דאָך בײַ אים. אָבער בלומע איז דאָך אַן אָרעמע יתומה, אַ דינסטמיידל. פֿריִער האָט זי געדינט בײַ די האָרוויצעס און הײַנט דינט זי בײַ מזלען אין הויז.

גייען זיי זיך אַזוי, טאָובער און הערשל, איבער די שיבושער גאַסן און אַרום דער שטאָט מיט די סיגאַרעטן אין די מײַלער, דער האַלט אין מויל אַ רייכערנדיק שטיקל סיגאַרעט — אַ גאַנצן סיגאַרעט, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן צו פֿאַררייכערן. הערשל וווּנדערט זיך אויף טאָובערן. דאָס פֿײַער פֿון זײַן סיגאַרעט איז דאָך שוין צוגעקומען ממש ביז צו די ליפּן זײַנע און ער וואַרפֿט אים נאָך אַלץ נישט אַוועק. איידער ער ווײַזט אים אָן דערויף, הייבט שוין טאָובער אויף די האַנט און ער נעמט אַז דאָס שטיקל סיגאַרעט מיט זײַנע צוויי פֿינגער און נעמט עס אַרויס פֿון מויל און וואַרפֿט עס אַוועק פֿאַר זײַנע פֿיס. און אַז ער וואַרפֿט עס אַוועק, קוקט ער אויף דעם ווי אַ מענטש, וואָס האָט אין דער מיט איבערגעריסן זײַנע מחשבֿות. דער דאָזיקער סיגאַרעט — הערשל האָט עס אים געגעבן טאָובערן, נאָר ער איז נישט אַזוי וואָזשנע ווי יענע, צימליכס, וואָס מען האָט זיי געלאָזט מאַכן שפּעציעל פֿאַרן גראַף און דעם גראַפֿס הערב איז אויסגעלייעשט אויף זיי. פֿאַר מינען האָט טאָובער געליבט שיבוש, פֿאַר הערשלען איז ער מער אָפּנהאַרציק און ער אַנטפּלעקט אים וואָס עס טוט זיך בײַ אים אין האַרצן. טאָובער איז נישט קיין ציוניסט און הערשל איז נישט קיין ציוניסט, אָבער בײדע זענען זיי אײַנשטימיק מיט די ציוניסטן, אַז אַ פֿאָלק קען נישט האָבן קיין קיום פֿון האַנדל־וואַנדל, נאָר אַ טייל דאַרף זיצן אויפֿן באָדן. און אין דעם פּרט לויבט טאָובער צימליכן, וואָס ער לעבט פֿון באַאַרבעטן די ערד און ער איז זוכה צו זען די ברכה אין זײַן מי. און וואָס שייך מינען... מינע איז אַ געלערנט פֿרײַלין. אַז עמעץ אַנדערש זאָגט, מינע איז אַ געלערנט פֿרײַלין, ווייסטו נישט, צי די בילדונג איז אַ בײַזאַך צו מינען, צי מינע איז אַ בײַזאַך צו דער בילדונג. אָבער אַז טאָובער זאָגט אַ געלערנט פֿרײַלין, פֿילסטו, אַז די בילדונג האָט אַ סך געוווּנען, וואָס זי שטייט אײַן בײַ מינען.
אויב עס גייט אין ציוניסטישן אידעאַל, האָט מינע די מעלה, וואָס אירע עלטערן לעבן אויפֿן באָדן. אויב עס גייט אין בילדונג, האָט מינע די מעלה, וואָס זי איז געבילדעט. אָבער בײַ הערשלען אין האַרצן איז פֿאַראַן נאָך עפּעס אַ זאַך וואָס האָט נישט צו טאָן נישט מיטן ציוניסטישן אידעאַל און נישט מיט דער בילדונג. אָבער די וועלט איז נישט באַשאַפֿן געוואָרן, אַז דער מענטש זאָל האָבן אַלץ וואָס זײַן האַרץ פֿאַרלאַנגט, געוווּנג פֿאַר הערשלען, אַז ער האָט, וואָס ער האָט.
הערשל איז פֿאַרנומען מיט זײַנע חתונה־מלבושים. קוים אָפּגעגעסן דעם אָנבײַסן, קומען שוין די שנײַדערס אָנמעסטן אים די מלבושים. און זיי מעסטן אים אין דער לענג און אין דער ברייט, אַרום האַרץ און אַרום די אַקסלען און אַרום האַלדז.
צירל האָט געלאָזט מאַכן איר זון מלבושים צו גאָט און צו לײַט, דאָס הייסט שבתדיקע און וואָכעדיקע. און זי האָט אים נאָך געמאַכט אַזעלכע מלבושים, וואָס קענען זײַן סײַ אויף שבת און סײַ אויף אין דער וואָכן,

...זיי מעסטן אים אין דער לענג און אין דער ברייט, אַרום האַרץ
און אַרום די אַקסלען און אַרום האַלדז...

אז הערשל זאָל קענען גיין אין זיי שפּאַצירן שבת פאַר נאַכט, נישט ווי די אויפגעקלערטע אין שיבוש, וואָס האָבן נאָר שבתדיקע מלבושים און וואָכעדיקע מלבושים, אין די שבתדיקע מלבושים קענען זיי נישט אַרויסגיין, ווייל זיי זענען דאָך עפּעס אויפגעקלערטע, אין די וואָכעדיקע מלבושים קענען זיי נישט אַרויסגיין, ווייל ס'איז דאָך עפּעס שבת. מוזן זיי נעבעך זיצן שבת אין זייערע שטובן ווי אַבלים, רחמנא ליצלן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך מינע געמאַכט איר אויסשטייער. בערטע האָט געוואָלט באַשטעלן אין סטאַניסלע, האָט גדליה געזאָגט: די סטאַניסלעווער קויפן נישט אין שיבוש, און אויב די שיבושער וועלן נישט קויפן אין שיבוש, איז פון וואַנעט וועט שיבוש לעבן? האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז זיי וועלן קויפן אין שיבוש. וועגן יעדער גרויסער קניה איז בערטע זיך מישב מיט צירלען, נישט ווייל זי דאַרף איר עצה, נאָר כּדי צו ווייזן איר, סאַראַ ברייטע האַנט זי האָט.

בערטע און גדליה האָבן געעפנט זייערע הענט. בערטע פאַרן אויסגעבן די טאָכטער און גדליה — צופרידנצושטעלן דאָס מזל, וואָס האָט זיך באַהעפט צו זיין מזל. יעדן טאָג ברענגען די קרעמער סאַמעט און אַטלעס און זיידנס און צייג, און בערטע פאַרעט זיך אַרום און גדליה שטוינט; דאָס דאָזיקע קינד, וואָס אירע ווייכע ביינדעלעך האַלטן אויף זיך קוים די הויט, ווי וועט זי קענען אַרויפנעמען אויף זיך אַזוינע בערג קליידער.

מינע האָט אויסגעמיטן צו קומען צו די האַרוויצעס, ווייל עס איז נישט דער שטייגער פון אַ כּלה־מיידל צו זיין לעבן איר חתן. און אַז זי קומט קיין שיבוש, האַלט זי זיך אויף ביי פרוי גילדנהאָרן.

צו יענער צייט איז גילדנהאָרן אַרומגעפאָרן איבער דער מדינה און סאָפיע איז געווען איינע אַליין אין שטוב און זי האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט איר חבֿרטאָרין. ביי טאָג גייען זיי ביידע אַרום איבער די געוועלבער, און ביי נאַכט שלאָפט מינע אין שטאָט, אין גילדנהאָרנס בעט.

גילדנהאָרן פאָרט אַרום איבער דער מדינה און ביי אים אין הויז איז שטיל און פון די שיינע וואַזאַנעס, וואָס שטייען אויף די פענצטער, שמעקט אַ ריח, נישט קיין ריח פון טאַבאַק און נישט קיין ריח פון וויין און קאָניאַק. דאָס גאַנצע מעבל שטייט און רוט זיך אָפּ פון עם טומל פון דער קאָמפּאַניע. אויך סאָפיע רוט זיך אָפּ פון איר מאַן. אויף איר געלעגער טראָגט זי ווידער איר מיידליש העמד, און אירע אַקסלען זענען איינגעקאָרטשעט. אַנטקעגן איר ליגט מינע אַ פאַרמאַטערטע. אַ סך זאַכן האָבן איר פאַסירט דעם טאָג. אַ סך קליידלעך און שאַלן און מאַנטלען האָט זי אָנגעמאָסטן. דער זייגער לאָזט זיך הערן. זינט גילדנהאָרן האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין און די קאָמפּאַניע האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, הערט זיך דער זייגער נאָך שטאַרקער.

סאָפיע האָט זיך אויסגעדרייט צו מינען און געזאָגט: שוין צען אַ זייגער.

האָט מינע געזאָגט: צען אַ זייגער?

האָט סאָפיע געזאָגט: האָסט נישט געציילט?

האָט מינע געזאָגט: איך האָב נישט געציילט.

האָט סאָפיע געזאָגט: דו ביסט פאַרטאָן אין מחשבֿות.

האָט מינע געזאָגט: איך טראַכט וועגן גאָרנישט.

האָט סאָפיע געזאָגט: דו זאָגסט מיר? איך ווייס דאָך, וועגן וואָס דו האָסט געטראַכט.

האָט מינע געזאָגט: דו ווייסט, וועגן וואָס איך האָב געטראַכט?

האָט סאָפיע געזאָגט: איך ווייס, אַז דו האָסט געטראַכט וועגן אים.

האָט מינע געזאָגט: וועגן אים? ווער איז ער עם?

האָט סאָפיע געזאָגט: לייג צו דײַן אויער און איך וועל דיר זאָגן.

האָט מינע געזאָגט: אָט בין איך דאָך.

האָט סאָפיע געזאָגט: וועגן אים טראַכטסטו.

האָט מינע געזאָגט: דאָס האָסטו שוין איין מאָל געזאָגט.

האָט סאָפיע געזאָגט: דאָס וואָס איך האָב געזאָגט איז וואָר.

האָט מינע געזאָגט: אָבער דו האָסט נישט דערזאָגט.

האָט סאָפיע געזאָגט: דו ווילסט, אַז איך זאָל דערזאָגן, וועל איך דערזאָגן.

האָט מינע געזאָגט: איך האָב בכלל נישט געטראַכט וועגן אים.

האָט סאָפיע געזאָגט: וועגן וועמען האָסטו נישט געטראַכט?

האָט מינע געזאָגט: וועגן הײנריך האַרוויצן.

האָט סאָפיע געזאָגט: אויב אַזוי, טאָ וועגן וועמען האָסטו עס געטראַכט די גאַנצע צײַט?

האָט מינע געזאָגט: לאָז מיך שלאָפן.

האָט סאָפיע געזאָגט: וואַרט צו, איך וויל דיר עפּעס ווײַזן.

האָט מינע געזאָגט: צי איז נישט צײַט דערויף בײַ טאָג?

האָט סאָפיע געזאָגט: יעדע זאַך אין איר צײַט.

אַ שווײַגנדיקע איז מינע געלעגן אויף איר בעט און געקוקט אויף איר חבֿרטאָרין.

סאָפיע איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעט און אָנגעטאָן אַן אַנדער העמד. מאָדנע האָט סאָפיע אויסגעזען בײַ איר חבֿרטאָרין אינעם העמד, וואָס אַזאַ האָט זי נאָך קיין מאָל נישט געזען. סאָפיע האָט זי נישט געמאַכט נײַגעריק, ווי זי האָט עס פריער געטאָן, נאָר זי האָט איר גלײַך אויסגע־

זאגט, אז דאס איז דאס העמד, וואס זי טוט אן ביי נאכט, אז גילדנהארן איז אין דער היים. מינע האט געזען און נישט געזען. וואס איז סאפיען פלוצלינג איינגעפאלן אויסטאן א העמד און אנטאן א העמד.

אבער ביי סאפיען וואס ס'איז אויף דער לונג איז אויף דער צונג, און זי דערציילט זאכן פון לעבן צווישן מאן און ווייב.

האט מינע מיט כעס אוועקגעדרייט דעם קאפ, בעת סאפיע וואונדערט זיך און לאכט, לאכט פון איר כעס און וואונדערט זיך אויף איר, וואס זי ווייסט גארנישט אין די זאכן.

מינע איז מיט צוויי יאר יינגער פון איר חברטאריין. אבער איר חברטאריין איז שוין צוויי יאר נאך דער חתונה און זי ווייסט זאכן, וואס מינע ווייסט נישט. סאפיע פרייט זיך נישט מיט איר וויסן די דאזיקע זאכן און זי האט ליב צו קוקן אויף איר חברטאריין, וואס די אלע זאכן זענען איר נאך אומבאקאנט. מינע האט אוועקגעדרייט דעם קאפ פון איר. דער זייגער לאזט זיך כסדר הערן. שוין עלף א זייגער. מינע האט נישט געהערט, ווי דער זייגער גייט, ווייל זי שלאפט, און סאפיע האט נישט געהערט, ווייל זי איז פארטאן מיט אירע געדאנקען.

די דאזיקע געדאנקען, וואס באשעפטיקן סאפיען, זענען ס'רוב וועגן אירע אינטימע זאכן. זי איז נאך זייער יונג געווען, ווען מען האט זי חתונה געמאכט מיט גילדנהארענען, וואס נעמט זי אויף איין האנט און טראגט זי פון איין צימער אין צווייטן. ווי ליב זי האט עס געהאט זיינע געקעסטלטע הויזן, ווי זיין קול פלעג עס אויפרודערן איר הארץ. איצט איז קאליע געווארן זיין קול. ער באנוצט זיך צו פיל מיטן קול, כדי צוצורעדן מענטשן, זיי זאלן אסעקורירן זייער לעבן. און אז ער קומט אהיים, איז ביי אים א רענדל א ווארט. סאפיע איז א גוט ווייב און זי טוט, וואס זיין הארץ פארלאנגט נאר. אבער זיין הארץ ווייסט נישט, וואס עס וויל. דאכט זיך, אז עס פעלט איר גארנישט, פלוצלינג דאכט זיך איר, אז עס פעלט איר אלץ. זי איז שוין צוויי יאר נאך דער חתונה און זי האט נאך נישט קיין קינדער.

סאפיע טראכט נישט בלויז וועגן זיך. טייל מאל לאזט זי אפ אירע אייגענע ענינים און טראכט וועגן פרעמדע ענינים, טייל מאל ווילנדיק און טייל מאל קעגן איר ווילן. ס'טרעפט, אז די מחשבות קומען פון זיך אליין, און ס'טרעפט, אז זי שטרעקט אויס איר האנט נאך זיי, ווי א פרוי, וואס האט געזען א צווייטע קויפן עפעס און זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט צו קויפן דאס זעלבע, ווי עס האט מיט איר פאסירט א מאל אין הארוויצעס געוועלב, אז זי האט געזען, איינע א פרוי קויפט מאנדלען אין דער שאל, האט סאפיע געזאגט צו הערשלען: גיב מיר מאנדלען.

דער זייגער גייט און גייט. פון אלע שטובזאכן איז ער דער איינציקער, וואס רוט נישט קיין מינוט. א שעה איז אריבער, זינט ער האט אויסגע־

שלאָגן עלף שלאָג און ער לאָזט זיך שוין ווידער הערן. אין אַכט שעה אַרום דאַרף זי אויפֿשטיין. פֿון דעסט וועגן וויל זי נישט שלאָפֿן. ס׳איז איר גוט מיט אירע מחשבֿות און זי וויל זיי נישט אָפּלאָזן פֿון זיך.

מינע שלאָפֿט רויִק. איר האַרץ איז פֿאַרשפּאַרט ווי אַ בתולה און אירע געדאַנקען צערודערן זי נישט.

נאָך אַ שעה איז אַריבער. סאָפֿיע האָט געקוקט אויף איר חבֿרטאָריון. מינע איז געשלאָפֿן רויִק. אַזוי שלאָפֿן מענטשן, וואָס שטייען פֿאַר אַ נײַ לעבן און טראַכטן נישט אַרײַן, וואָס פֿאַר אַ לעבן דאָס וועט זײַן.

כאָטש הערשל געהערט צו די אויפֿגעקלערטע, האָט מען נישט משנה געווען דעם אַלטן מנהג. דעם שבת פֿאַר דער חופּה זענען געקומען זײַנע מקורבֿים און אים געפֿירט אין בית־מדרש אַרײַן, און בײַם לייענען האָט זיך ברוך־מאיר אַוועקגעשטעלט בײַ דער עמידה און געטיילט די עליות, און אַז מען האָט אויפֿגערופֿן דעם חתן, האָבן אַלע ווײַבער אין דער ווײַבערישער שול אים באַשיט מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, און דער חזן מיט די משוררים האָבן געזונגען דעם מי־שבירך. און נאָכן דאַווענען איז דער עולם געגאַנגען אויף קידוש צום חתן, און נאָכן עסן זענען געקומען זײַנע חבֿרים און געזעסן מיט אים ביז נאָך הבֿדלה און דער חזן מיט זײַנע משוררים האָבן געזונגען זמירות, ביז עס זענען געקומען די צדקה־גבאים און גענומען צדקה בײַם חתן. דערנאָך זענען געקומען הערשלס מלמדים אָנווינטשעווען אים און באַדאַנקען אים, וואָס ער האָט זיי געדענקט אין זײַן שׂמחה און זיי געשיקט מתּנות.

„ליכא כתובה דלא רמי בה תיגרא", איבער דער כּתובה האָט מען זיך נישט געקריגט. אין אַנדערע זאַכן איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקתל. אין קליינעם בית־מדרשל, וווּ ברוך־מאיר און הערשל דאַווענען, איז פֿאַראַן אַן אָרט אויפֿן מזרח, וואָס דאָרט זעצט מען אַוועק די חתנים דעם שבת ווען מען רופֿט זיי אויף. דאָס אָרט איז נישט דער קנין פֿון בית־מדרש, נאָר דער קנין פֿון איינעם אַן אַלטיטשקן, וואָס בײַ אים איז עס אַ שׂמחה אָפּצוטרעטן זײַן אָרט פֿאַר די חתנים. אַז מען האָט אַהין געפֿירט הערשלען, האָט אים דער אַלטיטשקער זיך נישט געלאָזט אַוועקזעצן אויף זײַן אָרט. ער האָט געזאָגט: איך זע נישט אויף אים קיין צורת חתן. ווײַל הערשל האָט נישט אָנגעטאָן קיין שטרײַמל דעם שבת פֿון אויפֿרוף, דעריבער האָט דער אַל־טיטשקער נישט געוואָלט אים אָפּטרעטן זײַן אָרט. איז דאָרט געווען איינער אַ ייִד אַ פּיקח און אַ תּלמיד־חכם און ער האָט געזאָגט צו דעם אַלטיטשקן: צי האָבן מיר דען נישט געלערנט חתן דומה למלך און מלך פּורץ גדר ואין ממחין בידו. ס׳הייסט: אַ חתן איז געגליכן צו אַ מלך, און אַ מלך ברעכט דורך צוימען און קיינער ווערט אים נישט. איז דאָרט געווען דער גבאי פֿון בית־מדרש, האָט דער גבאי געזאָגט צום אַלטיטשקן: לאָזט אָפּ מיטן שטרײַמל, רבי ברוך־מאיר וועט לאָזן מאַכן אַ נײַעם אָרון־קודש.

האט ברוך־מאיר צוגעשאקלט מיטן קאפ און דער אלטיטשקער האט צוגעפירט דעם חתן אויף זיין ארט.

ערגער פון דעם איז געווען דער סכסוך צווישן די מחותנים וועגן דער חופה. ס'איז א מנהג ביי ייִדן, אז מען מאכט די חופה ביי דער כלה. און צירל האט זיך איינגעקשנט, מ'זאל זי מאכן דווקא ביי איר. האבן זי אונטערגעשטיצט עטלעכע בעלי־בתים, וואס האבן געזאגט: א סך חופות שטעלט מען אין דעם טאג, און אויב מיר וועלן פארן אין דארף אריין, וועלן מיר נישט באוויזן צו גיין צו די איבעריקע חתנים, און זיי וועלן זיין ברוגז אויף אונדז. האבן זיי אונטערגעשטיצט דער רב און דער חזן, וואס האבן געזאגט: דער שכל איז מחייב, מען זאל מאכן די חופה אין שטאט, ווייל ס'זענען פאראן עטלעכע חופות דעם טאג און מיר וועלן נישט קענען באוויזן צו פארן אין דארף אריין. האט זיי אונטערגעשטיצט דער גבאי פון דער גרויסער שול, וואס האט געזאגט: איין חופה איז דא אין שטאט און מען קען זי נישט אוועקשיקן אין דארף אריין אין דער צייט וואס עטלעכע פארלעד ווארטן אויף איר. אז בערטע און גדליה האבן געזען, אז עס איז אזוי, זענען זיי באשטאנען צו מאכן די חתונה אין שטאט.

קאַפּיטל 16

יענעם טאָג ווען הערשל האָט חתונה געהאַט מיט מינען זענען נאָך עטלעכע פּאָרלעך געגאַנגען צו דער חופּה, אָבער הערשלס און מינעם חופּה האָט זיך צום מערסטן אָנגעזען. אויף די אַלע חתונות האָבן אויך געשפּילט כּלי־זמרים און די פּויקערס האָבן געפּויקט און עס זענען געקומען קרובֿים פֿון אַנדערע שטעט. צו הערשלס און מינעם חתונה איז געקומען אַן אורח, אַ קרובֿ פֿון אַן אַנדערער מדינה. אַן אורח, אַ קרובֿ פֿון אַן אַנדער לאַנד, אַפֿילו פֿון דײַטשלאַנד, דאָס איז נישט קיין חידוש; אַ דײַטש אַ קרובֿ אין חופּה־טאָג — דאָס איז אַ זעלטנקייט.

געלט וואַלגערט זיך נישט אין די גאַסן און אַפֿילו נישט אין דײַטשלאַנד, נאָר ווער עס האָט אַ קאָפּ און איז נישט פֿויל, איז ווו ער זאָל נאָר נישט מגולגל ווערן, ווערט ער אַ גבֿיר. דעמס פֿאָטער איז באַגראָבן געוואָרן אין פֿרעמדע תּכריכים און דער זון גייט אָנגעטאָן ווי אַ פּריץ. אַ גרויס מסחר פֿון עופֿות און אייער האָט ער, מיט פֿיליאַלעס אין עטלעכע שטעט. נישט איין מאָל האָט ער שוין געוואָלט קומען קיין גאַליציע, זען דאָס לאַנד און אַ טאָפּ טאָן דעם מאַרק. סוף כּל סוף איז ער געקומען. דעם טאָג וואָס ער איז געקומען קיין שיבוש האָט ער געהערט, אַז הער צימליך מאַכט חתונה זײַן טאָכטער. האָט ער זיך געטראַכט: דער דאָזיקער צימליך איז אַוודאי מײַנער אַ קרובֿ. האָט ער אָנגעטאָן יום־טובֿדיקע קליידער און איז געגאַנגען צו דער חופּה.

גדליה און בערטע פֿרייען זיך מיט זייער קרובֿ און שעמען זיך נישט מיט אַנדערע קרובֿים זייערע. ווער ס'האָט געוואָלט קומען אויף מינעם חתונה, האָט אים בערטע געשיקט אויף הוצאות און געגעבן אים נײַע מלבושים און געקויפֿט אַ דרשה־געשאַנק פֿון זײַנעט וועגן. גדליה און בערטע שעמען זיך נישט מיט זייערע קרובֿים, כאָטש זיי זענען אָרעמע־לײַט. אויך פֿון מחותּנס צד זענען נישט אַלע קיין גבֿירים. כלעבן, ראָטשילד איז רײַכער פֿון זיי. די גרויסע מתּנות, וואָס הערשל האָט באַקומען אין טאָג פֿון זײַן חתונה, האָט ער באַקומען פֿון סוחרים און פֿאַבריקאַנטן, וואָס די פֿירמע האָרוויץ האַנדלט מיט זיי. דאָס וואָס עס האָבן געבראַכט ברוך־מאירס קרובֿים, און אַפֿילו צירלס קרובֿים, קען מען צובינדן צום עק פֿון

א מויז און ס'וועט איר נישט שווער זיין צו אנטלויפן פאר דער קאץ, אויסער איין מתנה, א לאנג און גרין פאפירל, דאלאר רופט מען עס, וואס וועגט איבער עטלעכע מתנות. א דאלאר האט די ווערט נישט מער ווי פינף קראנען עסטרייכיש געלט, אבער דער וואס האט אים געשיקט האט נאך צוגעגעבן צו דעם א פאר שיינע שורות. קיסריים און מלכים שלאגן מטבעות און פרעזידענטן מאכן דאלארן און זיי זענען מער נישט ווערט ווי זייער ווערט איז. א משורר גיט צו צו זיי א צוויי־דריי שורות, און זיי ווערן מער ווערט. משולם, ברוך־מאירס ברודער, האט נישט געהאט אויף קיין הוצאות צו קומען אויף הערשלס חתונה, האט ער גענומען א בייגעלע פאפיר און אנגעשריבן אויף דעם א שיר און אים צוגעשפיליעט מיט א שפילקעלע צום דאלאר און דאס אוועקגעשיקט. ברוך־מאיר און משולם זענען ברידער. ברוך־מאיר זיצט אין א גרויס געוועלב. משולם זיצט אין א קליין געוועלב. ברוך־מאיר איז תמיד פארנומען. משולם איז כמעט שטענדיק פריי. זיצט משולם אין זיין געוועלב און מאכט לידער וועגן די פארשידענע ציַיטן פון יאר און ימים־טובים. דער מחזור איז שוין אפגעשלאסן. אבער דאס יידישע הארץ איז נאך אפן. און אז ס'ווערט א יידן אומעטיק אויף דער נשמה. און ער גיסט אוים זיין הארץ אויף לשון־קודש, זענען די מלאכים און שרפים מפסיק זייער שירה זאגן און זיי קומען זיך איינהערן און זיי ברענגען זיינע ווערטער פארן כסא־הכבוד, און גאט ברוך הוא נעמט זיי אריין אין זיין סידור און ער קוקט אין זיי אריין און ער ווערט פול מיט רחמים אויף יידן. משולמס געוועלב איז נישט ווי ברוך־מאירס געוועלב, און זיינע וואגן זענען נישט ווי ברוך־מאירס וואגן, וואס ס'איז תמיד אנגעשטעלט אויף זיי. און אויך זיינע מאסן זענען אנדערע ווי ברוך־מאירס, וואס תמיד זענען זיי פול. און אויך זיינע הענט זענען נישט ווי דעם ברודערס הענט. זיצט ער זיך אן אומעטיקער און וועגט זיינע פערזן און מעסט די תנועות און די יתדות און לייגט אריין די גאנצע נשמה זיינע אין די שירים. זיינע שירים געפינסטו נישט אין „המגיד" און נישט אין „אוצר הספרות" און נישט אין די „ספרי שעשועים", נאר זיי זענען באהאלטן אין א שטרויענעם קויש אונטער זיין בעט. און אז זיין וויַיב גייט אויפן מארק קויפן גרינוואַרג פאר א גראשן, נעמט זי זיי ארויס און זי לייגט זיי אוועק אונטערן קישן, און אז זי קומט צוריק, לייגט זי זיי צוריק אריין אין קויש אריין. אבער פאראן שירים זיינע, וואס מען לייענט זיי יא, דאס זענען די שירים מיט ברכות אויף ראש־השנה. ווער עס האט נישט צו טאן מיט שירים, זענען ברוך־מאירס ווינטשקארטלעך חשוב ביַי אים, ווייל די אותיות זייערע זענען גאלדענע און די קאנטן גאלדענע. ווער עס האט א געפיל אין שירים, ביי דעם איז משולמס ברכה נאך חשובער, כאטש זי איז געשריבן מיט פראסטן טינט אויף פראסטן פאפיר.

וואס אזוינס האט משולם, הערשלס פעטער, צוגעשריבן צום דאלאר? משולם, הערשלס פעטער, האט געשריבן:

מִנְחָה שְׁלוּחָה מִדּוֹד
שְׁטָר כֶּסֶף מֵאֶרֶץ מֶרְחַקִּים
וְנַפְשׁוֹ תָּגִיל מְאֹד
לִקְרוֹא לָכֶם מַזָּל טוֹב מִמַּעֲמַקִּים
וְתִיטַב לָכֶם מִשְׁתֶּה וְרִקּוּד
וְשִׁלְחוּ גַּם לִי מַמְתַּקִּים.

ס'הייסט:

מיטן דרשה־געשאַנק — אַ באַנקנאָט פֿון אַ ווײַט לאַנד —
שיקט אײַך דער פֿעטער מיט פֿרייד און מיט אַ פֿולער האַנט
ווונטשן פֿון טיפֿן האַרצן — מזל־טובֿ און אַ סך גליק.
לאָזט אײַך ווילגיין, פֿרייט זיך, עסט און טרינקט,
און שיקט אויך פֿון די גוטע זאַכן מיטן זיסן טעם
דעם פֿעטער, וואָס האָט פֿאַרפֿאַסט די דאָזיקע שורות צום גראַם.

„לכל זמן ועת ולכל חפץ" — אַלץ אין זײַן צײַט. וויפֿל שירים האָט משולם האָרוויץ מחבר געווען און ר'האָט נישט זוכה געווען, זיי זאָלן זען די ליכטיקע שײַן. ער האָט אָנגעשריבן צוויי־דרײַ שורות צום גראַם און זיי האָבן אים געמאַכט אַ נאָמען. און נישט נאָר דאָס, נאָר מען האָט אַרײַנגעדרשנט אין יעדן פֿערז באַזונדער, ווי למשל: פֿאַר וואָס האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ מי"ם? אַ טייל האָבן געזאָגט, ווײַל עס איז דאָס ערשטע אות פֿון מינע, און אַ טייל האָבן ווידער געזאָגט, ווײַל עס איז דאָס ערשטע אות פֿון מזל־טובֿ. אַנדערע האָבן געזאָגט: ס'איז נישט ווי די זאָגן און נישט ווי יענע זאָגן, נאָר ער האָט געוואָלט אַרײַנפֿאַסן זײַן נאָמען אין די אָנהייב־שורות. אויב אַזוי — ווו איז די מי"ם צום סוף פֿון משולם? נאָר ער האָט זי אָוועקגעשטעלט צום סוף פֿון דער ברכה.

הערשל האָט נישט געקענט זײַן פֿעטער משולם, נישט פֿאַר זײַן חתונה און נישט נאָר זײַן חתונה. אויב ער פֿלעג טראַכטן וועגן זײַן משפּחה, האָט ער געטראַכט וועגן זײַן מאַמעס משפּחה, אַ שטייגער וועגן איר ברודער, וואָס איז אַראָפּ פֿון זינען, און אַ שטייגער וועגן איר זיידן, וואָס פֿלעג אָנטאָן אַ קוואַרט שטאָט תּפֿילין.

הערשל און מינע האָבן חתונה געהאַט און קרובֿים און נישט קיין קרובֿים זענען געקומען פֿרייען זיך אויף זייער שׂמחה. חשובֿע לײַט און פּראָסטע מענטשן, געסט אין שטרײַמלעך און אין צילינדערס, גוטע־פֿרײַנד און אַזעלכע, וואָס שטעלן זיך ווי גוט־פֿרײַנד. אַלע צימערן זענען פֿול מיט מענטשן און אַלע טישן זענען פֿול מיט לעקעך און ווײַן. אויך דאָס גרויסע

צימער פֿון די פּליושמעבל האָט מען געעפֿנט. די ווײַסע ציכן האָט מען אַראָפּגענומען און דער ריח פֿון נאַפֿטאַלין איז אויסגעמישט מיטן ריח פֿון די לעקעכער. די סאַרווערס לויפֿן אַהין און צוריק, באַטראַכטן די געסט, וויפֿל יעדער איינער פֿון זיי וועט געבן סאַרווערגעלט און וויפֿל ס'וועט אויסקומען אויף זייער חלק. די געסט זיצן אין קופּקעלעך און שמועסן צווישן זיך. גילדנהאָרן זיצט מיטן פֿרעמדן אויפֿן עק סאָפֿע און זיי שמועסן וועגן פּאָליטיק און אַנדערע הויכע זאַכן. דער דאָזיקער פֿרעמדער טראָגט אַ הויכן צילינדער אויפֿן קאָפּ, און גילדנהאָרן טראָגט אַ געוויינלעכן הוט, אָבער אַז ער רעדט מיט אים, בייגט ער זיך אַ ביסל אַראָפּ, ווײַל גילדנהאָרן איז אַ הויכער און דער פֿרעמדער דערגרייכט ניט צו זײַן קאָפּ. פֿון דעסט וועגן זעט זיך נישט אָן אויף דעם פֿרעמדן, אַז ער איז קלענער פֿון גילדנ־האָרנען. דײַטשלאַנד דערהייבט אירע מענטשן, אַז קליינע זעען אויס ווי גרויסע.

אײַזשע העלער, גילדנהאָרנס שווער, וואָס איז אין עלטער מיט צירלען און ער האָט עטלעכע יאָר געוווינט בשכנות מיט איר טאַטן, האָט געזאָגט: איך געדענק דעם חתנס זיידע, וואָס דער חתן הייסט נאָך אים. ער איז געווען אַ ביסל אַ מאָדנער מענטש, ער האָט זיך נישט געפֿרייט צווישן פֿריילעכע און נישט געוויינט צווישן וויינענדיקע, און ער האָט נישט געקוקט אויף קיין מענטש, און ער האָט קיינעם נישט פֿאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַרײַן. אָבער ער פֿלעג זיך אײַנשאַפֿן וואָס מער טויבן אין זײַן טויבנשלאַק אויפֿן דאַך פֿון זײַן שטוב און ער פֿלעג זיך אָפּגעבן מיט זיי מיט גרויס ליבשאַפֿט. איין מאָל האָב איך אים געזען אַרויפֿגיין אויפֿן לייטער צו געבן די טויבן וואַסער און עסן און אַ טויב איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דאַך. ס'האָט מיך אָנגענומען אַ רחמנות אויף אים, ווײַל ער איז געווען אַן אַלטער און עס איז אים שווער געווען אַראָפּצוגיין און אַרויפֿ־צוגיין. האָב איך זיך געטראַכט: איך טראָג אים אַרויף די טויב און ער וועט זיך נישט דאַרפֿן מטריח זײַן. נאָר איך האָב געוואַרט, ער זאָל מיר זאָגן. צום סוף האָב איך זיך נישט מער געקענט אײַנהאַלטן און איך האָב צו אים געזאָגט: אפֿשר זאָל איך נעמען די טויב און אַרויפֿברענגען זי אײַך? האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן און נישט געענטפֿערט קיין וואָרט. און ער איז אַראָפּגעגאַנגען און גענומען די טויב און צו רעכט געמאַכט אירע פֿליגעלעך און איז צוריק אַרויפֿגעגאַנגען מיט איר.

חיים־יהושע בלײַבערג, וואָס איז נישט געווען אויפֿגעלייגט אין דער מינוט, האָט אויסגעפֿונען, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק אין אײַזשעס זכרונות און ער האָט געזאָגט: דו ביסט זיכער, אַז אַזוי איז עס געווען?

האָט אים אײַזשע געזאָגט: ממש אַזוי, אַזוי ווי איך האָב דערציילט.

האָט חיים־יהושע געזאָגט: איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט דאָס געזען אין חלום.

האָט איַיזשע געזאָגט: פֿאַר וואָס דווקא אין חלום?

האָט חיים־יהושע געזאָגט: אַזוי איז מיר איַינגעפֿאַלן.

האָט איַיזשע געזאָגט: וויַיל דיר איז אַזוי איַינגעפֿאַלן, דאַרף איך חלומען אַזעלכע אויסטערלישע חלומות?

האָט חיים־יהושע געזאָגט: און דערציילן אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן איז ביַי דיר גליַיכער?

האָט איַיזשע געזאָגט: וואָס איז דאָ אַזוי אויסטערליש?

האָט חיים־יהושע געזאָגט: ווען ס'זאָל נישט זיַין אויסטערליש, וואָלטסטו עס דען דערציילט?

האָט איַיזשע געזאָגט: וואָס אמת איז אמת.

האָט חיים־יהושע געזאָגט: אמת, אַז דער חתן האָט נישט קיין מראה חתן.

האָט מאָטשע שיינבארד געזאָגט: און די כּלה?

האָט חיים־יהושע געזאָגט: די כּלה אויך נישט.

האָט לייבוש טשאַרטקעווער געזאָגט: איר האָט געזען אַזאַ פּאָר? ער איז אַ בן־יחיד און זי איז אַ בת־יחידה.

הערשל איז אַ בן־יחיד און מינע איז אַ בת־יחידה. דאָס גאַנצע האַרץ זייערס האָבן די עלטערן אַריַינגעלייגט אין די קינדער זייערע. אַלץ וואָס קען דערפֿרייען חתן־כּלה האָבן זיי געבראַכט. זייער חתונה זעט זיך אָן אין שטאָט און די שׂמחה זייערע קלינגט גאָר וויַיט. דאָס געוועלב איז פֿאַרמאַכט ווי שבת און יום־טוב. די ראָלטיר איז אַראָפּגעלאָזט ביז אונטן און אירע צוויי שלעסער גלאַנצן אין דער זון. ווער עס גייט פֿאַרביַי דאָס געוועלב ווייסט, אַז ס'איז אַ גרויסע שׂמחה ביַי ברוך־מאירן און צירלען אין הויז. אָבער איצט איז קיינער נישט אין גאַס. ווער ס'מוז נישט גיין אויף אַלע אַנדערע חתונות, קומט ער אויף הערשלס און מינעס חתונה. ברוך־מאיר האָט געקענט לאָזן אָפֿן דאָס געוועלב און איבערלאָזן די משרתים אין געוועלב, נאָר ער האָט זיי פֿאַרבעטן אויף זיַין זונס חתונה און ער האָט זיי טראַקטירט ווי גאַנצע מחותּנים. יעדער איינער, מיט וועמען ברוך־מאיר האָט נאָר ווען ס'איז געכאַפּט אַ שמועס, איז פֿאַרבעטן אויף זיַין זונס חתונה. געצל שטייט גייט אַנגעטאָן זיַינע שענסטע בגדים. אָבער ער פֿרייט זיך נישט ווי עס דאַרף צו זיַין צוליב בלימען, וואָס ער האָט זיך געריכט זי דאָ צו זען און מען זעט זי נישט.

בלימע ווייסט, אַז היַינט איז דער טאָג פֿון הערשלס חתונה, פֿון דעסט וועגן איז זי נישט פֿאַרביטערט און זי לאָזט קיין זיפֿץ נישט אַרויס.

בלימע זיצט ביַי עקביה מזל אין שטוב און זי שפּילט זיך מיט זיַין קינד ווי אַלע אַנדערע טעג, און אפֿשר מער ווי אין אַלע אַנדערע טעג. צי האָט

זי נישט געוואָלט הערשלען? בלימע האָט ליב געהאַט הערשלען, נאָר אַזוי ווי ער האָט גענומען אַן אַנדערע, טראַכט זי נישט מער וועגן אים.

אַ בלאַסער און מידער איז הערשל געשטאַנען אונטער דער חופּה. לעבן אים איז געשטאַנען זײַן כּלה. זי איז בלאַס ווי חלבן ליכט און ער — ווי אַן אָפּשפּיגלונג פֿון איר.

פֿאַר וואָס האָבן מיר צוגעגליכן דאָס פּנים פֿון דער כּלה צו אַ ליכט און דאָס פּנים פֿון חתן צו איר אָפּשפּיגל? ווײַל מען האָט אָנגעצונדן ליכט לכּבֿוד די חתן־כּלה, ווי עס פּירט זיך. דעריבער האָבן מיר צוגעגליכן זייערע פּנימער צו אַ ליכט.

פֿון די ווײַסע טריפֿנדיקע ליכט שפּראָצן אַרויס רויטע פֿלעמלעך ווי ווײַנענדיקע אויגן אַנטקעגן דער זון. פּלוצלינג איז געקומען אַ ווינט און פֿאַרלאָשן אַ ליכט. אַ ליכט, וואָס איז פֿאַרלאָשן געוואָרן אונטער דער חופּה, איז אַ שלעכטער סימן פֿאַרן פּאָרל, אָבער די מחותּנים האָבן דאָס נישט באַמערקט, און הערשל האָט אין דעם גאָרנישט געזען. זײַן געדאַנק וואָגלט אַרום איבער כּלערליי זאַכן וואָס קלעבן זיך נישט איינס מיטן צווייטן. אָט קוקט ער אויפֿן שמש און אויפֿן פֿלעשל ווײַן און אָט קוקט ער אויף די ליכט, וואָס טריפֿן טראָפּנסווײַז און פֿאַרשמירן די בלויע סטענגעס, וואָס מען האָט מיט זיי אַרומגעבונדן די ליכט. דערמאָנט זיך הערשל, וואָס ער האָט אַ מאָל געהערט, אַז אין אינדיע איז פֿאַראַן אַזאַ סעקטע, אַז ווען מאַן און ווײַב ווילן זיך גטן, גייען זיי אַרײַן אין אַ באַזונדער שטוב און צינדן אָן צוויי ליכט, אַ ליכט פֿאַרן מאַן און אַ ליכט פֿאַרן ווײַב, און זיי שטייען אַנטקעגן די ליכט און וואַרטן. האָט זיך פֿאַרלאָשן דעם מאַנס ליכט, גייט ער גלײַך אַרויס און ער לאָזט איבער די שטוב מיט די זאַכן פֿאַרן ווײַב און ער קערט זיך שוין מער קיין מאָל נישט צוריק אַהין. האָט זיך פֿאַרלאָשן דעם ווײַבס ליכט, גייט זי גלײַך אַרויס און לאָזט איבער די שטוב מיט די זאַכן פֿאַרן מאַן און זי גייט אַוועק און קערט זיך שוין מער קיין מאָל נישט צוריק אַהין. הערשל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך צוגעקוקט צום ליכט, וואָס איז פֿאַרלאָשן געוואָרן. איין גאָט אין הימל ווייסט, וועמעס ליכט ס'איז פֿאַרלאָשן געוואָרן.

דאָס מיידל, וואָס אין איר האַנט איז פֿאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכט, האָט עס אָנגעצונדן בײַ אירס אַ חבֿרטאָריין און זי האָט זיך פֿאַררייטלט. הערשל האָט אַוועקגעקערט די אויגן פֿון איר און געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

די מיידלעך, וואָס האָבן אַרומגעבונדן די ווײַסע ליכט מיט בלויע סטענגעס, צי זענען זיי דען אַלע ציוניסטקעס אָדער עס איז בלויז אַ צופֿאַל? און ווען זיי וואָלטן זיי אַרומגעבונדן מיט רויטע סטענגעס, צי וואָלט מיר אויפֿן געדאַנק געקומען צו פֿרעגן: צי זענען זיי אַלע סאָציאַליסטקעס? און טאָמער איז דאָס דער בעסטער סימן, אַז אויב זיי האָבן נישט אַרומגעבונדן קיין רויטע סטענגעס, נאָר בלויע, הייסט עס, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן צוליבן

ציוניזם. ווי עס זאָל נישט זײַן, האָלט איך, אַז רויטע זענען שענער ווי בלויע.

דער רבֿ האָט פֿאַרענדיקט די ברכות און די אונטערפֿירערס האָבן אַרײַנגע־פֿירט די חתן־כּלה אין גרויסן זאַל, וווּ עס זענען געשטאַנען אַ סך שטולן צוגערוקט איינע צו די אַנדערע און אַ סך מענטשן זענען געזעסן איינער לעבן אַנדערן. מינע קען זיי נישט און זי הייבט נישט אויף אירע אויגן זיי צו זען.

די געסט האָבן אַרײַנגעשטעקט זייערע לעפֿל אין די טעלער און דאָס קול פֿון זייערע לעפֿל און דאָס קול פֿון זייער מאַכן מיט די מײַלער האָבן זיך אויסגעמישט אין איין פֿעט קול. וויפֿל יויך איז נאָך געבליבן אין די טעלער? און ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו דעם זופּעריַי? און נאָך דעם ווי זיי וועלן אויסזופּן די יויך, וועט מען דאָך ברענגען פֿלייש און די אַלע זופּערס וועלן אַרײַנשטעקן זייערע גאָפּלען אין פֿלייש און וועלן עסן, ביז מען וועט פֿאַרצערן דאָס פֿלייש און מען וועט זיי ברענגען קאָמפּאָט. די גאַנצע וועלט אירע וואָלט מינע אוועקגעגעבן פֿאַר איין קלייןווינקלע, וווּ עס איז נישטאָ נישט קיין יויכזופּערס און נישט קיין פֿלייש־טרייבערערס. נאָר זי זיצט זיך אַזוי איינע אַליין און רוט זיך אָפּ. ווי פֿאַרמאַטערט זי איז עס געוואָרן אויף דער דאָזיקער שׂמחה. איין גאָט אין הימל ווייסט, זי דאַרף האָבן אַ ביסל מנוחה.

מינע איז גוט דערצויגן און זי פֿאַרלאָזט נישט אירע געסט. פֿידלען און צימבלען און אַלע כּלי־זמר שפּילן און די געסט עסן און טרינקען און זענען פֿרייליך. דער רבֿ האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם וואָס עס מיינט אַזוינס חתונה האָבן און האָט גערדרשנט פֿאַר זײַנע מקורבֿים, און די כּלה זיצט בײַ הערשלם זײַט און טראַכט בײַ זיך אין האַרצן: וואָס אַזוינס האָבן זיי עס עפּעס דערזען אין דעם אַלע דורות, וואָס זיי באַזינגען אַזוי די ליבע. אָסור אויב זי האָט עפּעס צו הערשלען, אָבער אַז הערשלען וואָלט איר אויך גאָרנישט געפֿעלט.

אַז מען האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען און אָפּגעבענטשט, האָט מען געמאַכט אַ מצווה־טענצל. דער רבֿ האָט גענומען זײַן פֿאַטשיילע און דער־לאַנגט זי דער כּלה און ער האָט אָנגענומען דעם עק פֿון דער פֿאַטשיילע און האָט געטאַנצט מיט דער כּלה. נאָך אים האָט דעם חתנס פֿאָטער גענומען די פֿאַטשיילע און זי אָנגענומען בײַם עק און געטאַנצט מיט דער כּלה. נאָך אים האָט איר פֿאָטער געטאַנצט מיט איר. נאָך זיי האָבן געטאַנצט זקנים און אַנדערע חשובֿע געסט. יעדער איינער לויט זײַן כּוח און לויט דער חשיבֿות, וואָס די מצווה האָט בײַ אים, בעת גילדנהאָרן און קורץ טאַנצן זיי אַנטקעגן און שפּרינגען — דער איבער דער פֿאַטשיילע און דער אונטער דער פֿאַטשיילע.

גילדנהאָרן איז געווען הויך ווי אַ מאַסטבוים און קורץ קליין ווי אַ קאַרליק. און אַז זיי האָבן געטאַנצט, האָט דער קליינער זיך קליין געמאַכט ביז צו דער פּאָדלאָגע און דער הויכער האָט זיך אויפֿגעהויבן ביז צום סופֿית. דערנאָך האָבן אַלע געסט געטאַנצט אין איינעם, ביז דער רבֿ איז אַוועקגע־גאַנגען. און עס האָבן געטאַנצט מענער מיט פֿרויען ביז אין ווײַסן טאָג אַרײַן. דער בדחן האָט געזאָגט זײַנע גראַמען און די כּלי־זמר האָבן נאָך שטאַרקער געשפּילט. קורץ און גילדנהאָרן, מאָטשע און לייבוש, געבעטענע און אומגעבעטענע, האָבן צוגעטראַכט יעדעס מאָל כּלערליי קאַטאַוועס־שטיקלעך.

אַ בלאַס און קאַלט ליכט האָט זיך צעשפּרייט אויף די פֿענצטער. בײס־לעכווײַז, ביסלעכווײַז זענען אויסגעגאַנגען אַלע ליכט און די געסט האָבן זיך אויפֿגעהויבן און זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען. צום סוף האָבן זיך אויפֿגעהויבן מינע און הערשל. זיי האָבן נישט באַוויזן צו שטעלן אַ טריט, איז געקומען דער חזן מיט זײַנע משוררים און זיי האָבן געזונגען שׂמחים בצאתם און סאָפּיע און גילדנהאָרן האָבן באַגלייט דאָס פּאָרל אין זייער דירה אַרײַן.

קאַפּיטל 17

זייער דירה איז באַשטאַנען פֿון צוויי צימערן, אויסער דער קיך, ווו די דינסט שלאָפֿט ביי נאַכט. אין גרויסן צימער זענען געשטאַנען צוויי בעטן איינס לעבן אַנדערן, און אַ גרויסער שפּיגל איז געהאַנגען אויף דער וואַנט איבער דער קאָמאָדע פֿון וועש, און אַ קײַלעכיקער טיש שטייט אין מיטן צימער און זעקס שטולן שטייען אויסגעשטעלט אַרום אים, און צוויי שאַפֿעס זענען דאָרט געשטאַנען. אין איין שאַפֿע זענען געהאַנגען הערשלס מלבושים און אין איין שאַפֿע מינעס מלבושים. דאָס גאַנצע מעבל איז געווען פֿון נוסנהאָלץ, אויסער די שטולן, וואָס זענען געווען פֿון שטרוי און מען רופֿט זיי ווינער שטולן. דאָס צווייטע צימער האָט מען צו גאַרנישט באַנוצט, און מען האָט עס געדונגען אויף להבא, אַז אויב זיי וועלן אם ירצה השם האָבן קינדער, וועט מען עס דאַרפֿן. און נישט בלויז דאָס דאָזיקע צימער איז געווען איבעריק, ווײַל זיי האָבן דאָך געקענט וווינען ביי הערשלס עלטערן, ווי צירל האָט געהאַט געזאָגט יענעם טאָג ווען זי האָט גערעדט מיט די מחותנים וועגן זייערע קינדערס ענינים. זי האָט דעמאָלט געזאָגט: אין דעם הויז, וווּ עס איז געווען אָרט פֿאַר הערשלען, וועט זײַן אָרט פֿאַר זײַן ווײַב, און פֿון דעם זעלבן טיש, וואָס ער עסט, וועט זי אויך עסן. איז דאָך דאָרט געווען סאַפּיע גילדנהאָרן. און זי האָט געוווּסט, אַז מינע וויל נישט וווינען צוזאַמען מיט איר שוויגער. האָט סאַפּיע געזאָגט: אַ פֿאַר־פֿאָלק פֿאַר זיך, אַ דירה פֿאַר זיך; אַ דירה פֿאַר זיך, אַ נחת־רוח פֿאַר זיך. האָט צירל פֿאַרשטאַנען סאַפּיעס מיין און זי איז אַוועק און געדונגען אַ דירה פֿאַר הערשלען מיט מינען.

די שבֿע־ברכות זענען אַריבער און הערשל האָט זיך צוריקגעקערט אין געוועלב. עס ליגט נאָך אויף אים דער חן פֿון אַ חתן און ער פֿילט זיך נאָך אַ ביסל. ער רעדט און גענעצט, גענעצט און פֿילט נישט, און די מענטשן שמייכלען אים אין די אויגן אַרײַן און זאָגן וואָס זיי זאָגן. ביי טאָג טראַכט ער: ווי ווערט שוין נאַכט און איך זאָל אַהיימגיין צו זיך אין שטוב אַרײַן. ווערט נאַכט, זוימט ער זיך און גייט נישט, ביז זײַן מאַמע יאָגט אים נישט אונטער, ער זאָל גיין, אַז זײַן ווײַב זאָל נישט זיצן איינע אַליין. און אַז ער גייט אַוועק, נעמט צירל פֿאַרשידן זיסוואַרג און גיט אים מיט און זאָגט אים: דאָס איז פֿאַר מינען. צירל זאָגט נישט: גיב איר אין מײַן נאָמען, און זי זאָגט נישט: גיב איר אין דײַן נאָמען. אַזוי צי אַזוי, לייקנט דאָס אָפּ וואָס מענטשן זאָגן, אַז אַ שוויגער פֿאַרגינט נישט דער שנור.

טייל מאל גייט אים מינע אנטקעגן מיט ליבשאפט און טייל מאל קוקט זי נישט אין זיין זייט. א פרוים הארץ איז נישט תמיד אלץ איינס. אז זי איז פריילעך, וואונדערט ער זיך, וואס איז אויף איר די שמחה; איז זי אומעטיק, וואונדערט ער זיך, פאר וואס איז איר פנים אזוי פארצארנט. און ער ווערט אויך אנגעכמורעט. ווי זי זעט דאס, ווערט זי טרויעריק ווי אן אבל און זי שווייגט. טראכט זיך הערשל, זאל זי שווייגן, ביז עס וועט איר דערעסן ווערן דאס שווייגן. און ער זיצט און ווארט, אדער שטעלט זיך אויף און רוקט אוועק זיין שטול, מען זאל הערן. און זי שווייגט נאך אלץ און ווערט נאך מער אומעטיקער. און אן עצבות שלאגט פון איר און נעמט ארום דאס גאנצע צימער. דערשרעקט זיך הערשל און ער הייבט אן רעדן און זי ענטפערט אים און רעדט, צו ערשט ווי מען וואלט זי געצוווּנגען, דערנאך גערנוויליק, דערנאך מיט ליבשאפט. ביז זיי הייבן זיך אויף פון זייערע שטולן, הערשט שוין צווישן זיי אן אמתער שלום.

טייל מאל טרעפט ער ביי זיך אין שטוב סאפיע גילדנהארן. אז ער קומט אריין, הייבט זי זיך אויף און גייט אוועק. און טייל מאל טרעפט ער זיין שווער. בערטע איז גוט צו איר איידעם און ער איז גוט צו איר. ער פרעגט און ענטפערט, רעדט און שמועסט. בערטעס ווערטער זענען נישט מסוגל אויפצומונטערן דאס הארץ, אבער איר זארגן זיך פאר אים באוועגט זיין צונג און ברענגט זי צום רעדן.

גדליה איז ווייניק וואס געקומען אין שטאט אריין. יענעם זומער איז אראפגעקומען א ברכה אין זיינע פעלדער און ער איז שטארק פארנומען אריינצונעמען זי, עס זאל גארנישט גיין פון איר לאיבוד. ער רייסט זיך קוים אפ און ער פארט צו זיין טאכטער זען, וואס זי מאכט.

אריינקומענדיק זאגט ער גאט העלף און ער פרעגט, וואס מינע מאכט און וואס איר מאן מאכט און זיצט א ביסל און גייט אוועק. און ארויסגייענדיק לייגט ער צו די האנט צו דער מזוזה און בעט דעם אייבערשטן, ער זאל אריינגעבן זיין ברכה אין דעם הויז.

טעג גייען אוועק און טעג קומען. אויף דער וועלט איז איין טאג אנדערש פונעם צווייטן. ביי הערשלען און מינען אין שטוב איז איין טאג ענלעך צום צווייטן. טויזנט מאל אין טאג ענדערט זיך ביי זיי די מיינונג. די טעג גופא ענדערן זיך נישט. הערשל שטייט אין געוועלב און באדינט די קונים און מינע זיצט אין שטוב און שטריקט און העפט. טייל מאל טוט זי אן אירע שיינע קליידער און גייט צו גאסט צו אירס א חברטארין און אויפן וועג טרעט זי אפ אין געוועלב זען, וואס הערשל מאכט. זי קומט שוין נישט מער מיט דער הוידענדיקער בריטשקע און מען גייט איר נישט ארויס אנטקעגן אריינצונעמען אירע זאכן. גאט אין הימל האט איר געגעבן א היים און זי דארף נישט יענעמס. אלץ וואס מינע טראגט מיט זיך איז א טאש

און אַ שירעם — זאַכן וואָס עס איז לײַכט צו האַלטן זיי אין האַנט און זיי באַשווערן נישט דעם וואָס טראָגט זיי.

סאַפּיע איז כּמעט שטענדיג פרײַ און זי פרייט זיך מיט מינען. וואָס איז מיט די דאָזיקע צוויי חבֿרטאָרינס, וואָס הערן גאָרנישט אויף צו רעדן. נײַן מאָס רייד האָבן צוגענומען די ווײַבער. אויב מיר וועלן וועלן אַלץ פאַרציילן, וועלן מיר דאָס נישט באַווײַזן. ווײַזט אויס, אַז סאַפּיעס רעדן איז מער תענוג צו הערן פון הערשלס רעדן, ווײַל ווען ער דערציילט איר עפּעס, למשל וועגן געוועלבזאַכן אָדער ענלעכע זאַכן, וואונדערט זי זיך, וואָס איז עפּעס היינריכן אײַנגעפאַלן צו דערציילן איר אַזעלכע שטייגער זאַכן. און אַז סאַפּיע דערציילט איר אירע זאַכן, וואונדערט זי זיך נישט, מינע. ווען הערשל וואָלט געווען באַהאַוונט אין פרויען־קליידער, וואָלט ער געהאַט וועגן וואָס צו רעדן, ווײַל מינע האָט שיינע קליידער און זי טוט איבער עטלעכע קאָסטיומען איבערן טאָג. אָבער דאָס איז די צרה, וואָס הערשל ווייסט נישט דעם חילוק צווישן איין קאָסטיום און דעם אַנדערן. יעדעס קליידל איז בײַ אים רעכט. אָדער טאָמער וואָלט ער אַפילו יאָ געקוקט אויף קליידער, וואָלט עס אויך גאָרנישט געהאָלפן, דערפאַר וואָס מינע פאַרנעמט זיך נישט מיט אירע קליידער צוליב דעם וואָס זי האָט ליב שיינע זאַכן, נאָר צוליב דעם וואָס זי קען זיך דערלויבן זיך צו מאַכן קליידער, מאַכט זי זיך קליידער, און ווײַל זי קען זיך דערלויבן זיי צו נייען בײַ אַ גוטן שנײַדער, האָט זי זיי געלאָזט נייען בײַ אַ מומחה, וואָס מאַכט אַ גוט שטיקל אַרבעט.

נאָך עפּעס איז פאַראַן בײַם יונגוואַרג. איינער לייענט אַ ביכל און דערציילט דעם אַנדערן. דאָס האָט הערשל געטאָן אַ צוויי־דרײַ מאָל און אויפגעהערט. כאָטש זײַן ווײַב האָט געלערנט כּלערליי זאַכן, נאָר אַז זי האָט אָפּגעפּטרט אירע לערערס, האָט זי אויסגערוימט זייער לערנעכץ פון איר האַרץ. טייל מאָל פלעגט זיך הערשל וואונדערן און טייל מאָל פלעגט ער לאַכן. ער האָט דאָך איר דערציילט אַ שיינע זאַך און זי — זי הערט נישט, אָדער זי הערט און פאַרשטייט נישט. ווי ער האָט דאָס געזען, האָט ער פאַרשלונגען זײַן חכמה אין זיך און ווידער גענומען זיך לייענען דאָס ביכל. ווי ער האָט אָנגעהויבן לייענען, האָט זי אים איבערגעריסן. האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן מיט איר, האָט זי געגענעצט. ווען זיי וואָלטן נישט געווען אין זייער סאַמע יוגנטבערען, איז אַ ספק, צי זיי וואָלטען אויסגעהאַלטן איינער מיטן אַנדערן. נאָר אויסער זאַכן פון בילדונג און ענלעכע זאַכן, זענען פאַראַן נאָך זאַכן צווישן מאַן און ווײַב.

הערשל האָט זיך געפירט ווי זײַן שטייגער. בײַ טאָג שטייט ער אין געוועלב און בײַ נאַכט זיצט ער מיט זײַן ווײַב. דאָס צו וואָס זײַן מאַמע האָט אים צוגעוווינטשט, איז בײַ אים געוואָרן אַ טבֿע. ס'טרעפט, אַז גייענדיק אַהיים, בעט ער בײַ זיך אין האַרצן: הלוואי איך זאָל נישט דאַרפן זיצן מיט מײַן ווײַב אַליין. אָבער זײַן בקשה איז נישט מקוים געוואָרן. אַפילו בערטע און סאַפּיע, גלײַך ווי זיי וואָלטן צווישן זיך אָפּגעמאַכט אים צו לאָזן אַליין מיט

זיין ווייב. בערטע, צוליב דער ארבעט אין דארף, און סאפיע — איין גאט אין הימל ווייסט די גענג פון דער דאזיקער פרוי. עס זעט אויס, ווי דאס גאנצע קומען אירס איז כדי צו אנטלויפן, ווי נאר ער טרעט איבער די שוועל. ווי אן אויפגעצוווּנגענער פלעג הערשל זיצן אליין מיט מינען.

דאס דאזיקע נאענט זיין האט אים גאר אויפגעבראכט. טייל מאל פלעג ער ביי זיך אין הארצן לאדענען זיך מיט מינען. פילט זי דען נישט, אז דאס דאזיקע נאענט זיין טויג נישט פאר זיי. האט זיך געמאכט, אז זי האט זיך א ביסל דערווייטערט פון אים, איז ער געווען אויפגעבראכט. אויך מינע האט געפילט, אז עס וואלט גלייכער געווען פאר בײדע, ווען זיי וואלטן נישט געווען אזוי פיל איינער לעבן אנדערן. אבער דאס רגילות איז שטארקער פונעם שכל. ווען אינטימע רייד וואלטן געבראכט צו אינטימקייט אין הער־צער, וואלט אפשר מינע געווען צופרידן. אבער אז עס איז נישט אזוי, איז זי געווען אומעטיק.

פרעגט ביי זיך מינע: ווי פירן זיך אנדערע? ווען סאפיע וואלט איר געגעבן די מינדסטע אנרעגונג, וואלט אפשר מינע פאר איר געעפנט איר הארץ. אבער די דאזיקע סאפיע, וואס פאר מינעס חתונה פלעג זי זי אויפרעגן מיט אירע רייד, איז פלוצלינג געווארן א צנועה און זי שווייגט.

א שינוי צום גוטן איז געקומען פון גאר אן אומגעריכטער זייט. ס׳זענען געקומען די סליחות־נעכט. הערשל איז נישט אויפגעשטאנען צו סליחות, חוץ דער ערשטער נאכט סליחות און זכור־ברית און שלוש עשרה מידות, נאר דאס ליבע לייטזעליקייט, וואס רוט אויף דער שטאט, רוט במילא אויך אויף אים און אויף זיין ווייב. צי זיי האבן יא געוואלט, צי זיי האבן נישט געוואלט, האבן זיי איינגעזען, אז צווישן הימל און ערד זענען פאראן זאכן וואס זענען חשובער ווי רייד צווישן מאן און ווייב.

דער זומער איז אריבער און ס׳איז שוין מיטן סוכות. די זון איז באהאלטן צווישן די וואלקנס און די וואלקנס מיניען זיך אין א סך קאלירן און פאר־רייטלען די ערד און מאכן מארעס אויפן הימל. די פעלדער זענען נאקעט און עופות גאגערן אויף זיי ארום און געלע און שווערע בארן הענגען אראפ פון די ביימער און פארזיסן די וועלט מיט זייער זיסקייט. די דארפסשיקסעס זיצן אויף די שוועלן פון זייערע כאטעס און פלעכטן קרענצלעך קנאבל און קרענץ ציבעלעס און קוקורודזע און הענגען זיי אויס אויף די ווענט פון זייערע כאטעס אויסצוטריקענען זיי אויף דער זון. פייגל גרייטן זיך אין וועג אריין, באטראכטן זייער שאטן און קוקן אין דער לופטן, פליען א ביסעלע אוועק און קומען צוריק, פליען אוועק און קומען שוין מער נישט צוריק. וואלקנס לאזן זיך איינער צום אנדערן און גייען זיך פונאנדער און לאזן נאך נישט קיין רעגן, לכבוד די יידן, וואס זענען מקיים מיט שמחה די מצווה פון סוכה, און ווייל מען האט נאך נישט געבענטשט גשם.

גדליה צימליך האט דאס יאר געהאט די ברכה. זיין ערד האט געגעבן א גרויס גערעטעניש און די תבואה האט זיך גוט אפגעלייגט. אויך דער פרייז אויף

עופות און אייער איז אַרויף. אַז דער איבערשטער גיט אימעצן אַ שפע, גיט ער אים פון אַלע זייטן. קום וועסטו זען, הענער וואָס גראַבלען אין מיסט, פירט מען זיי אַוועק צום וואַקזאַל און דער וואַקזאַל־באַאַמטער שטייט איבער זיי מיטן קיסרס היטל אויף זיין קאָפּ און עקספּעדירט זיי אָפּ קיין דייטשלאַנד. און דאָס זעלבע איז אויך מיט אייער. אייער האָבן קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ ווערדע. אמת איז, אַז די תנאים און אמוראים האָבן זיי געמאַכט אַ מסכתא, וואָס הייסט ביצה, און פאַראַן אַזעלכע וואָס זענען זיך נוהג צו לערנען זי פאַר שבועות, ווייל אונדזערע חכמים האָבן נישט געמאַכט קיין באַזונדערע מסכתא אויף שבועות ווי אויף די אַנדערע יום־טובים און זיי האָבן אויך אין די דינים קובע געווען אַ שיעור ביצה. אָבער ווער זאָגט אונדז, אַז זיי זענען אויסן געווען טאַקע די היינטיקע אייער. אַזוי צי אַזוי, די אייער זענען אַ גוטע פּרנסה אין שיבוש און פאַרקויפן זיך זייער גוט. אַרנאָלד צימליך, גדליה צימליכס קרוב, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון דייטש־לאַנד גראָד צו מינעס חתונה, האָט אַנגעשטעלט מענטשן אין שיבוש, זיי זאָלן אים שיקן עופות און אייער און ער צאָלט זיי כד וכד.

פאַראַן אַזעלכע וואָס באַרעדן אָט דעם פרעמדן, אַז ער האָט אַנגעמאַכט אַ יקרות אויף עופות און אייער, און פאַראַן אַזעלכע וואָס לויבן אים, ווייל ער גיט פּרנסה דעם טאָג איבערצוקומען.

סטאָליערס און סטאָליערס קינדער מאַכן שטייגן פאַר די עופות און קעסטלעך פאַר די אייער, און אָרעמע מיידלעך לייגן איין די אייער אין שטרוי און רייניקן אָפּ די עופות, און דער וואַקזאַל־באַאַמטער קלעבט אַרויף קוויטלעך אויף די קעסטלעך און אויף די שטייגן און עקספּעדירט זיי אָפּ קיין דייטשלאַנד. אויך דאָרט, אין דייטשלאַנד, זענען פאַראַן עופות און אייער. אָבער עס איז גאָרנישט צו פאַרגלייכן דעם טעם פון אַן עוף, אָדער אַן איי, אין דייטשלאַנד צו דעם טעם פון אַן עוף און אַן איי, וואָס קומען פון גאַליציע. ביז עס איז געקומען יענער פרעמדער, האָבן קינדער זיך געריסן איבער מאַרקעס פון דייטשלאַנד, איצט איז נישטאָ קיין קינד, וואָס זאָל נישט האָבן אַ סך פון זיי.

באַטש אייער זענען טייערער געוואָרן, פאַרגינט מען זיך צו עסן אַן איי. אַלטע לייט אין שיבוש געדענקען, אַז איין מאָל זענען אייער שטאַרק טייער געוואָרן און איין איי איז געשטאַנען איין צ"ל * און מען האָט אויפגעהערט צו באַשמירן די חלות מיט אַ געלכל. היינט עסט מען אַן איי אַפילו אין דער וואָכן און מען זשאַלעוועט זיך נישט.

הערשל און מינע, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אויף יום־טוב צו זייערע טאַטע־מאַמע, געניסן פון דעם דאָזיקן גאַנצן גוטס און עסן און טרינקען און פרייען זיך. מינעס צימער, וואָס איז געווען פאַרמאַכט זינט איר חתונה, האָט מען געעפנט. די פאָדלאָגע בליאַסקעט ווי אַ שפּיגל און די ווענט זענען ווייס ווי קאַלך. בעת גדליה איז געווען פאַרטאָן מיטן מאַכן די סוכה, האָט זיך

* קיצור פון 'צלם'־'קרייצער' (-גרייצער).

בערטע מיט די דינסטן פֿאַרנומען מיטן צימער. זיי האָבן געראַמט און געוואַשן, זיי האָבן אַראָפּגענומען דאָס שפּינוועבס און אָפּגערייניקט דעם שמוץ. אַ צימער, אין וועלכן מען וווינט נישט, דאַרף מען זיך גוט אָנאַרבעטן, ביז עס ווערט צוריק פּאַסיק צו וווינען. כאָטש עס איז דאָ אַ מזוזה אויף דער טיר פֿונעם צימער און די מזיקים האָבן נישט קיין רשות אַרײַנצוגיין, ווערט עס פֿול מיט שטויב צוליבן צער פֿון דער שכינה, וואָס ייִדן לאָזן זייערע הײַזער פּוסט און ליידיק אין דער צײַט וואָס אַ סך זייערע ברידער האָבן נישט ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן.

און ווידער איז מינעם בעט אויפֿגעבעט און אַ ריח פֿון קעלניש וואַסער טראָגט זיך פֿון בעט, און לעבן דעם בעט שטייט אַ נײַ בעט, דאָס איז הערשלס בעט. ווען נישט דער ריח פֿון מינעם פּאַרפֿומען, וואָלט זיך געפֿילט דער ריח פֿון נײַעם האָלץ. קום וועסטו זען דעם אייבערשטנס גבֿורה: בענדיט דער סטאָליער, וואָס זינט ער לעבט איז ער נישט געלעגן אין קיין בעט און אַלע זײַנע יאָרן ליגט ער אויף דער ערד, האָט מען אים אַרײַנגעגעבן די חכמה צו מאַכן אַ פֿײַן און שיין בעט פֿאַר הערשלען, וואָס איז אַראָפּגעקומען אויף אַ דרײַ־פֿיר טעג צו זײַן בײַ זײַן שווער אין הויז.

אין הערשלס בעט קען מען גוט שלאָפֿן, אָבער ער שלאָפֿט ווייניק. די טעג וואָס ער איז אין דאָרף שטייט ער אויף אָקס טאָג און ער גייט אַרום אין דרויסן. אויף דער גאַנצער וועלט זענען טאָג און נאַכט פֿונאַנדערגעטיילט, אָבער נישט אומעטום זעט מען, ווי דער קומט און דער גייט אוועק. הײַזער און כאַטעס, שטאַלן און סטאַיניעס און קוסטן אוןביימער זענען אײַנגעהילט אין אַ ווײַסן נעפּל און די לבֿנה מיט די שטערן באַלײַכטן זיי און דאָס ליכט ווערט העלער און טינקעלער, טינקעלער און העלער. און מענטשן גייען אַרויס פֿון זייערע שטובן און גיין אַרײַן צו די בהמות און די בהמות מעקען זיי אַקעגן און ווײַזן זיי אַרויס זייער פֿרייד מיט זיי. הערשל זעט זיך ווי איינער וואָס איז אַרײַן אין אַ פֿרעמדן רשות און ער קערט זיך אום צוריק צו מינען.

מינע שלאָפֿט ווי איר שטייגער ביז אַ זייגער נײַן. און אַז זי עפֿנט די אויגן, שטרעקט זי אויס אירע פֿאַרמאַטערטע הענט און זאָגט מיט פֿאַרוווּנדערונג: ביסט שוין אויפֿגעשטאַנען, היינריך? שאָקלט איר הערשל צו מיטן קאָפּ און ענטפֿערט נישט מיטן מויל, כּדי נישט צו צעשטערן די מאַרגנרו. באַלד קומט מינעס ניאַנקע און ברענגט איר וואַרעם וואַסער צו וואַשן זיך און אַ גלאָז קאַווע, וואָס איז מער סמעטענע ווי קאַווע, און אַ קיכל מיט קעז און מיט ראָזשינקעס. זופּט מינע אָפּ די סמעטענע מיט די ליפּן און ברעכט זיך אָפּ אַ שטיקל קיכל און פֿרעגט: דעם וויפֿלטן טאָג יום־טובֿ האָבן מיר הײַנט? דערנאָך קומען אַרײַן צו איר אירע עלטערן, גדליה מיטן אתרוג אין האַנט אין הושענא־בלעטלעך אויף דער באָרד. כּאור הבוקר איז גדליה אוועק צום טײַך און אָנגעקליבן זיך הושענות פֿאַר זײַן לולבֿ. און בערטע האַלט אַ פֿולע שיסל מיט געלע באַרן. פֿרעגט בערטע: איר זענט געשלאָפֿן?

שטרעקט מינע אויס איר רעכטע האַנט צום טיש און נעמט דעם זייגער און געגעצט און זאָגט: לויטן זייגער נאָך ביז איך געגוג געשלאָפֿן, אָבער לויט זיך נאָך וועלן אַלע נעכט נישט סטייען אויסצושלאָפֿן זיך. ענטפֿערט בערטע און זאָגט: דריי זיך איבער אויף דער צווייטער זייט און מאַך צו די אויגן, קינד מיינס, דער אַנבייסן איז נאָך נישט פֿאַרטיק. און דאָס זאָגנדיק ציט זי נאָך זיך גדליהן און זאָגט: לאָמיר אַרויסגיין און לאָזן דאָס קינד שלאָפֿן. און זיי גייען אַרויס.

הערשל גייט אַריין אין דער סוכּה. די סוכּה שטייט אויף אַ שיין אָרט, באַפּוצט מיט פּירות און זאַנגען. אַ ווינט הייבט אויף די געבלימלטע דעקעס און ס'אַנטפּלעקן זיך פֿעלדער און סעדער. די גאַנצע וועלט באַנייט זיך און מענטשן זענען פֿאַרנומען מיט זייער אַרבעט. די גאַנצע אַרבעט שטייט זיי נאָך פֿאַר און זיי זענען נישט אויפֿגעלייגט צום זינגען. נישט דאָס ליד פֿון דעם קיסרס טאָכטער, וואָס האָט אַ הויט פֿון אַ פֿיש, און נישט קיין אַנדערע לידער און געזאַנגען.

הערשל איז אַנגעטאָן אין טלית און ער דאַוונט פֿון פֿאַרנט. דער אייבערשטער האָט געהיט הערשלס נשמה ביי נאַכט און זי האָט אויבן אַנגעשעפּט אַ נייַ חיות. איצט, אַז ער האָט זי אומגעקערט צו זיין גוף, דאַנקט ער און לויבט דעם באַשעפֿער. ווי איינער וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהיים און זעט, אַז אַלץ איז שטוב שטייט אין אָרדענונג אויף זיין אָרט, אַזוי זענען הערשלס גלידער יעדער אויף זיין אָרט. און ער זאָגט די פּסוקי־דזמרא, קריאת־שמע און שמונה־עשׂרה, הלל און מוסף. אַ ליבע רו נעמט אַרום הערשלען פֿון אַלע זייטן. זיין שווער איז אַרויס לוסטרירן זיין מאַיאָנטעק און זיין שוויגער איז אין קיך און מינע ליגט אין בעט און אירע גלידער זענען מיט איר בשלום און זיי האָבן נישט קיין תּרעומות אויף איר, וואָס זי נעמט זיי נישט אין דרויסן אַרויס. פֿון דאַנען ביז שיבוש איז אַ מהלך פֿון איין שעה. די געוועלבער זענען האַלב אָפֿן און די קרעמער גייען אַנגעטאָן האַלב יום־טובֿדיק, האַלב־וואָכעדיק און ווייזן איינער דעם אַנדערן זייערע אתרוגים. איין אתרוג האָט עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט פֿאַראַן אין אַ צווייטן אתרוג, נאָר „חז מקח על לוקחו" און יעדער איינער איז צופֿרידן מיט זיינס. אַז הערשל גיט נאָר אַ קוק אויף זיין שווערס סוכּה, קומט אַ יום־טובֿדיקייט און נעמט אים אַרום מיט שׂמחה. אַזאַ סוכּה איז אין שיבוש נישטאָ. שיבוש איז אַ געדיכט שטעטל און אירע גאַסן זענען קרומע ווי אַ לאָסט, וואָס מען האָט אַרויפֿגעלייגט אַ הויקער אויף זיין האַרב, אַזוי זענען די סוכּות פֿון שיבוש. אַ סך מאָל האָט שוין הערשל זיך אָפּגעזאָגט פֿונעם עסן, אַבי נישט אַריינצוגיין אין סוכּה אַריין. מעגלעך, אַז דער וואָס וווינט אויסער דער שטאָט, ווי אַ שטייגער עקביה מזל, מאַכט זיך אַ שיינע סוכּה.

הערשל האָט אויפֿגעהערט טראַכטן וועגן עקביה מזל. אַ מאָל האָט ער ליב געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס עס איז אים געפֿעלן געוואָרן איינע אַ מיידל און איר טאַטע האָט זי חתונה געמאַכט מיט אַן

...שיבוש איז אַ געדיכט שטעטל און אירע גאַסן זענען קרומע ווי
אַ לאַסט, וואָס מען האָט אַרויפֿגעלייגט אַ הויקער אויף זײַן האָרב...

אַנדערן, און צום סוף איז געקומען יענעמס טאָכטער און חתונה געהאַט מיט עקביה מזל, און אַז זיצט זי זיך מיט איר חבֿרטאָרין, בלימע, און רעדן זיך אויס איינע מיט דער אַנדערער: די דערציילט איר חבֿרטאָרין וועגן עקביה מזל און די דערציילט איר חבֿרטאָרין וועגן אים, וועגן הערשל האָרוויץ, אָבער זינט הערשל האָט זיך קלאָר געמאַכט, וואָס מיט אים איז פֿאַרלאָפֿן, האָט ער אײַנגעזען, אַז אַזעלכע שטייגער מחשבֿות טויגן נישט פֿאַר אים.

גדליה איז צוריקגעקומען פֿון פֿעלד און בערטע האָט געגרייט דעם טיש. מינע איז אַרײַנגעקומען אין אַ שלאָפֿראָק. לויטן זייגער נאָך איז מינע געשלאָפֿן איבער געוווינג, לויט זיך נאָך, וואָלט זי געקענט נאָך שלאָפֿן, אָבער כּדי נישט אויפֿצוהאַלטן דעם מיטאָג איז זי אַראָפּ פֿון בעט און אַרײַנגעקומען אין סוכּה.

מינע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו הערשלען און געזאָגט: גוט מאָרגן, היינריך, און זי האָט צוגעשפּאַרט איר נאָז צו זײַן נאָז און אַזוי אַ ווײַלע געשטאַנען לעבן אים. הערשל איז נישט נאָפּאַלעאָן און ער האָט נישט ליב דעם ריח פֿון קעלניש וואַסער, וואָס מינע נוצט, און ער האָט אָוועקגענומען זײַן נאָז פֿון איר. האָט מינע אַ קוק געטאָן אויפֿן טיש און געזאָגט: ביי מען וועט ברענגען דאָס עסן, וועל איך צוריקגיין צו מיר אין צימער און כ'וועל אָנטאָן אַן אַנדער קליידל.

מינע איז אַרויס און די סוכּה האָט ווידער אָנגעהויבן שמעקן מיט איר ריח. די פּירות, וואָס באַפּוצן די סוכּה, האַלטן אין פּלאַצן און דער אויסגעהוילטער אַרבוז, וואָס איז געמאַכט ווי אַ מין לאָמטערן און האַלט זיך אויף אַ קייט פֿון נים, באַמבלט זיך אַהין און אַהער. הערשל איז נישט הונגעריק. די גאַנצע צײַט וואָס ער איז מיט מינען עסט ער צו דער זעט, אָבער ווען מען וואָלט געמעגט נהנה זײַן פֿון נוי־סוכּה, וואָלט ער אויפֿגעקנאַקט אַ נוס און געגעסן.

שווײַגעדיקע זענען געזעסן הערשל און זײַן שווער. הערשל, וואָס די סוכּה האָט אַרויפֿגעבראַכט אויף אים אַ מנוחה, האָט זיך געפֿוילט צו עפֿענען דאָס מויל, און גדליה, וואָס רעדט נאָר דבֿרי־חול, האָט נישט געוואָלט רעדן אין סוכּה. האָט גדליה גענומען זײַן סידור און תּפֿילה געטאָן צו גאָט, אַז אין זכות פֿון דער מצוות־סוכּה זאָל דער אייבערשטער אויסשפּרייטן איבער אונדז זײַן סוכּת־שלום און זאָל אונדז אַרומנעמען מיט דער פּראַכט פֿון זײַן כּבֿוד און געבן אַ שפּע פֿון לעבן זײַנע קנעכט און מיר זאָלן זוכה זײַן צו זיצן לאַנגע יאָרן אויף דער הייליקער ערד מיט אַ דינען אים און מיט פֿאַרכטיקייט פֿאַר זײַן ליבן נאָמען. אַ ווינט האָט געבלעטערט דעם סכך און די סוכּה האָט פֿאַרשפּרייט אַ גוטן ריח.

מינע איז געקומען אָנגעטאָן אין אַ מיטאָגקלייד און זי האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן הערשלען, זי האָט אײַנגעטונקען אַ שטיקל חלה אין האָניק און געמאַכט המוציא. די דינסט האָט געבראַכט אַ פּאָלומעסיק וואַרעמע פֿיש.

האָט גדליה אָוועקגעלייגט דעם סידור און געקוקט אַ פֿאַרוווּנדערטער. האָט בערטע געזאָגט: איך האָב באַשטעלט פֿיש אויף הושענא־רבה און מען האָט זיי געבראַכט היינט, האָב איך זיך געטראַכט, איך וועל זיי מאַכן איין זויערן און כ׳וועל זיי אָוועקשטעלן אויף הושענא־רבה. אָבער עס איז נישט כּדאַי צו עסן הושענא־רבה זויערע זאַכן, האָב איך זיי אָפּגעקאָכט אויף היינט.

האָט גדליה אַריינגעשטעלט אַ טישטעכל אין האַלדזקראַגן און ער האָט אַ מומל געטאָן: ברוך אַדוני יום יום, ס׳הייסט: געלויבט צו גאָט פֿאַר יעדן טאָג. ער האָט איינגעטונקען זיין שטיקל חלה אין דער פֿישיויך, צוגעוואַרט אַ ווײַלע און גענומען עסן. הערשל האָט געגעסן צו דער זעט. זיין שוויגערס געקעכטסן און די גוטע לופֿט מאַכן אים אַן אַפּעטיט. ער האָט שוין פֿאַרגעסן, הערשל, די תּורה פֿון די צער־בעלי־חיימניקעס קעגן עסן פֿלייש און פֿיש און די אַנדערע איבעריקע עסנס. זינט ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער אָנגעהויבן אַ סך פֿאַרדייען. אַז ער האָט זיך גענומען נאָך אַ מאָל, האָט זיין שוויגער געזאָגט: פֿון אַזאַ יויך און פֿון אַזעלכע קײַלעכלעך קען אויך די מאַמע דיינע צופֿרידן זיין. הערשל האָט געשוויגן און געגעסן. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען דאָס פֿאַרצעלײַענע עוף מיטן בייזן שנאָבל. אַז הערשל האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן פֿון טעלער, האָט ער דערזען מינען. אויפֿן ערשטן בליק האָט ער זיך געוווּנדערט, וואָס טוט זי דאָ.

מינע איז בלאַס און מאָגער, זי עסט ווייניק און דאָס וואָס זי עסט פֿאַר־דייעט זי נישט. וואָס מיינט מיט זיך די דאָזיקע פֿרוי: צי איז טאָקע דער גאַנצער עיקר בײַ איר אָנטאָן אַ קלײדל און איבערבײַטן אַ קלײדל. מען קען נישט זאָגן, אַז הערשל האָט נישט קיין פֿאַרגעניגן, אַז ער זעט זײַן ווײַב אין אַ שיין קלייד. אָבער ווי צופֿרידן ער איז פֿון אירע קליידער, וואָלט ער געווען מער צופֿרידן, ווען זי וואָלט מער געגעסן.

הערשל איז אַ קינד פֿון אַ רײַכער שטוב און עס פֿעלט אים גאָרנישט. ער האָט קיין מאָל נישט געוווּסט, וואָס עס הייסט הונגעריק זײַן, און ער עסט שטענדיק צו דער זעט. עסן און טרינקען פֿאַרנעמען נישט קיין גרויס אָרט אין הערשלס געדאַנקען, נישט ווי יענע ווײַבער, וואָס ס׳גאַנצע פֿאַרגעניגן זייערס איז עסן און טרינקען. אָבער אַז מינע לאָזט איבער מער ווי זי עסט, קוקט ער אַרײַן אין איר טעלער. זי איז זײַן ווײַב און ער איז אויסן איר גוטס.

די דינסט האָט אַראָפּגענומען די כּלים און געבראַכט די נאָכשפּײַז, פֿרישע פֿלוימען אין טייג. מינע, וואָס האָט איבערגעלאָזט דאָס שטיקל מוציא, ווי וועט זי עסן די נאָכשפּײַז. דער דאָזיקער ריח פֿון אירע פֿאַרפֿומען פֿאַרשלאָגט איר דעם אַפּעטיט.

אַ פֿליג איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף איר שטיקל חלה און זיך צוגעקלעפּט צום האָניק. ווי נאָר זי איז אַנטלאָפֿן פֿונעם האָניק, האָט זי זיך באַזעצט אויף

איר נאָכשפּיַיז. האָט מינע זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט דער רעכטער האַנט און מיט דער לינקער האַנט אָוועקגערוקט דעם טעלער.

הינט בילן, געסט אויפֿן הויף. איז בערטע אַרויס און איַינגעשטילט די הינט און אַריַינגעבעטן די געסט. זי האָט געבראַכט פֿאַר זיי כּיבוד און געבעטן זיי מאַכן אַ ברכה.

לויט זייער געבן שלום דערקענט מען, אַז זיי זענען תּלמידי־חכמים. זיי זאָגן נישט אַפּ ווי אין אַנדערע טעג, נאָר זיי עסן און טרינקען כּדי צו מאַכן אַ לישב בסוכּה, כאָטש עס איז פֿאַראַן אַ דעה צווישן די פּוסקים, אַז מען דאַרף מאַכן אַ לישב בסוכּה, אַפֿילו אַז מען איז גאָרנישט טועם, וויַיל דער עיקר מצווה איז דאָס זיצן אין סוכּה, יעדן פֿאַלס איז בעסער עפּעס טועם זיַין און מאַכן אַ ברכה. דאָס זעלבע האָט שוין גדליה געהערט מיט אַ יאָר צוריק, פֿאַר צוויי יאָרן און פֿאַר דריַי יאָרן. אָבער דבֿרי־תּורה זענען ליב פֿאַרן אויער יעדעס מאָל, ווי מען וואָלט זיי געהערט צום ערשטן מאָל.

אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָבן די געסט געלויבט די גאַסטגעבערס און געזאָגט: וויַיל איז דעם וואָס דער אייבערשטער האָט אים געגעבן אַזאַ מין שלווה. ווען נישט די הינט, וואָלטן מיר געמיינט, אַז מיר זענען אַריַינגע־קומען אין גן־עדן התּחתּון.

אַז אַנגענעמע מנוחה רוט אויף דער סוכּה. דאָס וואָס די אורחים האָבן דעם הויף פֿאַרגליכן מיט אַ גן־עדן, איז דעם בעל־הבית געפֿעלן געוועזן. גדליה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און באַהאַלטן אַ האַלבן קרעכץ ביַי זיך אין האַרצן און געזאָגט: הלוואַי איך זאָל האָבן אַ זכות פֿאַרן אייבערשטן, איך זאָל נישט אַראָפּ אין גיהנום אַריַין. ווידער אַ מאָל הייבט זיך ביַי דעם דאָזיקן מענטשן אָן דאָס האַרץ צו שרעקן, טאָמער האָט אים דער אייבערש־טער געגעבן שלווה אויף דער וועלט, נאָר כּדי ער זאָל שוין גאָרנישט האָבן אויף יענער וועלט. ווי עס זאָל נישט זיַין, האָט ער הנאה פֿון די אורחים, וויַיל אושפּיזין קומען וויַילן אין שאָטן פֿון דער סוכּה און זיי פֿרייען זיך מיט ייִדן, וואָס גיבן אָרעמע־ליַיט פֿון זייער ברויט.

די זון האָט געהאַלטן ביַים זעצן זיך און דער שאָטן פֿון דער סוכּה האָט געניַיגט צו מזרח צו און זיך כּסדר אויסגעצויגן. די געסט האָבן אָפּגע־בענטשט און זיך אויפֿגעשטעלט, זיי האָבן אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט: אַזאַ שיינער יום־טובֿ, אַזאַ שיינער יום־טובֿ! אַז ייִדן טוען גאָטס רצון, אַפֿילו זיי זענען אין חוץ־לאָרץ, פֿאַרשטערט ער זיי נישט זייערע ימים־טובֿים.

די געסט האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט אַריַין און די פּויערים און פּויערטעס האָבן זיך אומגעקערט פֿון פֿעלד. לידער און געזאַנגען פֿון מענטשן און חיות און עופֿות האָבן זיך דערטראָגן פֿון די דיניעבייטן. די באָטשאַנעס האָבן זיך געגרייט אין וועג אַריַין און די דאָרפֿסשיקסעס האָבן אויפֿגעהערט זינגען און זענען אַנטשוויגן געוואָרן. דער הימל האָט זיך

געפֿאַרבט מיט פֿלערליי קאָלירן און איז אַלץ טינקעלער און טינקעלער געוואָרן.

גדליה איז אַרויס אין דרויסן און אַרויפֿגעקוקט צום הימל און געזאָגט: נישטאָ קיין סימן פֿון רעגן אויפֿן הימל, שוין יאָרן האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ יום־טובֿ, וואָס אַלע סעודות זאָלן מיר האָבן געגעסן אין סוכּה. וויפֿל געדולד דער איבערשטער האָט עס צו אונדז. ער האָט גענומען דעם סידור און געדאַוונט מעריבֿ. מען האָט געבראַכט וועטשערע און מען האָט זיך געזעצט עסן. גדליה האָט ווידער אַ מאָל געעפֿנט דעם סידור און פֿאַרבעטן אושפּיזין שטילערהייט, ווי איינער וואָס עס זענען געקומען צו אים חשובֿע געסט און ער דערוועגט זיך נישט צו רעדן פֿאַר זיי אויפֿן קול.

ווי זיי זיצן, זענען געקומען עטלעכע ייִדן פֿון דאָרף אָפּגעבן כּבֿוד דעם פֿאַכטערס געסט. זיי האָבן עפּעס פֿאַרזוכט, געזעסן אַ ביסל, און זיך אויפֿגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען.

מינע איז צוריק אַרײַן אין איר צימער און הערשל האָט שפּאַצירט אויפֿן הויף פֿאַרן הויז. סטאַך האָט זיך פֿאַרנומען מיט זײַנע פֿערד און גערעדט מיט זיך אַליין. אַז ער האָט דערזען הערשלען, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און געזאָגט: איך האָב עס נאָר גערעדט אַנטקעגן דעם, אַז אײַער פֿאָן באַג איז גוט צו אײַך, אַז ער גיט אײַך ימים־טובֿים, גיט ער אײַך שיינע טעג און שיינע נעכט.

דער יונגער הער רייכערט נישט?

האָט הערשל אַרויסגענומען זײַן סיגאַרעטן־פּושקע און געגעבן סטאַכן אַ סיגאַרעט און אַליין גענומען אַ סיגאַרעט און ער האָט געקוקט צום הימל אַרויף. האָט זיך סטאַך אײַנגעבויגן און געקיצלט די בײַכער פֿון די פֿערד און געזאָגט: די לבֿנה איז ווײַט און מען קען אין איר נישט פֿאַררייכערן קיין סיגאַרעט און ער האָט גענומען אַ קנויט און ער האָט געקלאַפּט אַ שטיין אין אַ שטיין און ער האָט גענומען זיך פֿײַער און געגעבן הערשלען.

טריט פֿון אַ פֿרוי האָבן זיך דערהערט אויפֿן הויף. הערשל האָט אַ ציטער געטאָן און געפֿרעגט: ווער איז דאָ? האָט סטאַך געשמייכלט און געזאָגט: איינע פֿון יענע וואָס האָבן מורא צו זײַן בײַ נאַכט אַליין און זי גייט, וווּהין אירע פֿיס טראָגן זי. ווי די דאָזיקע פֿרוי האָט געזען דעם יונגן הער שטיין מיט סטאַכן, האָט זי זיך אָפּגעטראָגן און איז זיך אַוועקגעגאַנגען. הערשל האָט איבערגעלאָזט סטאַכן און איז אַוועק צו מינען.

קאַפּיטל 18

דער סוכות איז אַוועק און הערשל מיט מינען זענען אַהיימגעפאָרן.

יענעם טאָג פון זייער אהיימפאָרן האָט זיי גדליה געשיקט האָלץ און קאַרטאָפּליעס און קרויט און בורעקעס, ביב און פאַסאָליעם און פרישע פירות און געטריקנטע פירות און געררייכערט פלייש. ריבטיק האָט סאָפיע געזאָגט, אַז מינע דאַרף האָבן אַ דירה פאַר זיך, ווייל אויב נישט, וואָלט זי אַהינגעטאָן דעם טאַטנס מתנות.

הערשלס און מינעס שטוב איז שיין אויסמעבלירט. ווייסע פירהאַנגען הענגען אויף די פענצטער און זענען פאַרבונדן מיט אַ רויט בענדל אין מיטן. די וועלט ווייזט זיך זיי דורך זייערע פענצטער ווי אַ דרייעק. אָבער מינע שטייט נישט ביים פענצטער. דער וועמעס שטוב ס'איז שיין אינעווייניק, צו וואָס דאַרף ער אַרויסקוקן אין דרויסן אַרום? הערשל און מינע הויזן ביי אַנאַנד, מען קאָן נישט זאָגן, אַז זיי זענען צופרידן און מען קאָן נישט זאָגן, אַז זיי זענען נישט צופרידן, נאָר זייער שטוב איז באַזאָרגט מיט אַלעם און עס פעלט זיי גאָרנישט.

ביי נאַכט קומט צימליך. אין שטוב ברענט אַ לאָמפּ און אַ ווייס טישטעך איז אויסגעשפרייט אויפן טיש און מינע זיצט און שטריקט אַ קאַמיזעלקע. גדליה האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קאַמיזעלקע, וואָס איז נאָך נישט פאַרטיק, און ער האָט זיך געטראַכט: נאָך נישט אַריבער קיין גאַנצע דריי חדשים, ווי איך האָב איר געקויפט כלעריי קליידער און שוין מוטשעט זי זיך צו מאַכן אַ ניי בגד. האָט גדליה אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי איינער וואָס האָט נישט באַצאָלט אַלע חובות זיינע און געפרעגט: ס'פעלט דיר עפעס?

האָט מינע אַוועקגעלייגט דאָס שטריקעכץ אויף די קני, און זי האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט: וואָס פעלט אונדז? קאַקאַאָ און קאַווע און צוקער און רייז און גרויפּן און בוימל און נאַפט ברענגט מען פון געוועלב, און פוטער און קעז און אייער און שמאַלץ און עופות ברענגט מען פון דאָרף. וואָס דאַרף אַ מענטש נאָך?

האָט גדליה זיך געגלעט די באָרד אַהער און אַהין. סוף כל סוף האָט זי אויך נישט געקענט ביישטיין די צייט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז ביי אים די באָרד געוואָרן פאַרענדערט און איז זיך צעגאַנגען אַהער און אַהין ווי די באָרד פון קיסר פראַנץ יאָזעף, נאָר דעם קיסרס באָרד איז אויסגעגאָלט אין דער מיטן און צימליכס באָרד האָלט זיך גאַנץ.

א סך מחשבות האָט גדליה אין הארצן, אָבער ער האָט קיין מויל נישט זיי אַרויסצוברענגען. וואָס מער ער האָט נחת פֿון די קינדער, אַלץ מער איז ער פֿאַרדאגהט און באַטריבט. דער בעל־חוב וואַרט נאָך אויפֿצומאָנען זיין חוב. מאָרגן אָדער איבער מאָרגן וועט ער קומען אָפּנעמען צוויי מאָל אזוי פֿיל.

צירל, וואָס קומט, ווי איר שטייגער איז, זען, וואָס די קינדער קאָכן, ווי זי האָט נאָר דערהערט, אַז מינע זאָגט: וואָס דאַרף אַ מענטש נאָך? האָט זי געזאָגט: ער דאַרף שוין טאַקע יאָ. מען דאַרף צומאַכן שלעסער צו די שענק, פֿאַר דער דינסט און פֿאַר אירע קאַכאַנקעס.

אַז גדליה האָט שוין געהאַלטן ביים אוועקגיין, איז געקומען הערשל מיט זיין שוויגער. איז הערשלען איינגעפֿאַלן, אַז זיינע שווער און שוויגער זאָלן עסן צוזאַמען מיט זיי. איז מינען איינגעפֿאַלן, אַז איר שוויגער און שווער זאָלן אויך מיטעסן. האָט מען געשיקט נאָך ברוך־מאירן, ער איז געקומען און זיי האָבן געגעסן צוזאַמען. פֿון איצט אָן, אַז די מחותּנתטעס טרעפֿן זיך ביי די קינדער, רירן זיי זיך נישט פֿון אָרט, ביז וואַנען עס קומען זייערע מענער און מען עסט און מען לאָזט זיך וווילגיין.

ליב איז געווען דאָס דאָזיקע עסן צוזאַמען. דאָס אַלטוואַרג, וואָס זייערע שטובן זענען זיי ליידיק געוואָרן, האָבן פּלוצלינג דערזען, אַז זיי האָבן זיך פֿאַרצווייגט און זיי זיצן אין איינעם אויף נייע שטולן און עסן און שמועסן. מעגלעך אַז די פּליושענע שטולן ביי ברוך־מאירן אין שטוב זענען באַקוועמער צום זיצן ווי די געפֿלאָכטענע שטולן ביי הערשלען אין שטוב, נאָר אַ גרויסע מעלה האָבן זיי, די געפֿלאָכטענע שטולן, וואָס מען קאָן זיי איבעררוקן פֿון אָרט צו אָרט, וווּ מען וויל זיך זעצן.

ברוך־מאיר האָט אַריינגעשטעקט די פֿינגער אין זעסל פֿון זיין שטול און געזאָגט: אַ דור, וואָס זוכט נאָר איינצוברענגען זיך; מען מאַכט געפֿלאָכטענע שטולן, וואָס האָבן מער לעבער ווי זיצפֿלאַץ. איך טראַכט נאָר, צי מען וועט בקרוב נישט מאַכן שטולן אין גאַנצן אָן זעסלעך. האָט גדליה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום מחותּן: נישטאָ קיין זאַך, ברוך־מאיר זאָל נישט האָבן עפּעס צו זאָגן דעריבער.

הערשל האָט זיך פֿאַררייכערט אַ סיגאַרעט און געררייכערט פֿאַר זיינע טאַטע־מאַמע אין די אויגן, ווי אַ בעל־הבית ביי זיך אין דער היים, בעת מינע צעטרייבט מיט די הענט דעם רויך. האָט ברוך־מאיר גענומען אַ סיגאַרעט ביים זון און ער האָט פֿאַררייכערט, פֿאַרצויגן אַ צוויי־דריי מאָל און איט אוועקגעוואָרפֿן און אָפּגעחוזקט פֿון די מענטשלעכע פֿאַרגעניגנס, וואָס פֿאַרמאָגן אין זיך נישט די מינדסטע הנאה. ער האָט באַטראַכט זיין באָרד, צי זי איז נישט דערוויל שוואַרץ געוואָרן פֿונעם רייכערן.

האָט צירל געפֿרעגט דעם מחותּן: וואָס מאַכט עפּעס דער יונגער גראַף?

האָט גדליה געקוקט אַ פֿאַרוווּנדערטער, מען פֿרעגט זיך, וואָס עס מאַכט אַ מענטש, וואָס זינט ער לעבט פֿעלט אים גאָרנישט.

האָט צירל ווידער געזאָגט: איך מיין דעם וואָס מען מאַכט פֿאַר אים סיגאַרעטן אין פּאַריז.

האָט בערטע געזאָגט: די ברידער האָבן זיך צעקריגט.

האָט צירל געזאָגט: קריגערייַען צווישן גראַפֿן?

האָט בערטע געזאָגט: קריגערייַען צווישן ברידער. ס'האָט זיך געמאַכט, אַז דער יונגער גראַף האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע אויף צו פֿאַררייכערן אַ סיגאַרעט בעת ס'האָט פֿאַר זייַנע אויגן געברענט אַ ליכט. איז דער עלטערער גראַף אויף אים געוואָרן אין כּעס, ווייַל ער האָט דאָך געקאָנט פֿאַררייכערן בייַ דעם ליכט און ער האָט אומזיסט־אומנישט קאַליע געמאַכט אַ שוועבעלע, איז ער אויפֿגעשפּרונגען און האָט זיך געשוווירן, אַז ער וועט אָפּשרייַבן זייַן גאַנץ פֿאַרמעגן פֿאַרן קלויסטער.

ווידער האָט ברוך־מאיר אַרייַנגעשטעקט זייַנע פֿינגער אינעם געזעס פֿון דער שטול און געזאָגט: ס'דאַכט זיך מיר, אַז פֿריִערט איז די שטול געווען פֿון איין שטיק און דערנאָך האָט מען עקסטרע געמאַכט די לעכער.

האָט צירל געזאָגט: ברוך־מאיר האָט שוין מיט וואָס צו פֿאַרנעמען זיך. אויב די ברידער וועלן זיך נישט איבערבעטן, וועלן די גלחים אָפּלעקן אַ פּעט ביינדל.

האָט בערטע געזאָגט: צי זיי וועלן זיך יאָ איבערבעטן צי נישט, סייַ ווי סייַ וועלן שוין די גלחים צו זיי גאָרנישט דערלייגן. איך זענט אויסגעזאָרגט מיט זיי, מחותּנתטע.

האָט צירל געזאָגט: מחותּנתטע, איך האָב ברוך השם גענוג אייגענע דאגות. מינע, ווען קלערט דייַן דינסט צו ברענגען עפּעס צו עסן? איך וועל גיין אַ קוק טאָן, וואָס זי קאָכט דאָרט.

יענעם טאָג האָט די דינסט געמאַכט לאַטקעס פֿון קאַרטאָפֿליעס. טויזנט מאָל האָט שוין צירל געגעסן אַזעלכע לאַטקעס, אָבער אַז מען האָט זיי דערלאַנגט צום טיש, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זינט זי לעבט, האָט זי נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזעלכע גוטע מאכלים.

האָט צירל געפֿרעגט די דינסט, ווי אַזוי זי האָט זיי געמאַכט, און זי האָט איר אויסגעזאָגט. צירל האָט זיך לייַטיש צוגעהערט צו דער דינסט, זי זאָל חלילה נישט פֿאַרלירן קיין איין וואָרט, און דאָס מויל איז בייַ איר געווען אָפֿן, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף אַ נייַ מאכל. נאָך דעם ווי די דינסט האָט איר שוין געזאָגט, ווי מען מאַכט זיי, האָט זי נאָך געזאָגט: אַזעלכע לאַטקעס האָט דער הער גילדנהאָרן גאָר שטאַרק ליב. האָט צירל אַ זיפֿץ געטאָן און געזאָגט: דער דאָזיקער גילדנהאָרן פֿאָרט אויס אַ וועלט און עסט יעדן טאָג נייַע מאכלים. די אויגן זענען בייַ איר פֿאַראומערט געוואָרן. פֿאַראָן

א סך גוטע זאכן אויף דער וועלט, אבער נישט יעדער איינער איז זוכה צו געניסן פון זיי.

האט ברוך־מאיר א קוק געטאן אויף צירלען מיט א באזונדער ליבשאפט. דאכט זיך, אז איר פנים האט זיך פלוצלינג פארענדערט, אט דאס טונקעלע און פולע פנים, איבער וועלכן עס שוועבט א ראזער הויך. יעדעס מאל ווען ער גיט א קוק אויף איר איז זי ווי ניי אין זיינע אויגן. דערנאך האט ער געקוקט אויף הערשלען. הערשל נעמט גאר נישט צו, ער איז דאר ווי פאר דער חתונה.

בערטע האט אויפגעכאפט ברוך־מאירס געדאנק און האט א זאג געטאן: וואלט אונדזער הערשל געוווינט אין מאליקראוויק, וואלט ער זיך פאפרא־וועט. הערשל איז בלייך געווארן. צי האט דען די שוויגער זיך אונטערגעקוקט, וואס ער האט געגעסן און געטרונקען ביי איר אין שטוב. האט ער געווארפן א בליק אויף מינען און געזאגט: איך קען אימעצן וואס איז געבוירן געווארן אין מאליקראוויק און פון דעסט וועגן איז דער שור־הבר פעטער פון אים.

האט ברוך־מאיר צוגעשמייכלט און געזאגט: מען האט נאך נישט אויסגע־פונען אזא לעפל, וואס זאל אליין נעמען דאס עסן פונעם טעלער און אריינלייגן עס אין מויל אריין. ווער עס פוילט זיך נישט צו נעמען דעם לעפל אין מויל אריין, גייט נישט ארויס קיין הונגעריקער פון דיין שוויגערס שטוב.

צירל האט געגעסן און געזאגט: דיין דינסט טויג זיך אויס אין באקן און אין קאכן. א גרויסע בריה. גיב אכטונג אויף איר, מינע, ווייל בריות האבן א טבע צו לייגן אין די קעשענעס.

מינע האט אויפגעציטערט. אלע אירע יארן גיבן זיך אנדערע אפ מיט איר און איצט קומט איר שוויגער און זאגט: גיב דו זיך אפ מיט אנדערע.

די דינסט איז ווידער אריינגעקומען. צירל האט איר אנטקעגנגעשמייכלט און געפרעגט: ברענגסט אונדז ווידער עפעס א גוטע זאך צו עסן?

האט די דינסט געזאגט: הער קורץ וויל אריינגיין.

האט צירל א זאג געטאן מיט התפעלות: א! זאל ער אריינקומען, הער טאובער, זאל ער אריינגיין.

האט בערטע געזאגט: קורץ — האט דאס מיידל געזאגט.

האט צירל געזאגט: ווען דאס וואלט נישט געווען טאובער, וואלטן מיר אים נישט אריינגעלאזט, ווייל היינט זיצן מיר דא סאמע אייגענע, אבער וואס זאל איך טון, אז אלע האבן ליב טאובערן ווי אן אייגענעם.

איז קורץ אוועק און געזאגט דער דינסט: איך וועל קומען אן אנדערט מאל. האט בערטע געזאגט: ער איז נעבעך אוועק א פארשעמטער.

האָט צירל געזאָגט: וואָס איז דען, מחותּנתטע? האָב איך דען נישט געזאָגט, אַז מיר פרייען זיך מיט אים.

האָט הערשל געזאָגט: דו האָסט געמיינט טאָובערן און דאָ איז גאָר געשטאַנענע קוריץ.

האָט צירל געזאָגט: און איז דען טאָובער נישט ווערט, מען זאָל זיך פרייען מיט אים?

האָט הערשל געזאָגט: מיר רעדן דאָ וועגן קורצן.

האָט צירל געזאָגט: ברוך מזכּיר נשכּחות, דער וואָס האָט געטאַנצט אונטער דער פאַטשיילע?

האָט הערשל געזאָגט: אונטער דער פאַטשיילע אָדער איבער דער פאַטשיילע.

האָט צירל געזאָגט: ער איז דאָך ממש אַ קונצן־מאַכער, איך וויים נישט, צי ס'איז פאַראַן נאָך זיינס גלייכן.

בעצם איז אויך בערטע געווען צופרידן, וואָס קורץ איז אוועקגעגאַנגען. עס איז ליב, ווען ס'זיצן אייגענע און קיין פרעמדע זענען נישטאָ דערביי, ווער שמועסט נאָך אין די חשוון־נעכט, ווען עס איז קאַלט אויף דער וועלט און דער אויוון איז נישט געהייצט. כּל־זמן מען זיצט אין איינעם סאַמע אייגענע, פילט מען נישט די קעלט, ווי ס'קומט נאָר אַריין אַ מענטש פון דרויסן, דערפילט מען זי גלייך.

האָט גדליה אָנגעשפּיצט די אויערן און געזאָגט: איך הער די טריט פון אונדזערע פערד.

האָט בערטע צוגעלייגט די לינקע האַנט צום מויל און אַ גענעץ געטאָן און געזאָגט: וואָס איז עפּעס סטאַכן איינגעפאַלן זיך אַזוי צוצוויאַגן?

האָט צירל געזאָגט: איך הער גאָרנישט.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: איך הער נישט קיין פערד און נישט קיין בריטשקע. ניין, אמת, אמת, אַ פערד הירזשעט.

האָט צירל געזאָגט: ס'איז נאָך אַ פראַגע, וועמעס פערד הירזשעט. פון וואַנען ווייסט דער מחותּן, אַז זיינע פערד האָבן געהירזשעט.

האָט מינע געזאָגט: דער טאַטע דערקענט זיינע פערד, פּונקט ווי זיינע פערד דערקענען אים.

גדליה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט אויף איר מיט אַ ליבשאַפט אין זיינע אויגן.

האָט צירל געזאָגט: ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז ער זעט זיי און זיי זעען אים, אָבער אַז ער איז דאָ און די פערד זענען אין דרויסן, ווי קען געמאָלט זיין, ער זאָל דערקענען זייער קול? ניין, מינע, עס גלייבט זיך מיר נישט, וואָס דו האָסט געזאָגט.

סטאַד האָט אָפּגעשטעלט די פֿערד און ער איז אַראָפּ פֿון דער ברישקע, ער האָט זיך געקלאַפּט די הענט איינע אין דער אַנדערער כּדי צו דערוואַרעמען זיי. ס'איז נאָך נישט ווינטער, נאָר כּדי זיך צוצוגעוווינען, האָט ער דאָס אַזוי געטאָן.

אָבער דער ווינטער האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. די זון, וואָס האָט געשײַנט און געוואַרעמט, איז קילער און טינקעלער געוואָרן. מענטשן, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אויפֿגערוימטע, זיצן אומעטיקע אין די שטובן. רעגנס און שנייען מישן זיך אוים צוזאַמען, און שטאַרקע ווינטן ווייען פֿאַרבײַ. ווײַל אין דעם וואָס האָט אַ ברענענדיקן לאָמפּ און אַן אויוון אָנגעלייגט מיט האָלץ און פֿרײַנד צו פֿאַרווײַלן זיך.

הערשל איז געוואָרן אַ נײַער מענטש. ער פֿרייט זיך מיט מענטשן און ער איז צוגעלאָזן צו יעדן איינעם. אַפֿילו אַזוינע וואָס אויפֿן ערשטן בליק זענען זיי אַנדערש פֿון הערשלען, קומען צו הערשלען. פֿאַראַן אַזוינע וואָס קומען פֿון זיך אַליין און פֿאַראַן אַנדערע, אַזעלכע וואָס זייערע חבֿרים ברענגען זיי. אַפֿילו קורץ, וואָס הערשל האָט אים נישט ליב און מינע האָט אים פֿײַנט, איז אויך אַן אָפֿטער אַרײַנגייער. פֿאַר וואָס האָט זי אים פֿײַנט? ער האָט איר דאָך דער ערשטער גראַטולירט צו אירע תּנאָים. צי דערפֿאַר ווײַל ער ציפּט שטיקלעך פֿונעם ברויט און קנייט זיי מיט די פֿינגער קומט איים, מען זאָל אים פֿײַנט האָבן? אַזוי ווי מינע האָט אים פֿײַנט, איז ער, דער בעל־הבית, מחויבֿ צו זײַן העפֿלעך צו אים.

הערשל איז געוואָרן אַ נײַער מענטש. ער פֿרייט זיך מיט מענטשן און ער איז צוגעלאָזן צו יעדן איינעם. סאָפֿיע גילדנהאָרן, מינעס חבֿרטאָרין, רופֿט ער סאָפֿיע, און ער גיט נישט צו קיין שום טיטל צו איר נאָמען, פּונקט ווי זי רופֿט אים איינפֿאַך היינריך, אָן אַ שום טיטל.

סאָפֿיע איז אַן אָפֿטער גאַסט בײַ מינען. זי פֿילט זיך גוט צווישן יונגוואַרג. סאָפֿיע איז עלטער פֿון מינען נישט מער ווי מיט צוויי יאָר. אַזוי ווי זי האָט חתונה געהאַט פֿאַר מינען, האַלט זי זיך פֿאַר אַן אַלטער אַנטקעגן איר. אַז הערשל קומט אַהיים פֿונעם געוועלב, גייט זי גלײַך אַוועק. איין גאָט אין הימל ווייסט, פֿאַר וואָס זי טוט אַזוי. מסתּם כּדי צו לאָזן פֿרײַ הערשלען מיט מינען.

מינע טוליעט זיך צו הערשלען און שעפּטשעט אים אויפֿן אויער פֿאַרשידענע זאַכן. מעגלעך אַז אין אירע רייד זענען פֿאַראַן ווערטער, וואָס האָבן אַ טעם, נאָר הערשלס האַרץ איז פֿאַרקלעמט און עס ציט אים נישט צו הערן. אַז מ'האָט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ, ווײַל מען נישט הערן אַפֿילו קיין געזאַנג. פֿרעגט בײַ זיך הערשל: איז זי פֿאַר מיר אַ לאַסט? און ער ענטפֿערט זיך אַליין: נישט מער ווי אַלע אַנדערע מענטשן, נאָר זי פֿיל איך צום מיינסטן, ווי אַ מלבוש וואָס נעמט אַרום דעם גוף און וואַרעמט נישט.

קאַפּיטל 19

איין גאָט אין הימל ווייסט, וואָס עס טוט זיך ביַי מינע אין האַרצן.

טייל מאָל איז זי פֿריילעך און טייל מאָל טרויעריק, אַזוי צי אַזוי האָט הערשל פֿון איר נישט קיין רו. זעט זי אים שטיין, אָדער גיין, אָדער ליינען אַ ביכל, ריַיסט זי אים באַלד איבער אין מיטן און זאָגט: שווער מיר, אַז דו וועסט קיינעם נישט אויסזאָגן, וועל איך דיר דערציילן אַ זאַך וואָס עס האָט זיך מיר געטראָפֿן, איידער איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט. און ער שווערט זיך און זי דערציילט. זי וווּנדערט זיך אויף אים, זי האָט אים דאָך אַנטפּלעקט אירע סודות און אירע חבֿרטאָרינס און אים גייט עס גאָרנישט אָן, און ער וווּנדערט זיך אויף איר, וואָס זי באַלאַמוטשעט אים מיט נאַרישקייטן. צום סוף האָט זי צו אים פּרעטענזיעס, אַז ער האָט זי נישט ליב, ווײַל ווען ער וואָלט זי ליב געהאַט, וואָלט ער חשובֿ געהאַלטן אירע איבערלעבענישן. באַזונדערס דערקוטשעט הערשלען דער פֿרי־מאָרגן, ווײַל ווי נאָר זי כאַפּט זיך אויף, וויל זי אים דערציילן אַ חלום, וואָס האָט זיך איר געחלומט ביַי נאַכט. איידער זי הייבט אָן דערציילן, האָט זי שוין דעם חלום פֿאַרגעסן. וויל ער שוין אַוועקגיין, דערמאָנט זי זיך, אַז נישט איין חלום האָט זיך איר געחלומט, נאָר אַ סך חלומות האָבן זיך איר געחלומט, און זי גענעצט און דערציילט, דערציילט און גענעצט. אירע חלומות זענען נישט קיין לאַנגע, נאָר דערציילן דערציילט זי זיי לאַנג. אָט האָט זי געזען מוראַשקעס אין חלום, רעדט זי וועגן יעדער איינער מוראַשקע באַזונדער, אַז אַלע זיַינע גלידער הייבן זיך אָן צו וואַרפֿן, ווי גלייך אַלע מוראַשקעס, וואָס זי האָט געזען אין חלום, וואָלטן זיך געשטעלט אויף די פֿיסלעך און אַריַינגעקראָכן אין זיַין לייַב אַריַין און זייער ריח וואָלט זיך צעטראָגן אין אים ווי דער ריח פֿון אירע כּלעךלייַ שמירעכצן. אַז ער וועט אַרויפֿרוקן דעם אַרבל צו לייגן תּפֿילין, וועט דער גאַנצער בית־מדרש דערשנאַפּן דעם דאָזיקן ריח.

שווער צו זאָגן צי מינע איז אײַנגעגאַנגען צי אויפֿגעגאַנגען. זי איז קיין מאָל נישט געווען קיין גבֿר, אַצינד פּיעשטשעט זי זיך מיט איר שוואַכקייט. די פֿריִערדיקע עסנס און געטראַנקען זענען איר נמאס געוואָרן. טייל מאָל פֿאַרגלוסט זיך איר צו עסן עפּעס וואָס זי האָט פֿריִער קיין מאָל נישט געגעסן. אָט ברעכט זי און אָט חלשט זי, אַ מאָל טוט איר ווי דער קאָפּ און אַ מאָל טוען איר ווי די ציין. איר בויך וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג און אירע גלידער זענען צעווירן. אָבער זי פֿירט אַ מלחמה מיט אירע גלידער און ציט זיי איַין מיט שנורן, וואָס שטרומפּן זיי איַין און זי פֿאַרשטעלט פֿאַר מענטשנס אויגן דאָס וואָס זי טראָגט אין איר אינגעווייד. אַ פֿולכנע און

תמיד אויפגערוימטע ייִדענע פּאַרעט זיך טאָג און נאַכט לעבן מינען, דערלאַנגט איר אַ גלאָז וואַרעמס און מאַכט איר קליינע בעדער און גיט זיך אָפּ מיט איר און סודעט זיך מיט איר און זאָגט איר, זי זאָל זיך נישט אויפרעגן, ווייַל אויפרעגונג קען חס ושלום ברענגען אין אַ סכּנה דאָס ווייַבל און ס'באַשעפעניש, וואָס זי דאַרף אויסטראָגן.

צירל גייט אַרום אָן אויפגערוימטע. נעכטן האָט זיך אַ פּיצווינק געשפּילט אויף אירע ברוסטן און הייַנט ווערט זי אַ באָבע. דאָס זעלבע בערטע. ווי לאַנג איז עס דען, אַז זי האָט געהאָט מינען, איצט האַלט שוין דאָס דאָזיקע קינד בייַם ווערן אַ מאַמע. סאָפיע פּאַטשט מיט די הענט און זי רעדט זאַכן וואָס מינע האָט זינט זי לעבט נישט געהערט. זי בענקט אויך נאָך אַ קינד, נאָר כּל־זמן איר מאַן פּליט אַרום איבער דער וועלט, קען זי זיך דען ריכטן אויף אַ קינד. איין מאָל האָט זיך איר שוין געדאַכט, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און איין מאָל האָט זי שוין טאַקע אויף אַז אמת געטראָגן, און צום סוף לאָזט זיך אויס אַ בוידעם — נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, אַז אויסגעבלאָזן איי. מינע ווערט אַלץ מער צעוווירן. מינע איז ענלעך צו אַ באַלכל וואַטע, וואָס מען האָט באַגאָסן מיט שמעקעדיק וואַסער.

בערטע האָט זיך אַרייַנגעצויגן צו מינען. זי איז מער אין שטאָט ווי אין דאָרף. נישטאָ דער טאָג, בערטע זאָל נישט קומען צו איר טאָכטער. און אַז זי קומט, בלייַבט זי ביַי איר אַ גאַנצן טאָג, און אַז עס קומט אויס, מאַכט מען איר אַ געלעגער אין צווייטן צימער, דאָס צימער, וואָס מען האָט געדונגען אויף שפּעטער, ווען פון די צוויי וועלן אם ירצה השם ווערן דרייַ. דערווייַל שלאָפט דאָרט בערטע. און אַז עס וועט אם ירצה השם קומען די צייַט און עס וועט קומען די גוטע שעה, וועט איר אייניקל דאָרט שלאָפן.

זינט די שוויגער איז מיט זיי, איז הערשלען לייַכטער געוואָרן, ווייַל ס'רובֿ טאָג ליגט מינע אויף איר בעט און דרימלט, און ווי זי כאַפּט זיך אויף, שטרעקט זי אויס די הענט צו דער מאַמען און גענעצט. גלייַך קומט צו צו איר די מאַמע און הערט זיך צו, ווי אַלע זיבן חכמות וואָלטן אַרויסגערעדט פון מינעס מויל, און ער דאַרף נישט שטיין לעבן איר און אויסהערן וואָס זי רעדט.

אַז מינע ליגט אייַנגעקנאָדערט אין די קישנס און איבערבעטן, איז צימער איז וואַרעם און עס טראָגן זיך אַרום ריחות פון פּאַרפום, און די מאַמע שטייט איבער איר און קוקט איר אין מויל אַרייַן, איז מינע ענלעך צו אַ פּיצל מיידעלע מיט שוואַכינקע גלידער און עס קומען כּישוף־מאַכערס און הייצן שטאַרק אָן דעם צימער און שלעפערן עס אייַן מיט פאַרשידענע קרייַטעכצער און רייכערן אָן פאַרן קינד פאַרשידענע גראָזן, און אַז עס כאַפּט זיך אויף, לויפן זיי גלייַך הערן דער קליינטשיקערס רייד, ווי עס וואָלט אין זיי געלעגן אַ גרויסע נבֿואה.

מינע האט אויגן אין קאפ. כאטש זי האט נישט פארזוכט דעם טעם פון ליבע, האט זי אבער געוווסט, אז דאס איז נישט קיין ליבע. איין מאל, ווען זיי זענען געזעסן און געוואַרט אויף דער פרוי גילדנהארן און זי איז נישט געקומען, האט מינע געזאגט צו הערשלען: איך ווייס, וואס דו טראכטסט, וועגן סאפיען טראכטסטו.

האט הערשל געזאגט: ווי פאלט דיר עפעס איין צו זאגן, אז איך טראכט וועגן סאפיען?

האט זי געזאגט: פשוט אזוי, דו טראכטסט וועגן איר און דו ווילסט, זי זאל קומען.

האט ער געזאגט: צו וואס דארף איך, זי זאל קומען?

האט זי געזאגט: כדי דו זאלסט נישט דארפן זיצן מיט מיר אליין, ווייל איך נודע דיך.

האט ער געזאגט: עס איז מיר נודנע מיט דיר?

האט זי געזאגט: נאר וואס דען? דו ווילסט, איך זאל שטארבן.

האט הערשל געזאגט: פאר וואס זאל איך וועלן, דו זאלסט שטארבן?
האט מינע געזאגט: אזוי, סתם.

האט הערשל געזאגט: צוליב סתם אזוי וויל קיינער נישט, אז זיין ווייב זאל שטארבן.

האט מינע געזאגט: ווען איז דאס אלץ געזאגט געווארן, אז ער האט זי ליב.

האט הערשל געזאגט: און אז ער האט זי נישט ליב, וויל ער, זי זאל שטארבן?

האט מינע געזאגט: אט דאס האב איך געוואלט הערן, מיין טייערער.

האט הערשל געזאגט: וואס אזוינס האסטו געוואלט הערן?

האט מינע געזאגט: אז דו האסט מיך נישט ליב.

האט הערשל געזאגט: אז איך האב דיך נישט ליב?

האט מינע געזאגט: צי האסטו נישט בפירוש געזאגט: און אז ער האט זי נישט ליב, וויל ער, זי זאל שטארבן?

האט הערשל געזאגט: אזוי האב איך געזאגט, אבער צי איז פון דעם געדרונגען, אז איך האב דיך נישט ליב?

האט מינע געזאגט: ווען דו וואלטסט מיך ליב געהאט, וואלטסטו אזוי נישט געזאגט.

האט הערשל געזאגט: נאר וואס דען וואלט איך געזאגט?

האט מינע געזאגט: ווען דו וואלטסט מיך ליב געהאט, וואלטן אזעלכע שטייגער ווערטער דיר נישט אויפן רעיון געקומען. און אפשר האב איך א טעות, אפשר גאר האסטו מיך טאקע נישט פיינט. א קלוגער בחור ביסטו, היינריך,

און דו ווייסט, אַז איך בין נישט אָרגער פֿון אַלע אַנדערע פֿרויען, און אויב איך שטאַרב, וועסטו נישט געפֿינען קיין בעסערע פֿון מיר. דו הערסט, מײַן טײַערער, איך וויל נישט שטאַרבן, נישט אַזוי צוליב מיר, ווי צוליב דיר, ווײַל איך ווייס, אַז דו געפֿינסט נישט אַזאַ ווי איך. אויב דו מיינסט, אַז סאָפֿיע איז אַ בעסערע פֿון מיר, האָסטו נאָר אַ טעות. סאָפֿיע ווייסט, ווי זיך ליב צו מאַכן בײַ מענטשן, אָבער ווער עס קען זי אַזוי ווי איך, ווייסט, אַז דאָס אַלץ איז נאָר געמאַכט. איר טאַטע, אײַזשע העלער, פֿאַרקויפֿט לאָטעריע-צעטלען און זי פֿלעג אים צוהעלפֿן און זי האָט זיך אויסגעלערנט, ווי זיך אַרײַנצונאַרן צו יענעם אין האַרץ אַרײַן. איך דאַרף דאָס נישט, איך בין אַ טאָכטער פֿון איינעם וואָס אַרבעט, וואָס עסט ברויט פֿון אַרבעט און עסט נישט קיין ברויט פֿון חניפֿה. אַז איך דערמאָן זיך, אַז דער טאַטע איז געווען אַ מילכיקער און פֿלעג אַרומגיין מיט זײַנע קאַנען מילך, ווער איך בײַ מיר שטאָלץ, ווײַל איך בין זיכער, אַז מײַנע קינדער וועלן זיך נישט זוכן קיין לײַכטע פּרנסות דווקא, נאָר זיי וועלן האָרעווען אויף זייער שטיקל ברויט און נישט דאַרפֿן זיך דערנידעריקן פֿאַר יענעם. איך בין פּלוצלינג טרויעריק געוואָרן. דאָס דאָזיקע רעדן וועגן טויט האָט מיך טרויעריק געמאַכט. קום, הײַנריך, און גיב מיר אַ קוש. נישט אויפֿן שטערן, מײַן טײַערער, דו דאַרפֿסט מיר נישט אַרויסווײַזן קיין דרך־ארץ, גיב מיר אַ קוש אין מויל. צי פֿאַרמאָגסטו נישט מער ווי איין קוש אין דײַן מויל? ווער ס'וועט דאָס זען, קען מיינען, אַז בײַ דיר איז אַ רענדל אַ קוש.

ווי אַלע בעל־בתּישע קינדער, האָט זיך אויך הערשל געגרייסט מיט זײַן משפּחה. כאָטש ער איז סתּם אַ האָרוויץ און קומט נישט אַרויס פֿונעם של"ה הקדוש, איז זײַן נאָמען אָנגעזען אין שטאָט. כאָטש ער האָט זיך געגרייסט מיט זײַן משפּחה, האָט ער וועגן איר נישט גערעדט מיט אַנדערע. אַזוי ווי מינע האָט דערציילט דעם שבֿח פֿון איר פֿאָטער, האָט ער דערציילט דעם שבֿח פֿון זײַן משפּחה.

אָבער זײַנע רייד האָבן אים נישט פֿאַרשאַפֿט קיין גרויס כּבֿוד. נאָך דעם ווי ער האָט דערמאָנט דעם ענין מיט זײַן מאַמעס ברודער און מינע איז געוואָרן דערשטוינט, וואָס זי האָט ביז איצט וועגן דעם נישט געהערט, האָט הערשל געזאָגט: איך זאָג, אַז מײַן פֿעטער איז געווען בײַם קלאָרן געדאַנק. ער האָט זיך געמאַכט משוגע, ווײַל ווען ער וואָלט זיך געפֿירט ווי אַ מיושבֿער, וואָלט זײַן טאַטע, דאָס הייסט שמעון־הערש, דער זיידע מײַנער, וואָס איך הייס נאָך אים, אים חתונה געמאַכט מיט איינער וואָס ער האָט זי נישט ליב געהאַט, און ער וואָלט געהאַט מיט איר אָפּגעשניטענע יאָרן, און ער וואָלט אָנגעפּלאָדעט שוואַכינקע קינדער, און ער וואָלט געהאַנדלט, און ער וואָלט פֿאַרדינט און רײַך געוואָרן, און מענטשן וואָלטן אים אָפּגעגעבן כּבֿוד. פֿאַרן אויג איז דאָס אפֿשר גוט, אָבער פֿאַר דער עצם זאַך, זאָג איך, איז עס אַך און ווײ, ער וואָלט אַרומגעגאַנגען מיט

אַ לאָד אין האַרצן. וואָלט מײַן פֿעטער מצליח געווען, וואָלט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַ חכם, אַזוי ווי ער האָט אָבער נישט מצליח געווען, האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַ משוגענעם. אַ מענטש ענדערט זיך נישט פֿון זיך אַליין. אַנדערע רעגירן מיט אונדז, מינע, און זיי מאַכן מיט אונדז, ווי עס געפֿעלט זיי. דו פֿירסט זיך ווי דײַן שטייגער איז און טוסט אַלץ ווי נעכטן און אייערנעכטן, פּלוצלינג איז מען נישט צופֿרידן מיט דיר. וואָס האָט געבראַכט דערצו? האָסט דאָך הײַנט נישט געטאָן עפּעס אַזוינס וואָס דו האָסט קיין מאָל פֿריִער נישט געטאָן? נאָר דער אמת איז אַזוי, מען משפּט נישט דעם מענטשן לויט זײַנע מעשׂים. אַנדערע רעגירן מיט אונדז. נעכטן האָבן זיי געוואָלט אַזוי און הײַנט ווילן זיי אַזוי. אַזוי צי אַזוי, דאַכט זיך דיר, אַז דער אמת איז בײַ אַנדערע און דו וועסט געפֿאַלן בײַ דיר אין די אויגן. פּונקט ווי דו ביסט געוואָרן געפֿאַלן בײַ זיי. איך האָב אַ סך געטראַכט דעריבער און איך ווייס אַ סך, נאָר עס איז שוין שפּעט און עס איז שוין צײַט, זאָלסט זיך גיין לייגן. נאָר איינס וועל איך דיר זאָגן, ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ לאָד אין האַרצן. און אַז איך האָב אַ לאָד אין האַרצן, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן מײַנע מעשׂים? דו ביסט טרויעריק, מינע. כּלעבן אַז איך בין נישט אויסן געווען דיך טרויעריק צו מאַכן. בעצם בין איך אויך טרויעריק, כאָטש די דאָזיקע זאַך איז פֿאַרלאָפֿן מיט יאָרן צוריק. איצט וועל איך דיר דערציילן אַ פֿריילעכע זאַך. דו זעסט דאָרט אין שאַנק אַ גראָבן בוך, דאָס איז אַ ווערטערבוך. דעם מחבר פֿון דעם דאָזיקן ווערטערבוך האָט דער טאַטע זײַנער גאָר יונג חתונה געמאַכט מיט איינער, נישט פֿרעגנדיק אים, צי ער וויל זי צי נישט, ווי דער שטייגער פֿון אונדזערע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן נישט געפֿרעגט זייערע קינדער, צי זיי ווילן זיך. וואָס האָט דער זון געטאָן? אַז ער איז עלטער געוואָרן און געוואָלט פּטור ווערן פֿון זײַן ווײַב, האָט ער גענומען און אָנגעטאָן דער קאַץ זײַנע תּפֿילין. אויב דו פֿאַרמאָגסט, מינע, פֿאַנטאַזיע, מאָל זיך אויס מיט וואָס דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט, ווי די טאַטע־מאַמע פֿון יענעם ווײַבל האָבן זיך דערשראָקן און ווי זי אַליין איז פֿאַרצאַפּלט געוואָרן. נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגט די וואָס זײַנע טאַטע־מאַמע האָבן אים חתונה געמאַכט מיט איר, האָט ער זיך גענומען אַן אַנדערע ווי אים געפֿעלט, און ער הויזט מיט איר בשלום און ער ווייסט בײַ איר פֿון אַ לעבן. איך ווייס נישט, צי ער לייגט יעדן טאָג תּפֿילין, אָבער מען קאָן זיך משער זײַן, אַז דער קאַץ טוט ער שוין מער קיין תּפֿילין נישט אָן.

הערשל האָט זיך טועה געווען, וואָס ער האָט געמיינט, אַז מיט דער דאָזיקער געשיכטע וועט ער זײַן ווײַב פֿריילעך מאַכן. מינעס בילדונג איז נישט הערשלס בילדונג. מינע האָט זיך דערצויגן אין אַ פּאַנסיאָן און פֿאַר דעם האָט זי געלערנט בײַ קריסטלעכע לערערקעס אין דאָרף. יענער ווערטערבוך און זײַן מחבר, וואָס הערשל האָט וועגן זיי דערציילט, אינטערעסירן נישט מינען. און אַז זי האָט זיך אַרויסגענומען פֿון דער שאַפֿע אַ ביכל צום

לייענע און אירע הענט האבן אנגעטראפן דעם דאזיקן ווערטערבוך און ער האט זיך ארויסגעגליטשט און איז אראפגעפאלן אויף דער פאדלאגע, האט זי אים מיט אירע פיס ארונטערגעשארט אונטער דער שאפע.

הערשלען זענען די געסט געווארן צוגעגעסן. נאך דער חתונה האט ער זיך געפרייט מיט געסט, מיט א מאל האט ער זיך אפגעקערט פון זיי. פאר וואס האט ער פריער ליב געהאט געסט, ווייל ער האט זיך געזען לעבן זיי ווי א בעל־בית, אזוי ווי זיין שטוב איז אים געווארן דערעסן, זענען אים אויך די געסט געווארן דערעסן.

אבער אפילו אז די געסט פלעגן קומען צו אים, איז ער אויך נישט געווען ביי זיי מיטן גאנצן הארצן. וועמען ער האט ליב געהאט, האט מינע נישט ליב געהאט, און פארקערט. וואס אן אמת, האט ער אויך נישט ליב געהאט זיי צוליב זייער בילדונג סתם, צוליב די גוטע מידות זייערע. נאר ווייל מינע איז נישט געווען פריינדלעך צו זיי, האט ער געהאלטן פאר זיין חוב ארויסצוווייזן זיי נאך מער זיין פריינדלעכקייט. דאס האט מינען פארדראסן, וואס איר מאן בייגט זיך פאר יעדן יינגל, און זי איז זיך באגאנגען מיט זיי נישט ווי עס געהערט צו זיין. און אזוי ווי זי איז זיך באגאנגען נישט ווי עס געהערט צו זיין מיט זיינע געסט, איז ער זיך באגאנגען נישט ווי עס געהערט צו זיין מיט אירע געסט, חוץ יצחק גילדנהארן, וואס ווען ער קומט, נעמען זיי אים ביידע אויף מיט קעסל־כלים. די דינסט מאכט לאטקעס פון קארטאפליעס און הערשל נעמט ארויס גוטע משקה און גוטע סיגארעטן און קרעדענצט אים. אויך סאפיען פלעג הערשל גאר שיין אויפנעמען. מען קען נישט זאגן, אז זי געפעלט אים און מען קען נישט זאגן, אז זי געפעלט אים נישט, אבער כדי זיין ווייב זאל נישט קענען זאגן: מיינע חברטארינס געפעלן דיר נישט, איז ער געווען פריינד־לעך צו איר און ער פלעג זי און איר מאן דערמאנען זייער זכות, וואס ביי זיי אין שטוב איז ער געווארן א חתן און זיי זענען עס געווען זיינע שדכנים.

די געסט זענען וואס א מאל שיטערער געווארן, נאך עטלעכע וואכן האט קיינער שוין נישט ביי הערשלען איבערגעטרעטן די שוועל. דער ערשטער האט זיך אפגעטראגן לייבוש טשארטקעווער. דער שכל איז דאך מחייב, אז ער, וואס האלט אין איין רעדן וועגן עסן און טרינקען, האט געדארפט זיך האלטן ביי א שטוב, ווו עס פעלט נישט אוים קיין לאקעטקעס, און דווקא ער איז אוועק דער ערשטער. דו קענסט נישט אפשאצן א יידישע קישקע. לייבוש טשארטקעווער פון מערב־גאליציע איז מגולגל געווארן קיין שיבוש און ער איז געווען א באבעווער חסיד און אין שיבוש זענען נישטא קיין באבעווער חסידים, און לייבוש האט נישט געפונען קיין חבר צו זיך, ווייל אלע אנדערע חסידים טשעפען זיך צו אים און צו זיין רבין און ער

איז ממש אויסגעגאַנגען נאָך אַ חבֿר. אַז ער האָט דערטאַפּט גילדנהאָרנען און געפֿונען בײַ אים אַ גלעזל משקה און קאָרטן צום שפּילן און אַ לוסטיקע קאָמפּאַניע, האָט ער זיך צוגעקלעפּט צו אים. אַז ער האָט דערטאַפּט הערשלען, האָט ער זיך נישט צוגעקלעפּט צו אים. נישט דאָס גלעזל איז דער עיקר, נאָר וואָס מען רעדט צווישן איין גלעזל און דעם אַנדערן.

נאָך אים האָט זיך אָפּגעטראָגן מאָטשע שיינבאָרד. מאָטשע שיינבאָרד האָט געזאָגט: איך וויל קומען צו דיר, הערשל, נאָר מײַן קוליע וועט אַלט און זי קען נישט לײַדן קיין טרעף. וואָס אַז אמת איז, האָט מען געזאָגט, אַז נישט דאָס איז דער טעם, נאָר לייבוש און מאָטשע — דער מיט דער באָרד און דער מיט די וואָנצעס — זענען שטענדיק צוזאַמען, אומעטום, וווּ דו טרעפֿסט לייבושעס באָרד, טרעפֿסטו מאָטשעס וואָנצעס, כּדי דער צלם־אלקים זאָל זײַן גאַנץ, ס'האָט זיך אָפּגעטראָגן דעמס באָרד, האָבן זיך אָפּגעטראָגן דעמס וואָנצעס.

אויך קורץ האָט אויפֿגעהערט ווײַזן זיך. כּל־זמן די שטוב איז געווען פֿול מיט מענטשן, איז דער קליינער קורץ בטל געוואָרן צווישן זיי מיט זײַן פּיצלקייט, אַז די שטוב האָט זיך אויסגעליידיקט, האָט זיך קורץ דערזען אַ לאַנגעווײַטש, איז ער אַוועק.

קורץ איז פֿון אַ גוטער שטוב. וואָלט ער זיך געפֿירט ווי זײַנע טאַטעס האָבן זיך געפֿירט, וואָלט ער דערגאַנגען צו וואָס זיי זענען דערגאַנגען, נאָר ער איז אַרויס חוץ לשיטה, ווײַל ער האָט אַ סך געלערנט שילערן. אָבער די גוייִשע חכמים זענען פֿוילע אונטערפֿירערס און זיי האָבן אים געלאָזט אין מיטן וועג. ווען נישט דאָס ביסל תּורה, וואָס ער האָט געלערנט קליינערהייט, און דאָס וואָס ער איז געוואָרן אַ לערער פֿון קינדער אין אַ באַראָן הירש־שול, וואָלט ער נישט געהאַט קיין באַשטאַנד אויף דער וועלט. אָבער קיין כּבֿוד האָט ער נישט געהאַט. ער האָט געוווּסט, קורץ, אַז דעם „רעליגיאָנס־אונטערריכט" האָט מען אײַנגעפֿירט נאָר כּדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז דער באַראָן הירש וויל אויסוואָרצלען די תּורה פֿון ייִדן, אויב אַזוי, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט זײַן לערנען? און אַזוי ווי ער האָט דערפֿילט, אַז זײַן עובֿדא איז איבעריק, איז ער געוואָרן איבעריק בײַ זיך אַליין, און אַזוי ווי ער איז געוואָרן איבעריק בײַ זיך אַליין, איז ער געוואָרן איבעריק בײַ אַנדערע. ווען ער וואָלט זיך אַ ביסל אויסגעגלײַכט, וואָלט מען פֿאַר אים אפֿשר געהאַט אַ ביסל רעספּעקט, נאָר קורץ האָט אָפּגעמאָסטן זײַן גרייס און ער האָט אויסגעפֿונען, אַז צוליב צוויי איילן כּבֿוד, ווי זײַן גרייס, איז נישט כּדאַי, ער זאָל זיך די מי געבן אויסצוגלײַכן זיך.

הערשלס שטוב איז געבליבן אָן געסט. אויסער זײַנע קרובֿים האָט קיין מענטש נישט איבערגעטרעטן די שוועל. פֿאַרשטאַרצט קוקט אַרײַן די דרויסנ־דיקע וועלט דורך די דרײַעקן פֿון די פֿירהאַנגען. טייל מאָל איז הערשל געשטאַנען בײַ איין פֿענצטער און מינע בײַ אַן אַנדער פֿענצטער. מעגלעך

אז זיי האבן ארויסגעקוקט אין דרויסן ארויס, און מעגלעך אז זיי האבן אריינגעקוקט אין זייערע הערצער אריין.

הערשל האט טענות צו מינען, אז צוליב איר האלטן זיך פון זיי מענטשן פון דער ווייטנס. ענטפערט מינע: וואלטסטו נאר געוואלט, וואלטן זיי געקומען. הערשל ווייסט, אז גערעכט איז מינע, נאר עס איז אים באקוועמער איר אויפצווארפן איידער צוריקצוברענגען די געסט. אקעגן זשע האט ער פארטאפלט זיין ליבשאפט צו סאפיען, ווי זי וואלט געקומען נאר צוליב אים. קומט זי נישט — קומט ער צו איר מיט פרעטענזיעס, און אז זי קומט, נעמט ער זיך לייענען א ביכל.

ווי א פרוי, וואס דעקט אפ דער צווייטערס טעפל און ווייסט, וואס עס קאכט זיך דארט, אזוי ווייסט סאפיע, וואס עס טוט זיך אין שטאט. און אז סאפיע דערציילט, איז דא וואס צו הערן. טייל מאל דערציילט זי אויפן קול און טייל מאל אויפן אויער. אז זי רעדט הויך, טיפן זיך איין ביי איר די אויגן, און אז זי זאגט עפעס אויפן אויער — הייבט זיך אן באוועגן דער בוזעם ביי איר און ביי איר חברטאריז.

הערשל קוקט פון זיין בוך ארויס און זעט סאפיען. סאפיע איז עלטער פון מינען מיט צוויי יאר און זעט אויס יינגער פון מינען מיט צוויי יאר. סאפיע איז ענלעך צו א מיידל, וואס עס זענען ביי איר נאך נישט צייטיק געווארן די גלידער.

סאפיע זיצט לעבן מינען און דערציילט און פלערליי זאכן קויקלען זיך ארויס פון איר מויל אין מינעם אויערן אריין. זעט אויס, אז סאפיע האט נישט קיין פארגעניגן פון אירע רייד, נאר כדי צו פארשאפן פארגעניגן איר חברטאריז, דערציילט זי, און איר חברטאריז זיצט און הערט. איר מויל איז אפן און אירע אויגן זענען פארכמארעט און אירע אויערן זענען רויט און אירע אוירינגלעך פינקלען. א מאדנע טבע האט דער באשעפער אריינגעגעבן אין דעם דאזיקן ווייבל, זי זאל קענען זיצן און הערן.

אויך הערשלען האט דער באשעפער באשאנקען מיט א מאדנער טבע — צו זיין אויפגעבראכט היינט אויף א זאך וואס האט אים נעכטן הנאה געטאן. מיט איבער א האלב יאר צוריק, אז מינע איז געזעסן ביי סאפיען אין שטוב און געהערט אים רעדן, האט ער געקוקט מינען אין פנים אריין און ער האט זיך געפרייט, און היינט קוקט ער אויף איר און ער פרייט זיך נישט. יעדער איינער קוק זיינער איז הארבער פון צווייטן. מיטן ערשטן קוק האט ער געזען איר פנים ווי קלאר־ווייסע וואטע און מיטן צווייטן קוק ווי ברודיקע וואטע.

יעדער פארגלייך איז נישט לטובת מינען, אבער עס פרעגט זיך נאר א פראגע, וועמען ס'איז ערגער: צי דער פרוי, וואס איר מאן פארגלייכט זי צו א מיאוסער זאך, אדער דעם מאן, וואס האט פארגליכן זיין פרוי צו א מיאוסער זאך. אזוי צי אזוי איזביידן נישט גוט.

אָבער הערשל זיצט נישט שטענדיק לעבן מינען און פאַרגלייַכט זי נישט יעדע ווייַלע צו דער אָדער אַן אַנדערער זאַך. ס׳רובֿ טאָג זיצט ער אין געוועלב און אין דער פֿרי גייט ער אין דער גרויסער שול אַריַין. ער האָט ליב, הערשל, דאָס דאָזיקע גרויסע געבייַ, וואָס איז פֿון אויבן רונדיק ווי אַ הימל־געוועלב און אויסגעמאָלן מיט שיינע מאָלערייַען. ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט דעם סופֿיט, וואָס שפּאַרט זיך נישט אָן אויף זייַלן און זעט אויס, ווי ער וואָלט געהאַנגען אין דער לופֿטן. ער האָט ליב די צוועלף פֿענצטער לויט דער צאָל פֿון די שבֿטים. ער האָט באַזונדערס ליב דאָס פֿענצטער פֿון דער מזרח־וואַנט, וואָס דאָס ליכט פֿון זייַנע קאָלירטע שייַבלעך שפּראָצט אָפּיר און גלעט דאָס פּרוכת. ער האָט ליב די קאַלטע טרעפּ, וואָס מען גייט אויף זיי אַראָפּ. באַזונדערס ליב האָט ער דעם שטיינערנעם באַלעמער אין מיטן שול, וווּ עס ליגט אַ גאָר אַלטער סידור, געשריבן אויף הערשן־פּאַרמעט, פֿון וועלכן עס האָבן געדאַוונט פֿאַרצייַטיקע חזנים, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם. און מען דאַוונט נאָך דאָרט ווי אין יענע יאָרן, און מען רעדט נישט דאָרט בייַם דאַווענען, און מען היט אָפּ דאָס דאַווענען אין דער צייַט, און מען פֿירט זיך נאָך לויט די אַמאָליקע מנהגים, און מען איז נישט משנה קיין שום נוסח, און קיין שום תּפֿילה, און קיין שום ניגון, און מען גיט גאָרנישט צו און מען נעמט גאָרנישט אַראָפּ. וועגן דער שול האָט מזל געשריבן אַ באַזונדער קאַפּיטל אין זייַן בוך. מעגלעך אַז טאָובער ווייסט מער פֿון מזלען, אָבער הערשל יאָגט זיך נישט נאָך טאָובערן. ס׳איז אים ניחא, הערשלען, אַז ער איז אַליין מיט זייַנע מחשבֿות און ער זוכט נישט צו רעדן מיט טאָובערן. טויזנט מחשבֿות בייַ הערשלען אין האַרצן. איין גאָט אין הימל ווייסט זייַנע מחשבֿות.

קאַפּיטל 20

זינט בלימע האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, האָט ער זי נישט געזען.

יעדן טאָג האָט הערשל אויסגעקוקט, זי זאָל קומען אין געוועלב אַרײַן, ווײַל די מזלס קויפֿן בײַ זיי אין געוועלב, אָבער דאָס גאַנצע אויסקוקן זײַנס איז אומזיסט. בלימע איז נישט געקומען. אָבער הערשל האָט נישט אויפֿגעהערט טראַכטן וועגן איר. איז ער געשטאַנען לײדיק, האָט ער זיך אויסגעמאָלן איר געשטאַלט אין זײַן פֿאַנטאַזיע. איז ער געווען באַשעפֿטיקט מיט סחורה, האָט ער זיך געטראַכט: פֿון אָט דער סחורה וועל איך איר געבן. כאָטש עס זענען אַריבער אַ סך טעג און זי איז נישט געקומען, האָט ער זיך נישט מיאש געווען זי צו זען. ער האָט זיך געטראַכט: אויב זי קומט נישט פֿון זיך אַליין, וועל איך זי צוציִען אויף בגוואַלד. ווי אַזוי? אַז אַ מענטש טראַכט וועגן אימעצן אָן אַן אויפֿהער, איז דער סוף, אַז ער ציט אים צו צו זיך. איך וועל נישט אויפֿהערן טראַכטן וועגן איר און זי וועט קומען. אָבער דאָס גאַנצע טראַכטן זײַנס האָט נישט געהאָלפֿן. וויפֿל ער האָט נישט געטראַכט, איז זי אַלץ נישט געקומען. פֿון דעסט וועגן האָט ער זיך נישט מיאש געווען זי צו זען, נאָר ער האָט זיך געטראַכט: אפֿשר האָב איך נישט גענוג געטראַכט וועגן איר, וועל איך נאָך אַ מאָל אַזוי פֿיל טראַכטן וועגן איר און זי וועט קומען. דורך דעם איז אים געוואָרן דערווידער יעטוועדע זאַך וואָס ווענדט אָפּ זײַן געדאַנק פֿון בלימען. איז אַרײַנגעקומען אַ קונה, האָט הערשל אים באַדינט ווי אויפֿגעצווונגען. האָט יענער גערעדט צו אים, האָט ער אים געענטפֿערט מיט אַ האַלב מויל. הערשל, וואָס האָט זיך געענדערט נאָך דער חתונה, איז צוריק געוואָרן דער זעלבער ווי אַ מאָל. בײַ אים אין שטוב, וואָס האָט געווימלט פֿון געסט, איז שטיל. קיין מענטש אַנדערשט נישט זײַן נאַטור און אויב ער אַנדערשט זי איבער, איז אַ באַוווּסטע זאַך אַז פֿריִער אָדער שפּעטער וועט ער זיך אומקערן צום אַלטן. חוץ פֿרוי גילדנהאָרן ווײַזט זיך כמעט קיינער נישט אין שטוב. און אַזוי ווי זי קומט צוליב מינען, האַלט זיך נישט הערשל פֿאַר מחויב אָפּצוגעבן זיך מיט איר און ער בלײַבט זיצן אויפֿן זעלבן אָרט ווו ער זיצט און טראַכט וועגן וואָס ער האָט געטראַכט. יענעם טאָג איז געווען בלימעס געבורטסטאָג און הערשל האָט געטראַכט בײַ זיך אין האַרצן: איין באַשעפֿעניש איז פֿאַראַן אויף דער וועלט, וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך אַלע שיינקייטן פֿון דער וועלט און איך האָב נישט די זכיה עס צו זען. הערשל, וואָס האָט שוין געהאַלטן בײַם ווערן אַ טאַטע, האָט זיך נאָך אַלץ געפֿירט ווי אַ בחור.

צירל האָט געזען, אַז בײַ הערשלען אין האַרצן קומט עפּעס פֿאָר און זי האָט איבערגערעדט וועגן דעם מיט ברוך־מאירן. אַזוי ווי הערשל האָט אַ ווײַב, איז זיי נישט געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז ער בענקט נאָך בלימען, האָבן זיי זיך מישבֿ געווען און זיי האָבן אים אויפֿן געדאַנק געבראַכט, ער זאָל אַ ביסל פֿאָרן קיין מאַליקראַוויק.

הערשל מיט מינען זענען געפֿאָרן קיין מאַליקראַוויק, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. אַדרבא, די דאָרפֿישע רו און זײַן שוויגערס עסנס האָבן אים גענודעט. זײַנע גלידער זענען שלאַמפּעריק געוואָרן און די פֿיס זענען אים שווער געוואָרן. אָדער ער איז געזעסן בײַם אויוון און געמישט די בלעטלעך פֿון קרבן־מנחה־סידור, אָדער ער איז געזעסן לעבן מינען און געגענעצט. וואָלט ער אַרויס אַ ביסל אין דרויסן און זיך דורכגעגאַנגען אויפֿן שניי, וואָלט ער זיך אָפּגעפֿרישט, אָבער ער זיצט אין שטוב און דער שניי פֿאַלט אין דרויסן.

ווינטערטעג זענען קורצע און די נעכט לאַנגע. אין דאָרף איז אויך דער טאָג לענגער און די נאַכט, ווי די נאַכט איז טאָפּלט לאַנג, הײַנט ערשט פֿאַר איינעם וואָס טוט גאָרנישט. הערשלס עלטערן זענען באַגאַנגען אַ גרויסן טעות, וואָס זיי האָבן אים אַוועקגעשיקט קיין מאַליקראַוויק. מאַליקראַוויק איז אַ שיין אָרט, אָבער נישט פֿאַר הערשלען. האָבן זיי זיך ווידער מישבֿ געווען און אײַנגעזען, אַז ער דאַרף זײַן צווישן מענטשן, ווײַל אַן אינטערעסאַנטער שמועס באַרויִקט דאָס האַרץ.

הערשל האָט ווידער אָנגעהויבן קומען אין ציון־פֿאַראיין. דער פֿאַראיין האָט זיך געביטן אינעווייניק און אויסנווייניק. פֿריִער האָט ער געהאַט איין צימער און אַצינד צוויי צימערן, איינער צום לייענען און דער צווייטער צום שמועסן. מ'שטערט שוין נישט מער איינער דעם צווייטן. ווילסט שמועסן מיט אַ מענטש, אָדער שפּילן אַ שאָך, זיץ אין ערשטן צימער, ווילסט לייענען אַ צײַטונג, גיי אַרײַן אין צווייטן צימער. נאָר אַ גוטע זאַך איז צוגעקומען אין פֿאַראיין — אַ קליינער בופֿעט אונטערצולענען כאַפּ־לאַפּ דאָס האַרץ. דו דאַרפֿסט נישט מער ווי אַ זאָג טאָן: יאָסעלע, קומט גלײַך יאָסעלע, בענדיט דעם סטאָליערס זון, וואָס מען האָט געמאַכט פֿאַר אַ קעלנער פֿון פֿאַראיין, און ברענגט דיר אַלץ וואָס דײַן האַרץ גלוסט, טיי, אָדער ביר, אָדער שאָקאָלאַד, אָדער געזאָטענע אַרבעס מיט פֿעפֿער, אָדער כּלערליי זיסוואַרג.

אַלע זײַנע חבֿרים האָבן הערשלען שיין אויפֿגענומען. אמת, הערשל איז נישט קיין ציוניסט, אָבער צי זענען דען אַלע זײַנע חבֿרים, וואָס קומען אין פֿאַראיין אַרײַן, ציוניסטן? זיי קומען, ווײַל דו ווילסט נישט קומען אין בית־מדרש אַרײַן, אָדער חבֿרן זיך מיט די סאָציאַליסטן.

הערשלען האָבן אַלע זײַנע חבֿרים גערן. ווי ער האָט זיך פֿריִער געפֿירט, אַזוי פֿירט ער זיך איצט: ער צאָלט חודש־געלט צו דער צײַט און אַז מען

דאַרף האָבן אַ נדבה פאַר עפּעס אַ באַזונדערן צוועק, גיט ער. אַ גרויסע צרה איז געקומען אויף ייִדן און מען דאַרף הילף. פאַניע רשע פירט מלחמה מיט יאַפּאַן און שיקט ייִדישע בחורים געהרגעט צו ווערן, ווער עס קען אַנטלויפן אַנטלויפט, און ווער עס אַנטלויפט, אַנטלויפט אַ נאַקעטער און באָרוועסער און הונגעריקער. נישטאָ קיין שטאָט אין גאַליציע, אַז ס'זאָלן אַהין נישט קומען קיין פּליטים פון רוסלאַנד. ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, גיט אַ גרייצער, אָבער נישט יעדער וואָס האָט גאָט אין האַרצן, האָט אַ גרייצער אין קעשענע. פאַראַן אַז איינער וויל געבן און האָט נישט. הערשל האָט און גיט. הערשל האָט נאָך קיין מאָל זיך נישט געשטעלט מיט זײַנע חברים. וויפל מען שטעלט אים, גיט ער.

נאָך אַ גוטע מידה פאַרמאָגט הערשל, וואָס ער לאָזט אַנדערע צו און ער אַליין רײַסט זיך נישט צו קיין שום גבאות. מאַכט מען אַ חנוכה־אָוונט, שטופּט ער זיך נישט אַרויפצוגיין אויף דער בינע. זײַן ענוות לאָזט זיך דער־קענען אין זײַן שווײַגן. שמעון־הערשל קלינגער, הערשלס זיידע, וואָס הערשל הייסט נאָך אים, האָט געשוויגן, ווײַל די גאַנצע וועלט איז אים נישט אָנגע־שטאַנען; הערשל שווײַגט, ווײַל ער אַליין איז נישט אָנגעשטאַנען בײַ זיך. חוץ צוויי קאָרעספּאָנדענטן פון צוויי צײַטונגען, וואָס באַטראַכטן זײַן שווײַגן פאַר אַ גאווה, וועט קיינער נישט זאָגן, אַז הערשל האָרוויץ האַלט זיך גרויס.

ווידער האָט זיך הערשל צונויפגעטראָפן מיט זײַנע אַמאָליקע חברים, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געלערנט אין חדר און אין בית־מדרש און אָוועק־געלייגט די גמרא און זענען אַוועק צו וועלטלעכע זאַכן. אַ טייל פון זיי זענען צוזאַמען מיט זייערע עלטערן, אַ טייל פון זיי האַנדלען פאַר זיך. ס'רוב פון זיי האָבן אויסגעטאָן זייערע לאַנגע קליידער און גייען קורץ געקליידט. שיבוש איז שוין נישט מער דאָס קליינע שטעטל פון גרויפּן־מילנערס און פּראַצענטניקעס און איז געוואָרן אַ האַנדלסשטאָט. נײַנציק דערפער, וואָס באַדן זיך אין ווייץ און גערשטן און האָבער און פאַסאָליעס, רינגלען אַרום שיבוש און אַלץ וואָס זיי דאַרפן קויפן זיי אין שיבוש. און די פּויערים זענען צום שכל געקומען און קומען נישט אָפּ זייערע נעכט מיט שפּינען, נאָר זיי קומען אין שטאָט אַרײַן און קויפן זיך גרייטע מלבושים. פאַראַן אויך שטעט און שטעטלעך, וואָס באַשטעלן זייערע סחורות פון שיבוש. שיבוש איז שוין אַרויס פון קליינשטעטלדיקייט און געהערט שוין צו די גרויסע שטעט. טייל מאָל קענסטו דאָ טרעפן אַפילו אַ דײַטש פון דײַטש־לאַנד. דער דאָזיקער פרעמדער, אַז ער קומט קיין שיבוש, גייט ער נישט זען נישט די גרויסע שול, וווּ ס'זענען אויסגעמאָלן די זון און די לבנה און די מזלות, און נישט דעם תנ"ך מיט די הגהות פון קאַרדינאַל, און נישט דאָס בילד פונעם בעל־„מלאכת מחשבת", און נישט די אַלע אַנדערע טשיקאַווע זאַכן פון שיבוש, נאָר ער עסט און טרינקט און לאָזט זיך ווױלגיין און מאַכט געשעפטן אין שיבוש, און אַז ער איז פרײַ פון זײַנע

געשעפּטן, גייט ער אַרײַן אין ציון־פֿאַראיין און לייענט אין די צײַטונגען אַנאָנסן און די נײַעס פֿון טאָג, נישט ווי די שיבושער אינטעליגענטן, וואָס לייענען דער עיקר די פֿעליעטאָנען און די רעדעס אין פּאַרלאַמענט. אַ שטיקל ענלעכקייט צו דעם דאָזיקן פֿרעמדן פֿאַרמאָגן אַ פּאָר שיבושער בחורים, אַ שטייגער די הורטאָוווניקעס פֿון בראָמפֿן. ווער ס׳פֿאַרגינט יענעם, קען שטאָלצירן מיט זיי. אַ מאָל פֿלעגן זיי זיצן גאַנצע קאָמפּאַניעס אַרום איין זינגערין, הײַנט האָט זיך יעדער איינער בחור אַ כאַפּטע קאָמעדיאַנטקעס, אַקטריסעס און זינגערינס. וואָס זענען ווערט אַלע סיגאַרעטן פֿונעם ברודער פֿון גראַף פֿון מאַליקראַוויק, אויב אַפֿילו מען האָט זיי אייגנס געמאַכט פֿאַר אים, וויפֿל קאָסטן זיי דען? אָבער וואָס אײַן זינגערין קאָסט אָפּ אין איין נאַכט, קלויבט נישט צונויף די חבֿרה „הכנסת־כּלה” אין אַ גאַנץ יאָר. וואָס זענען די אַלע נעבעכלעך פֿון אונדזער בירגער־מײַסטער סעבאַסטיאַן מאָנטאָג? שטיקער פֿלייש מיט אויגן. דערפֿאַר אָבער די אַקטריסעס, די קאָמעדיאַנטקעס און די זינגערינס. אַפֿילו די צײַטונגען רעדן וועגן זיי.

מען קען נישט זאָגן, אַז הערשלען איז די דאָזיקע קאָמפּאַניע געווען צום האַרצן. אָבער עס איז אים גוט געווען, הערשלען, וואָס ער האָט אַ צײַט־פֿאַרטרײַב צווישן געוועלב און זײַן ווײַב. און אַז מינע פֿאַרלאַנגט נישט, ער זאָל אַהיימקומען גלײַך ווי ער פֿאַרמאַכט דאָס געוועלב, גייט ער אַוועק און כאַפּט זיך אַרײַן אין ציון־פֿאַראיין.

במשך פֿון דער צײַט האָט זיך דער פֿאַראיין געביטן. פֿריִער פֿלעגן קומען ווייניק מענטשן, איצינד קומען אַ סך. פֿריִער זענען על־פּי רובֿ געקומען בחורים און איצט צום מיינסטן ייִדן מיט בערד און באַווײַבטע. אָדער דער ציוניזם פֿאַרשפּרייט זיך אַלץ מערער, אָדער די בחורים זענען אַלט געוואָרן.

אַז דער ציוניזם האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט, האָט מען אויפֿגעהערט זינגען אין פֿאַראיין. די פֿריִערדיקע בחורים, וואָס פֿלעגן זיצן פֿאַר נאַכט צו און אויסגיסן זייער האַרץ אין ליד און געזאַנג, האָבן חתונה געהאַט און געהאַט קינדער, און דער קאָפּ איז זיי נישט פֿאַר דעם, ווײַל זיי האָבן זיך זייערע דאגות. און די הײַנטיקע בחורים באַגערן נישט קיין לידער. טייל פֿון זיי דיסקוטירן אין פּאָליטיק, טייל פֿון זיי שפּילן שאָך.

טייל מאָל קומט אַרײַן יונה טאָובער. אַז ער קומט אַרײַן, לייגט ער אַוועק זײַן הוט אויף אַ שטול און ער נעמט אַ סיגאַרעט און שפּאַלט אים אויף צווייען, איין העלפֿט לייגט ער אַרײַן אינעם קנייטש פֿון זײַן הוט, און איין העלפֿט שטעקט ער אַרײַן אין ציגײַער־שפּיצל און קוקט זיך צו, ווי די בחורים שפּילן שאָך. טאָובער אַליין שפּילט נישט, אַפֿילו קיין עצות גיט ער נישט, כאָטש ער קען יעקבֿ אײכענבוימס גאַנץ ביכל „הקרבֿ”* אויסנווייניק.

* אַ בוך, אין וועלכן עס איז אין פֿערזן באַשריבן אַ שאָכשפּיל און זײַנע כּללים.

נישט אזוי ווי יונה טאובער פֿלעג זיך פֿריִער נוהג זײַן איז ער זיך נוהג איצט. פֿריִער אז ס'איז געקומען די צײַט, א בחור זאָל א חתן ווערן, פֿלעג זײַן פֿאָטער זאָגן טאובערן: די און די וויל איך פֿאַר מײַן זון, און טאובער מאַכט אַזוי, אַז דער זון זאָל ווען, וואָס דער פֿאָטער וויל; איצט זאָגט דער זון: די און די וויל איך, און טאובער מאַכט אַזוי, אַז דער פֿאָטער זאָל וועלן, וואָס דער זון וויל.

אין פֿלוג איז דאָ עפּעס מאָדנע, ווען צירל האָט גערעדט וועגן איר זונס עניִנים. טאָ ווער־עס האָט געדאַרפֿט דערגרעסן, אַז עס זאָל וועלן, נישט דאָס האַרץ פֿונעם זון? מעגלעך אַז די וועלט האָט זיך געביטן אין אַזאַ קורצער צײַט, אָדער מעגלעך אַז די וועלט האָט זיך שוין פֿריִער אַזוי געפֿירט, אָבער הערשל איז אַ עניִן פֿאַר זיך. ווידער לייענט הערשל די צײַטונגען און דאַנערשטיק בײַ נאַכט, ווען דער ביכערשאַנק איז אָפֿן און דער ביבליאָטעקאַר בײַט איבער ביכלעך, נעמט זיך הערשל, ווי זײַן שטייגער, דרײַ ביכלעך, אָבער ער לייענט זיי נישט. נישט אַנגערירט ליגן זיי אין שטוב און ווערן באַדעקט מיט שטויב. פֿיר ליכט ברענען פֿרײַטיק צו נאַכטס אין טאַטנס שטוב, אַ ליכט פֿאַר ברוך־מאירן, אַ ליכט פֿאַר צירלען, אַ ליכט פֿאַר הערשלען, אַ ליכט פֿאַר מינען און צוויי ליכט וואָס מינע צינדט אָן בײַ זיך אין שטוב. אָבער אין בלימעס צימער לײַכט זיך נישט. די נײַע דינסט, וואָס האָט פֿאַרנומען בלימעס צימער, ווי זי וואַשט נאָר די כּלים, גייט זי זיך גלײַך ערגעץ אַוועק. און בלימעס ליכט ברענט אין אַן אַנדערער שטוב. בּיסלעכווײַז, בּיסלעכווײַז האָט הערשל גענומען זיך פֿירן ווי די אַנדערע אויפֿגעקלערטע. אַז מען איז יונג, לייענט מען ביכלעך; האָט מען חתונה, נעמט מען זיי נישט אין האַנט אַרײַן. טייל מאָל נעמט מינע אַ בוך אין האַנט אַרײַן, אָבער הערשל רעדט נישט מיט איר וועגן שרײַבער און נישט וועגן זײַן בוך. הערשל נעמט אײַן שטומעניש, ווי דאָס דאַזיקע צימער, ווו עס הערט זיך שוין אין אים נישט מער בלימעס טריט.

נאָך עטלעכע טעג איז אים דער פֿאַראייִן נמאס געוואָרן. אַ מענטש זיצט צווישן מענטשן, דאַרף ער מיט זיי רעדן; רעדט ער נישט, זעט ער אויס אויסטערליש. ווידער איז ער געווען אָפּגעזונדערט און געטראַכט וועגן זײַנע עניִנים און אויב מען האָט גערעדט צו אים, איז ער געוואָרן צעטומלט, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט בײַ זײַנע מחשבֿות.

די גאַנצע וועלט שטייט אויפֿן רעדן. שטייט איינער אין געוועלב, רעדן מיט אים די קונים; קומט ער אַהיים, רעדט מיט אים זײַן ווײַב; קומט ער צווישן מענטשן, רעדן מיט אים די מענטשן. אויב ער האָט אַ קאָפּ אויף זיך, דרייט ער זיך אַרויס, און אויב נישט, דרייט ער זיך נישט אַרויס. ווי דרייט ער זיך אַרויס? ער שטייט אויף גאָר פֿרי און גייט אין בית־מדרש אַרײַן און הילט זיך אײַן אין זײַן טלית און שווײַגט.

פֿון געוווינהייט גייט ער צוויי־דריי מאָל אַ וואָך אין פֿאַראייִן אַריַין, נעמט אַ בלאַט און לייענט, נעמט נאָך אַ בלאַט און לייענט און כאַפּט זיך נישט, אַז וואָס ער האָט געלייענט אין דעם בלאַט, האָט ער געלייענט אין יענעם בלאַט. און אַז מען פֿלעג דערציילן אין געוועלב די נייַעסן, פֿלעג ער זיך וווּנדערן און טראַכטן: דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס ענלעכס האָב איך שוין געהערט. הערשלען איז נישט געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז די דאָזיקע זאַכן האָט ער שוין געלייענט אין צוויי בלעטער.

סוף כּל סוף איז אים דערעסן געוואָרן די קאָמפּאַניע. טייל מאָל גייט ער אַהין און קערט זיך אום אין מיטן וועג. צום סוף האָט ער דערמיט אין גאַנצן אָפּגעהאַקט.

קאַפּיטל 21

מענטשן מיט שׂכל, וואָס צירל האָט מיט זיי געשמועסט, האָבן געזאָגט: איינער פֿילט זיך גוט צווישן מענטשן, און אַן אַנדערער פֿילט זיך דווקא גוט, ווען ער שפּאַצירט איינער אַליין אין די גערטנער און סעדער אויף פֿרישער לופֿט. דעריבער דאַרף מען זיך נעמען צײַט אויף גיין שפּאַצירן. די זעלבע ווערטער האָט געזאָגט די מוטער פֿון דעם נײַעם דאָקטער, וואָס איז געווען צירלס אַ קונה. און אַזוי האָט זי געזאָגט: ס'האָט זיך אַ מאָל געטראָפֿן, אַז איינער וואָס איז געווען אַקוראַט נישט עלטער און נישט יינגער פֿון הערשלען איז געקומען צו איר זון, דעם דאָקטער, האָט איר זון, דער דאָקטער, אים געזאָגט: די אַלע רעצעפּטן, וואָס איך קען דיר פֿאַרשרײַבן, זענען גאָרנישט מיט גאָרנישט אַנטקעגן אַ ביסל פֿרישע לופֿט. צירל האָט די ווערטער גענומען זיך אין זינען אַרײַן און זי האָט איבערגערעדט מיט הערשלען.

הערשל האָט נישט געזאָגט יאָ, און האָט נישט געזאָגט ניין. עס זאָגט זיך נאָר אַזוי, אָבער באמת ווי מאַכט מען דאָס, דעם דאָזיקן שפּאַציר? בײַ גילדנהאָרנען אין שטוב הענגט אַ בילד. אויף דעם בילד איז אויסגעמאָלן אַ דאַרער בחור, אָנגעטאָן אין אַ קאָלירטן מאַנטל מיט פֿון ווינט צעשפּרייטע פּאָלעס און מיט אַ ראָזע צילינדער אויפֿן קאָפּ און מיט אַ יאַשינאָווע שטע־קעלע אונטערן אָרעם און איין פּוס פֿאָרויס, און אונטערן בילד איז אָנגע־שריבן: „אַ שפּאַציר". אויב דאָס איז עס דער שפּאַציר, וועגן וועלכן די מאַמע האָט מיט אים גערעדט, איז נאָך בײַ מיר אַ קשיא, ווען מען גייט שפּאַצירן און וווּ מען גייט שפּאַצירן.

צירל האָט נישט אַרויסגעלאָזט די זאַך פֿון זינען. ווי נאָר ס'איז טונקל געוואָרן, האָט זי אים געגעבן זײַן שטעקעלע אין דער האַנט אַרײַן און צו אים געזאָגט: הערשל, איצט איז די צײַט צו גיין שפּאַצירן, טו אָן אַ מאַנטל און גיי אַרויס און נעם אַן אין די לונגען פֿרישע לופֿט, וועסטו עסן מיט אַפּעטיט. האָט הערשל אָנגעטאָן זײַן מאַנטל און גענומען זײַן שטעקעלע און איז אַרויסגעגאַנגען. פֿון איצט אָן און ווײַטער, יעדן טאָג, פֿאַרן פֿאַרמאַכן דאָס געוועלב, דערלאַנגט אים צירל זײַן שטעקעלע און זאָגט צו אים: טו אָן דעם מאַנטל און גיי און האָב הנאה.

הערשלען איז שווער אָנגעקומען דאָס גיין שפּאַצירן. דער וועג האָט אים גענודעט און זײַנע גלידער זענען געווען צערודערט. ווי ער איז אַרויס אין דרויסן, האָט ער דערפֿילט די פֿיס, אָדער די פּלייצעס, אָדער דעם בויך, אָדער אַלע צוזאַמען. ווער ס'איז געוווינט צו זיצן אין שטוב, דער האָט נישט

קיין פֿאַרגעניגן פֿון זײַן גיין, מה דאָך אַז ער גייט אַז אַ ציל. אין נאָך עטלעכע טעג האָט ער זיך געפֿונען אַ ציל. אַז ער פֿלעג אַרויסגיין פֿון געוועלב, פֿלעג ער זיך פֿאַרקערעווען און זיך לאָזן צו אַ געוויסן פּלאַץ אויף אַ זײַטיקן וועג, אַהין גייט ער און דאָרט שפּאַצירט ער. טייל מאָל פֿלעג ער קודם אַרומגיין די גאַנצע שטאָט און דערנאָך ערשט זיך לאָזן אַהין, און טייל מאָל פֿלעג ער גלײַך גיין אַהין. אויב עס האָט זיך אימעצער צו אים צוגעטשעפּעט, האָט ער אים גלײַך עקספּעדירט, און אויב יענער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, גייט ער מיט אים צוריק ביז צום מאַרק און ער דרייט זיך פֿון אים אַרויס און קערט זיך אום צוריק. און אַז ער קומט צו צו יענעם אָרט, באַהאַלט ער זיך אויס, מען זאָל אים נישט זען, ווי אַ שיכּור, וואָס האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל און ער האָט מורא, טאָמער וועט אימעצער קומען און וועט עס אים אַרויסנעמען פֿון האַנט אַרויס.

דאָס דאָזיקע אָרט ווו הערשל האָט זיך צוגעוווינט צו גיין רופֿט מען די שול־גאַס. כאָטש עס איז דאָרט נישטאָ קיין זכר פֿון אַ שול, איז אָנגענומען פֿון לאַנגע יאָרן, אַז אויפֿן אָרט ווו עס שטייט זייער תּפֿלה, איז אַ מאָל געשטאַנען די גרויסע שול און מען זעט נאָך איין וואַנט אַן אײַנגעבויגענע, וואָס איז עלטער פֿון די אַנדערע ווענט און מען איז זיך משער, אַז זי איז געבליבן פֿון דער גרויסער שול און זי איז געוואָרן אײַנגעבויגן פֿון צער און אין דער נאַכט פֿון תּשעה־באָב לאָזט זי טרערן ווי דער כּותל־מערבֿי.

שיבוש איז אַן אַלטע שטאָט און באַוווינט פֿון ייִדן פֿון אָנהייב אָן. און אין דער גזירה פֿון שנת ת״ח איז זי חרובֿ געוואָרן, און ס׳איז פֿאַרברענט געוואָרן די גרויסע שול, און ס׳איז אויסגעהרגעט געוואָרן די גאַנצע שטאָט. איז געקומען דער גראַף פּאָטאָצקי און האָט זי אויפֿגעבויט פֿון דאָס נײַ און געבראַכט אַהער ייִדן, און ער האָט זיי אויף צוועלף יאָר באַפֿרײַט פֿון שטײַערן און אָפּצאָלן און פֿון אויסהאַלטן דעם שלאָס. פֿון דעמאָלט אָן האָט אים יעדער ייִדישער בעל־בית געצאָלט איין טאָלער אַ יאָר פֿון יעדן הויז און אַ האַלבן טאָלער פֿון יעדן קוימען, און אַ ייִדישער שאַצער איז אָנגעשטעלט איבער די הײַזער, אָפּצושאַצן, וועלכס ס׳הייסט אַ הויז און דאַרף צאָלן שטײַערן. און די קצבֿים זענען נישט מחויבֿ צו שעכטן חזירים, אָבער זיי ברענגען דעם שׂררה אַ קויש פֿעטס יעדע וואָך און אַ שיינע פּאָרציע פֿלייש דעם וויצע־סטאַראָסטע און זיי קויפֿן הײַזער און רייניקן זאַלץ און מאַכן ביר און בראָמפֿן און האַנדלען ווי זייער שטייגער איז און ס׳איז אויף זיי נישט חל דאָס שטאָטישע געריכט, נאָר דאָס געריכט פֿון שלאָס, און זיי נעמען אויף רבנים און באַשטימען זיך פּרנסים כּדת משה וישׂראל.

ווײַזט אויס אַז די דאָזיקע גאַס, וואָס רופֿט זיך די שולגאַס, איז אַ מאָל געווען באַוווינט פֿון ייִדן, ווײַל דאָרט שטייט אַן אַלטער שלאָס, וואָס די טאָטערן האָבן אים חרובֿ געמאַכט, און אַ טײַך גייט דורך אונטן, און אונדזערע זיידעס פֿלעגן בויען זייערע שטובן צווישן דעם טײַך און דעם

שלאָס, מחמת די טאַטערן, קומען זיי אַן מיט דער יבשה, גייט אַקעגן זיי דער פּריץ, און אויב זיי קומען מיט בערלינקעס, לאָזן זיך די ייִדן אין שלאָס אַריין אויבן און באַהאַלטן זיך דאָרט אויס פּאַר זיי. אַ מאָל איז דאָס אָרט געווען געדיכט באַוווינט פון ייִדן. היינט וווינט דאָרט נישט קיין ייִד, חוץ עקביה מזל. די הייזער זענען אַלע קליין און נידעריק און שטייען צעוואָרפן ווייַט איינס פונעם צווייטן, און די דעכער זענען באַדעקט מיט שטרוי און זיי זענען אַרומגענומען מיט גרינס און ביימער און עס ווינען דאָרט לערערס און קליינע באַאַמטע. אַ טייל פון זיי קען הערשל, אַ טייל קען ער נישט. אויך די וואָס ער קען, קען ער יאָ און קען נישט. כאָטש זיי קויפן בייַ זיי אין געוועלב, איז דאָס נישט קענטיק. די מתּנות, וואָס זיי קריגן צו זייערע חגאות, זענען נישט קיין עסנוואַרג און משקאות, נאָר מען שטעקט זיי עפּעס אַריין אין האַנט אַריין. נישט אַזוי ווי מען חורשט אָפּ די פּריצים און הראַביעס, חורשט מען אָפּ די קליינע. פאַר די קליינע איז געגנוג, אַז מען שטעקט זיי אַריין אַ מטבע אין יד אַריין. אַ גאַנצן טאָג זיצן זיי אין זייערע קאַנצעלאַריעס, און פאַר נאַכט צו גייען זיי אַהיים, און ווען הערשל גייט דאָרט שפּאַצירן, איז קיינער פון זיי נישטאָ אין דרויסן, חוץ אַ גויה, אַדער אירס אַ טאָכטער, וואָס גייט נאָך וואַסער פונעם ברונעם און איר געליבטער וואַרט זי דאָרט אָפּ.

די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע רויִקייט אויף דער דאָזיקער גאַס בייַ נאַכט קען אָנוואַרפן אַ שרעק אויף אַ שטעטישן, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אַהין, אָבער הערשל פילט עס נישט. קומט אים אַנטקעגן אַ פּאָרל, דרייט הערשל אָוועק דעם קאָפּ אין איין זייַט אַריין און זיי דרייען אָוועק די קעפּ אין אַן אַנדערער זייַט אַריין, כּדי מען זאָל זיי נישט זען און ער, כּדי מען זאָל אים נישט זען. תּחילת פלעגן די הינט פון די הייזער בילן אויף אים. אַז זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו אים, האָבן זיי פאַרשלונגען זייערע קולות אין אַ שטילן מרוקען.

אַ שוויַיגנדיקער גייט זיך הערשל אויף דער גאַס. וואָס טראַכט הערשל בעתן גיין? אַ סך זאַכן האָבן זיך געטראָפן מיט אונדזערע זיידעס אויף דער דאָזיקער גאַס און אַ ייִד האָט דאָרט אַ סך צום טראַכטן. מיט יאָרן צוריק, נאָך איידער ס'איז געבוירן געוואָרן דיין זיידעס זיידע, האָט דער פּריץ אַריינגעוואָרפן אין טייַך אַריין אַ וואָגן פול מיט ייִדן, וואָס זענען געפאָרן צו סליחות, און ביזן היינטיקן טאָג רוט נישט דאָס וואַסער. און אַז עס קומען אָן די סליחות-נעכט, הייבט זיך דאָס וואַסער און האַלט בייַם פאַרפלייצן די שטאָט, ביז ס'קומען די ייִדן צו תּשליך. אין וואַלד, ווידער, שטייט אַן אייַנגעפאַלענער קלויסטער, ווו די הייַדאַמאַקעס פון יענעם רשע כמעלניצקי, ימח שמו, האָבן מאַנס געווען זעקס הונדערט נאָנעס אין איין נאַכט און ביזן הייַנטיקן טאָג וואַקסט דאָרט רויט גראָז. טייל מאָל טראַכט ער, הערשל, וועגן די דאָזיקע זאַכן און טייל מאָל טראַכט ער נישט וועגן זיי. סוף כּל סוף איז נישט הערשלס עובֿדא צו באַשרייַבן די צרות. דאָס טוט מזל,

דער עקביה מזל, וואָס בלימע האַלט זיך אויף ביַי אים. וואָס טוט בלימע ביַי די מזלס אין שטוב? זינט זי איז אַוועק פֿון זיי, האָט ער נישט געהאַט די זכיה אויסצורעדן מיט איר אַ וואָרט.

הערשל האָט נישט גערעדט מיט בלימען און ס'ליגט זיך אויפֿן שׂכל פֿאַר וואָס, וויַל ער איז דאָ און זי איז דאָרט. אָבער דער שׂכל, וואָס איז אַזוי מחייב, איז אַזוי מחייב צוליב דער דאָזיקער סיבה, אויב אָבער ס'איז פֿאַראַן אַן אַנדערע סיבה, איז ער גרייט מחייב צו זיַין אַנדערש. איצט אַז הערשל שטייט לעבן בלימעס שטוב, איז נישטאָ, ווער ס'זאָל נישט לאָזן דעם שׂכל מחייב זיַין, אַז הערשל זאָל רעדן מיט בלימען.

יעדע נאַכט, פֿאַרן פֿאַרמאַכן דאָס געוועלב, גיט אים צירל דאָס שטעקעלע אין דער האַנט אַריַין און טריַיבט אים אונטער, ער זאָל זיך אַ ביסל דורכ־שפּאַצירן. און ער פֿאָלגט, וואָס די מאַמע זיַינע הייסט אים. דאָס גיין קומט אים שוין מער נישט אָן שווער. צוגעוווינט זיך צו דעם, איז די געוווינהייט געוואָרן ביַי אים אַ נאַטור. טייל מאָל גייט ער אַרום און אַרום שטאָט, ביז ער גייט אַריַין אין יענער גאַס, און טייל מאָל גייט ער גליַיך אַריַין און גייט אַזוי ביז ער קומט צו צו מזלס הויז. ער כאַפּט דאָרט אַ קוק איַינעווייניק און קריַיזט אַרום דאָס הויז, גייט אַרום און אַרום הויז און כאַפּט אַ קוק. ער איז נאָך קיין מאָל נישט אַריַינגעגאַנגען אין שטוב אַריַין און נישט געזען, וואָס עס טוט זיך איַינעווייניק, אָבער זיַין האַרץ זאָגט אים, אַז דאָס דאָזיקע ליכט, וואָס גייט אַרויס פֿון צפֿונדיקן פֿענצטער, איז בלימעס ליכט. ווי איינער וואָס שטייט תּשעה־באָב ביַי נאַכט, אין דער נאַכט, ווען דער הימל עפֿנט זיך, און קוקט אַרויף אויבן, צו בעטן רחמים פֿאַר זיך, אַזוי שטייט הערשל אַקעגן בלימעס פֿענצטער. וואָס איז הערשלס פֿאַרלאַנג? הערשלס פֿאַרלאַנג איז, אַז בלימע זאָל עפֿענען דאָס פֿענצטער און ער זאָל זי זען.

ס'איז גוט צו שפּאַצירן איינער אַליין אין זומערנעכט אויף שטילע גאַסן. דאָס געוועלב האָסטו הינטער זיך און שאַכטלעך און קעסטלעך שטעכן דיר נישט אין די אויגן, און די קונים פֿאַנקעווען זיך נישט פֿאַר דיר, און דער ריח פֿון זייערע מיַילער שלאָגט דיר נישט אין דיַין מויל אַריַין, און צירל, די מאַמע דיַינע, זיצט נישט לעבן דיר, פֿאַרגלעטנדיק מיט דער צונג, וואָס מען דאַרף פֿאַרגלעטן, און דו דאַרפֿסט נישט לויפֿן צו זיך אין שטוב אַריַין און זיצן מיט מינען. אמת, דער ציון־פֿאַראיין איז אויך אַן אָרט, מען לייענט בלעטער און מען שמועסט איינער מיטן אַנדערן. אָבער יעדער איינער האָט זיך זיַין געשמאַק. הערשלען שמעקט דווקא צו שפּאַצירן זיך איינער אַליין, ווען ס'איז שטיל און רויִק אויף דער גאַס, און די היַיזער זענען פֿאַרשטעקט צווישן ביימער, און די שטערן הענגען איבער זיי אויבן, און אַ ליַיכט ווינטל טראָגט זיך פֿאַרביַי און גלעט דיך איבערן פּנים, און דער טיַיך פּליסט געלאַסן, און דער וואַלד שמעקט. ס'מאַכט זיך, אַז עס גייען רעגנס און שווענקען אַראָפּ די אַלע פֿאַרגעניגנס. הערשלען גייען זיי

נישט אָן, אַפילו אַז עס גיסט מיט קאַנען, גיט ער נישט אויף דעם שפּאַציר זיינעם.

צירלען האָט אויסגעזען מאָדנע, וואָס הערשל שפּאַצירט אין די רעגננעכט; אַזוי ווי אָבער זי האָט געוווּסט, אַז דאָס וואָס ער טוט איז אוים געוווינהייט, און אויב ער וועט אויפהערן, וועט ער אין גאַנצן אויפהערן, האָט זי אים גאָרנישט געזאָגט.

אַז עס רעגנט, טוט הערשל אָן זיין מאַנטל און שטעלט אויף דעם קאָלנער איבערן מויל און מיט אַ שירעם איבערן קאָפּ מאַכט ער זיין געוויינלעכן שפּאַציר. ליב זענען די רעגננעכט, וויַל די רעגנס, וואָס נידערן אַראָפּ טראָפּנ־וויַיז, באַגלייטן זיינע מחשבֿות און שטילן אין די אַנדערע קלאַנגען, און דו קענסט טראַכטן אומגעשטערט. וויַל הערשל פּלעג זאָגן: אַ גרויסע זאַך איז דאָס טראַכטן, בפֿרט דאָס טראַכטן אָן אויפהער, וואָס עס ציט צו צווייַ מענטשן איינעם צום אַנדערן. איך וועל נישט אויפהערן טראַכטן וועגן בלימען, און זי וועט זיך באַוויַזן. באמת האָט ער שוין אויסגעפּרוּווט די דאָזיקע סגולה און זי האָט נישט געהאָלפֿן, נאָר ער האָט זיך געטראַכט: אין געוועלב רייַסן די קונים איבער מייַנע מחשבֿות, אָבער דאָ נישט, בפֿרט נאָך אין רעגננעכט, און קיין שום זאַך רייַסט מיך נישט אָפּ פֿון מייַנע מחשבֿות.

אָבער אַ נייַער מכשול האָט זיך געמאַכט הערשלען אויף זייַנע שפּאַצירן, וואָס צוויי מאָל האָט ער שוין געטראָפֿן געצל שטיינען שטיין בייַ מזלם שטוב. כאָטש ער האָט אים נישט חושד געווען, אַז ער גייט אים אונטערקוקן, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן פֿון דעם אָרט און אויפגעהערט גיין אהין.

קאַפּיטל 22

געצל שטיין, וועגן וועלכן ס'קומט דאָ איצט צו רייד, איז געווען אַ משרת אין האָרוויצעס געוועלב און זיין שענסטער חלום איז געווען בלימע. אָבער דער חלום איז געווען אַ טרויעריקער ווי אַלע חלומות, וואָס ווערן נישט מקוים. מען האָט שוין אויפגעהערט רופן די משרתים אין די געוועלבער משרת — נאָר „קאָמי". קאָמי איז דאָס זעלבע וואָס משרת, אָבער ביז דו כאַפּסט די טייטש פון דעם וואָרט, זעט עס ביי דיר אויס ווי עפּעס אַ חשובער מענטש. מעגלעך אַז אַנדערע משרתים פאַרמאָגן נישט מער ווי דעם זכות פון דעם דאָזיקן פרעמדוואָרט. געצל שטיין האָט זיין אייגענעם זכות, וואָס ער איז אויסגעקאָכט מיט מענטשן און ער שניידט זיך גרויס. קיין גרויסע זאַכן האָט ער נאָך נישט באַוויזן, אָבער ער האָט שוין אַ חלק אין אַ גרויסער זאַך. אָט זעסטו, אַז ווען ס'איז אויפגעקומען אין שיבוש די „פועלי־ציון"־פּאַרטיי, איז געצל געווען פון די הויפּטמאַכערס. ס'האָבן אים צוגעהאָלפן סטודענטן און ציוניסטישע בעלי־בתים, די, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועט מען אַריבער צו די פּפּ"ס, און די, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט זיין אין איין פּאַרטיי מיט זייערע משרתים. שיבוש פאַרטראָגט נישט קיין נייע זאַכן און לאַכט אָפּ פון פאַרזאָרגערס. אָבער נישט גאַנץ שיבוש האָט אָפּגעלאַכט פון געצלען. אַ נייער דור מענטשן איז אויפגעקומען אין שיבוש, וואָס שטרעבן אויסצובעסערן זייער לאַגע. פאַראַן אַזעלכע וואָס זענען צוגעשטאַנען צו די פּפּ"ס, און פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט צושטיין און זענען נישט צוגעשטאַנען. תורה און מצוות, וואָס זיי האָבן געלערנט קליינערהייט; מעשים טובים, וואָס זיי האָבן געזען ביי זייערע טאַטע־מאַמע; גוטע מידות, וואָס זיי האָבן געזען אין זייערע מלמדים; צדקה און חסד, וואָס זיי האָבן געטראָפן ביי ייִדישע בעלי־בתים; מעשיות פון גוטע ייִדן און מעשיות פון ארץ־ישׂראל, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט — זענען זיי ביי־געשטאַנען בחורווייז, זיי זאָלן זיך נישט אָפּשיידן פון זייערע ברידער. אַ טייל פון זיי האָבן צוגעהאָלפן די „פועלי־ציון", אַ טייל האָבן זיך איינגעשריבן ביי זיי. גאָט אין הימל האָט געקערעוועט מיט זייערע חלומות און באַשיינט זייערע מעשים.

די סטודענטן, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די „פועלי־ציון", האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט בלויזן רעדן, נאָר זיי האָבן געשאַפן אַ קאָמיטעט און פאַרבעטן אַ רעדנער. דער דאָזיקער רעדנער קען אַפילו שטיין בראש פון די ציוניסטן, נאָר ער האָט זיך בכיוון אַראָפּגעלאָזט און געוואָרן אַ מנהיג ביי די „פועלי־ציון". ער איז געווען אַ קרובֿ פון דער משפּחה מאָנטאַג; דאָס איז די משפּחה מאָנטאַג, וואָס פון איר שטאַמט סעבאַסטיאַן מאָנטאַג,

דער בירגער־מייסטער פון שיבוש. און נישט בלויז א רעדנער האבן זיי פארבעטן, נאר זיי האבן זיך אויך געקליבן מאכן אן אוונט. א רעדנער איז אראפגעקומען אין שטאט אריין. ווער האט עס געהאט די זכיה צו זיין מיט אים פון דער נאענט, דערנעענטערט זיך צו דער פארטיי; ווער ס'האט נישט געהאט די זכיה, דערווייטערט זיך פון איר. עפעס אנדערש איז, אז מען מאכט אן אוונט. ווער ס'באנוגנט זיך מיט פארען זיך ארום רעדנער, האט ער געגוג, און ווער עס האט גרעסערע פארלאנגען, דעקארירט ער דעם זאל, אדער גיט אכטונג אויף דער ארדענונג, אדער באטייליקט זיך אין כאר. ווער עס האט נאר פארזוכט דעם טעם פון פארען זיך ביי קהלשע זאכן, וועט אזוי גיך נישט אוועק פון דערפון.
געצל האט געהאט א טאפלטע ארבעט: אין געוועלב און מיט זיינע חברים, ווייל אויב ער וועט אונטערהינקען אין געוועלב, וועט ער ארויסרופן אויף זיך דעם כעס פון זיינע בעלי־בתים און בלימע איז דאך זייערס א קרובה; און אויב ער וועט אונטערהינקען אין דרויסן, וואס וועט זיין מיט דער פארטיי? ער האט זיך אויך געגרייט צו יענעם אוונט און זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק עטלעכע לידער, מאראלישע לידער, וועגן דער צרה פונעם פאלק און די צרות פון די ארעמע־לייט, צו דעקלאמירן זיי פארן עולם. וויפל יארן האט זיך געצל ארומגעדרייט ווי א בהמה, ביז ס'איז אויפגעקומען דער ענין דעקלאמאציע און ער האט געפונען זיין באשערטקייט. צום סוף האט ער אויפגעגעבן די דעקלאמאציע, ווייל מען האט געזאגט, אז דעקלאמאציע איז אן ענין פאר מיידלעך. אבער דא איז די צרה: א בעל־בתיש מיידל, ווילן נישט אירע עלטערן, זי זאל זיך חברן מיט ארבעטער. אן ארעם מיידל, ווידער, האט נישט מיט וואס זיך צו באווייזן. לויט געצלס עצה האט מען געווארפן אן אויג אויף בלימע נאכט, וואס זי איז א דינסטמיידל און דערצו א באלעזן מיידל.
איין גאט אין הימל ווייסט, פאר וואס בלימעס אויערן זענען פארשטאפט. טויזנט מאל האט איר געצל פארגעלייגט די דאזיקע זאך און זי האט נישט געלייגט קיין אכט אויף זיינע רייד. פאר וואס דערווייטערט בלימע זיך פון געצלען? צי איז ער דען נישט א לייטישער בחור? פארדינט ער דען נישט זיין אויסקומען? יעדעס דינסטמיידל האט אים גערן און זי, לא די וואס זי איז אים נישט מקרב, דערווייטערט זי אים נאך. טראכט זי נאך אלץ וועגן הערשלען? הערשל איז דאך שוין א באווייבטער און אלע טויערן צו אים זענען שוין געשלאסן פאר איר. אפילו צו זיין חתונה איז זי נישט געקומען. אבער געצל איז געקומען ווי א מחותן צווישן מחותנים. פון דעסט וועגן האט בלימע אפגעזאגט געצלען און נישט נאר דאס אליין, נאר זי האט עס נאך געטאן מיט א שמייכעלע, יענע וווּנדערלעכע שמייכעלע בלימעס, וואס קען ענדערן דיין מיינונג וועגן דער וועלט און וועגן דיר, ווי דו וואלטסט געווען א גאלע גארנישט.
און אפשר איז טאקע געצל באמת גארנישט, נישט צוליב זיך אליין, נאר

צוליב זײַן שטוב. זײַן טאַטע האָט אַ חזקה־טענה אויף דער שחיטה פֿון עופֿות און לאָדט זיך מיט קהל, ער לויפֿט פֿון בעל־בית צו בעל־בית, קרײַזלענדיק זיך די פּיאות און בײַסנדיק די באָרד און פֿאַרדינט נישט קיין גרײַצער. זײַן מאַמע האָט אַ שטעלע אין מאַרק און זי האָט נישט קיין סך דערפֿון און די גאַנצע שטוב ליגט אויף זײַן שוועסטער, דעם הויקער, וואָס איר רשעות האָט אויסגעקרימט אירע גלידער. און די אַנדערע דרײַ שוועסטער זײַנע זענען אויך געקומען אויף דער וועלט נאָר כּדי אָנצוטאָן אים צרות. שיינע זענען זיי און לײַכטזיניקע, און אַז ער קומט אַהיים פֿון געוועלב און פֿרעגט זיך: ווו זענען די שוועסטער, ענטפֿערט אים די הויקערדיקע און זאָגט: דאָרט ווו עס איז זיי גוט, דאָרט זענען זיי. ער ווייסט, געצל, ווו זיי זענען. יעדע נאַכט, ווי נאָר דער אײבערשטער מאַכט טונקל זײַן וועלט, גייען זיי אַוועק צו וויקטאָרן, דעם אַגענט פֿון זינגערס ניימאַשינען, אַ קאַוואַליער, וואָס וווינט אין אַ דירה פֿאַר זיך. אָבער אויב געצל וועט זיך נישט פֿרעגן, ווער וועט זיך פֿרעגן? דער טאַטע זעט נישט קיין בייז אין דעם וואָס די קינדער ווילן אַ ביסל פֿאַרברענגען. אָבער אַ האַרץ, וואָס האָט נישט געגאַסן פֿון דער וועלט און וויל געניסן און קען נישט, פֿילט, וואָס זײַנע שוועסטער טוען. דער דאָזיקער אַגענט, וואָס הײַנט איז ער דאָ און מאָרגן אין אַן אַנדערער שטאָט, ער האָט דאָך אוודאי נישט, ווער ס'זאָל אים לאָדן פֿאַר זײַנע מעשׂים. און אַפֿילו אַז ס'זענען פֿאַראַן אַזעלכע לאָדערס, וועט ער זיך נעמען דרײַ ווײַבער מיט אַ מאָל?

אַ רחמנות נעבעך אויף קינדער פֿון אָרעמע שטובן, וואָס מאַטערן זיך אַלע זייערע יאָרן און האָבן קיין מאָל נישט קיין רו. פֿאַר דעם געלט, וואָס געצל צאָלט זײַנע טאַטע־מאַמע פֿאַר דער דירה און פֿאַרן עסן, וואָלט ער געקענט פֿירן אַ שטוב פֿאַר זיך. אָבער יעדע פּרוטה, וואָס ער פֿאַרדינט, ווערט פֿאַרשלונגען אין שטוב און די שטוב איז פֿאַר אים ווי אַ גיהנום, די מאַמע קריגט זיך מיטן טאַטן, אַ טאָכטער רעדט אַנטקעגן דער מאַמען, אַ שוועסטער דעם ברודער. ווי מקנא איז ער די צוויי עלטערע ברידער זײַנע, וואָס זענען אַוועק קיין אַמעריקע. אַז דער טאַטע האָט זיי געשריבן, זיי זאָלן אויף אים רחמנות האָבן און זאָלן אים אַרויסהעלפֿן אין זײַן נויט, האָבן זיי גע־ענטפֿערט, קאָלומבוס האָט שוין באַשווירן די אַלע וואָס קומען קיין אַמעריקע, זיי זאָלן אַרויסלאָזן פֿון קאָפּ די אַלטע היים.

ווי אַן אָפּגעשמיסענער זיצט געצל אַליין און עסט זײַן וועטשערע לייענענדיק דערבײַ זײַנע בראַשורן. ער ווייסט, אַז ער קען ווייניק און ער וויל זיך אײַנשאַפֿן בילדונג און וויסן. אין חדר האָט ער קיין סך נישט געלערנט, און וואָס ער האָט געלערנט, האָט ער פֿאַרגעסן. יעדע זאַך וואָס ער לייענט איז פֿאַר אים אַ נײַעס. די בראַשורן קענען נישט זעטיקן זײַן נשמה, אָבער זיי גיבן אים אַ סך צו פֿאַרשטיין.

דאָס קליינע לעמפּל ברענט קוים. דער קנויט, וואָס איז נישט אויסגעגלײַכט,

קאַפּטשעט און דער הויקער זיצט בײַ דער נײמאַשין און נײט װעש פֿאַר זיך. ס'איז געגוג פֿאַר די מענטשן, װאָס זי נעמט זיך אַרױס פֿאַר זײ די אױגן בײַ טאָג, בײַ נאַכט איז זי אַ מאַדאַם פֿאַר זיך און זי נײט פֿאַר זיך אַלײן. די מאַשין גײט שװער און דאָס ראָד גרילצט און סקריפּעט. געצל פֿאַרשטעלט זיך מיט די הענט די אױערן זײַנע, ער זאָל זיך נישט צעמישן אין לײענען, באַמערקט דאָס דער הויקער און זי הײבט אָן נאָך גיכער טראַמפּלען מיט אירע פֿיס און די מאַשין סקריפּעט נאָך שטאַרקער. אין דער זעלבער צײַט פֿאַרעט זיך די מאַמע בײַ אירע זאַכן און ציט אַראָפּ די שטיװל, אָנמאַכנדיק אַ רעש אין שטוב, און זי לײגט אױס אירע נאַסע שמאַטעס, און די שטוב װערט פֿול מיט אַ מליאַװער קעלט. אײדער זי פֿאַרטיקט זיך אָפּ מיט אירע זאַכן, קומט דער טאַטע. אַז ער איז אױפֿגעלײגט זאָגט ער: דער פֿאַרטײען־מאַכער איז דאָ, זאָל ער מאַכן אַ פֿאַרטײ, מע זאָל שחטן די עופֿות בײַ מיר, אָדער אפֿשר דאַרפֿן זײ גאָרנישט קײן שוחט, די דאָזיקע טריפֿניאַקעס.

װי שװער איז אים, געצלען, צו זיצן אין אַזאַ גיהנום. די גאַנצע װעלט װאָלט ער אָװעקגעגעבן פֿאַר אײן קלײן װינקעלע, װוּ מענטשן זיצן צוזאַמען און לײענען בלעטער און ביכער און רעספּעקטירן אײנער דעם אַנדערן.

װי אין פֿאָרשטעלונגען זעט געצל די צוקונפֿט, װי ער זיצט צוזאַמען מיט זײַנע חבֿרים און זײ שמועסן װי מענטשן. און ער גײט זיך אין זײַן װינקל, װאָס איז פֿאַרהאָנגען מיט אַ פֿירהאַנג און ער קוקט איבער זײַנע מלבושים. זאָגט דער הויקער: זוכסט אפֿשר דײַן נײַ קראַװאַטל? זאָגט ער: יאָ, דאָס קראַװאַטל זוך איך. ענטפֿערט זי: דו דאַרפֿסט נישט זוכן. זאָגט געצל: װאָס הײסט, איך דאַרף נישט זוכן? ענטפֿערט זי: װילסט זוכן, זוך, איך האַלט דיך נישט צו. שרײַט געצל: װוּ איז עס? ענטפֿערט דער הויקער: בײַ װיקטאָרן איז עס. סאַלטשע האָט אים געװאָלט װײַזן, אַז דו האָסט אַ גוטן גוסט און זי האָט אָנגעטאָן דײַן קראַװאַטל, אַ האַלבער מאַנספֿאַרשױן. אין דער זעלבער צײַט זיצט דער טאַטע בײַם טיש אױבן אָן און עסט זײַן װעטשערע און די מאַמע זיצט בײַ דער קיך און קאָכט פֿאַר זיך עפּעס אַ יײַכל פֿאַר אַ רפֿואה װעגן. דאָס גאַנצע לעבן אירס עסט זי נישט און טרינקט נישט װי אַלע אַנדערע מענטשן, אַלץ טוט זי נאָר פֿאַר אַ רפֿואה װעגן. און בשעת זי טוט דאָס, קוקט זי אױף איר מאַן מיט כּעס. אָבער ער עסט מיט אַפּעטיט און קוקט זיך נישט אום אױף איר. דאָס פֿאַרדריסט זי צום מײנסטן. װען זי װאָלט אַרױסגעלאָזט אַ גרױס געשרײ פֿון איר האַרץ, װאָלט איר לײַכטער געװאָרן. אַ שװערע פּרנסה האָט איר דער איבערשטער מיט זײַן גרױס רחמים געגעבן — צו פֿאַרקױפֿן העקעלעך און רינגעלעך און קנעפּ און נאָדלען און שפּיסלעך, װאָס ס'איז דערבײַ אַ סך צו טאָן און מען האָט דערפֿון װײניק װאָס. װי ביטער איז דער דאָזיקער יידענע אױפֿן האַרצן, אָבער אױב זי װעט אָנהײבן שרײַען, װעט זי נישט אױפֿהערן, און זי דאַרף דאָך אָפּהיטן איר האַלדז כּדי צוצושרײַען קונים.

שטייט זי ווי אַ שטומע און מישט איר ביסל געקעכטס מיט פּעם און דאָס געקעכטס קאָכט זיך נישט, ווײַל די העלצער זענען נאַסע און זיי זשוזשען אין פֿײַער ווי קאַרטאָפֿליעס אין קאָכעדיק וואַסער. אַ ביסל העכער פֿונעם אָרט וווּ זי שטייט, אויפֿן טרעפּל פֿאַרן פֿענצטער, זיצט דער הויקער בײַ דער ניימאַשין און קוקט מיט אַ מאָדנער הנאה אויף די העלצער, וואָס אײַלן זיך נישט צו טאָן, ווי איר מאַמע וויל. זי טראָגט אַ כּעס אויף דער מאַמען, וואָס זי עסט נישט פֿון די עסנס, וואָס אַנדערע האָבן געקאָכט. אין די דאָזיקע מינוטן ווילט זיך דער דאָזיקער ייִדענע אַרויסלאָזן אַ געשריי פֿון איר מויל. באַמערקט דאָס גלײַך דער טאַטע און ער וויל זי אָפּווענדן פֿון טראַכטן וועגן זיך און ער זאָגט צו געצלען: וואָלט נישט גלײַכער געווען, זאָלסט לערנען אַ פּרק משניות און זיך נישט פֿאַרנעמען מיט נאַרישקייטן. און בעת ער זאָגט דאָס, באַטראַכט ער די בראָשורן און בשעת מעשׂה פֿאַלן אַראָפּ פֿון זײַן באָרד ברעקלעך מיט טראָפּנס פֿון זײַן עסן און טרינקען, און פֿאַרפּאַטשקען זיי, און ער קוקט אויף זײַן ווײַב ווי איינער זאָגט: דײַן טובֿה און דײַן פֿאַרגעניגן בין איך דאָך אויסן געווען. ענטפֿערט די מאַמע און זאָגט: דו האָסט מורא, טאָמער וועט ער נישט קענען לערנען אַ פּרק משניות נאָך דײַן טויט, סײַ ווי סײַ ביסטו אַ פֿאַרלוירענער פֿון ביידע וועלטן. געצל, לאָז איבער די דאָזיקע באַנדיטן און אַנטלויף קיין אַמעריקע, ווי דײַנע ברידער האָבן געטאָן, איידער זיי וועלן דיר אָפּעסן דאָס לעבן, ווי זיי האָבן מיר אָפּגעעסט מײַן לעבן. איר האָט געזען אַזאַ זאַך? אַ שוחט פֿון עופֿות וויל ער זײַן און ער שחט אַ ווײַב מיט אַ זון. די מאַמע ווייסט גוט דעם טעם פֿון זיצן אין זי מאַרק און זי ווייסט, וואָס עס טוט זיך בײַ געצלען אין האַרצן, וואָס אַלע זײַנע יאָרן שטייט ער אין געוועלב און שינדט אַראָפּ פֿון זיך די הויט. און אַז ער קומט אַהיים אין שטוב אַרײַן, שיטן אים דער טאַטע מיט די שוועסטער זאַלץ אויף די וווּנדן. אַזוי ווי די מאַמע ווייסט, וואָס עס טוט זיך בײַ איר זון אין האַרצן, אַזוי ווייסט דער זון, וואָס עס טוט זיך בײַ זײַן מאַמען אין האַרצן. יעדן טאָג זעט ער זי אין מאַרק, אײַנגעקנאָדערט אין אירע שמאַטעס, ווי זי קוקט אויס קונים. סאַראַ רחמנות ס׳איז אויף איר, אַז עס קומען נישט קיין קונים, און סאַראַ רחמנות ס׳איז אויף איר, אַז קונים קומען און איר אײַנגעשרומפּן פּנים צעשטראַלט זיך פֿאַר זיי און זי לאַכט מיט אַ כאָרכלענדיק געלעכטער. ער וואָלט געדאַרפֿט, געצל, טאָן, ווי די מאַמע ראָט אים און אַנטלויפֿן קיין אַמעריקע, אָבער ס׳איז אים אַ רחמנות אויף דער מאַמען, וואָס וועט זײַן מיט זײַן אָרעמער מאַמען. אפֿשר וועט אים גאָט העלפֿן און ער וועט נעמען אַ ווײַב, און ער וועט האָבן אַ שטוב פֿאַר זיך, און ער וועט אָפּגעבן דער מאַמען אַ ווינקל בײַ זיך אין שטוב.

אָבער אַזוי לאַנג ווי די מיידלעך האָבן נישט חתונה געהאַט, צי קען זיך די מאַמע ריכטן אויף אַ ביסל מנוחה? דער הויקער — פֿאַר איר איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. איר מיאוס זײַן און איר רשעות וועלן זי

פֿארהיטן פֿון אַן עבֿירה. און אויב עס וועט קומען אַן אַלמן, אָדער אַ גרוש, וועט ער נישט מאַכן קיין שלעכט געשעפֿט. איר קאַמאָד איז אָנגעשטאָפּט מיט קליידלעך און געלט. אַלע אירע טעג אַרבעט זי אויף צו פֿאַרדינען און בײַ נאַכט אַרבעט זי פֿאַר זיך אַליין. אָבער וואָס וועט זײַן דער סוף מיט די אַנדערע שוועסטער?

דאָס איז עס דער געצל שטיין, וואָס הערשל האָט אים געטראָפֿן בײַ עקבֿיה מזלס הויז. הערשל האָט אים נישט חושד געווען, אַז ער איז אונטערגעשיקט פֿון דער מאַמען אונטערצוקוקן אים. ווי עס זאָל נישט זײַן, האָט ער גוט געטאָן, וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגן. אויב געצל איז נישט געגאַנגען אין צירלס שליחות, איז ער דאָך געגאַנגען אין זײַן אייגענעם שליחות, ווײַל ער האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף בלימען און עס איז נישט כּדאַי פֿאַר הערשלען, אַז דער דאָזיקער געצל זאָל אים זען אַרומדרייען זיך בײַ נאַכט אַרום הויז, וווּ בלימע האַלט זיך אויף.

קאַפּיטל 23

נאָך אַ שטיקל צײַט האָט זיך הערשל ווידער אומגעקערט אויפֿן זעלבן פּלאַץ. די וועלט האָט זיך אײַנגעשרומפּן און עס איז פֿאַר הערשלען געבליבן נאָר די גאַס, ווו בלימע וווינט.

ווידער גייט הערשל אַרום מזלס הויז און קוקט אַרויף צום פֿענצטער, וואָס גייט אַרויס אויף צפֿון־זײַט, און ער זעט, אַז ס'ברענט דאָרט אַ ליכט. איין גאָט אין הימל ווייסט, וועמעס ליכט דאָס איז. מסתּם איז דאָס דאָס ליכט פֿונעם בעל־בית, וואָס זיצט בײַם טיש און שרײַבט און מעקט. נאָר הערשלען זאָגט דאָס האַרץ, בלימעס ליכט איז דאָס, און גיי טענה זיך אוים מיט אַ מענטשן, וואָס זײַן האַרץ איז צעבראָכן.

הערשל גייט אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, ער האָט אַ סך געדולד און ער פֿאַרקירצט זײַנע טריט, פֿאַרפּאַמעלעכט זײַנע טריט און פֿאַרלענגערט זײַן געדולד. ס'איז נישט מעגלעך, אַז בלימע זאָל זיך אַזוי אַפּשליסן אויף אייביק. סוף כּל סוף וועט זי מוזן אַרויסקומען.

גאָט אין הימל האָט אַזוי געמאַכט, אַז בלימע איז אַרויסגעקומען, אָבער בלימע האָט נישט געמאַכט אַזוי אַז הערשל זאָל זיך פֿרייען מיט איר אַרויסקומען. אין דעם דאָזיקן מאָמענט איז הערשל, ווי זײַן שטייגער, אַרומ־געגאַנגען אַרום הויז, און ער האָט געהערט, אַז ס'האָט זיך געעפֿנט אַ טויער. אַ ווינט איז געקומען און געעפֿנט דעם טויער. דאָס איז דער טויער פֿונעם גאָרטן, וואָס הערשל איז אים אַרומגעגאַנגען, און נאָכן ווינט האָבן זיך דערהערט בלימעס טריט, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען פֿאַרמאַכן דעם טויער. האָט בלימע געזען, אַז אימעצער שטייט דאָרט, האָט בלימע געפֿרעגט יענעם: ווער איז דאָ? האָט הערשל געענטפֿערט: איך בין עס. האָט זי זיך האַסטיק צוריקגעצויגן און האָט זיך אומגעקערט צוריק.

טרויעריק, טרויעריק איז דאָס האַרץ, טרויעריק, טרויעריק און פֿאַרשעמט. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ און געשריִען: וואָס איז עפּעס געשען? וואָס איז עפּעס געשען? דער רעגן האָט אים געשמיסן אין פּנים אַרײַן און אַ שוויים האָט אַרויסגעשלאָגן פֿון זײַן קערפּער, אָבער זײַן פּלאַץ האָט ער נישט פֿאַרלאָזט. נישט ווײַל ער האָט געהאָפֿט, אַז בלימע וועט אַרויסקומען און וועט אים איבערבעטן, נאָר ער איז געשטאַנען ווי איינער וואָס האָט אײַנגענומען אַ פּלאַץ און ער היט אים אָפּ.

שטיל, שטיל איז געגאַנגען דער רעגן. אַ שלייער נעמט אַרום די גאַנצע וועלט און דו זעסט אַפֿילו נישט זיך אַליין. אָבער בלימעס געשטאַלט גייט אויף פֿאַר דיר ווי דעם טאָג ווען זי האָט געגלעט דײַן קאָפּ, ווען דו

...הערשל האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער קליאַמקע פֿון טירל
און גענומען וויינען...

ביסט אַריַינגעקומען אין איר צימער און זי איז אַנטלאָפן און זיך אומגע־קערט. הערשל האָט אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער קליאַמקע פון טירל און געגומען וויינען.

און אַזוי איז ער געשטאַנען ביַים טירל און געוויינט. דאָס גאַנצע רעגנ־וואַסער איז אַריַין אין זיַינע שיך, דער שירעם איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און דער רעגן האָט אים דורכגעווייקט און זיַינע קליידער. צום סוף האָט אויפגעהערט דער רעגן און די לבנה איז אַרויסגעקומען. האָט ער אויסגעווישט די אויגן און זיך געקליבן גיין אַהיים. נאָר אַזוי ווי ער האָט שוין געוואָרט, איז ער געבליבן וואַרטן.

אַ דערשלאָגענער און דורכגעווייקטער איז הערשל געשטאַנען פאַרן הויז, ווו בלימע וווינט. דאָס הויז איז געווען באַגאָסן מיט דער שיַין פון דער לבנה און אין צימער אויף צפון־זיַיט איז געווען ליכטיק. דאָס איז עס ס'ליכט, וואָס הערשל האָט זיך טועה געווען און געמיינט, אַז ס'איז בלימעס. אָבער דאָס ליכט ליַיכט נישט אַ גאַנצע נאַכט. איידער ער האָט זיך גוט איַינגעקוקט, איז עס שוין פאַרלאָשן געוואָרן. האָט זיך הערשל דערמאָנט אינעם ליכט, וואָס איז פאַרלאָשן געוואָרן ביַי זיַין חופּה, און ער האָט זיך דערמאָנט אין יענער סעקטע, וואָס אויב מאַן און וויַיב ווילן זיך גטן, צינדן זיי אָן צוויי ליכט: אַ ליכט פאַרן מאַן און אַ ליכט פאַרן וויַיב; וועמעס ליכט ס'גייט אויס פריער, דער פאַרלאָזט די שטוב און גייט זיך אַוועק. ווען ס'האָט זיך פאַרלאָשן דאָס ליכט אונטער דער חופּה זיַינער, איז הערשל נישט געווען אַזוי טרויעריק, ווי בשעת ער האָט זיך דערמאָנט די דאָזיקע געשיכטע.

זינט ער האָט אָנגעהויבן גיין צו בלימעס הויז, איז ער נישט געווען אין אַזאַ צער. עס שטיקט אים אין האַלדז, די ליפּן זענען אים געשפּאָלטן, ער ווייסט נישט, צי עס איז אים קאַלט צי עס איז אים וואַרעם, נאָר ס'איז פאַר אים קלאָר, אַז ער וועט קראַנק ווערן, און ער האָט מורא נישט אַזוי פאַר דער קרענק, נאָר פאַר דעם וואָס זיַין בעט שטייט לעבן זיַין וויַיבס בעט. דער רעגן האָט אויפגעהערט, אָבער ער לאָזט זיך נאָך פילן אין די גוטע ריחות פון הימל און ערד, וואַסער און גראָז. צום סוף האָט זיך הערשל אומגעקערט אַהיים. דער האָן האָט געקריִיט און דער זייגער האָט אויסגעקלונגען צוועלף שלאָג. אויף דער שוועל פון זיַין שטוב איז הערשל שטיין געבליבן און געטראַכט ביַי זיך: וואָס וועל איך זאָגן מינען, אַז זי וועט מיך פרעגן: ווו ביסטו געווען? איך וועל איר זאָגן: ביַי בלימען.

וועמ איז עס די בלימע?

דו קענסט זי נישט?

די וואָס האָט געדינט ביַי איַיך?

די וואָס האָט ביַי אונדז געדינט.

און וואָס האָסטו געמיינזאַמס מיט איר?

זי איז דאָך מיַין געליבטע.

ס'איז מיר א ווונדער, וואס איך האב וועגן דעם גארנישט געהערט.

האסט גארנישט געהערט וועגן דעם?

איך האב נישט געהערט.

אויב אזוי, דארף איך דיר די זאך דערציילן פון סאמע אנהייב אן.

איך בין נישט נייגעריק צו הערן, ווי אזוי ס'האט זיך אנגעהויבן, איך וויל הערן, וואס איז זי פאר דיר היינט?

וואס איז זי פאר מיר היינט?

אזוי איז עס. היינט וואס איז זי פאר דיר?

איך קום דאך פון איר.

דו קומסט פון איר?

יא, מינע, פון איר קום איך.

ס'איז דאס ערשטע מאל, וואס דו ביסט געגאנגען צו איר?

וואס מיינסטו, מינע, יעדע נאכט גיי איך דאך צו איר.

יעדע נאכט גייסטו צו איר?

יא, יעדע נאכט גיי איך צו איר. אז איך בין וואך, גיי איך צו איר צו פוס און אז איך שלאף, ברענגט מען מיך צו איר.

היינריך, צי האסטו דיך נישט א מאל פארביטן מיט רבי יוסף דילה ריינה, וואס דער סמ"ך מ"ם פלעג אים יעדע נאכט ברענגען צו העלענען, דער מלכה פון גריכנלאנד?

ניין, מינע, איך פארבייט זיך נישט מיט קיין שום מענטש. רבי יוסף דילה ריינה איז א מעשה פאר זיך און איך בין א מעשה פאר זיך. אבער איידער דו פרעגסט מיך, צי איך האב מיך נישט פארביטן מיט רבי יוסף דילה ריינה, וועל איך דיך פרעגן: ווו האסטו געהערט, אז ס'איז פאראן א רבי יוסף דילה ריינה, אין פאנסיאן האט מען דאך נישט געלערנט קיין יידישע זאכן.

ווו איך האב געהערט? צי דערפאר ווייל מיין לערערקע האט זיך געשמדט, ביסטו מיך חושד, היינריך, אז איך קען נישט קיין שום יידישע זאך?

דיין לערערין האט זיך געשמדט?

צוליב דעם האט מיך דאך דער טאטע ארויסגענומען פון פאנסיאן.

אפשר צוליב דעם האט ער דיך חתונה געמאכט מיט מיר?

איך ווייס נישט.

דו ווייסט, מינע, און דו ווילסט מיר נישט זאגן דעם אמת.

איך באהאלט נישט דעם אמת אונטער דער צונג. אלץ וואס האט זיך מיר געטראפן דערצייל איך דיר.

און איך?

דו, היינריך, ביסט נישט אַזוי, דו שווײַגסט און זאָגסט גאָרנישט.

דו מיינסט וועגן בלימען?

וועגן בלימען? וואָס פֿאַר אַ בלימע?

מיר רעדן די גאַנצע צײַט וועגן בלימען און צום סוף פֿרעגסטו גאָר, וואָס פֿאַר אַ בלימע?

אַז מען זאָגט מיר נישט, פֿרעג איך נישט.

אַז מען זאָגט דיר נישט, פֿרעגסטו נישט?

פֿרעג איך נישט.

אויב אַזוי, פֿאַר וואָס האָב איך אָנגעהויבן מיט דער דאָזיקער זאַך?

האָסט אוודאי געמוזט.

איך האָב געמוזט? צוליב וואָס האָב איך געמוזט?

דאָס ווייסטו בעסער פֿון מיר.

ס׳וווּנדערט מיך, ווי אַזוי ווייסטו, אַז איך ווייס, אין דער צײַט ווען איך אַליין ווייס נישט? אָבער איך זע, אַז דו ווילסט שלאָפֿן. אויב אַזוי וועל איך זיך אויך לייגן.

האָט הערשל אויסגעטאָן די שיך און אַראָפּגעצויגן די נאַסע זאָקן און איז שטיל אַרײַנגעגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו זײַן בעט. די פֿענצטער זענען געווען צו, און אַ וואַרעמער און אײַנשלעפֿנדיקער ריח האָט זיך געטראָגן פֿון מינעס בעט. שוין עטלעכע שעה איז מינע פֿאַרזונקען אין שלאָף און ווײַזט אויס, אַז דער גאַנצער שמועס זייערער איז געווען אין חלום. איין גאָט אין הימל ווייסט די חלומות און זייער באַשייד. הערשל האָט זיך אויסגעטאָן און האָט זיך איבערגעדעקט מיט זײַן קאָלדרע, ס׳איז אים באַפֿאַלן אַ שלאָף און ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

טויזנט יאָר וואָלט הערשל געקאָנט אַזוי שלאָפֿן. גאָט אין הימל האָט פֿון אים און זײַן בעט געמאַכט איינס. פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ קול און ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. און ער האָט נאָך נישט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, נאָר ער האָט זיך געטוליעט אין זײַנע קישנס און קאָלדרע. זײַן קאָפּ ליגט אויפֿן קישן ווי פֿון ששת ימי בראשית אָן. און אַז דײַן קאָפּ ליגט אַזוי, נאָך דעם ווי דו ביסט נישט געשלאָפֿן ביז האַלבע נאַכט, איז זיכער נישט כּדאַי אים צו רירן. אָבער אַ שפּיגל איז געווען בײַ הערשלען אין שטוב און פֿון שפּיגל האָט אַרויסגעקוקט דאָס פּנים פֿון זײַן שוויגער, ווי זי לאַכט פֿון איר איידעם, וואָס שלאָפֿט נאָך.

ער איז געווען אויפֿגעלייגט. אַלץ וואָס האָט מיט אים פּאַסירט יענע נאַכט, איז גלײַך ווי נישט געווען. הערשל האָט פֿאַרגעסן בײַ טאָג, וואָס ער האָט געטאָן בײַ נאַכט. זיס איז אים געווען דער שלאָף, וואָס האָט געמאַכט פֿון זײַן גוף איין שטיק תּענוג. ווען עס וואָלט אים געלונגען צו שלאָפֿן כאָטש נאָך איין שעה, וואָלט ער ווידער געוואָרן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך.

צום סוף האָט ער זיך איבערגעוועגקען מיט זײַן ווײַב און זײַן ווײַב האָט זיך איבערגעוועגקען מיט איר מאַמען. איז בערטע אַרויסגעגאַנגען, און הערשל האָט זיך אױפֿגעהויבן און זיך אָרומגעוואַשן און אָנגעטאָן נײַע מלבושים, ווײַל די מלבושים, וואָס ער האָט נעכטן געטראָגן, זענען געווען נאַס. דערנאָך האָט ער געטרונקען אַ גלאָז וואַרעמס און איז געגאַנגען אין בית־מדרש אַרײַן דאַווענען. זינט זײַן ווײַב איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן האָט ער זיך אײַנגעוווינט צו דאַווענען אין דער פֿרי מיט מנין, ווײַל דורך דעם איז אים אויסגעקומען ווייניקער צו זיצן מיט זײַן ווײַב.

גייענדיק אַזוי האָט ער זיך געטראַכט: וואָס דאַרף אַ מענטש טאָן, ער זאָל ניצול ווערן פֿון צרות — אַ סך שלאָפֿן. אַלץ וואָס הערשל האָט דעמאָלט געטראַכט, איז געווען נאָר וועגן שלאָפֿן. פּלוצלינג האָט זיך אים דערמאָנט בלימע, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿאַר אים, און ער איז געוואָרן טרויעריק.

וואָס מישטיינס געזאָגט איז דער גאַנצער מענטש? ער שלאָפֿט כּדי אויפֿצושטיין, שטייט אויף כּדי צו לייגן זיך שלאָפֿן, און צווישן אויפֿשטיין און שלאָפֿן גיין — צרות און פּלאָגן און לייד און שאַנד.

בלימע גייט אָנגעטאָן אַ גראָ קליידל, וואָס ציט אײַן איר בוזעם און באַהאַלט איר שיינקייט. ווו האָט בלימע געזען אַזאַ קליידל? דאָס האַרץ אירס האָט איר אָנגעוויזן אַזאַ קליידל.

גראָ און געפּאַסט איז בלימעס קליידל. נאָר ווער ס'האָט אויגן צו זען און אַ האַרץ צו פֿילן, זעט און פֿילט, אַז נישט אַלץ וואָס איז גראָ אויסנווייניק איז גראָ אינעווייניק. גראָ און געפּאַסט איז בלימעס קלייד, אָבער בלימעס בוזעם איז ברייט און שיין. איין גאָט אין הימל ווייסט, פֿאַר וואָס הערשל האָט נישט זוכה געווען חתונה צו האָבן מיט בלימען. ווי־פֿל בלימע זאָל נישט זאָגן, אַז זי איז נישט געראָטן אין איר טאַטן, איז זי זייער און זייער ענלעך צו אים. זי פֿאַרמאָגט אין זיך אַ סך פֿון חיים נאַכטן, וואָס האָט זיך אַרײַנגעצוימט און אָפּגעשלאָסן צווישן די פֿיר ווענט פֿון זײַן שטוב, אָבער ער, אַז ס'האָט אים אָנגעהויבן גיין שלעכט, פֿלעג ער זיצן און קלאָגן, זי ווידער קלאָגט נישט און באַקלאָגט זיך נישט. זי שטייט נאָך אויף אַ פֿעסטן פֿונדאַמענט. אין דער בלוילעכער שטומקייט פֿון אירע אויגן, וואָס לאָכן נישט און וויינען נישט, איז פֿאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס צווינגט יעדן איינעם, אײַנצוזען, אַז זי איז נישט ווי אַלע אַנדערע מיידלעך. געצל שטיין האָט אויפֿגעהערט שיקן צו איר בריוועלעך. נישט ווײַל זײַן האַנטשריפֿט איז צעקאַליעטשעט און צעדרייט, נאָר ווײַל יעדעס מאָל, ווען ער שרײַבט צו איר אַ בריוועלע, זעט ער פֿאַר די אויגן בלימען ווי לעבעדיק, גלײַך אַנטפּאַלט בײַ אים דאָס האַרץ און ער צערײַסט זײַן בריוועלע. און נישט בלויז געצל, נאָר אויך דאָקטאָר קנאַבנהוט, אַז ער רעדט מיט בלימען, רעדט ער מיט איר אַנדערש ווי מיט אַנדערע מיידלעך. בלימע איז נישט

צוגעשטאַנען צו די סאָציאַליסטן, כאָטש דער שׂכל זאָגט, אַז זי וואָלט זיך געדאַרפֿט אָנשליסן אין זיי, נאָר פֿון צײַט צו צײַט טרעפֿט זי זיך מיט דאָקטאָר קנאַבהוטן; דאָס איז עס דער דאָקטאָר קנאַבהוט, וואָס גיט אַוועק זײַן גאַנצע צײַט פֿאַרן כּלל. אָבער אַז ער דערזעט בלימען, לאָזט ער איבער דעם כּלל כּדי צו רעדן מיט איר. די קורצע ווײַלע, וואָס ער שמועסט מיט איר, זענען אירע אויגן און איר האַרץ בײַ אים, מיט אַ מאָל גיט זי אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט פֿון זיך אָפּגעטרייסלט אַלע זײַנע רייד. בלימע איז געגליכן צו אַ שווימער, וואָס האָט געהאַלטן בײַם דערטרונקען ווערן אין טײַך און מען האָט אים אַרויסגעצויגן. ווי נאָר ער האָט אויסגעשפּיגן דאָס וואַסער פֿון זײַן מויל און פֿון די אויגן, באַקומט ער גלײַך צוריק זײַנע כּוחות און ער איז משלח די וואָס האָבן אים אָפּגעראַטעוועט. וואָס זוכט זי, בלימע? געצל שטיינען האָט זי פֿאַריאָגט און נאָך קנאַבנהוטן יאָגט זי זיך נישט.

צי האָפֿט זי דען, אַז זי וועט חתונה האָבן מיט אַ רײַכן בחור? בלימע, וואָס איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿונעם מזלס שוים, דערווײַטערט איר האַרץ פֿון בחורים, וואָס עסן פֿון טאַטע־מאַמעס טיש, סײַ זיי טרוימען וועגן ציון און סײַ זיי חלומען וועגן פֿאַרבעסערן די וועלט. מיט טעג צוריק, מיט יאָרן צוריק איז איר געפֿעלן געוואָרן אַ רײַכער בחור, הערשל האָרוויץ הייסט ער, נישט ווײַל זי האָט דאָס געוואָלט און נישט ווײַל ער האָט דאָס געוואָלט, נאָר איידער עס איז געקומען די צײַט אַ כּלה צו ווערן, האָט זי געטראָפֿן פֿאַר זיך הערשלען, דעם הערשל, וואָס איז געווען ווי פֿון איין צווילינג מיט איר. ווער עס קען הערשלען און קען בלימען, קען זיך פֿרעגן: ווי קומען זיי איינער צום אַנדערן, ווי צירל האָט געפֿרעגט. אָבער ווער ס'איז נישט אַזוי קלוג ווי צירל, וועט האָבן רחמנות אויף די קרובֿים, וואָס מען האָט זיי בגוואַלד צעשיידט. וואָס מיט הערשלען איז געוואָרן, ווייסן מיר. וואָס איז געוואָרן מיט בלימען, ווייסן מיר נישט. אַז מען רעדט מיט בלימען, באַווײַזט זיך אַ לײַכט שמייכעלע אויף אירע ליפּן, ווי זי וואָלט געזאָגט: כאָטש איך בין פֿאַרטריבן געוואָרן פֿונעם מזלס שוים, שטיי איך נאָך אויף אַ פֿעסטן פֿונדאַמענט.

קאַפּיטל 24

די מיליטערישע קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפֿט קומען אין ניסן, איז אָפּגעלייגט געוואָרן פֿון איין וואָך אויף דער אַנדערער און פֿון איין חודש אויפֿן אַנדערן. איין גאָט אין הימל ווייסט, וואָס זײַן כּוונה איז, צי צו פֿאַרלענגערן שיבוש די צײַט, אָדער אַרויסצונעמען בײַ איר די נשמה מיטן לאָזן וואַרטן.

הערשל האָט געפֿילט, אַז די באַציִונג פֿון מענטשן צו אים האָט זיך שטאַרק געביטן. מען האָט זיך שוין מיט אים מער נישט אָפּגעגעבן ווי פֿריִער. ס'האָט אויסגעזען, אַז זײַנע שטוביקע האָבן הנאה פֿון זײַנע יסורים. די שוויגער זײַנע, וואָס פֿלעג זיך גרייסן מיט אים, אַז ער איז שוין געבויט, האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אים קרום, גלײַך ער איז אַזוי גרויס אויסגעוואַקסן, נאָר כּדי נאָך גרעסער צו מאַכן דאָס אָנשיקעניש. יעדער איינער וואָס קוקט אויף הערשלען, זעט אויס, ווי הערשל וואָלט אים געווען גרויס אין די אויגן. מיט אַ יאָר צוריק, מיט צוויי יאָר צוריק, האָט הערשל נישט געהאַט וואָס צו שרעקן זיך פֿאַרן פּריזיוו. דאָס יאָר האָט ער געהאַט וואָס צו שרעקן זיך, ווײַל די מיליטערישע קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט קומען, לאָזט זיך נישט איבערקויפֿן און ס'איז געווען כּמעט ווי זיכער, אַז הערשל וועט נישט באַפֿרײַט ווערן.

הערשל האָט געטאָן ווי אַלע אַנדערע חבֿרים זײַנע, וואָס האָבן זיך געדאַרפֿט שטעלן צום פּריזיוו. ער האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען און נישט געשלאָפֿן, ביז ער איז געפֿאַלן פֿון די כּוחות און געוואָרן סאַמע הויט און ביינער. האָבן זײַנע טאַטע־מאַמע אָנגעהויבן מורא האָבן, ער זאָל נישט קראַנק ווערן דערפֿון, און זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן צוצורעדן, ער זאָל עסן און שלאָפֿן, בפֿרט נאָך, אַז מען ווייסט נישט, ווען די דאָזיקע קאָמיסיע וועט קומען קיין שיבוש.

אָבער הערשלס נערוון זענען שוין אָפּגעשוואַכט. האָט מען אים דערלאַנגט עסן, האָט ער נישט געגעסן ווי עס דאַרף צו זײַן; האָט ער זיך געלייגט שלאָפֿן, איז ער נישט אײַנגעשלאָפֿן, און אויב ער איז אײַנגעשלאָפֿן, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט נאָך איידער דער שלאָף האָט אים געקענט אַ קאָפּ שטאַרקן.

הערשל האָט אָנגעהויבן פֿילן ווייטיקן אין זײַנע גלידער. ער קען נישט שלאָפֿן און אַפֿילו אַז ער שלאָפֿט, גיט אים דער שלאָף גאָרנישט. אַז ער כאַפּט זיך אויף, איז אים דער קאָפּ שווער און די הענט און פֿיס שלאַבעריק.

און כאַטש זײַן גוף איז וואַרעם, ציטערט ער, ווי ס'וואָלט אים באַפֿאַלן אַ קעלט.

אַז איינער שלאָפֿט און דער שלאָף שטאַרקט אים ניט, איז אים אַוודאי ניט גוט; נאָך ערגער איז, אַז ער שלאָפֿט בכלל ניט. אַ סך נעכט איז הערשל געלעגן אויפֿן געלעגער און ניט געוווּסט פֿון קיין שלאָף, אַ סך מאָל איז ער געלעגן און קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

הערשל איז אויף און ער הערט זײַן ווײַבס יעדן אָטעם. ס'טרעפֿט, אַז ער ליגט אויף איין זײַט און ער רירט זיך ניט, ער זאָל זי ניט אויפֿוועקן, ווײַל אויב זי כאַפּט זיך אויף, הייבט זי גלײַך אָן רעדן מיט אים. שווער צו פֿאַרטראָגן איר קול בײַ נאַכט ווי דעם קלאַנג פֿון אַ טשוואַק, וואָס מען קלאַפּט אַרײַן אין אַ ליימענער וואַנט אַרײַן.

אויסטערליש איז געווען יענע נאַכט, ווען ס'האָט זיך פֿון אים צום ערשטן מאָל אָפּגעטון דער שלאָף. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויפֿן בעט, די מחשבֿות אָפּגעריסענע און צעוואָרפֿענע. די נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג. צוויי־דרײַ מאָל איז ער פּלוצלינג אויפֿגערודערט געוואָרן, ווי ס'וואָלט מיט אים עפּעס פּאַסירט. האָט ער זיך געוואָלט דערמאָנען, וואָס אַזוינס ס'האָט מיט אים פּאַסירט. האָט ער געזען, אַז ס'האָט מיט אים גאָרניט פּאַסירט. אַז דער האָן האָט געקרייעט, האָט הערשל געוואָלט דערגיין, צי דער האָן איז אויסן געווען צו קרייען אויף חצות. ביז ער איז דאָס דערגאַנגען, האָט שוין דער האָן נאָך אַ מאָל געקרייעט. האָט זיך הערשל געטראַכט: צווישן ערשטן און צווייטן מאָל קרייען שלאָפֿט די גאַנצע וועלט און מענטשן נעמען אָן פֿרישע כּוחות, אויסער מיר, וואָס איך בין אויף; מאָרגן וועל איך שטיין אין געוועלב און גענעצן; וואָס וועלן די משרתים זאָגן — ער האָט געהאַט אַ גוטע נאַכט, דעריבער איז ער מיד.

אַ בלאַסער און אַן אָפּגעשוואַכטער איז ער צו מאָרגנס אויפֿגעשטאַנען גאָר פֿרי. ער האָט נאָך געקענט ליגן אַ שעה־צוויי אין בעט, נאָר די נערוון זײַנע זענען צעשרויפֿט. און דאָס בעט נעמט אים אַרויס פֿון די כּלים. אַז ער איז אַרויס אין דרויסן, איז ער שטיין געבליבן אַ פֿאַרוווּנדערטער: דאַכט זיך, דער הימל האָט זיך אויסגעצויגן און די ערד איז ברייטער געוואָרן און די פּנימער פֿון די ייִדן, וואָס זענען געגאַנגען דאַווענען מיט טלית און תּפֿילין אונטערן אָרעם, שײַנען ווי נײַ געוואָרענע. ניט ווײַסנדיק אַליין, האָט ער זיך אויך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי און ער איז געגאַנגען דאַווענען.

ס'ערשטע מנין האָט געהאַט אָפּגעדאַוונט און אַ צווייט מנין האָט זיך געשטעלט דאַווענען. די פֿענצטער זענען געווען אָפֿן און אַ פֿרי־מאָרגן־ווינטל האָט אַרײַנגעבלאָזן פֿון דרויסן. הערשל האָט געעפֿנט אַ גמרא און געפֿונען אַ קנייטש. דאָס איז דער קנייטש, וואָס ער האָט געמאַכט יענעם טאָג, ווען ער איז אַוועק פֿון לערנען און אַרײַן אין געוועלב אַרײַן. האָט ער געפּרוּווט

לערנען און ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט. מיט יאָרן צוריק איז אים די גאַנצע סוגיא געווען קלאָר ווי וואַסער, איצט פאַרשטייט ער אפילו נישט דעם פּראָסטן טײַטש.

הערשל איז נישט געגאַנגען צו קיין דאָקטוירים. שלאָפלאָזיקייט איז קיין קרענק נישט און מען גייט נישט מיט איר צו קיין דאָקטוירים. צו קיין דאָקטוירים איז ער נישט געגאַנגען, ס'האָבן אים נישט געפעלט קיין דאָקטוירים. יעדער איינער וואָס האָט אים געזען האָט אים געגעבן אַן עצה. דער האָט אים געראָטן, ער זאָל טרינקען טיי מיט קאָניאַק און מיט צוקער פאַרן שלאָף און דער האָט אים געראָטן, ער זאָל טרינקען שטאַרקן רום. אַ מאָל האָט ער געטאָן, ווי דער האָט אים געהייסן, און אַ מאָל, ווי יענער האָט אים געהייסן, און טייל מאָל, ווי ביידע האָבן אים געהייסן, ער האָט געטרונקען טיי מיט קאָניאַק פאַרן שלאָפן גיין און שטאַרקן רום, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אין מיטן דער נאַכט. צו מאָרגנס איז ער געווען קראַנק פון די רפואות. ווען נישט די קאַווע אין דער פרי און די קאַווע פאַר נאַכט, וואָלט ער זיך נישט געקענט האַלטן אויף די פיס.

ווער ס'שלאָפט נישט בײַ נאַכט, הערט אַ סך זאַכן. הינט בילן, אַ שיכּור זינגט, אַ וואָגן סקריפּעט אויף דער גאַס, און מענטשן גייען אַהיים פון אַ שמחהלע און רעדן הויך אויפן קול. אָבער די אַלע קולות, ווי זיי האָבן זיך אײַנגעשטילט, האָבן זיי זיך אײַנגעשטילט, אויסער דעם קרייען פון האָן, וואָס הערט זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. אַז הערשל ליגט זיך שלאָפן, מעג ער אפילו ליגן ווי אַ געהרגעטער, ווי ער דערמאָנט זיך נאָר דאָס דאָזיקע געלע קול, ווערט פון אים גלײַך אַוועקגענומען דער שלאָף.

ליגט הערשל אין בעט און ער פילט, ווי זײַנע שעהען און מינוטן גייען אַוועק אָן שלאָף. און ער שטאַרקט זיך און מאַכט צו די אויגן מיטן גאַנצן כּוח, אפשר וועט ער אײַנדרימלען, אפשר וועט ער שלאָפן. אין דער זעלבער צײַט שטייען אַלע הענער מיט אויפגעשטעלטע קאַמען און זייערע קולות הענגען זיי אויף די מײַלער, און פון מינעס בעט טראָגט זיך אַ וואַרעמער ריח, יענער ריח, וואָס וואָלט אים געדאַרפט ברענגען דעם שלאָף, נאָר מינע האָט צוגענומען פאַר זיך דעם גאַנצן שלאָף און גאָרנישט איבערגעלאָזט פאַר אים. ווו האָט זי זיך אויסגעלערנט אַזוי שלאָפן? אין איר פאַנסיאָן?

זי ליגט נאָזנדיק און זי גייט אָנגעטאָן אַ ראָז נאַכטהעמד פאַרבונדן מיט אַטלעסענע בענדלעך, ווי יענע העמדער, וואָס סאָפיע טוט אָן, ווען איר מאַן איז אין שטאָט. איר בוזעם גייט אויף און אָפּ און איר בויך איז גרויס. דער מאַן פון דער דאָזיקער מינע, וואָס איר בעט שטייט לעבן זײַן בעט, וואָלט בעצם געדאַרפט זײַן צופרידן פון איר. אויב, אָבער, ס'האַרץ ציט נישט צו איר, העלפט נישט דער שׂכל.

„וירא ה׳ כי שׂנואה לאה ליעקב״, און גאָט האָט געזען, אַז לאה איז אומבאַליבט ביי יעקבֿן. צוויי ווייבער האָט יעקבֿ אָבֿינו געהאַט, איינע האָט ער ליב געהאַט און איינע האָט ער ניט ליב געהאַט. איז דאָך אַ קשיא: פֿאַר וואָס האָט דער אייבערשטער אַזוי געמאַכט, איינע זאָל זיין באַליבט און איינע נישט? און נאָך עפּעס: פֿאַר וואָס האָט זיך יעקבֿ מזדווג געווען פֿריִער מיט דער, וואָס ער האָט זי נישט ליב געהאַט? צי כּדי ער זאָל זי נאָך מער פֿיינט האָבן? ווען זי וואָלט זיך נישט באַהאַפֿטן מיט אים, וואָלט ער זי דאָך נישט פֿיינט געהאַט. נאָר יעקבֿ האָט זוכה געווען און נאָך זיבן יאָר האָט מען אים אויך געגעבן די וואָס ער האָט ליב געהאַט. איצט לאָמיר זען, וואָס עס האָט געטאָן די וואָס ער האָט ליב געהאַט — פֿאַר די דודאים האָט זי יעקבֿם ליבשאַפֿט אָוועקגעגעבן דער וואָס ער האָט פֿיינט געהאַט.

„ולחנה יתּן מנה אחת אפּים״, און חנהן פֿלעג ער געבן אַ טאָפּלטן חלק. אלקנה האָט זוכה געווען און ער האָט מזכּה געווען חנהן מיט אַ טאָפּלטן חלק. און וואָס זאָל טאָן דער וואָס מען לאָזט אים גאָרנישט געבן דער וואָס ער האָט ליב, נאָר אַלץ גיט ער דער וואָס ער האָט פֿיינט?

גוט און שלעכט זענען געווען די דאָזיקע נאָכקלערענישן, שלעכט פֿאַר מינען און גוט פֿאַר הערשלען, ווייל דורך דעם וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין איין עניִן, איז ער פֿריי פֿון אַלע אַנדערע מחשבֿות. אָבער עס איז שוין נגזר געוואָרן אויף דעם דאָזיקן שלאָפֿלאָזן, ער זאָל נישט האָבן קיין רו, ווייל פּלוצלינג דערהערט זיך דאָס קרייען פֿון האָן און ער פֿאַרלירט דעם פֿאָדעם פֿון זיין געדאַנק. ווי דו זאָלסט זיך נישט צודעקן מיט דיין קאָלדרע, דרינגט אַדורך און עגבערט דאָס דאָזיקע קול. קוקט הערשל אויף זיין ווייב, וואָס איר בוזעם באַוועגט זיך אַרויף און אַראָפּ און אַ וואָרעמער ריח טראָגט זיך פֿון איר בעט, אַט דער ריח, וואָס דאַרף איינשלעפֿערן און שלעפֿערט דיך נישט איין. ווייל מינע האָט צוגענומען דעם גאַנצן שלאָף פֿאַר זיך און האָט גאָרנישט איבערגעלאָזט פֿאַר דיר.

ווי די סאַמע רו ליגט מינע לעבן הערשלען. זי אין איין בעט און ער אין איין בעט. די בעטן שטייען איינס לעבן אַנדערן און זיי זענען נישט ברייט און ער הערט יעדן אָטעם אירן. מינע רייסט אים נישט אָפּ פֿון זיין שלאָף, אָבער איר שלאָף רייסט אים אָפּ פֿון זיינע געדאַנקען. אָט האָט ער דאָך געטראַכט וועגן עפּעס אַן עניִן, פּלוצלינג האָט ער געהערט זי אָטעמען און דאָס האָט אים אַריבערגעטראָגן צו אַן אַנדער עניִן, ווי אַ שטייגער די מעשׂה מיט די שותּפֿים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין און איינער פֿון זיי איז געפֿונען געוואָרן אַ געהרגעטער, און מען האָט נישט געוווּסט, ווער ס׳האָט אים דערהרגעט. חושד זיין זיין שותּף האָט מען נישט געקענט, ווייל ער איז דאָך אַ ייִד אַ גבֿיר און אַ חסיד. אין אַ ציַיט אַרום איז ער געזעסן אין אַן אַכסניא און געשריבן אַ בריוול צו זיין ווייב, איז

א האָן ארויסגעשפּרונגען אויפֿן טיש און אָנגעפּאַסקודעט אויפֿן פּאַפּיר, האָט דער חסיד זיך געטאָן אַ שטעל אויף און פֿון גרויס כּעס צעריסן דעם האָן. איז דאָרט געווען איינער אַ שׂר, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם חסיד און געזאָגט: דו האָסט עס דערהרגעט דײַן שותּף. האָט מען דאָס נאָכגעפֿאָרשט און מען איז דערגאַנגען, אַז ער האָט אים טאַקע דערהרגעט.

אַ מענטש האָט זיך נישט אין די הענט, ווען ער איז בײַם כּעס אין די הענט. פּלוצלינג קען ער זיך אויפֿהייבן און אויסהרגענען אַלע הענער אויף דער וועלט. הערשל האָט גוט געטאָן, וואָס ער פֿלעג בײַ נאַכט באַהאַלטן זײַן מעסערל. האָט ער פֿאַרגעסן און עס נישט באַהאַלטן, פֿלעג ער זיך אויפֿ־הייבן און באַהאַלטן עס. ס׳איז גלײַכער פֿאַרן מענטשן אָפּצושטופּן דאָס פּורעניות.

קאָניאַק אין טיי, וואָס הערשל האָט געטרונקען פֿאַרן שלאָף, האָט אים נישט געבראַכט דעם שלאָף. אויך שטאַרקער רום העלפֿט נישט. סײַ ער טרינקט אים טראָפּנווײַז, סײַ ער טרינקט אויס דאָס גאַנצע פֿלעשל.

די אויגן זענען צו און דאָס האַרץ איז אָפֿן. דער גוף ליגט ווי אַ שטומער שטיין אויפֿן בעט און דער מוח בלאָנקעט אַרום איבער דער וועלט. אַלץ וואָס ער האָט געזען אָדער געהערט בײַ טאָג, האָט ער וועגן דעם געטראַכט אויף זײַן געלעגער בײַ נאַכט. זאַכן וואָס מען האָט פֿאַרשטעלט פֿאַר אים, האָבן זיך אויפֿגעפּראַלט. ער האָט קיין מאָל נישט געזען דאָס בילד פֿון זײַן מאַמעס ברודער, וואָס איז אַראָפּ פֿון זינען און נישט דאָס בילד פֿון איר זיידן, וואָס פֿלעג טרינקען טיי דורך אַ לעכל פֿון אַ היטל צוקער און אָנטאָן זיך אַ קוואָרט אויפֿן אָרט ווו מען לייגט תּפֿילין. אָבער אַז הערשל ליגט אויף זײַן געלעגער בײַ נאַכט, באַווײַזט זיך פֿאַר אים זייער געשטאַלט ממש ווי אויף דער וואָר.

אַ גרויסער שטורעם הענגט אויפֿן הימל. דיביימער אין וואַלד שטורעמען. פֿייגל און חיות האָבן זיך באַהאַלטן און ווערעמלעך און קריכעדיקע שטעקן נישט אַרויס דעם קאָפּ אין דרויסן, אויסער איין מענטש, וואָס גייט זיך איינער אַליין אין וואַלד, ווײַל ער האָט נישט קיין אַנדער מקום אויף דער וועלט. און ווער איז עס? דאָס איז הערשלס מאַמעס ברודער, וואָס די טאַטע־מאַמע זײַנע האָבן אים אַרויסגעטריבן פֿון שטוב, ווײַל ער איז אַראָפּ פֿון זייער וועג.

נישט יעדע נאַכט שטורעמט אויף דער בעל־הדמיונות דעם וואַלד. אַ מאָל שטייען די ביימער און שווײַגן און די זון רוט זיך אויס אויף זיי און פֿייגעלעך פֿליִען און פֿישטשען און גראָזן און שוועמלעך שמעקן, און זײַן פֿעטער, זײַן מאַמעס ברודער, ליגט זיך אַזוי און קוקט פֿאַר זיך אַ פֿריילעכער, וואָס ער איז איינער אַליין און האָט נישט קיין שום שייכות מיט מענטשן. אַז ער איז הונגעריק, קלויבט ער זיך אַן יאַגעדעס און עסט, און אַז ער איז דאָרשטיק, טרינקט ער וואַסער פֿונעם קוואַל, נישט ווי אַלע אַנדערע מענטשן.

וואָס האָבן זיך אויסגעקלערט הײַזער און געוועלבן און קונים און ווײַבער.

אַז הערשל וואַקלט זיך און באַקלאָגט זיך: אוי, דער קאָפּ איז מיר שווער, רײַבט אים מינע אײַן דעם שטערן מיט קעלניש וואַסער. די דאָזיקע שמע־קעדיקע וואַסערן מאַכן אים אַ ביסל לײַכטער, אָבער דעם ריח זייערן איז אים שווער צו פֿאַרטראָגן. טראַכט בײַ זיך הערשל: נאַפּאָלעאָן פֿלעג זיך באָדן אין קעלניש וואַסער, אָבער זײַן ליבשאַפֿט צו נאַפּאָלעאָנען האָט אים נישט ליב געמאַכט זײַנע שמעקעכצן.

אַז בערטע און צירל האָבן געזען הערשלס צער, וואָס ער שלאָפֿט נישט, האָבן זיי דורכגעקוקט זײַן בעט און האָבן עס אַליין אויסגעבעט. ווער ס'האָט זיי נישט געזען, ווי זיי קלאַפּן אויס זײַנע קישנס און זײַנע איבער־בעטן, האָט אין זײַן לעבן נישט געזען קיין ליבשאַפֿט פֿון ווײַבער. אָבער אַלץ וואָס זיי האָבן נישט געטאָן, האָט נישט געהאָלפֿן. נאָר בלימע אַליין טויג זיך אוים צו בעטן אַ בעט, אַ ראיה האָסטו, אַז די גאַנצע צײַט, וואָס בלימע האָט בײַ זיי געדינט, פֿלעג ער שלאָפֿן. אַז בלימע איז אַוועק, איז אַוועק פֿון אים דער שלאָף.

נאָך עפּעס האָט הערשל געטאָן, ער פֿלעג אײַנטונקען וואַטע אין בוימל און זיך דערמיט פֿאַרשטאָפּן די אויערן. אויב ער האָט מיט די אויערן נישט געהערט — האָט ער געהערט מיטן גאַנצן גוף. אַז ס'איז דורכגעפֿאָרן אַ פֿור, אָדער אַז דער האָן האָט געקרייעט, האָבן זײַנע קני גענומען ציטערן, ווי דער באַשעפֿער וואָלט אין זיי אַרײַנגעגעבן דעם חוש־השמיעה.

זײַנע הענט און פֿיס זענען שלאַבעריק, ער וויל זיי באַוועגן און זיי זענען שווער. יעדער ריר קומט אים אָן שווער, אַפֿילו איבער דעם קלענסטן גליד זײַנעם איז ער נישט קיין בעל־בית. און די גאַנצע צײַט שטעכן אים די שלייפֿן ווי שפּיסלעך.

אַ שטיק צײַט האָט ער זיך אַזוי געפּלאָגט, ביז ער איז געגאַנגען צו אַ דאָקטער.

קאפיטל 25

דאס ווארטצימער פונעם דאקטער, צו וועלכן הערשל איז געגאנגען, איז געווען ווי א לאנגער קארידאר, וואס זיין פענצטער איז פארמויערט און די ראם פונעם פענצטער איז צעבראכן און א גרויס בילד הענגט דארט פון א קראנקן, וואס זיין בויך איז געשוואלן און א דאקטער און זיינע אסיסטענטן שטייען איבער אים. און א קיילעכדיק טישל איז געשטאנען אין מיטן און אויף אים זענען אנגעלייגט אילוסטרירטע פראספעקטן פון סאנאטאריעס אין דייטשלאנד, און ס'פילט זיך פון זיי א ריח פון קארבאל. ווען ער איז אריינגעקומען, זענען דארט געזעסן דריי פרויען און האבן זיך געסודעט צווישן זיך. לעבן זיי איז געזעסן אן אויסגעדארטער און אויפגערעגטער מענטש, וואס האט מיט דער האנט געריבן א פארלאשענעם סיגארעט און האט אריינגעשפיגן אין נאזטיכל אריין. כלערליי קרענקען, וואס הערשל האט געהאט געהערט וועגן זיי, האט ער געזען אין דעם דאזיקן מענטשן, אז עס האט אים אזש געעיפושט. האט הערשל ארויסגענומען א סיגארעט צו פארשלאגן דעם ריח, און ער האט אים צוריק אריינגעלייגט אין קעשענע אריין, אז יענער זאל נישט צוקומען פארדייכערן ביי אים זיין סיגארעט.

אין דעם האט דער קראנקער א שלוקערץ געטאן. האט הערשל פארמאכט דאס מויל און ארויסגעלאזט דעם אטעם דורך דער נאז, און ער האט איינגעצויגן דעם האלדז, אז יענעמס ריח זאל נישט אריין צו אים אין מאגן אריין. האט דער קראנקער א קוק געטאן אויף אים, ווי איינער זאגט: האסט געזען מיין בראד, האסט געזען, וואס ס'הייסט צרות.

ס'האט זיך אויפגעעפנט דעם דאקטערס קאבינעט און ס'איז ארויסגעגאנגען א פריילעכע, א שיינע פרוי. ווייזט אויס, אז זי האט געהאט א שווערע קרענק און זי האט זיך אויסגעהיילט. האט זיך הערשל געטראכט: ווער ס'האט זי אויסגעהיילט, וועט מיך אויסהיילן. דער דאקטער האט אראפגענומען די ברילן פון דער נאז און האט זיי אויסגעווישט מיט די פאלעס פון זיין ווייסן כאלאט און געפרעגט: ווער קומט איצט? האבן זיך אלע דריי פרויען גלייכצייטיק אויפגעשטעלט און זענען שטיין געבליבן. האט דער דאקטער געפרעגט די פרויען: ווער איז געקומען פריער? האט זיך געגעבן א שטעל אויף דער קראנקער און ער האט א קוק געטאן אויף זיי מיט כעס, און ער האט געוויזן מיטן פינגער אויף זיין הארץ און געזאגט: איך בין געקומען פאר זיי.

האט זיך הערשל געפרעגט ביי זיך, נאך דעם ווי דער דאקטער האט פארמאכט די טיר: וואס האב איך געוואלט טאן, רייכערן א סיגארעט האב

איך געוואָלט. האָט ער אַרויסגענומען טיטון און ביבולע־פּאַפּיר אויף צו מאַכן זיך אַ סיגאַרעט, ווײַל דער פּריזערדיקער איז צעריבן געוואָרן. איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרדרייען דעם סיגאַרעט, איז אים אײַנגעפאַלן: אפשר פאַרטראָגן נישט די פרויען דעם ריח פון טיטון און דעריבער האָט דער קראַנקער געהאַלטן אין זײַן האַנט אַ פאַרלאָשענעם האַלבן סיגאַרעט, ווײַל זיי האָבן זיך געבייזערט אויף אים, פאַר וואָס ער רייכערט און ער האָט אים געמוזט פאַרלעשן. אָדער אפשר איז עס גאָרנישט צוליב דעם, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין שוועבעלע. טייל מאָל ווילסטו רייכערן און דו האָסט נישט קיין פײַער. אַ מענטש דאַרף האַלטן בײַ זיך שוועבעלעך. מאָדנע בין איך געווען אין זײַנע אויגן יענע נאַכט, ווען איך בין געשטאַנען בײַ גילדנהאָרנען אין שטוב און איך האָב געוואָלט רייכערן און איך האָב נישט געהאַט קיין שוועבעלע. ווען מינע וואָלט נישט אַרײַנגעקומען... וואָס האָב איך פריער געזאָגט: יעדער מאָדערנער מענטש דאַרף האַלטן בײַ זיך שוועבעלעך. אַזוי ווי דער אָדם הקדמון האָט געהיט דאָס פײַער, אַזוי דאַרפן מיר היטן די שוועבעלעך. דאָס שוועבעלע איז ווי דאָס פײַער פונעם אָדם הראשון.

ווידער האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַרויסגעקומען יענער קראַנקער. זײַן פנים איז געווען פאַרצוקט. קיין ברעקל פרייד האָט מען נישט אָנגעזען אויף זײַן פנים. הייסט עס, אַז ס'איז נישטאָ קיין רפואה פאַר אים. צי האָט אים דער דאָקטער נישט אַ ביסל לײַכטער געמאַכט אויפן האַרצן? אָבער דער דאָזיקער דאָקטער לייקנט נישט, אַפילו אַ שווער קראַנקן. ס'איז בעסער, אַז דער קראַנקער זאָל וויסן דעם אמת. גוט וואָס איך בין געקומען אַהער, דער דאָזיקער דאָקטער וועט מיר זאָגן, וואָס איך האָב צו טאָן. אוי, ווען וועט שוין קומען מײַן ריי און איך וועל אַרײַנגיין צו אים. דרײַ פרויען וואַרטן נאָך אַרײַנצוקומען, דרײַ פרויען, מיט יעדער איינער וועט זיך דער דאָקטער פאַרנעמען צען מינוט, קומט אויס, אַז איך האָב נאָך אַ האַלבע שעה צו וואַרטן.

ווי ער טראַכט אַזוי, איז אַרויס דער דאָקטער פון זײַן צימער. ער האָט זיך אויסגעווישט די ברילן און געפרעגט זיך: ווער איז געקומען פריער? ווידער האָבן זיך געטאָן אַ שטעל אויף אַלע צוזאַמען און אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, ווײַל אַלע דרײַ זענען געקומען וועגן איין עניין, ווײַל איינע איז קראַנק און צוויי זײַנען אירע קרובות.

האָט דער דאָקטער אַ שמייכל געטאָן צו הערשלען און געזאָגט צו די פרויען: ביטע. הערשלס פנים איז רויט געוואָרן און ער האָט זיך געוואָלט אויס־טײַטשן דעם דאָקטערס שמייכל. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און ס'זענען אַרויסגעקומען צוויי און איינע איז געבליבן מיטן דאָקטער. פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קוויטש פון אינעווייניק. אָדער דער דאָקטער האָט אויפ־געשניטן די מכה בײַ יענער פרוי, אָדער ער האָט איר אויסגעזאָגט איר קרענק. פרויען קענען נישט הערן דעם אמת, אַפילו ווען דאָס איז זייער

רפואה. און איך, אויב דער דאָקטער וועט אויסגעפינען, אַז איך בין קראַנק, וועל איך זײַנע ווערטער אויפנעמען רויִק? ווי שווער ס'קומט אַן אַזוי צו זיצן. די לופט ברענגט אויף מיר דעם שלאָף. נישט קיין שלאָף, ווײַל איך האָב דאָך שוין פאַרגעסן, וואָס עס הייסט אַזוינס שלאָפן, נאָר די ווינעם פון מײַנע אויגן קלעבן זיך צו. אפשר איז דאָ פאַראַן אַזאַ מין מעדיצין, וואָס פאַרמאַכט מײַנע אויגן. איך שלאָף נישט, איך שלאָף נישט, נאָר מײַנע ווינעם פלאָנטערן זיך אײנע אין דער אַנדערער. אַ מין לײַכט כראָפּען איז אַרויס פון הערשלס מויל. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער און ער האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן. אַ גוטער דאָקטער, אַפילו דאָס צימער זײַנס שלעפערט אײַן. איז מעגלעך אַז אַ מענטש זאָל חלומען בײַ טאָג? ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז ער שלאָפט. אויב אָבער ער שלאָפט נישט, ווי קאָן געמאָלט זײַן, אַז ער זאָל חלומען? איך בין געווען פאַרטאָן אין טראַכטן און ס'דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך האָב געחלומט.

וואָס האָב איך געטראַכט? איך האָב געטראַכט, אַז ס'האָט זיך אָפּגעריסן אַ קנאָפּ פון מײַן מלבוש און מײַנע נייט אים צו און איך שטיי און קײַ אַ פאָדעם. און צי קײַ איך דעם פאָדעם, ווײַל קײַען אַ פאָדעם איז אַ סגולה פאַרן זכרון? איך שפּײַ אים אויס. אָבער דער פאָדעם גייט נישט אַרויס, נאָר אַ כראָפּען טראָגט זיך פון מײַן נאָז. איך האָב אוודאי געדרימלט און דערווײַל איז געקומען אַן אַנדערער קראַנקער, און נאָך אים וועט קומען אַן אַנדערער, און נאָך יענעם וועט קומען אַן אַנדערער, צום סוף וועט זיך דער דאָקטער אַוועקגיין און וועט מיך נישט באַמערקן. איך וועל אַ הוסט טאָן און ער וועט מיך דערזען. אַז ער האָט געוואָלט הוסטן, איז פון זײַן הוסטן געוואָרן אַ כראָפּען.

דער דאָקטער האָט אויסגעהערט הערשלען ווי איינער וואָס הערט אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געהערט. קיין איין מאָל, אַפילו, האָט ער אים נישט איבערגעריסן. צום סוף האָט ער אים געהייסן גיין אַ סך שפּאַצירן אויף פרישער לופט, ווײַל פרישע לופט דערקוויקט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם קערפּער, און גיט צו כּוח, און מאַכט אַן אַפּעטיט צום עסן, און איז גוט פאַרן פאַרדייען, און ברענגט צו שלאָף. אויך האָט ער געהייסן זיך אײַנרײַבן דעם קערפּער מיט קאַלט וואַסער פאַרן שלאָף און טרינקען וואַרעמע מילך און נישט נעמען קיין פּראַשקעס צום שלאָפן, ווײַל ווער עס געוווינט זיך צו צו זיי, קען שוין אָן זיי נישט שלאָפן. דער סוף איז, אַז זיי פאַרסמען דעם גוף און שוואַכן אים אָפּ און זײַן ווילן ווערט שוואַכער.

די ישועה זײַנע איז נישט געקומען פון דעם, וואָס דער דאָקטער האָט אים געהייסן טאָן. וויפל שפּאַצירן האָט ער שוין געמאַכט פאַר דעם און ס'האָט נישט געהאָלפן; וויפל מילך האָט ער שוין געטרונקען פאַר דעם און ס'האָט נישט געהאָלפן. דאַכט זיך מיר, האָט זיך הערשל געטראַכט, אַז דעם דאָק־

טערם קאבינעט טויג מער פון זיינע רפואות, ווייל דער קאבינעט האט מיר געבראכט דעם שלאף און זיי, די רפואות, העלפן גארנישט.

דער דאקטער, וואס איז געקומען צו מינען, האט געזען הערשלס צרה און ער האט אים פארשריבן א שלאפמיטל. ער האט געזאגט: דעמס קערפער האט פארגעסן, וואס ס'הייסט שלאפן און מען דארף אים צוריקברענגען זיין שלאף, ער וועט איין מאל, צוויי מאל נעמען א פראשיק צום שלאפן, ביז ער וועט זיך צוגעוויינען צו שלאפן. דערנאך וועט ער שוין שלאפן אן דעם. א נאכט נישט שלאפן שאט דעם קערפער מער, ווי ס'קען שאטן א לעק פראשיק.

אזוי ווי ער האט פריער געפאלגט, וואס יענער דאקטער האט געהייסן, אזוי האט ער דערנאך געפאלגט, וואס דער דאקטער האט געהייסן. ווי נאר ס'איז פינצטער געווארן, פלעג ער איבערלאזן דאס געשעפט און אהיימגיין גרייטן זיך צום שלאפן. איידער ס'איז נאך אוועק די ערשטע טייל נאכט, איז ער שוין געלעגן אין בעט. טייל מאל איז געקומען זיין מאמע און באטראכט, צי דאס בעט איז געבעט ווי ס'דארף צו זיין, און זי האט אים געגעבן אויף צו שלאפן און אים צוגעווונטשן, ער זאל האבן א גוטן און זיסן שלאף, און זי איז אהיימגעגאנגען און מינע האט פארלאשן ס'ליכט.

די פירהאנגען אויף די פענצטער שלענגלען זיך אראפ ביז אונטן און אין צימער איז פינצטער ווי אין א קבר. הערשל האט פארמאכט די אויגן און געזאגט צו זיך: איך דרימל, איך שלאף. די נאכט וועט קיין שום זאך מיך נישט אפרייסן פון שלאף. דער לאמפ ברענט נישט און מינע ליגט, און די פירהאנגען זענען אראפגעלאזט, און אין צימער איז פינצטער. פלוצלינג איז אים באפאלן א געדאנק, אז ער איז בלינד געווארן און ס'צימער איז פאר אים פינצטער געווארן. האט ער מיט א שרעק געעפנט זיינע אויגן, אומעטום ווו ער ווענדט זיי — א פינצטערניש. דערשרעקט זיך הערשל און ער שטעלט זיך אויף און קוקט פאר זיך, ביז די שויבן פון די פענצטער און דער לאמפ הייבן אן ארויסבליאסקען פון דער פינצטערניש ארויס און ער פארשטייט, אז ער איז נישט בלינד געווארן. אבער אזוי ווי ער האט זיך אויפגעריסן פון זיין ארט, איז ער געווארן אויפגערעגט און ער קען שוין נישט איינשלאפן.

טראכט ביי זיך הערשל: איך, וואס יעדע זאך וואס איך זע און טראכט צעטארקעט מיך, טאר נישט שלאפן אין דער פינצטער. איך גיי אראפ און הייב אויף דעם פירהאנג. ביז ער גייט אראפ, קומען אויף פון דער פינצטערניש די זאכן אין שטוב, און נישט בלויז די שטובזאכן, נאר אלץ וואס גייט פארביי אין דרויסן, א מענטש און א לאמטערן, א פערד און וואגן, צעבלינצלען זיך פאר זיינע אויגן.

די צוויי פראשקעס אויף צו שלאפן, וואס הערשל האט איינגענומען, זענען אים געשטאנען אין האלדז, נישט אראפצושלינגען און נישט אויס-

צושפּײַען. צום סוף זענען זיי זיך צעגאַנגען און זענען אַראָפּ. מינע איז געלעגן אויף איר געלעגער און האָט זיך באמיט וואָס ווייניקער זיך צו באַוועגן, כּדי נישט אויפצוּוועקן הערשלען, און הערשל איז געלעגן און געטראַכט בײַ זיך: ווען וועלן שוין די פּראַשקעס טאָן זייערס. אָט טוט אים שוין באַנג, וואָס ער האָט גענומען די פּראַשקעס, ווײַל איין דאָקטער האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט נעמען, און אָט טוט אים באַנג, ווײַל ס'איז אים שווער צו וואַרטן, ביז ער וועט אײַנשלאָפֿן. ווען נישט די צוויי פּראַשקעס, וואָלט ער גענומען אַ ביכל און געלייענט. ווער ווייסט, ווען זיי וועלן טאָן זייערס. די פּראַשקעס אויף צו שלאָפֿן, וואָס הערשל נעמט דורכן מויל און זיי צעגייען זיך אין זײַנע געדערעם, זענען שטאַרקע און זיי מוזן ווירקן.

אַ האַלבע שעה איז פֿאַרבײַ און ער איז נישט אײַנגעשלאָפֿן. נישט אַנדערש, נאָר די פּראַשקעס האָבן נאָך גאָרנישט אויפֿגעטאָן. אָדער, אפֿשר, איז ער גאָר נישט אויף, נאָר ס'דאַכט זיך אים, אַז ער איז אויף, פּונקט ווי ס'האָט מיט אים פּאַסירט בײַם דאָקטער, וואָס ער האָט געמיינט אויף זיך, אַז ער איז אויף, בשעת ער האָט גאָר געדרימלט.

ס'איז גוט געווען הערשלען צו דערמאָנען זיך יענעם שלאָף, וואָס ער האָט געכאַפּט אין וואַרטצימער פֿון דאָקטער, ווײַל דאָס איז געווען פֿאַר אים אַ ראיה, אַז ער האָט נאָך נישט פֿאַרגעסן, ווי מ'שלאָפֿט. שלאָפֿן, שלאָפֿן און שלאָפֿן — דאָס איז דער איינציקער ציל, שלאָפֿן און פֿאַרגעסן אַלע פּלאָגן פֿונעם טאָג. אָבער ער קען נישט שלאָפֿן. יעדע נאַכט איז ער אויף. באַטש זײַנע אויגן זענען צו, איז ער אויף. דער זייגער שלאָגט, אַ שעה גייט אַוועק און ס'הייבט זיך אָן אַ נײַע שעה. וואָלט ער נישט אײַנגענומען די פּראַשקעס, וואָלט ער אַראָפּגעגאַנגען און אָפּגעשטעלט דעם זייגער, וואָס רייצט זיך מיט אים אַ גאַנצע נאַכט.

אָבער איין מעלה האָבן זיי, די פּראַשקעס, וואָס אַז ער נעמט זיי אײַן, הערט מינע אויף צו רעדן און זי שווײַגט. ס'איז ווידער אַריבער אַ שעה. איך האָב גאָרנישט נישט געטראַכט און ס'איז שוין אַריבער אַ שעה. ווי ס'זאָל נישט זײַן, פֿריי איך זיך, ווײַל ביז דער זייגער וועט ווידער אַ מאָל קלינגען, האָב איך פֿאַר זיך אַ גאַנצע שעה. דערווײַל וועל איך שלאָפֿן און שטאַרקן מײַן גוף. ווער זאָגט דען, אַז מען דאַרף שלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט, די עטלעכע מינוט, וואָס איך בין געשלאָפֿן בײַם דאָקטער, זענען פֿאַר מיר ווערט געווען מער ווי אַלע נעכט. איידער ער פֿאַרמאַכט די אויגן, קרייעט שוין דער האָן ווידער אַ מאָל.

די הענט און פֿיס זענען בײַ אים ווי געליימט און דער האַלדז איז בײַ אים ווי געלעכערט טייג, וואָס איז באַפּרישעט געוואָרן מיט זאַמד. אפֿשר, אַז דאָס איבערבלײַבעכץ פֿון די פּראַשקעס קרעלט אים אין האַלדז, אָדער אפֿשר גאָר האָט ער געשוויצט און ער האָט זיך פֿאַרקילט. נאָר אַ גלאָז

קאַווע קען אים דערכאַפּן דאָס חיות. אַזוי ווי ער האָט זיך דערמאַנט אין קאַווע, האָט ער זיך דערמאַנט איר ריח; אַזוי ווי ער האָט זיך דערמאַנט איר ריח, האָט ער זיך דערמאַנט, ווי זי זעט אויס אין גלאָז, און ווען זי איז נאָך גאָר קערלעך, פאַרן ברענען זיי און נאָכן ברענען זיי, די זעק קאַווע, וואָס מען לאָדט אָפּ פון דער באַן־סטאַציע אין געוועלב אַרײַן, די זעק אַליין און די מײַז, ווי זיי גראַבלען אין די זעק. אָט איז זיך דורכגעלאָפן אַ מויז און באַהאַלטן זיך אין אַ זאַק, און הערשל האָט אַן עפּן געטאָן דעם זאַק און די מויז האָט געגעבן אַ שפרונג אַרײַן צו הערשלען אין מויל אַרײַן און הערשל האָט פאַרמאַכט דאָס מויל און די מויז איז געבליבן אינעווייניק, דרייט מיטן עק אין דרויסן און קיצלט הערשלס נאָזלעכער, ביז ער דרימלט אײַן.

הערשל איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי ווי איינער וואָס מען האָט אים אײַנגעגעבן אָפּיום. אַ שווערע קוטשמע דריקט זײַן קאָפּ און אירע ראַנדן גרייכן איבער זײַנע אויגן. אַז מען רעדט צו אים, הערט ער נישט, בלויז אַ טעמפּ ווידערקול הערט ער. אויב ער וועט נישט טרינקען אַ גלאָז שטאַרקע און שאַרפע קאַווע, איז נישטאָ קיין האָפענונג, ער זאָל קומען צו זיך. אָבער ווער וועט דאָ מאַכן אַ גלאָז קאַווע? מילך, וואָס מען האָט אָפּגעפאַרבט מיט קאַווע, הייסט בײַ זיי קאַווע. איין מאָל, נאָך זײַן חתונה, איז אים אויסגעקומען צו זײַן אין סטאַניסלע און ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין אַ קאַפעהויז און ער האָט געטרונקען אמתע קאַווע. אויך אין שיבוש פעלט נישט קיין קאַפעהויז, אָבער אַ לײַטישער מענטש גייט אַהין נישט אַרײַן.

זאָגט הערשל צו זיך אַליין: שוין צײַט צו גיין אין שול אַרײַן און איך טראַכט גאָר וועגן קאַפעהײַזער. אָבער צי איז עס דען אַן עבֿירה צו זיצן אין אַ קאַפעהויז? נאָר דאָס איז שוין אַ זאַך ווי ס'איז אָנגענומען. אין שיבוש וועט אַ לײַטישער בעל־בית נישט אַרײַנגיין אין אַ קאַפעהויז. דערפאַר אין אַן אַנדערער שטאָט גייט ער דווקא יאָ.

איז געווען אַ גרויסער טעות פון הערשלען צו זאָגן, אַז אין שיבוש איז נישט בנמצא קיין גוט גלאָז קאַווע. סאָפיע גילדנהאָרן האָט געוווּסט, ווי מען מאַכט קאַווע, וואָס איר ריח בלויז קען אויפוועקן אַ מת פון עם קבֿר, און זי האָט אויסגעלערנט מינען און צירלען און בערטען. און די דינסט, זיי זאָלן הערשלען מאַכן קאַווע, און זיי מאַכן אים צו יעדער צײַט און צו יעדער מינוט.

די קאַווע איז ברוין און הייס, וועקט אויף דאָס האַרץ און דערפרישט דעם געדאַנק; שווער ווי בלײַ ביסטו געווען, האָסט געטרונקען אַ גלאָז קאַווע און דו ביסט גרינג ווי אַ פייגעלע. ווען בלימע וואָלט געזען הערשלען, וואָלט זי זיך געוווּנדערט. אָבער בלימע זעט נישט הערשלען, זי איז נישט ווי

הערשל און זי טראַכט נישט וועגן אַנדערע, אַוודאי נישט וועגן הערשלען. מען קען נישט זאָגן, אַז זי האָט פֿאַרגעסן הערשלען, נאָר זי האָט אים באַזײַטיקט פֿון איר האַרצן. און נישט בלויז אים, נאָר זײַן טאַטנס גאַנצע משפּחה מיט די משרתים. עס האָט זיך אַ מאָל געמאַכט, אַז געצל שטיין האָט איר געשריבן אַ בריוול און זי האָט אים נישט געענטפֿערט, און אַז ער האָט זי באַגעגנט און געפֿרעגט: וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער גיסטו מיר, האָט זי געענטפֿערט: נישטאָ וואָס צו ענטפֿערן.

וואָס וויל זי, בלימע? אפֿשר אַ פּרינץ וויל זי? בלימע זוכט נישט קיין פּרינצן און אַפֿילו נישט דעם דאָקטער קנאַבנהוט, וואָס גריסט זיך צו איר גאָר העפֿלעך. בלימע זוכט נישט קנאַבנהוטן און קנאַבנהוט זוכט נישט בלימען. קנאַבנהוט האָט זיך שוין אַליין אָפּגעזאָגט לטובֿת הכּלל און ער האַלט בײַם חתונה האָבן מיט אַ מיידל פֿון אַ רײַכער שטוב, כּדי ער זאָל נישט זײַן אָפּהענגיק פֿון אַנדערע און ער זאָל זײַן פֿרײַ פֿאַר זײַנע פּאַר־טייִשע געשעפֿטן. אויך בלימע האָט מוותּר געווען אויף זיך אַליין, אַ סימן האָסטו, אַז זי האָט מוותּר געווען, זי זאָגט: נישט יעדע פֿרוי דאַרף חתונה האָבן, נישט יעדע — אויך זי אַרײַנגערעכנט.

מינע איז געלעגן אין בעט. מיטן וואַקס פֿונעם קינד, וואָס זי טראָגט אין זיך, ווערט זי אַליין אַלץ מער צעוואַקסן. מען קען נישט זאָגן, אַז מינע פֿרייט זיך מיטן קינד, וואָס זי דאַרף ברענגען אויף דער וועלט. דער אומעט, וואָס קוקט אַרויס פֿון הערשלען, קען נישט דערפֿרייען זײַן ווײַב. זיי האָבן נאָך רעכט נישט גערעדט וועגן זייער קינד, וואָס האַלט בײַם קומען אויף דער וועלט, כאָטש מינע איז שוין אין גאַנצן נישט מער ווי אַ דירה פֿאַרן קינד. אויך הערשל פֿרעגט זיך נישט: וואָס וועט זײַן פֿון דעם קינד, צי וועט עס אויסוואַקסן אַ מענטש, זײַן שיין, קלוג און רײַך?

זינט ווען הערשל האָט אָנגעהויבן טרינקען אַזאַ קאַווע ווי די וואָס פֿרוי גילדנ־האָרן מאַכט, איז ער שטענדיק ניכטער בײַ טאָג און אין אָוונט איז ער גאָר באַזונדערס וואַכעדיק. די דאָזיקע וואַכעדיקייט ברענגט אים אַרויס פֿון די כּלים. ער האָט שוין אויפֿגעהערט לייגן זיך תּחילת נאַכט און ער האָט ווידער אָנגעהויבן גיין שפּאַצירן. נישט ווי פֿריִער און נישט אויף די פֿריִערדיקע ערטער. דאָס גאַנצע שפּאַצירן גיין הערשלס איז נאָר כּדי זיך אַרויסצובאַפֿרײַען פֿון זײַן בעט, וואָס פֿאַרטראָגט נישט זײַנע ביינער און גיט אים נישט קיין רו. ער האָט זיך שוין מיאש געווען, הערשל, פֿון שלאָף. די הויפּטזאַך בײַ הערשלען איז, ער זאָל וואָס ווייניקער דאַרפֿן ליגן אין בעט.

מינע איז געלעגן אין איר אָנטועכץ און האַלב געדרימלט. יענע נאַכט איז זי געווען זייער אָפּגעשוואַכט און זי האָט נישט געגעסן. הערשל האָט געגעסן וועטשערע אַליין און געבענטשט. דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגע־

הויבן און ער האָט אָוועקגעשטעלט אַ גלאָז וואַסער בײַ זײַן בעט און איבערגעדעקט דאָס גלאָז מיט אַ טעלערל און אָוועקגעלייגט דערויף אַ טאָפּלטע פּאָרציע פּראָשקעס צום שלאָפֿן, און ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און אַראָפּגעדרייט דעם קנויט אין לאָמפּ און האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין.

האָט מינע געפֿרעגט הערשלען: ווּהין גייסטו? האָט ער איר געענטפֿערט: ווּהין איך גיי? דו ווייסט דאָך, אַז איך גיי שפּאַצירן, ווי דו פֿאַרלאַנגסט און ווי ס'פֿאַרלאַנגען אַלע וואָס זענען אויסן מײַן גוטס און זאָגן, אַז איך דאַרף גיין שפּאַצירן. גיי איך שפּאַצירן.

אַז ער האָט שוין געהאַלטן בײַם אַרויסגיין, האָט זי געזאָגט: גיי, זאָל דיר ווויל באַקומען! נאָר איך זאָג דיר, אַז ס'קען ווײַטער אַזוי נישט גיין. איך ווייס, אַז איך וועל דיך איבערלעבן; אַסור זאָל מיר זײַן, אויב דו ביסט מיר דערעסן געוואָרן; אָבער איך זאָג דיר, כּדי דו זאָלסט וויסן, אַז דו ווערסט מיך נישט אַזוי גיך פּטור, און דעריבער וויל איך וויסן, ווי זעסטו אונדזער קומענדיק לעבן. איך בין גרייט אויף אַלץ וואָס דו וועסט מיר זאָגן, אַבי דו זאָלסט עפּעס זאָגן. דײַן שווײַגן לייגט מיך אַוועק. דו ביסט אַ מענטש מיט אַ האַרץ און דו דאַרפֿסט וויסן, אַז אַזוי קען עס ווײַטער נישט גיין. איך האָב שוין מיט דיר געוואָלט רעדן דעריבער, נאָר איך האָב זיך געטראַכט: אפֿשר וועסטו אַנדערש ווערן. אַזוי ווי אָבער איך זע, אַז דו ווערסט נישט אַנדערש, מוז איך דיר זאָגן, וואָס איך טראַכט. שפּאַצירן גייסטו, אַדרבא, גיי! אויפֿן וועג וועסטו האָבן צײַט אַרײַנצו־טראַכטן אין דעם וואָס איך האָב דיר געזאָגט. איך בעט דיך, הײנריך: זאָג דעם מײדל, אַז איך דאַרף זי נישט הײַנט. איך וועל זיך אַליין אויסטאָן. וואָס קען דאָס זײַן, וואָס די מאַמע האָט זיך הײַנט נישט געוויזן. אַ גוטע נאַכט, הײנריך. דו דאַרפֿסט זיך נישט באַמיִען צו גיין שטיל, ווען דו קומסט אַהײם, און דו מעגסט אַרויפֿדרייען דעם קנויט אין לאָמפּ. איך שלאָף ברוך השם גענוג, הלוואַי וואָלטסטו אַזוי געשלאָפֿן ווי איך.

קאַפּיטל 26

הערשל איז, ווי זיין שטייגער, אויפגעשטאַנען פרי צום דאַווענען. ער איז געווען אויפגעלעבט מער ווי ווען ס'איז, און זיינע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד. אפילו אין זיין וואַשן זיך דאָס פּנים מיט די הענט און אינעם אָנטאָן זיך איז געווען קענטיק זיין פרייד. ווי דער שטייגער פון די פרייליכע, וואָס נעמען אויף זייער פרייד און פרעגן נישט, פאַר וואָס און פאַר ווען, אַזוי האָט הערשל אויפגענומען זיין פרייד און נישט געפרעגט, פאַר וואָס און פאַר ווען. ס'האָט אים ווי געטאָן דער קאָפּ און ער האָט אָנגענומען זיינע ווייטיקן פאַר ליב, ווייל ער האָט אין זיי געזען אַ באַווייז, אַז כאָטש זיין גוף איז קראַנק, איז זיין נשמה געזונט, ווייל וואָלט זיין נשמה נישט געזונט געווען, וואָלט ער דען געפילט די ווייטיקן פון גוף?

אַז ער האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין, האָט זיך מינע אויפגעכאַפּט. אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז ער קען זיך נישט אַרויסדרייען פון איר, איז ער שטיין געבליבן. האָט מינע געעפנט די אויגן, אַ גענעץ געטאָן און געפרעגט: ביסט געשלאָפן, היינריך? גלייך האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים זיין פרייד און זיינע אויגן זענען רויט געוואָרן פון כעס. ווען זי וואָלט אַ קוק געגעבן אויף אים, וואָלט זי אויפגעציטערט. ער האָט גלייך איינגעהאַלטן זיין כעס און געוויזן איר אַ גוטע מינע.

האָט מינע געפרעגט איר מאַן: ס'טוט דיר ווי דער קאָפּ, היינריך?

האָט הערשל געענטפערט און געזאָגט: איך בעט דיך, מינע, וואָס בין איך דען אַ קאַפּווייטיק, דורך די ווייטיקן מיינע ווייס איך דאָך, אַז איך לעב.

האָט מינע אויסגעשטרעקט איר האַנט צו אַ פלעשל קעלניש וואַסער און געזאָגט: אפשר וועסטו זיך איינרייבן דיין שטערן, היינריך?

האָט הערשל געקוקט אויף איר מיט ליבשאַפט און געזאָגט: איך קען דאָס טאָן, אָבער נישט איצט. איך גיי דאָך אין שול אַריין, און די ייִדן, וואָס קומען דאַווענען, זענען נישט געוווינט צו קיין ריחות פון אָדעקאָלאָן, און אויב איך וועל איינרייבן מיין שטערן מיט אָדעקאָלאָן, וועט פון מיר גיין דער ריח. און וואָס וועלן מענטשן זאָגן: זע נאַר, דער ריח זיינער איז אַן אויסטערלישער, גאָרנישט ווי פון אַלע אַנדערע מענטשן. דאַרפסט אפשר עפּעס? איך בין דיר גרייט צו העלפן.

האָט מינע געזאָגט: אַ שיינעם דאַנק, היינריך, איך דאַרף גאָרנישט.

האָט הערשל געזאָגט: אויב אַזוי, קען איך גיין.

האָט מינע געזאָגט: גיי געזונטערהייט, היינריך.

האָט הערשל געזאָגט: אויב אַזוי, אַדיע.

האָט מינע געזאָגט: אַדיע. איך בעט דיך, היינריך, זאָג דעם מיידל, אַז איך שטיי אויף.

האָט הערשל געזאָגט: דו זעסט, מינע, דו האָסט געזאָגט: איך דאַרף גאָרנישט און צום סוף זאָגסטו דאָס. ווער ווייסט, וואָס דו האָסט געהאַט בדעה צו זאָגן אין מיטן. פון אַזוי פיל רעדן האָב איך פאַרגעסן דעם עיקר. כ'בעט דיך, מינע, האָב נישט קיין פאַראיבל אויף מיר, אויב איך וועל דיר זאָגן, אַז איך האָב פאַרגעסן, וואָס דו האָסט מיר געהייסן זאָגן דעם מיידל?

האָט מינע געזאָגט: זײַ אַזוי גוט און זאָג איר, אַז איך שטיי אויף.

האָט הערשל געקוקט אויף מינען מיט אַ מאָדנער שטוינונג, ווי איינער, וואָס הערט עפּעס אַן אויסטערלישע זאַך און ווערט פאַרחידושט. ווידער האָבן זײַנע אויגן מאָדנע אויפגעלויכטן און ער האָט געזאָגט: דו שטייסט אויף, מינע, דו שטייסט אויף? איך זאָג דיר צו, מינע, אַז איך וועל זאָגן דעם מיידל אַלץ וואָס דו האָסט מיר געהייסן, נאָר ס'איז מיר אַ וווּנדער: וואָס שטייסטו עפּעס אויף אַזוי פרי? סײַ ווי סײַ וועל איך נישט פאַרפעלן קיין איין און איינציק וואָרט פון דעם וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. כאָטש איך האָב פריער געהאַט פאַרגעסן, איצט פאַרגעס איך שוין נישט, אַט זאָג איך: כ'פאַרגעס נישט, און צום סוף גאָר האָב איך פאַרגעסן דעם עיקר. אַ מענטש גייט דאַווענען און ער האָט פאַרגעסן טלית און תּפילין. אַז מיר רעדן שוין וועגן פאַרגעסן, וועל איך דיר זאָגן אַ זאַך וואָס איך האָב זיך דערמאָנט: דער וואָס מאַכט קוקוריקו לאָזט מיך נישט שלאָפן. דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז שוין די העכסטע צײַט פאַר אים, מיר זאָלן זײַנער פּטור ווערן. ווי אַזוי? מען ברענגט אים צום שוחט און דער שוחט מאַכט כיק־כיק און ער קרייעט שוין נישט מער. הערשל האָט געוויזן אויף זײַן האַלדז און האָט זיך צעלאַכט.

האָט מינע געזאָגט: דו ווילסט, מיר זאָלן קוילען דעם האָן?

האָט הערשל געזאָגט: זאָלסט מיר אַזוי לעבן, ווי דו האָסט געכאַפּט, וואָס איך בין אויסן, מינע.

האָט מינע געזאָגט: דו האָסט דאָך אַליין אַזוי געזאָגט.

האָט הערשל געזאָגט: איך בעט דיך, מינע, ווי אַזוי האָב איך דאָס געזאָגט, אַז איך האָב דאָך אַפילו דעם נאָמען זײַנעם נישט דערמאָנט. איך האָב געבעט־בעט און דו זאָגסט: דו האָסט דאָך אַליין אַזוי געזאָגט. צי האָב איך דען בלויז דאָס געזאָגט? איך האָב דאָך אַ סך זאַכן געזאָגט, און איך האָב נאָך נישט געטראָפן דעם מענטש, וואָס זאָל פאַרשטיין, און דו פאַרשטייסט אַ זאַך פון אַ זאַך. איצט איז שוין צײַט איך זאָל גיין. אפשר ווייסטו, ווי שפּעט ס'איז? מײַן זייגער שטייט. גייט זיך אַ זייגער און מאַכט אַז אַ גערודער, און פּלוצלינג בלײַבט ער שטיין.

האָט מינע געזאָגט: האַלב אַכט.

האט הערשל געזאגט: האלב אכט? הייסט עס, אז ס'איז שוין צייט, איך זאל גיין. זינט איך לעב, וואונדער איך זיך אויפן אפטימיזם פון די מענטשן. איינער דארף זיין אין א באשטימטער שעה אויף א באשטימטן פלאץ, און ער פארלאזט זיך אויפן זייגער. פלוצלינג פאלט דער זייגער אויף א נאריש פארטל און ער הערט אויף צו גיין. דו קוקסט אויף אים און ער שווייגט. דו מייסטערעוועסט אין אים און ער הערט דיך נישט. דו שאקלסט אים און ער רירט זיך נישט. דו שטייסט פאר אים א געפלעפטער און ער מאכט זיך פון דיר גארנישט. דו פארלאזסט זיך אויף אים, ווי אויף טאטע־מאמע; דו האלטסט אים ביי דיר אין קעשענע; א גאלדענע קייט האסטו צו אים צוגעטשעפעט — צום סוף לאכט ער זיך אויס פון דיר. אדער אפשר גאר איז ער נישט צופרידן, וואס דו האסט אים באהאלטן אין קעשענע און האסט אים צוגעבונדן מיט קייטן, מעגן זיי אפילו זיין פון גאלד. דאס איז נישט מער ווי א משל, ווייל צי איז ער דען א בעל־מחשבות, דער זייגער? צי איז ער דען א האז, וואס ווייסט זיין צייט אויף דער מינוט און קרייעט צו דער צייט. וועסטו אפשר וועלן זאגן: אויב אזוי, דארף מען האבן צוויי זייגערס, ווייל אויב דער בלייבט שטיין, ווייזט דיר דער צווייטער די צייט. טא זאג איך דיר, אז נישט יעדער מענטש קען זיך דערפארען מיט צוויי זייגערס, ווייל זייענדיק פארנומען מיט איינעם, פארגעסט ער דעם צווייטן. צי האב איך דען צוויי מוחות, אז איך זאל קענען טראכטן וועגן צוויי זאכן אין איינעם. נו אדיע, מינע, איך זאג זארעם דעם מיידל, אז דו ווילסט אויפשטיין, נאר ווען דו פרעגסט מיך, וואלט איך דיר געהייסן שלאפן. הלוואי וואלט איך געקענט שלאפן, וואלט איך געשלאפן אייביק און אייביק.

אויפן וועג האט זיך צוריקגעקערט צו אים זיין פרייד. פון אלץ וואס זיינע אויגן האבן געזען, איז ער נתפעל געווארן. ער האט געזען, דינסטמיידלעך שטייען אין מארק און רעדן איינע מיט דער אנדערער. ער האט געזען, קינדער שטייען אויף די שוועלן פון זייערע שטובן און וואשן זיך דאס פנים. ער האט געזען, א קאלירטע טויב האט זיך געזעצט אויף א פערד, איז ער געווארן אויפגערוימט.

איז דורכגעגאנגען יונה טאובער און האט אים באגריסט. הערשלס פנים איז רויט געווארן און ער האט געשטאמלט און געזאגט: איך גיי דאווענען. א שיינער טאג, ס'וואר, הער טאובער?

טאובער האט אויף אים פון דער זייט דערלאנגט א קוק, האט ארויסגענומען א געדרייטן סיגארעט און געזאגט: וואס זעט מען עפעס נישט אייער שווער?

האט ער אים געזאגט: אז מיין שוויגער איז אין שטאט, קען מיין שווער נישט קומען אין שטאט אריין, ווייל מען דארף דאך אכטונג געבן אויף דערווערטשאפט. ס'וואר, הער טאובער?

האָט טאָובער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אים דערלאַנגט די האַנט און ר'איז זיך אָוועקגעגאַנגען.

אַז יונה טאָובער איז פֿון אים אַוועק, האָט הערשל געטראַכט בײַ זיך: צו איז עס נישט קיין חרפּה, אַז ווען ער גיט מיר די האַנט, וויל איך זי אַ קוש טאָן. ווען וואָס האָב איך געטראַכט, אײדער יונה טאָובער איז צוגעקומען. צי ווייסט דען די טויב, אַז דאָס פֿערד איז צוגעבונדן? דעריבער מאַכט זי זיך פֿון אים גאַרנישט און זעצט זיך אויף אים. ווי גלאַטיק ס'זענען עס יונהס הענט.

הערשל האָט פֿאַרגעסן צו זאָגן, וואָס מינע האָט אים אָנגעזאָגט, און זי האָט אויך פֿאַרגעסן, וואָס זי האָט געוואָלט. פֿון מאָל צו מאָל האָט זי זיך אויפֿ־געכאַפּט אַ דערשראָקענע און ווידער אָנגעהויבן אַרײַנטראַכטן אין דעם דאָזיקן שמועס. זינט זי קען איר מאַן, האָט זי אים נאָך אַזוי נישט געזען. באמת איז גאָרנישט געשען, נאָר דאָס האַרץ איז בײַ איר געווען צערודערט.

בערטע האָט געטראָפֿן איר טאָכטער אַ טרויעריקע און זי האָט געזאָגט: ס'האָט דיר עפּעס פּאַסירט?

האָט מינע געענטפֿערט און געזאָגט: ס'האָט מיר גאָרנישט פּאַסירט, נאָר היינדיך איז מיר הײַנט עפּעס פֿאָרגעקומען זייער מאָדנע. דאָס גאַנצע רעדן זײַנס איז געווען מאָדנע.

האָט בערטע אויפֿגעציטערט און געפֿרעגט: וואָס הייסט, דאָס גאַנצע רעדן זײַנס איז געווען מאָדנע?

האָט מינע געזאָגט: איך קען דיר נישט אויסטײַטשן, מאַמע. אַ מאָדנע פֿרייד האָט אַרויסגעפֿינקלט פֿון זײַנע אויגן און בכלל...

האָט איר די מאַמע איבערגעשלאָגן די רייד און געזאָגט: וואָס הייסט, בכלל. בכלל פֿרייט ער זיך, וואָס ער האַלט בײַם ווערן אַ טאַטע.

האָט מינע געזאָגט: ניין, מאַמע, נישט דאָס איז די פֿרייד, וואָס איך האָב געזען אויף זײַן פּנים.

האָט בערטע געזאָגט: ניין, קינד מײַנס, דו מאַכסט אַ ווען פֿון פּוסטע זאַכן. אַ מאָל איז אַ מענטש אַזוי און אַ מאָל אַזוי. אַפֿילו אַ שטיין ווערט אַנדערש. גיט אויף אים אַ שײַן די זון, זעט ער אויס פֿריילעך; זעצט זיך אויף אים אַ וואָלקן, זעט ער אויס אומעטיק. איז דען דער שטיין געוואָרן אַנדערש? ניין, ס'זעט נאָר אַזוי אויס, מה דאַך אַ מענטש, וואָס איז אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש.

מינע האָט זיך ווען עפּעס פֿאַרטראַכט. בערטע האָט אָפּגעזיפֿצט און געזאָגט: אַלע צרות נעמען זיך נאָר פֿון דעם וואָס די אמונה איז שוואַכער געוואָרן. מענטשן אויף דער ערד זענען פֿאַרנומען מיט זיך און פֿאַרגעסן דעם אין הימל. אַ יונג ווײַבל קוקט אין שפּיגל כּדי זיך אויסצופּוצן פֿאַר

איר מאן. דערנאך קוקט זי אויף איר מאן צו זען, אויב איר פנימל געפעלט אים. דערנאך קוקט זי ווידער אין שפיגל כדי צו זען, צי זי האט שיין אויסגעזען, בשעת דער מאן האט זי געזען. אדער זי קוקט אין שפיגל, אדער זי קוקט אויף איר מאן. אזוי ארום טראכט זי נישט וועגן באשעפער אין הימל. און זי ווייסט נישט, אז דעם מענטשנס געמיט קאן זיך בייטן. צייטנווייז ברויזט ער ווי א וואלד אין שטורעם, און צייטנווייז ליגט ער ווי א מיד שוועלבעלע. בכלל, פרעג איך, וואס איז דא דער חילוק, צי דיין מאן האט געקוקט אזוי אדער אזוי. איר זענט מאן און ווייב, גאט האט אייך צונויפגעפארט, וואס איז דא פאראן אזוי פיל אריינצוקוקן אים אין די אויגן אריין. ווען איך וואלט אזוי געווען געקוקט דיין טאטן אין די אויגן אריין, וואלטן מיר זיך נישט דערראביעט צו דעם, צו וואס מיר האבן זיך דערראביעט.

הערשל איז אריין אין קליינעם בית־מדרש. ער האט אנגעטאן טלית און תפילין און ער האט געדאווענט מיט מנין. באמת האט ער היינט געוואלט דאווענען אין דער גרויסער שול, ווייל דארט קאן מען שטיין אין א ווינקל און מען זעט זיך נישט ארויס, נאר דער שמועס מיט טאובערן האט אים צעמישט דעם געדאנק און ער איז אריין, ווו ער איז אריין.

ווי ער דאוונט אזוי, האט זיך א טארקע געטאן זיין קאפ, ווי ער וואלט אים פלוצלינג אנגעשלאגן אין דער וואנט. ס'האט לאנג נישט געדויערט און ער האט זיך ווידער א מאל א טארקע געטאן, ווי ער וואלט אויסגעריסן געווארן פון זיין ארט. האט הערשל זיך אראפגעבויגן און געקוקט אונטן און זיך אנגעטאפט דעם קאפ, צי איז נישט א מאל דער של־ראש אראפגעפאלן אויף דער ערד. אז ס'איז אים א ביסל לייכטער געווארן, האט ער אראפגעצויגן דעם טלית איבערן פנים און אנגעהויבן דאווענען ווייטער, פון ארט ווו ער איז שטיין געבליבן. טויזנט זאכן זענען אים אדורך אין קאפ, האט ער געוואלט דערטאפן איין זאך, האט ער נישט געדענקט. א ווינט, וואס איז געקומען פון דרויסן, האט איבערגעמישט די בלעטער פונעם סידור. ער אליין האט אויך געמישט די בלעטער אהין און צוריק. ער האט דערפילט א ריח פון טאבעק. דער וואס האט געשמעקט טאבעק, האט א נים געטאן און האט שטיל געזאגט: לישועתך קויתי השם. צוויי אירען וואס האבן געדאווענט מיטן ערשטן מנין, זענען געזעסן אין איינעם און גערעדט מכוח דעם ווי איז דער דין פון עופות מיט אויפגעשטעלטע פעדערן אויפן קאפ, צי דארף מען נאך דער שחיטה בודק זיין, צי דער שארבן איז נישט געלעכערט. מיט א מאל זענען אלע שטיל געווארן און זיך געשטעלט שמונה־עשרה.

דעם טאג איז געווען ראש־חודש און מען האט ארויסגענומען א ספר־תורה. האט הערשל ארויפגערוקט דעם טלית און ער איז אנטקעגנגעגאנגען א קוש טאן דעם ספר. גייענדיק האט ער מיטגעשלעפט א שטיקל וואקס פון א ליכט

און ער האט עס געקנעטן מיט די פינגער און ער האט זיך שטילערהייט איינגעחזרט די ברכות, אז אויב מען וועט אים אויפרופן צו דער תורה, זאל ער זיך נישט פארהיקען. צום סוף האט ער אריינגעשטעקט די האנט אין קעשענע, מ'זאל נישט זען, ווי ער קנעט דאס שטיקל וואקס. האט זיך דאס שטיקל וואקס ארויסגעגליטשט פון זיין האנט און ער האט נישט געפילט און ער האט זיך אליין געקנעטן. אז ער האט זיך דערויף געכאפט, איז ער געווארן צעמישט. ער האט דאך זיך אליין געקנעטן און נישט געפילט, אפשר זענען אים די פינגער אפגעטעמפט געווארן, אפשר איז ער גע־שטארבן. האט ער זיך אנגעכאפט פארן קאפ און געזאגט: טויטע טוט דען וויי דער קאפ. ווי ס'זאל נישט זיין, איז גוט, וואס איך האב נישט געשריגן, ווייל איך ווייס נישט, צי איך וואלט געוועזן געשריגן ווי א מענטש, צי געקרייעט ווי א האן. און אויב איך וואלט געקרייעט ווי א האן, וואס וואלטן די מענטשן געזאגט: ער איז אראפ פון זינען. קוק און זע: א מענטש שרייט — האט מען אויף אים רחמנות; קרייעט ער קוקוריקו, זאגט מען: ער איז גערירט. אבער אז א האן מאכט קוקוריקו, זאגט מען נישט, אז ער איז משוגע. פאר וואס? ווייל ער באנוצט זיך מיט זיין קול. און ווען ער וואלט געבילט ווי א הונט, וואלט מען דען אויף אים געזאגט, אז ער איז משוגע? אמת איז, אז ס'איז נישט דער שטייגער פון א האן, ער זאל בילן ווי א הונט, פונקט ווי ס'איז נישט דער שטייגער פון מיר צו קרייען ווי א האן. ווייל איז מיר, וואס איך שריי ווי א מענטש און איך קריי נישט ווי א האן.

קאַפּיטל 27

לײַכט ווי אַ פֿעדער איז הערשל אַרויס פֿון בית־מדרש. ווען ער וואָלט געוואָלט, וואָלט ער מיט צוויי־דרײַ שפּרײַז געווען אין וואַלד, נאָר ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך און זיך באַמיט נישט צו לויפֿן, ווײַל ער האָט זיך געטראַכט: אַ מיושבֿער מענטש מעסט די טריט.

די גאַנצע צײַט האָט ער געהאַלטן טלית און תּפֿילין אונטערן אָרעם און ער איז געגאַנגען עניוותדיק און געלאַסן. ווער ס'האָט אים געזען אין די דאָזיקע מינוטן, האָט ער געקאָנט מיינען, אַז ער איז פֿאַרטאָן און טראַכט וועגן אַ וויכטיקן ענין, אָבער קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים און ער האָט אויך נישט געטראַכט וועגן קיין וויכטיקן ענין. אין אַ קליינער ווײַלע אַרום איז ער אָנגעקומען אויפֿן בהמות־מאַרק. דאָרט האָט ער זיך אַ ביסל פֿאַרהאַלטן און ער האָט זיך פֿאַרנומען צו די דיניעפֿעלדער. ער האָט זיך דאָרט אַ ביסל פֿאַרווײַלט און זיך געלאָזט אין וואַלד אַרײַן.

שטיל איז געווען אין וואַלד, אַ בלעטל האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. פֿלערליי גוטע ריחות האָבן זיך געטראָגן פֿון דער ערד. הערשל האָט גענומען טלית און תּפֿילין אין דער לינקער האַנט און ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאַפּעליוש מיט דער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַר שׂרות. אין גאַנצן וואַלד איז קיינער נישט געווען, אַחוץ אים און דיביימער. האָט הערשל גערעדט צו זיך אַליין: גיב זיי אַ ביסל כּלומרשטן כּבֿוד און זיי וועלן דיך לאָזן אַדורכגיין בשלום. אַ נאַר ביסטו געווען, הערשל, וואָס דו האָסט נישט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש יענע נאַכט, ווען דו ביסט געשטאַנען פֿאַר בלימעס הויז. ס'איז אַ וויכטיקע זאַך דאָס אַראָפּנעמען דעם הוט, ווײַל מען לאָזט דיך דורכגיין. נאָך וויכטיקער איז דאָס אויסטאָן די שיך, ווײַל מען הערט דיך נישט. געדענקסט, אַז דו האָסט זיך אומגעקערט אַהיים און האָסט אויסגעטאָן די שיך, האָט אַפֿילו דײַן ווײַב נישט געהערט, אַז דו ביסט אַרײַן. איך נעם אַראָפּ די שיך און מען וועט מיך נישט הערן.

איידער נאָך ער האָט אויסגעטאָן דעם צווייטן שיך, איז ער אויפֿגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער און געזאָגט: איך האָב געמיינט, אַז איך פֿיל נישט מײַן לײַב, צום סוף זע איך, אַז איך פֿיל עס שוין איין מאָל, אָדער אפֿשר איז עס אַן אײַנרעדעניש, פּונקט אַזוי ווי איך האָב געמיינט, אַז די ביימער אין וואַלד זענען שׂרות. אין אמתן איז עס נישט וואָר, נאָר די ביימער זענען ביימער און דאָס וואָס ס'שטייט „כּי האָדם עץ השׂדה", איז נאָר אַ משל. איצט וועלן מיר מצרף זײַן ביידע זאַכן אין איינעם, דאָס הייסט מענטש

צו ביימער. ווען איך וואלט זיך אויפגעהאנגען אויף א בוים, צי וואלט איך געהערט דאס קרייען פון האן? ניין, נאר איך וואלט געהערט דאס קוואקען פון די זשאבעס אין טייך. פלוצלינג האט הערשל זיך א קלאפ געטאן אין קאפ און א געשריי געטאן: ניין, איך בין נישט משוגע, ניין, איך בין נישט משוגע!

ער האט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן און געזאגט: פון וואנען איז געדרונגען, אז איך בין משוגע, ווייל איך האב געמאכט קוקוריקו, ווייל די לערנסט ארויס פון דעם וואס מען זאגט, אז דער וואס מאכט קוקוריקו, איז א משוגענער? לערן איך אויך ארויס פון דעם וואס מען זאגט, און אזוי ווי איך זאג, אז איך בין נישט משוגע, הייסט עס, אז איך בין נישט משו גע גע גע, ווייל א משוגענער מאכט קוקוריקו, ווי א האן, און איך מאך גע גע גע.

צום סוף האט ער ארויפגעקוקט צום הימל און געזאגט: טאטע אין הימל, וויפל איז דער זייגער? און דאס זאגנדיק האט ער ארויסגענומען זיין שטיין געבליבענעם זייגער. ער האט זיך אויסגעצויגן אויפן גראז, איין פוס מיט א שוך און דער אנדערער פוס באָרוועס. זיין זייגער הענגט אים ארויס פון דער קעשענע, און ער פישטשעט גע גע גע, מיט א געלעכטער און א פרייד. זינט ער איז צו זיין שכל געקומען, האט ער נישט פארזוכט דעם טעם פון אזא ליבער רו.

איז הערשל געלעגן, ווו ער איז געלעגן, מיט אפענע ליפן, וואס איבער זיי שוועבט א פארדומעטער שמייכל, און ער האט געקוקט פאר זיך א צופרי־דענער און געזאגט: א מחיה, א מחיה. דערנאך איז ער אויפגעשפרונגען מיט א שרעק און אויסגעשריגן: האלב אכט. אין דער מינוט איז פאר־שווונדן דער שמייכל פון זיין מויל און א ברודיקער שליים האט געגעבן א שלאג ארויס פון צווישן זיינע ליפן. ער האט א שפיי געטאן ארויף צום הימל און דאס שפייעכץ איז צוריקגעקומען און אים אראפגעפאלן אין די אויגן אריין. האט ער ווידער א שפיי געטאן און ווידער איז דאס שפייעכץ צוריקגעקומען און אים געפאלן אין די אויגן אריין. האט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען לויפן. אויפן וועג איז אים דער קאפעליוש אראפגעפאלן פון קאפ און די זון האט גענומען זעצן אים אין קאפ אריין און ס'האבן געברענט די טריט און די אדערן פון די שלייפן זענען אים געווארן אנגעדראלן. האט ער געקוועטשט די שלייפן און געשלאגן זיך אין קאפ אריין. דערנאך האט ער גענומען דעם שוך און האט אים אנגעטאן אויפן קאפ און האט ווידער אנגעהויבן שפרינגען, ביז ער האט זיך אנגע־קלאפט אין א שטיין און איז אומגעפאלן.

אויסטערלישע זאכן האט הערשל געטאן, אבער ער איז געוועזן ביים קלארן געדאנק. ער האט געוווסט, אז מיט א שוך דעקט מען נישט צו דעם קאפ און אז ס'איז שוין פאר אים צייט זיך אומצוקערן אהיים, נישט ווי זיין מאמעס

...פּלוצלינג האָט הערשל זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ און אַ געשריי
געטאָן: ניין, איך בין נישט משוגע, ניין, איך בין נישט משוגע!...

זיידע, וואָס האָט אָנגעטאָן אַ קוואָרט שטאָט תּפֿילין, און נישט ווי זײַן מאַמעס ברודער, וואָס איז אומגעקומען אין וואַלד. אויב אַזוי, פֿאַר וואָס קערט ער זיך נישט אום אין שטאָט אַרײַן? ווײַל ער האָט פֿאַרלוירן דעם קאַפּעליוש זײַנעם און ס׳איז נישט דער שטייגער פֿון מענטשן גיין אויף דער זון אָן אַ הוט.

אַז ס׳איז שוין געווען עלף אַ זייגער, האָט צירל געזאָגט: וואָס איז עפּעס הײַנט געשען, וואָס הערשל איז נישט געקומען? איז זי אַוועקגעגאַנגען צו אים אין שטוב אַרײַן און זי האָט געטראָפֿן איר שנור ליגן אין בעט, דעם קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ נאַס האַנטעך, און בערטע, איר מאַמע, שטייט איבער איר.

האָט זי אַ פֿרעג געטאָן: ווו איז הערשל?

ביידע האָבן אויפֿגעציטערט און זענען געוואָרן ווײַס ווי די וואַנט.

זי איז אויך געוואָרן אויפֿגעציטערט און זי האָט געזאָגט: אויב אַזוי, דאַרף מען אים זוכן ערגעץ אַנדערש.

האָט מינע געזאָגט: זוכט, שוויגער, זוכט. איר קול האָט פֿאַרציטערט דאָס האַרץ. צירל האָט געקוקט אויף איר מיט ליבשאַפֿט. בערטע האָט צו רעכט געמאַכט דאָס האַנטעך אַרום מינעס שלייפֿן און געזאָגט: ער איז שוין אַוודאי צוריק אין געוועלב. אָבער אַלץ אין מינען האָט עדות געזאָגט, אַז די זאַך איז גאָרנישט אַזוי גלאַטיק.

מינע איז געווען פֿאַרזאָרגט און צעטראָגן. הערשלס רעדן און זײַן פֿאַרשווונדן ווערן האָבן זי צעמישט. איין מאָל און ווידער אַ מאָל האָט זי געוואָלט דערציילן איר שוויגער, וואָס הערשל האָט מיט איר גערעדט אין דער פֿרי, נאָר אירע יסורים האָבן צערודערט איר האַרץ און זי האָט געשוויגן.

ס׳איז אַריבער נאָך אַ שעה און הערשל איז נאָך נישטאָ. מען האָט שוין אויסגעזוכט די גאַנצע שטאָט און מ׳האָט אים נישט געפֿונען. צו ערשט האָט מען געזוכט שטילערהייט. אַזוי ווי ס׳איז אַריבער נאָך אַ שעה און ער איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען, האָט מען אָנגעהויבן זוכן בקולי־קולות.

דערווײַל איז מען געקומען און מ׳האָט דערציילט: מיר האָבן אים אין דער פֿרי געזען אויף דעם און דעם אָרט און אין דער שעה אויף דעם און דעם אָרט. ווו איז ער אַצינד? דאָס ווייסט קיינער נישט. די וואָס האָבן אים געזען האָבן געהאַט פֿאַרשידענע מיינונגען. טייל האָבן געזאָגט, אַז ס׳האָט זיך עפּעס אָנגעזען אויף אים און טייל האָבן געזאָגט: ניין, ס׳הייבט זיך גאָרנישט אָן. דעסט גלײַכן די ייִדן פֿון קליינעם בית־מדרש, וואָס האָבן געדאַוונט צוזאַמען מיט הערשלען אין דער פֿרי, זיי האָבן געזאָגט: פֿון דעם ווי אַזוי ער האָט אָנגעטאָן דעם טלית האָט זיך געלאָזט

דערקענען, אַז ער איז נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. און אַנדערע האָבן געזאָגט: ער און דאָס אָנטאָן דעם טלית זענען נישט אַנדערש ווי תמיד.

ברוך־מאיר האָט אויסגעפרעגט יעדן איינעם און איז געווען פריינדלעך צו יעדן איינעם. די באָרד איז אים געווען צעשויבערט און דאָס פּנים בלייך. מען האָט נאָך נישט געהאַט אַרויסגעבראַכט פאַרן מויל קיין איין וואָרט פון די ווערטער, וואָס מ'האָט שפּעטער געזאָגט, אָבער זיין האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז די זאַך איז נישט פּשוט — דאָס וואָס ס'איז זיין ווייב נישט געקומען אויפן געדאַנק.

פאַר נאַכט צו האָט מען געפונען הערשלען, ווי ער ליגט נאַזנדיק אין פעלד, איין פוס באָרוועס און איין שוך אויפן שטערן און אַ גרויסער אומעט נעמט אַרום זיין פּנים. שווער געווען צו קוקן אויף אים, דערפאַר האָט ער אָבער געקוקט יעדן איינעם אין פּנים אַריין גלייך, גלייך יעדן איינעם אין די אויגן אַריין האָט ער געקוקט און געשוויגן. פּלוצלינג האָט ער אַ געשריי געטאָן: קוילעטס מיך נישט! קוילעטס מיך נישט! איך בין נישט קיין האָן! איך בין נישט קיין האָן!

האָט מען געזאָגט צו אים: וואָס רעדט איר, הער הארוויץ?

האָט הערשל געענטפערט און געזאָגט: איך רעד נישט. איר קענט בלימע נאָכט? דאָרט אויף דער לאָנקע, צווישן די גראָזן ביים וואַסער, וועל איך מיר זיצן פאַר נאַכט און ווי אַ זשאַבע וועל איך קוואַקען, געגען גע גע גע.

האָט מען אים גענומען און געבראַכט אַהיים און מען האָט אים אָוועקגעזעצט, ווו מען האָט אים אָוועקגעזעצט. איז ער געזעסן און זיך געחידושט, וואָס עפּעס זענען אַלע אַזוי טרויעריק. אַז מינע איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט ער געשמייכלט. אַז זי האָט אויסגעשטרעקט איר קאַלטע האַנט און געגלעט זיינע האָר, האָט ער זיך איינגעקוקט אין איר און אָנגעהויבן וויינען. מיט אַ מאָל האָט ער אָוועקגעדרייט פון איר דעם קאָפּ און געזאָגט: בלימע, איך האָב נישט געמאַכט קוקי, נאָר גע גע גע.

מינע איז צוזאַמענגעבראָכן און געפאַלן חלשות. האָט מען זי געכאַפּט און אָוועקגעלייגט אויפן בעט. האָט הערשל אויפגעהויבן זיין האַנט צום קאָפּ צו און האָט זי צוגעלייגט צו זיין שלייף, ווי די סאָלדאַטן טוען ביים סאַלו־טירן, און ער האָט געזאָגט גע גע גע.

אימעצער האָט אַ זאָג געטאָן: מען דאַרף אים נעמען קיין אַלעסק.

דער דאָזיקער זאָג האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די שטובמענטשן. ביז אַצינד האָט קיינער נישט געזאָגט: הערשל איז אַראָפּ פון זינען, ביז ס'איז געקומען דער און האָט דערמאָנט אַלעסק, די שטאָט פון אַלעסקער רבין, וואָס גיט זיך אָפּ מיט משוגעים. בלויז איין גדליה איז געשטאַנען אַ רויקער. ס'גאַנצע לעבן זיינס האָט ער נישט פאַרגעסן, אַז ס'קאָן קומען אַ פּורעניות און אַז ס'איז געקומען, האָט ער עס אויפגענומען ווי אַ נאַטירליכע זאַך.

אַ גאַנצע נאַכט האָט שיבוש געקאַכט מיט דער מעשׂה און אין דער פֿרי האָט זי זיך איינגעשטילט. אַז איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן: האָסט געהערט? הערשל האָרוויץ איז אַראָפּ פֿון זינען. האָט אים יענער גע־ענטפֿערט: דאַכט זיך מיר, אַז דו און דיין מאַמע זענט אַראָפּ פֿון זינען. וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל זיך אָפּהאַקן אַ פֿינגער, אָדער אויסרלובען אַן אויג?

וואָס איז עפּעס איינגעפֿאַלן די שיבושער ייִדן אַזוי צו זאָגן? היות הערשל האָט זיך געדאַרפֿט שטעלן צום מיליטער און די קאָמיסיע איז דאָס יאָר אַ שטרענגערע ווי אַלע יאָרן און הערשל האָט נישט קיין שום פֿעלער, האָט שיבוש געזאָגט: ער מאַכט זיך משוגע, כּדי ער זאָל נישט דאַרפֿן דינען דעם קיסר.

מיט אַ יאָר צוריק, מיט צוויי יאָר צוריק איז לייכט געווען צו זאָגן: נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ווייל אַז ס'קומט די קאָמיסיע, גייט מען אַריבער צום מאַכער און דער מאַכער גייט אַריבער צו די שטאַבסלייט און ער גיט זיי, וואָס ער גיט, און זיי זאָגן: ווער ס'טויג נישט, וועט באַפֿרייט ווערן, ווייל דער קיסר דאַרף נישט קיין קאַליקעס. מען קאָן נישט זאָגן, אַז גאַנץ שיבוש פֿלעג באַפֿרייט ווערן דורך די שטאַבסלייט, אַדרבא, ס'זענען פֿאַראַן קאַליקעס אין שיבוש, וואָס מען האָט זיי אָפּגעגעבן צום מיליטער, נאָר מען שיקט זיי גלייך אָפּ צוריק, ווייל דער קיסר דאַרף נישט האָבן קיין קאַליקעס. איין גאָט אין הימל ווייסט, פֿאַר וואָס הייַנטיקס יאָר איז אַנדערש ווי אַלע יאָרן. די דאָזיקע קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפֿט קומען קיין שיבוש, האָט נישט גענומען קיין שוחד. תּחילת האָט שיבוש געמיינט, אַז די מאַכערס האָבן אַליין דאָס אויסגעטראַכט כּדי צו פֿאַרלאַנגען מערער. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און מען האָט געהערט פֿון אַנדערע ערטער, אַז אימעצער קומט זיי איבערקויפֿן, דערשיסן זיי אים.

האָט מען געבראַכט צו הערשלען אַ דאָקטער, האָט דער דאָקטער געפֿרעגט הערשלען: ווי אַלט איז דער קייזער? כּדי אויסצופּרוּוון דעם שׂכל זיינעם, האָט ער אים דאָס געפֿרעגט.

האָט הערשל געענטפֿערט און געזאָגט: האַלב אַכט.

האָט דער דאָקטער געפֿרעגט הערשלען: ווי איזט איר ווערטער נאָמע?

האָט ער אים געזאָגט: האַלב אַכט.

האָט דער דאָקטער געמיינט, אַז דער קראַנקער פֿאַרשטייט נישט קיין דייטש און ער האָט אים איבערגעפֿרעגט אויף פּראָסט ייִדיש. און הערשל האָט אים געענטפֿערט: האַלב אַכט. און נישט בלויז אויף דער פֿראַגע, נאָר אויף אַלע פֿראַגעס, וואָס ער האָט אים געפֿרעגט, האָט ער געענטפֿערט: האַלב אַכט.

האָט אים דער דאָקטער באַטראַכט די אויגן און דעם פּולס און האָט אים פֿאַרשריבן אַ רעצעפּט און ער האָט געזאָגט: אויב דאָס וועט נישט העלפֿן, פֿאַרשרײַב איך אים אַן אַנדערע רפֿואה.

אָבער אויך די צווייטע און די דריטע רפֿואה, וואָס דער דאָקטער האָט אים פֿאַרשריבן, האָבן נישט מיושבֿ געמאַכט הערשלס געדאַנק. אויך די רפֿואות פֿון אַנדערע דאָקטוירים, וואָס מען האָט געבראַכט צו הערשלען, האָבן גאָר־נישט געהאָלפֿן. האָט מען זיך באַראָטן צו נעמען אים צו אַ דאָקטער אין לעמבערג.

אין צוויי טעג אַרום האָבן אים טאַטע־מאַמע גענומען און זענען געפֿאָרן מיט אים קיין לעמבערג, און זיי האָבן מיטגענומען אַ מענטש צו היטן הערשלען אויפֿן וועג.

דאָס מיטנעמען אַ מענטש איז געווען אין גאַנצן איבעריק. הערשל האָט נישט אויפֿגעהויבן קיין האַנט אויף קיינעם און ער האָט נישט געקרייעט ווי אַ האָן און נישט געקוואַקעט ווי אַ זשאַבע. דעם גאַנצן וועג איז ער געזעסן און געשוויגן. איין גאָט אין הימל ווייסט הערשלס מחשבֿות. פֿאַר יעדער סטאַציע האָט אים דער טאַטע, אָדער די מאַמע, אָדער דער פֿאַרשוין, געזאָגט: מיר זענען אָנגעקומען אויף דער און דער סטאַציע, אָבער ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זייערע רייד און האָט נישט אויפֿגעהויבן די אויגן איבערן האַרץ. פֿון צײַט צו צײַט האָט צירל אַרויסגענומען עסן פֿון איר קײשל און האָט אים דערלאַנגט. איז זײַן האַנט געווען פֿאַרמאַכט, האָט ער זי נישט געעפֿנט. איז זי געווען אָפֿן, האָט ער זי נישט פֿאַרמאַכט. אַז זי האָט אים אַרײַנגעשטופּט דאָס עסן אין מויל אַרײַן, האָט ער עס נישט צעקײַט.

אַז זיי זענען אָנגעקומען קיין סטאַניסלע, האָט צירל צוויי מאָל געזאָגט: אָט איז סטאַניסלע! אָט איז סטאַניסלע! כּדי אים צו דערמאָנען די שטאָט, וווּ מינע האָט געוווינט, אײידער זי איז אַ כּלה געוואָרן. פּונקט אַזוי ווי ער איז נישט נתפּעל געוואָרן פֿון די אַנדערע נעמען פֿון שטעט, אַזוי איז ער נישט נתפּעל געוואָרן פֿון דער שטאָט.

צירל איז געזעסן אַן אומעטיקע. ס'האָט זיך איר דערמאַנט דאָס געוועלב און זי איז געוואָרן טרויעריק. זינט זי האָט אַנטוויינט איר זון, איז כּמעט נישט אַריבער קיין טאָג, זי זאָל נישט זײַן אין געוועלב. איז זי נישט געקומען, איז געקומען איר מאַן אָדער איר זון. הײַנט האָבן זיי אַלע דרײַ איבערגעלאָזט דאָס געוועלב. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז די משרתים וועלן גנבֿענען. געצלען קאָן מען געטרויען גאָלד. און ער גיט אַכטונג אויפֿן צווייטן משרת. פֿון דעסט וועגן דאַרף מען נישט איבערלאָזן אַ געוועלב אָן אַ בעל־בית. אַזוי ווי זי האָט געטראַכט וועגן געוועלב, האָט זי געטראַכט וועגן דער שטוב. וואָלט בלימע געווען אין שטוב, וואָלט צירל נישט איבערגעקלערט וועגן דער שטוב. איצט, אַז עס געפֿינט זיך דאָרט אַן

אַנדערע, ווי קען מען זײַן רויִק. אַ סך האָט צירל געטראַכט אויפֿן וועג, נאָר וועגן מינען האָט זי ווייניק וואָס געטראַכט.

אויפֿן וועג, שוין נישט ווײַט פֿון לעמבערג, איז געצלס טאַטע אַרײַן אין באַן. צו יענער צײַט פֿלעג ער אַרומפֿאָרן צו די רביים, זיי זאָלן אויסרעדן די גבאים פֿון זײַן שטאָט, וואָס האָבן בײַ אים צוגענומען די חזקה. זײַן באָרד איז געווען צעשויבערט און דאָס האַרץ צעכראַסטעט, לויטן שטייגער פֿון בעלדזער חסידים, וואָס גייען מיט צעשויבערטע בערד און מיט אָפֿענע הערצער. בעלדז זעט זיך נישט אָן אין שיבוש, ווי ס'רובֿ זענען מתנגדים און אַ ביסל חסידים — טשאָרטקעווער, הוסיאַטינער, סאַדיגורער, וויזשניצער און אָטיניִער. נאָר אַזוי ווי די דאָזיקע רביים האָבן זיך מיט אים נישט אָפּגעגעבן, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין בעלדז. איידער ער האָט באַוויזן צו דערציילן, וואָס זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעזען אין בעלדז, איז אַרײַנגעקומען סעבאַסטיאַן מאָנטאַג.

סעבאַסטיאַן מאָנטאַג איז געפֿאָרן, ווי ער האָט געדאַרפֿט, כּדי אַ טאָפּ צו טאָן דעם ענין מיט דער קאָמיסיע, וואָס דאַרף קומען קיין שיבוש, אפֿשר וועט זיך לאָזן עפּעס טאָן, אַז ס'זאָל קומען אַן אַנדערע, אַ לײַכטערע. מחמת סעבאַסטיאַן האָט געבענקט נאָך אַ ייִדיש פּנים, האָט ער פֿאַרלאָזט דעם פּריצישן וואַגאָן און ער איז אַריבער אין אַ פּשוטן וואַגאָן. סעבאַסטיאַן פֿלעג זאָגן: מיט פּריצים איז גוט צו מאַכן אַ כּוסה און שפּילן אין קאָרטן; אָבער כאַפּן אַ לײַטישן שמועס קאָן מען נישט, ווײַל איידער זיי כאַפּן זיך, וואָס דו זאָגסט, דאַרף מען אויסוואַרטן ווי, להבדיל, אין רבֿס קריאת־שמע — נאָר בײַם רבֿ קאָן מען פֿון זײַן מויל הערן אַן אמת לכל־הפּחות בײַ קריאת־שמע, פֿון זייער מויל וועסטו קיין מאָל נישט הערן קיין וואָרט אמת.

סעבאַסטיאַן האָט געהערט דעם ענין מיט הערשלען און ער האָט דערפֿון געהאַט צער. ער האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ און אים אַ קוש געטאָן אויף זײַן שטערן און שטילערהייט געזאָגט דאָס פֿינפֿטע קאַפּיטל תהילים, וואָס איז קעגן אַ רוח רע, און דאָס קאַפּיטל למנצח על מות לבן, וואָס איז קעגן אַ קראַנק ייִנגל. צום סוף איז ער צוריקגעגאַנגען אויף זײַן פּלאַץ שפּילן מיט די פּריצים אין קאָרטן.

קאַפּיטל 28

זיי זענען אָנגעקומען קיין לעמבערג און זענען אַוועק צו דאָקטאָר לאַנגזאַם, אַן אַלטער דאָקטער, וואָס ס'רובֿ דול געוואָרענע ברענגט מען צו אים. ווענן דעם דאָזיקן דאָקטאָר לאַנגזאַם דערציילט מען, אַז ער איז געווען אַ בית־מדרש־בחור. איין מאָל האָט ער געהערט ווי אַ דאָקטער זאָגט צו אַ קראַנקן: נאַר! ווי דער שטייגער פֿון רובֿ גוייִשע דאָקטוירים אין יענעם דור, וואָס פֿלעגן אָפּלאַכן פֿון ייִדן; זיי קומען היילן דעם גוף און מאַכן קראַנק די נשמה. איז אים דאָס אַזוי אַרייַן אין האַרצן אַרייַן, אַז ער איז אַרייַן אין אוניווערסיטעט. ס'זענען נישט אַריבער קיין סך יאָרן און ער האָט געקריגן אַ שם אין דער מדינה און ער איז געוואָרן אַ באַרימטער דאָקטער אַ ספּעציאַליסט און מען איז געקומען צו אים פֿון ווי וויַט. צום סוף האָט ער אויפֿגעהערט זיך פֿאַרנעמען מיט די וואָס זענען קראַנק אויפֿן גוף און זיך אָפּגעגעבן מיט די וואָס זענען קראַנק אויף דער נשמה, וויַיל אַז אויף איינעם קומט אַזאַ קרענק, טוט מען אים אָן צרות, און דער סוף זייַנער איז, אַז ער גייט אַראָפּ פֿון זינען. אָבער ער האָט זיך מיט זיי געטריַי אָפּגעגעבן, און פֿאַראַן אַזעלכע וואָס ער האָט זיי צוריק געזונט געמאַכט.

ער האָט נישט אויסגעפּרוּווט הערשלס שכל מיט קיין רעטענישן און ער האָט אים נישט געפֿרעגט, ווי אַלט דער קיסר איז, ווי די דאָקטוירים זענען זיך נוהג צו פֿרעגן די קראַנקע, כּדי צו וויסן, ווי ס'האַלט מיט זיי און מיט זייער שכל, נאָר ער האָט אים געגעבן די האַנט און געפֿרעגט: און דו, וואָס איז דיר? — ווי אַ דאָקטער, וואָס האָט שוין באַהאַנדלט אַ סך קראַנקע און צום סוף ברענגט מען אים אַ געזונטן, וואָס ס'פֿעלט אים גאָרנישט.

נאָך דעם ווי ער האָט אים באַטראַכט, האָט ער אים אַוועקגעלייגט אויף אַ בעטל און האָט אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען און זיך פֿאַרנומען מיט אים, ווי מען פֿאַרנעמט זיך מיט אימעצן, וואָס איז אַראָפּ פֿון די כּוחות און דאַרף האָבן רו.

דעם חולהס טאַטע־מאַמע האָט דער דאָקטער קיין סך נישט אויסגעפֿרעגט. ס'איז אים אַלץ איינס, צי מען באַהאַלט דעם אמת, צי מען באַהאַלט אים נישט. דאָ נוצט עס גאָרנישט, וויַיל נישט די סיבה פֿון דער קרענק איז דער עיקר, און נישט די רפֿואות, וואָס ער האָט געלערנט אין די אוניווערסי־טעטן, נאָר דער עיקר איז, מ'זאָל נישט פֿאַרשפּאַרן דעם חולה אין משוגעים־הויז און מ'זאָל אים נישט גלייַך אָפּשיקן צוריק אין זייַן שטאָט אַרייַן, וויַיל אין משוגעים־הויז קען אַפֿילו אַ געזונטער משוגע ווערן, און אין זייַן

שטאט ווארפן אים קינדער שטיינער און רופן אים משוגענער און ער ווערט שוין מער נישט געזונט. באשיידנקייט, געפאלנקייט און אומעט — די דאזיקע דריי סימנים, וואס האבן זיך אפגעשפיגלט אויף הערשלס פנים, האבן געווירקט אויף דעם הארץ פון אלטן דאקטער, ער זאל אים ליב באקומען.

דער דאקטער האט הערשלס טאטע־מאמע נישט געגעבן קיין גרויסע האפע־נונגען און ער האט זיי נישט ארויסגעוויזן קיין אומרו. אזוי האט ער זיי געזאגט: מיט קיין מיושבע פארנעם איך זיך נישט און קיין קראנקע טרייב איך נישט ארויס. אז ס'וועט קומען די צייט, ער זאל זיך אומקערן צו אייך אהיים, וועל איך אייך צו וויסן געבן. צו לעצט האט ער זיי געזאגט: כּדי וכּדי פארלאנג איך פאר דירה־געלט און פארן עסן און פאר מיין טרחא און איך פארלאנג פאר דריי חדשים פארויס. און ער האט זיי צוגעזאגט, אז ער וועט זייער זון נישט געבן צו עסן קיין טרפות.

לאנגזאם האט וויניק וואס גענוצט מעדיצינעז. פון די ס'רוב רעצעפטן, וואס ער האט געלערנט ביי זיינע פראפעסארן אין אוניווערסיטעט, האט ער זיך נישט־וויסנדיק געמאכט, און פון די מעדיצינעז, וואס ס'האבן אויס־געפונען זיינע קאלעגן, האט ער נישט געהאלטן. און אזוי ווי אפקומען מיט גארנישט קאן מען נישט, פלעג ער טייל מאל אויסמישן פינף טראפנס אפיום טינקטורא, וואס איז צען מאל שוואכער פון אפיום, און איינגעבן דעם קראנקן. אויך פון דער דאזיקער מעדיצין האט ער נישט געהאלטן מער ווי פון די אנדערע מעדיצינעז, וואס מען האט אויסגעקלערט אין דייטש־לאנד, נאר כּדי ער זאל נישט זיין גלייך ווי דער אלעסקער רבי, האט ער זיך בעל כּורחו דערלויבט צו נוצן די דאזיקע רפואה, וואס ער האט זי געפונען אין א מעדיצינישן חודש־זשורנאל. צוויי מאל אין טאג האט לאנגזאם איינגעגעבן הערשלען צו פינף טראפנס אין א קליין בראמפן־גלעזעלע, ביז אין דער העלפט מיט וואסער. דערנאך האט ער אים איינגע־געבן דריי מאל אין טאג צו פינף טראפנס. נאך צוויי וואכן האט ער אנגעהויבן געבן וואס א מאל וויניקער, און מאנטיק און דאנערשטיק און שבת גאנץ פרי פלעג ער אים איינגעבן אויף אפצופירן, ווייל דער אפיום פארהאלט דעם מאגן און דאס איז א מיטל קעגן דעם.

הערשל האט אלץ אנגענומען פאר ליב און פאלגעוודיק איינגענומען אלע מעדיצינעז. פונקט אזוי ווי ער האט געטרונקען אפיום טינקטורא, וואס האט א ביטערן טעם, אזוי האט ער געטרונקען דאס געלע פראשיק־וואסער, וואס איז ענלעך צו א סם קעגן וואנצן און עס איז זיס, אז ס'ווערט אזש נישט־גוט. פון צייט צו צייט פלעג דער דאקטער בייטן די אפפיר־מיטלען און אים איינגעבן ריצנאייל, אדער ער פלעג צונויפמישן אלע מעדיצינען צוזאמען.

ברוך־מאיר מיט זײַן װײַב זענען אַהײמגעפֿאָרן מיט אַ דערשלאָגן געמיט. כּל־זמן זײ זענען געװען פֿאַרנומען מיטן קראַנקן, האָבן זײ נישט אַזױ געפֿילט זײער חרפּה. אַז זײ זענען צוריקגעפֿאָרן אַן הערשלען, האָבן זײ זיך ערשט געקאָנט אַרײַנטראַכטן אין זײער בראָד. עלנטע זענען זײ געזעסן אין באַן. ער אין אײן װינקל און זי אין אַן אַנדער װינקל. פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך אַרױסגעריסן אַ זיפֿץ פֿון זײער האַרץ. װיפֿל יאָרן האָבן זײ געװאָרט אױף אַ זון און אַז ער איז אױפֿגעװאַקסן און מ'האָט דערלעבט אים חתונה מאַכן, איז אױף אים געקומען אַזאַ מין צרה. יענער רבי, װאָס איר עלטער־זײדע האָט זיך געטשעפּעט צו אים, האָט נאָך אַלץ נישט אָפּגע־קילט זײַן כּעס אױף דער משפּחה. אפֿשר האָט הערשל געדאַרפֿט זיצן אין בית־מדרש און לערנען.

אין סטאַניסלע זענען זײ איבערגעשטיגן פֿון שנעלצוג אין אַ פּערזאָנען־צוג. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך שלעפּט זיך די באַן פֿון סטאַניסלע קײן שיבוש. אױף יעדער סטאַציע שטעלט זי זיך אָפּ. די שטײַגן אױס און די שטײַגן אײַן. טײל פֿון זײ שכנים דײַנע, שטאָטישע דײַנע, װאָס אַלע דײַנע פֿאַרבאַרגענישן זענען פֿאַר זײ אָפֿן. דו טוליעסט זיך אײַן אין מאַנטל און רוקסט אַראָפּ דײַן קאַפּעליוש אױפֿן פּנים, מ'זאָל דיך נישט זען, קומען זײ און דעקן אָפּ דײַן פּנים און דערלאַנגען דיר אַ הילכיקן שלום־עליכם. צי פֿרײען זײ זיך דען מיט דײַן צער? חס ושלום! נאָר אַז אײנער לאָזט זיך אַרױס אין װעג אַרײַן, איז װי נאָר ער האָט אָפּגעטרײסלט פֿון זיך דעם שטױב פֿון שיבוש, הײבט אָן קװעלן אין אים דאָס האַרץ און מכּוח דעם װערט ער פֿרײלעך.

אײַנגעבױגענע און דערשלאָגענע זענען זײ אָנגעקומען אין שטאָט אַרײַן. פֿון יעדער גאַס און פֿון יעדן װינקל האָט אַרױסגעהילכט זײער חרפּה. דאָ האָט מען הערשלען געפֿירט; דאָ האָט ער געמאַכט קוקוריקו; דאָ האָט ער גענענעט װי אַ גאַנער; דאָ האָט ער געקװאַקעט װי אַ זשאַבע.

אַ שעה נאָך זײער קומען איז שױן בערטע געװען בײַ זײ.

האָט בערטע אַ זאָג געטאָן: איר האָט אױף אונדז אָנגעװאָרפֿן אַ גרױסן פּחד, מחותּן, און מײַנע איז דאָך אין אַכטן חודש, און די מינדסטע אױפֿ־רעגונג קען חלילה ברענגען אַ סכּנה פֿאַר איר און פֿאַר איר קינד.

האָט צירל אַ קוק געטאָן אױף איר און געזאָגט: איר זאָלט מיר אַזױ לעבן, מחותּנתטע, װי איך הײב נישט אָן צו װיסן װאָס איר רעדט.

האָט בערטע געזאָגט: איך װײס, װאָס איך רעד, נאָר איך פֿאַרשטײ נישט, פֿאַר װאָס איר האָט דאָס אױסבאַהאַלטן פֿאַר אונדז.

האָט צירל געזאָגט: װאָס באַהאַלטן מיר אױס פֿאַר אײַך, מחותּנתטע?

האָט בערטע געזאָגט: די מעשׂה מיט הערשלען.

האָט צירל געזאָגט: די מעשׂה מיט הערשלען באַהאַלטן מיר אױס? די מחותּנתטע װײסט דען נישט, װוּ ער איז?

האָט בערטע געזאָגט: איך װײס.

האָט צירל געזאָגט: אויב אַזוי, וואָס הייסט מיר האָבן אויסבאַהאַלטן?

האָט בערטע געזאָגט: צי האָט איר אונדז נישט געדאַרפט צו וויסן געבן?...

האָט צירל געזאָגט: איר האָט דען נישט געוווּסט, אַז מיר זענען געפאָרן קיין לעמבערג?

האָט בערטע געזאָגט: אַז איר זענט געפאָרן, האָבן מיר געוווּסט; מחמת וואָס איר זענט געפאָרן, האָבן מיר נישט געוווּסט.

האָט צירל געזאָגט: אַז אַך און ווי, מחותּנתטע... דאַכט זיך, אַז אַלע וויסן, מחמת וואָס מיר זענען געפאָרן קיין לעמבערג.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: לאָז מיך, צירל, און איך וועל רעדן מיט דער מחותּנתטע.

האָט בערטע געזאָגט: אדרבא, מחותּן, איך וויל הערן, מיט וואָס איר פאַרענטפערט די זאַך.

האָט צירל געזאָגט: אויף וואָס פאַר אַ קשיא וויל די מחותּנתטע אַז ענטפער?

האָט בערטע געזאָגט: מ'טוט עפּעס אָפּ און מ'שרעקט איבער אַ יונג ווייבל. צי איז דען מײַן טאָכטער חס ושלום אונטערן פּלויט געבוירן גע־וואָרן?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: וואָס אַזוינס האָבן מיר אָפּגעטאָן?

האָט בערטע געזאָגט: איר מיינט, איך וויים נישט, אַז די זאַך איז אין גאַנצן אַ מומפיץ*.

האָט צירל געזאָגט: וואָס פאַר אַ זאַך?

האָט בערטע געזאָגט: די מעשׂה מיטן משוגעת.

האָבן ברוך־מאיר מיט צירלען ביידע אין איינעם אַ זאָג געטאָן: אַ מומפיץ?

האָט בערטע געזאָגט: נאָר וואָס דען? וויים איך דען נישט, אַז דאָס איז אַ פאַרטל קעגן ״דינען?

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: אַ פאַרטל קעגן דינען?

האָט בערטע געזאָגט: די גאַנצע וועלט ווייסט און נאָר מיר אַליין זענען אויסגעגאַנגען פון צער, ביז פרעמדע מענטשן זענען געקומען און האָבן אונדז מגלה סוד געווען.

האָט צירל געזאָגט: ווער זענען עס די פרעמדע?

האָט בערטע געזאָגט: די גאַנצע וועלט, ראובן און שמעון און לוי און יונה טאָבער און סאָפיע גילדנהאָרן און דער קליינער, וואָס איך האָב פאַרגעסן, ווי מען רופט אים דאָרט.

* אַ פוסטע זאַך.

האט ברוך־מאיר געזאגט: קורץ. קורצן מיינט זי.

האט בערטע געזאגט: איצט האב איך זיך דערמאנט, קורץ הייסט ער, דאס קארדופל *, וואס האט געטאנצט קעגן דער כלה; ער זאגט אויך, אז איר האט דאס געטאן נאר צוליבן דינעז, הערשל זאל נישט דארפן גיין דינעז.

האט ברוך־מאיר געקוקט אויף איר א פארוואונדערטער און צירל האט זיך צוגעבויגן צו בערטען און געזאגט: „שתיקה יפה בשעת התפילה", ווענט האבן אויערן, מחותנתטע. מינע ווייסט שוין?

האט בערטע געזאגט: ווען מען וואלט איר נישט צו ווסן געגעבן, וואלט זי נישט איבערגעטראגן דעם צער.

האט צירל געזאגט צו זיך אליין: גם זו לטובה.

האט ברוך־מאיר געזאגט: האט נישט פאראיבל אויף אונדז, מחותנתטע, אזעלכע שטייגער זאכן טויג נישט, אז מ'זאל וויסן.

האט צירל געזאגט: דו דארפסט נישט אנזאגן דער מחותנתטע. די מחותנתטע ווייסט אליין גאנץ גוט, אז ווען אזעלכע זאכן דארף מען האלטן ס'מויל. אצינד וועלן מיר גיין און אפגעבן א גרוס מינען פון הערשלען.

אויפן וועג האט זיי באגעגנט יונה טאובער. יונה, וואס האט געזען הערשלען דעם טאג ווען מען האט אים געפונען אויפן פעלד, האט שוין גלייך יענעם אינדערפרי דערקענט, אז ער איז נישט ביי די קלארע געדאנקען.

האט בערטע געזאגט צו יונהן: וואס זאגט איר דערצו?

האט יונה אפגעזיפצט און געזאגט: נישט יעדער מענטש איז זוכה צו לעבן אין א מדינה, ווו מען דארף נישט גיין דינעז.

אז טאובער איז אוועקגעגאנגען, האט ברוך־מאיר געזאגט: סארא חכם ער איז, דאכט זיך, אז ער רעדט נישט צו דער זאך, און אז דו טראכטסט אריין אין זיינע רייד, זעסטו, אז ער האט גאר גערעדט וועגן דעם וואס ס'איז ביי דיר אין הארץ. איר האט אפשר געהערט, וואס ס'מאכט זיין ווייב? איך האב געהערט, אז זי איז געפערלעך קראנק.

* קארליק.

קאַפּיטל 29

אַז הערשל איז אָפּגעלעגן דרײַ טעג אויפֿן בעטל, איז פֿון אים אַוועק דאָס מידקייט. ער האָט שוין מער נישט געענטפֿערט אויף יעדער פֿראַגע: האַלב אַכט, אָבער ער האָט זיך לאַנג געדרייט אַרום דער זעלבער זאַך. האָט ער פֿאַרגעסן און נישט געוווּסט ווי אָנצורופֿן די זאַך, האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפֿן מיט לאַנגע, לאַנגע שילדערונגען; האָט ער איבערגעריסן אין מיטן אַ ענין, האָט ער אָנגעהויבן פֿון דאָס ניי.

ריגערס טעזע, אַז נערוון־דאָקטוירים קענען דערקענען געוויסע לײַכטע פֿעלערן אין קראַנקנס שׂכל, אויב זיי האָבן אים געקענט, ווען ער איז געווען געזונט, אָבער אויב זיי האָבן אים נישט געקענט, ווען ער איז געווען געזונט, איז זיי שווער פֿעסטצושטעלן זייער כאַראַקטער — די דאָזיקע גרונטטעזע איז אַוודאי חל אויף אַלע דאָקטוירים און קראַנקע, אָבער זי איז נישט חל אויף לאַנגזאַמען און הערשלען, ווײַל לאַנגזאַם האָט נישט אויסגעפּרוּווט הערשלס שׂכל דורך רעטענישן, נאָר וואָס דען האָט לאַנגזאַם געטאָן? ער איז געזעסן און געשמועסט מיט אים, כּדי אים אויפֿצוהײַטערן.

קליינשטעטלדיקע, אַז זיי לעבן אין אַ גרויסער שטאָט, איז אַפֿילו זיי האָבן אין דער גרויסער שטאָט אַל דאָס גוטס און כּלע פֿאַרגעניגנס, און אין קליינעם שטעטל האָבן זיי גאָרנישט געהאַט — בענקען זיי נאָך זייער קליין שטעטל און געדענקען עס תּמיד. פֿערציק יאָר זענען שוין אַוועק, זינט לאַנגזאַם האָט פֿאַרלאָזט זײַן קליין שטעטל און ער הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו רעדן וועגן אים. נישט אַזוי, ווי זײַן שטעטל האָט אויסגעזען, ווען ער איז געווען אַ קינד, זעט עס אויס, ווען ער איז שוין אויף דער עלטער, נאָר יעדעס מאָל ווען ער האָט עס דערמאָנט, האָט ער עס דערמאַנט, ווי עס האָט אויסגעזען, ווען ער איז קליין געווען. טאָג־טעגלעך פֿלעג לאַנגזאַם אַרײַנקומען צו הערשלען און זיך אַוועקזעצן אויפֿן עק פֿון זײַן בעט און שמועסן מיט אים, און אַלע רייד און דאָס גאַנצע שמועסן זײַנס פֿלעג ער אָנהייבן מיט זײַן שטעטל און אויסלאָזן מיט זײַן שטעטל. טייל מאָל האָט ער דערציילט וועגן אָפּענעם מאַרק אין זײַן שטעטל, וואָס איז אַרומגערינגלט פֿון אַלע פֿיר זײַטן מיט קליינע הײַזלעך, ווי הינערשטײַגן, און אַ שורה געוועלבער אין דער מיטן, וואָס אַ גאַנץ גייענדיק יאָר שטייען זיי ליידיק. ווער עס קאָן לערנען אַ פּרק משניות, זיצט און לערנט, ווער עס קאָן נישט קיין משניות, זאָגט תּהילים, אויסער דאָנערשטיק, וואָס די גאַנצע שטאָט לעבט אויף, ווײַל די גויִים פֿון די דערפֿער קומען קויפֿן און פֿאַרקויפֿן און די שטעטישע לויפֿן אַרום פֿאַרשמײַעט און פֿאַרהאָוועט פֿון וואָגן צו וואָגן און פֿון גוי צו גוי, צו פֿאַרדינען אַ גרײַצער אויף שבת. און טייל מאָל האָט לאַנגזאַם דערציילט

הערשלען וועגן זײַן בית־מדרש, ווי ער האָט געלערנט, וואָס די ווענט זײַנע האַלטן בײַם אײַנפֿאַלן און דער סופֿיט זײַנער איז שוואַרץ ווי סמאָלע, אָבער דאָס הויז לײַכט פֿון די וואָס לערנען דאָ תורה. וואָס האָט מען געגעסן, וואָס האָט מען געטרונקען און ווען איז מען געשלאָפֿן? האָט לאַנגזאַם געזאָגט: ווילסטו דאָך פֿרעגן, צי קאָן אַ מענטש אַזוי עקסיסטירן, זאָג איך דיר: לויט דער מעדיצין נאָך איז נישט מעגלעך, פֿון דעסט וועגן האָבן אַזוי עקסיסטירט אַלע דורות און ס'האָט זיי גאָרנישט געפֿעלט — אויסער דעם דיין, וואָס ס'גאַנצע לעבן זײַנס איז ער אויסגעגאַנגען נאָכן ספֿר „מחצית השקל” און ער האָט נישט געהאַט קיין געלט עס צו קויפֿן. אַ גאַנצע וואָך פֿלעגט ער זיצן און לערנען און קיינער איז אים נישט מבֿטל פֿון זײַן לערנען, ווײַל געלטזאַכן און דין־תּורהס זענען ווייניק וואָס פֿאַראַן אין אַ קליין שטעטל און קיין שאלות וועגן מילכיקס און פֿליישיקס זענען נישטאָ קיין סך, ווײַל אַ גאַנצע וואָך קומט מען אָפּ מיט ברויט און ציבעלע, אַחוץ דאָנערשטיק, וואָס מען שחט אַ בהמה אָדער אַן עוף לכּבֿוד שבת, און מען קוקט צו אים מיט אַ צעמאַזשעטער וואָליע אָדער אַ געלעכערטער לונג און געדיכטע בלעזלעך, און ער לייגט אַוועק זײַן פּאַטשיילע אויפֿן ספֿר און ער גראַבלט אַרום די וואָליע מיטן קניפּיק* זײַנעם און קראַצט אָפּ דאָס אייבערשטע הײַטל. אַז איך דערמאָן זיך זײַן קניפּיקל, זענען אַלע כּלים אין דער וועלט גאָרנישט אין מײַנע אויגן קעגן דער דאָזיקער טעמפּער כּלי, וואָס ער פֿלעגט מיט איר קראַצן, כּדי צו מאַכן כּשר אַ שטיקל פֿלייש פֿאַר אַן אָרעמאַן. נאָך איין זאַך האָט ער פֿאַרמאָגט, אַ גענדזענע פֿעדער, וואָס מיט איר האָט ער געשריבן זײַנע חידושי־תּורה. די טינט האָט ער זיך אַליין געמאַכט פֿון דער סאַזשע פֿון ליכט און אַז ס'איז צערעפּעט געוואָרן די פֿעדער און ער האָט קיין אַנדערע נישט געפֿונען, ווײַל קיינער קאָן זיך נישט דערלויבן צו קוילען זיך אַ גאַנדז, פֿלעגט ער מאַכן סימנים אין ספֿר: דאָ איז פֿאַראַן וואָס מחדש צו זײַן, דאָ איז פֿאַראַן וואָס מעיר צו זײַן. לאַנגזאַם האָט געזאָגט: מיט צוויי גוטע מתּנות האָט דער אייבערשטער באַשאָנקען ייִדן און דאָס זענען זיי: תּורה און שבת. ווען נישט זיי, ווייס איך נישט, ווי אַזוי ייִדן פֿון יענעם דור וואָלטן געקענט האָבן אַ קיום.

ווען מען וואָלט הערשלען געפֿרעגט: ווי אַזוי היילט ער דיך? וואָלט ער דערשטוינט געענטפֿערט: ער פֿאַרנעמט זיך דען מיט מעדיצין? פֿון דעסט וועגן האָט ער געפֿילט, אַז ער ווערט דורך אים געהאָלפֿן, זײַן שטאַרקע האַנט, וואָס האָט אָנגענומען זײַן האַנט בײַם אַרײַנקומען און בײַם אַוועקגיין, ווי גאָרנישט מיינענדיק דערמיט, איז נישט אַזוי גלאַטיק ווי טאַובערס האַנט און זי ברענגט אים נישט אויפֿן געדאַנק, אַז ער דאַרף זי קושן. אַ סך מאָל ווען דער דאָקטער איז געזעסן פֿאַר אים און געשמועסט מיט אים, ווי מיט זײַנס גלײַכן, פֿלעגט הערשל בײַ זיך אַליין פֿרעגן: ווייסט ער דען, אַז איך

* אַ קליין האַנטמעסערל.

האב געקרייעט ווי א האן און אז איך האב דעקלאמירט 'אויף די הויכע גראזן פאלט א שניי'. אוודאי ווייסט ער פון גארנישט, ווייל ווען ער וואלט געוווסט, וואלט ער מיך אריינגעזעצט אין א שטייג און מיר געגאסן קאלט וואסער אויפן קאפ. וועגן טויזנט זאכן האט דער דאקטער גערעדט מיט הערשלען, נאר וועגן זיין קרענק האט ער מיט אים נישט גערעדט. טויזנט זאכן האט הערשל דערציילט דעם דאקטער, נאר וועגן בלימען האט ער נישט דערציילט.

ער אליין האט אויך אויפגעהערט טראכטן וועגן בלימען. איר געשטאלט שוועבט אים נאך פאר די אויגן, אבער זיינע אויגן זענען נישט פאכאפנע נאך איר. אז ער פלעג זיך אנטרעפן מיט בלימעס שיינע אויגן און זייער בלוילעכע שטומקייט פלעג דורכשוועבן פאר אים, פלעג א לייכט שמייכעלע אויפשפראצן פון צווישן הערשלס ליפן, ענלעך צו בלימעס לייכטן שמייכעלע. און זאלסט זיך נישט וווּנדערן, הערשל איז אין לעמבערג און ער זעט, וואס בלימע טוט אין שיבוש, ווייל ער איז געווען צוגעוווינט צו בלימען פון קליינוויינז אויף, און ער האט געקענט יעדע איינע תנועה אירע. אין פלוג זעט עס אויס ווי א גוזמא, אבער אין דער אמתן איז עס אזוי.

איין מאל איז דער דאקטער אריינגעקומען צו הערשלען, געגעבן אים די האנט און געפרעגט אים, וואס ער מאכט, און ער האט נישט געוואַרט, ער זאל אים ענטפערן, נאר ער האט זיך אוועקגעזעצט לעבן אים אויפן עק בעט און אנגעהויבן רעדן מיט אים ווי זיין שטייגער איז, האלטנדיק זיין האנט אין זיינער און באטראכטנדיק אים דעם פולס. ביים אוועקגיין האט דער דאקטער געזאגט צו הערשלען: אפשר וועלן מיר זיך אויפהייבן און א ביסל ארויסגיין אין גארטן אריין.

אין א שעה ארום איז געקומען שרענצל דער קראנקן־פאטער און האט אנגעטאן הערשלען זיינע בגדים, און ער האט אים ארויסגעפירט אין גארטן און אים אוועקגעזעצט אויף א שטול, און ער איז געבליבן שטיין א ביסעלע אפגערוקט פון אים. אין א שעה ארום האט ער אים צוריק אריינגעפירט אין זיין צימער און האט אים אויסגעטאן און אים אוועקגעלייגט אויף זיין בעטל. פון איצט אן האט ער אים ארויסגענומען יעדן טאג אין דרויסן ארויס אויף א שעה, צוויי שעה, דריי שעה און לענגער.

א שיינער גארטן איז פאראן אין דאקטערס הויף מיט ביימער און קשאקעס און בלומען, און בענק און שטולן שטייען דארט אויסגעשטעלט פאר די קראנקע, אויף אפצורוען זיך. אין דער צייט ווען הערשל פלעג ארויסגיין אין גארטן אריין, פלעג ער דארט טרעפן איינעם אן אלטיטשקן גראבלען אין דער ערד און רעדן צו זיך אליין. דער דאזיקער אלטיטשקער, פנחס הארטלעבן הייסט ער, האט א מאל פארמאגט א הייזקע און א פאר מארג פעלד אין בארישלעוו. איין מאל ביי נאכט האט זיך אן עפן געטאן די ערד און האט

אײַנגעשלונגען זײַן װײַב מיט די קינדער. האָט ער גענומען און פֿאַרקױפֿט זײַן הײַזקע און זײַן פֿעלד. און מ'האָט נאָך דעמאָלט נישט געװוּסט, אַז די דאָזיקע ערד, װאָס גאָט האָט זי פֿאַרשאָלטן מיט דער קללה פֿון סדום ועמורה, איז אין אירע אינגעװײדן פֿול נאַפֿט. דער װאָס האָט געקױפֿט זײַן שטיקל פֿעלד האָט געפֿונען נאַפֿט און געװאָרן אַ מיליאָנער, און דער װאָס האָט עס פֿאַרקױפֿט איז געבליבן אַן אָרעמאַן. האָט ער אָנגעהױבן אַרומבלאָנקען פֿון אָרט צו אָרט און גראַבלען מיט זײַנע פֿינגער אין דער ערד זוכנדיק נאַפֿט און רעדנדיק בשעת מעשׂה מיט זײַן װײַב און קינדער, װאָס זענען געשטאָרבן, און אַזױ פֿלעג ער זאָגן: אָט אַנטדעק איך נאַפֿטקװאַלן און איך מיט אײַך װעלן מיר גײן אין גאָלד. אַז ער איז געקומען אױף דער עלטער, האָבן גוטע מענטשן אױף אים רחמנות געהאַט און האָבן אים אַװעקגעשיקט צו לאַנגזאַמען.

נאָך אײנער איז דאָרט געװען בײַם דאָקטער, אַ רביש אײניקל, ר' זאַנװל הײסט ער. זײַן טאַטע און זײַנע ברידער זענען באַרימטע רבים און ער אַלײן האָט אױך געהאַט זײַנע חסידים. אָבער ער האָט זיך געפֿילט עלנט און די װעלטזאַכן זענען אים נישט אָנגעגאַנגען און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון גאַנצן כּבֿוד און נישט געװאָלט נישט עסן און נישט טרינקען און ער האָט זיך באַטראַכט װי ער װאָלט שױן נישט געװען אױף דער װעלט און ער ליגט טױט. און יעדן אײנעם װאָס איז געקומען בעטן אַ ברכה בײַ אים פֿלעג ער זאָגן: דו ביסט אַ דורש אל המתים, דאָס הײסט: דו רעדסט צו אַ טױטן. האָט מען אָנגעהױבן נאָך מער האַלטן פֿון אים, װײַל מען האָט געזאָגט: ער האַלט זיך אַזױ קלײן, װײַל ער פֿילט דאָס גרױסקײט פֿונעם פֿאָטער אין הימל. אַזױ װי ער האָט אױפֿגעהערט עסן און טרינקען און זיך אָפּגעשײדט פֿון זײַן װײַב און פֿון אַלע מצװות פֿון דער תּורה, װײַל ער האָט געזאָגט במתים חפשי, אַז דער מענטש שטאַרבט, װערט ער פּטור פֿון אַלע מצװות, האָט מען אָנגעהױבן שושקען זיך, אַז ער איז נישט בײַ די קלאָרע געדאַנקען, און מען האָט נאָך אַלץ נישט אַרױסגעבראַכט דאָס פֿאַרן מױל. װי מען האָט געזען, אַז ס'װערט נישט בעסער, האָט מען זיך מישבֿ געװען און מען האָט אים אַװעקגעפֿירט צום דאָקטער לאַנגזאַם. און פֿאַר װאָס איז מען נישט אַװעק מיט אים צום רבין ר' שלמהלע סאַסעװער, דעם אַלעסקערס זון, װאָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט משוגעים און מפֿורסם געװאָרן װי אַ גרױסער בעל־מופֿת אין דער זאַך? נאָר ר' זאַנװלס טאַטע איז נישט געװען ברוגז מיט ר' שלמהלען, האָט ער גענומען און אַװעקגעפֿירט זײַן זון צום דאָקטער לאַנגזאַם, כּדי אַלעמען צו װײַזן, אַז דאָס הײלן משוגעים באַלאַנגט צו דאָקטױרים.

און נאָך אײנער איז געװען דאָרט אין דאָקטערס גאָרטן, פֿײַװיש װינקלער הײסט ער, אַ האָרער און אַ לאַנגער און אַ שתקן*, פֿאַרטיפֿט אין זײַנע

* אַ שװײַגער.

מחשבֿות און זוכט כּסדר אַרום וואַסער און האַלט זיך אין איין וואַשן די הענט און שעלט שלמה רובינען**. און אַז ער פֿלעג דערמאָנען דעם נאָמען פֿון דעם דאָזיקן דאָקטער, פֿלעג ער אַרײַנפֿאַלן אין אַ כּעס און שפּײַען, ווײַל שלמה רובין האָט געמאַכט אַזאַ מין פֿאָרם פֿון אַ הונט און אַרײַנגעזעצט אין זײַן פּיסק אַזאַ מין מאַשינדל, אַז אויב ער וויל וויסן, וואָס עס טוט זיך אין אימעצנס מוח, שיקט ער אַוועק צו אים זײַן הונט און דער הונט בילט אויף אים, און גלײַך פֿאַלן אַרויס יענעמס מחשבֿות און קויקלען זיך אַרײַן גלײַך אין הונטס פּיסק אַרײַן און דער הונט ברענגט זיי צו שלמה רובינען און שלמה רובין מאַכט מיט זיי, וואָס ער וויל, טײל מאָל גיט ער זיי צוריק אָפּ דעם צו וועמען זיי געהערן און טייל מאָל בײַט ער זיי אויס אויף אַנדערע, און טייל מאָל גיט ער זיי שוין נישט אָפּ צוריק און דער מוח פֿונעם דאָזיקן מענטשן בלײַבט ליידיק. ער האָט עס אויך פֿאַרביטן פּיִוּוישעס מחשבֿות אויף אַנדערע, וואָס ער קען זיי נישט פֿאַרטראָגן.

צי האָט זיך דען ווען ס'איז פּיִוּויש ווינקלער צונויפֿגעטראָפֿן מיט שלמה רובינען? זיי האָבן דאָך געוווינט ווײַט איינער פֿון צווייטן אַ מהלך פֿון עטלעכע מײַל, און דער האָט קיין מאָל נישט פֿאַרלאָזט זײַן שטאָט און דער איז קיין מאָל נישט געקומען אין יענעמס שטאָט. און דאָס זעלבע איז אויך די מעשׂה מיטן הונט. איבעריק צו זאָגן, אַז אַ הונט, וואָס נעמט צו יענעמס מחשבֿות, איז לא היה ולא נבֿרא. נאָר רובינס ביכלעך זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין פּיִוּויש ווינקלערס הענט און זיי האָבן עס גורם געווען פּיִוּויש ווינקלערן, אַז ס'זאָל בײַ אים צעמישט ווערן דער געדאַנק.

פּיִוּויש ווינקלער האָט געהאַנדלט מיט זאַלץ. אַ קליינס און אַ נידעריקס איז געווען פּיִוּוישעס געוועלבל און אָנגעדאַפּטשעט מיט טאָלפּנס זאַלץ, אויסגעלייגט אין אַ סדר איינער אויפֿן אַנדערן, וואָס בליאַסקען מיט זייער גרוילעכער ווײַסקייט ווי אַן אייביקע וויזיע, אַ שטענדיק אָנגעזיכט, אַ בונד פֿון זאַלץ פֿון זינט די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן ביזן סוף פֿון אַלע דורות. אַלץ דאַרף האָבן זאַלץ און די וועלט האָט קיין קיום נישט אָן זאַלץ. ווערט אַ מענטש געבוירן, באַשיט מען אים מיט זאַלץ; שטאַרבט ער, זענען די טרערן, וואָס מען פֿאַרגיסט אויף אים, געזאַלצן; זעצט זיך אַ מענטש צום עסן, טונקט ער אײַן זײַן ברויט אין זאַלץ, און אַ פֿרוי קאָכט אירע געקעכטסן מיט זאַלץ און פֿאַרקנעט איר טייג מיט זאַלץ און זאַלצט דאָס פֿלייש. אַלע מאכלים דאַרפֿן זאַלץ. אַפֿילו כּלערליי זיסע געבעקסן, ווען מען וואָלט זיי נישט צוגעריכט פֿאַרן באַקן מיט זאַלץ, וואָלט זיי קיין מענטש נישט געקענט נעמען אין מויל אַרײַן. אַפֿילו מעדני־מלך זענען געמאַכט מיט מלח. מיר ווייסן נישט, צי דאָס זאַלץ קומט אונדז דערמאָנען די זינד פֿון סדום, וואָס

** ד"ר שלמה רובין (תקפ"ג—תר"ע) — איינער פֿון די וויכטיקסטע משׂכּילים אין גאַליציע. מיט זײַנע קריטיש־ראַציאָנאַליסטישע ווערק געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף זײַן סבֿיבֿה אין דרום־גאַליציע, צוו"אַנד איבערגעזעצט אויף העברעיִש שפּינאָזעס „עטיק" א"נ „חקר אלוה".

האט געזינדיקט מיט זאלץ און דאס גאנצע לאנד איז געווארן שוועבל און זאלץ, אדער עס קומט אונדז טרייסטן, אז דער אייבערשטער וועט אונדז אומקערן די עבודה אין בית־המקדש, וואס מיט אלע קרבנות איז מען מקריב זאלץ. פאר צייטנס פלעגן די מלכים באשיטן די שטעט פון זייערע שונאים מיט זאלץ. היינט היטן גוט די מלכים דאס זאלץ און הייסן זיך באצאלן געזאלצענע פרייזן פאר דעם. מיט קיין מלך איז גארנישט צו מאכן און מען שטעלט זיך נישט מיט אים איבערן מקח, און דער זעלצער האט נישט קיין לאנגע געשעפטן מיטן קונה. דעריבער האט פייוויש שטענדיק געהאט צייט. איז ער געשטאנען אין זיין געוועלבל, אריבערגעבויגן איבערן טיש,ביידע הענט ארייננגעשטעקט אין די ארבל, און אן אפן ספר ליגט פאר אים: ילקוט ראובני, אדער מדרש תלפיות, וואס זענען פול מיט סתרי־תורה און סתרי־עולם. ער פלעג אויך לייענען וועלטלעכע ביכער און די געהיימענישן פון די עבודה־זרהס. אלע זיינע יארן האט ער אפגעהיט די מצוות און ערלעך געהאלטן יידישקייט, און געוועזן אנגעזען ביי לייטן, מער ווי לויט זיין פרנסה, און ער האט קיין מאל נישט גערעדט קיין איבעריקווארט. דער וואס אלע וועלטן ליגן פאר אים אפן, וואס קען אים שוין מישטיינס געזאגט א מענטש דערציילן? דער וואס האט דערכאפט דעם סוד פון דער חכמה, וואס מישטיינס געזאגט וועט אים שוין צוגעבן דאס רעדן מיט מענטשן.

אז ארט איז פאראן אין גאליציע, אונטער דער ערד, און ס'רופט זיך וויעליטשקי. מען גייט דארט אראפ און מען קריגט ארויס פון דארט זאלץ. צוויי מייל לאנג איז דער גראבן און א פיר מייל די ברייט. ווי א שטאט אונטער א שטאט, א שטאט פון זאלץ. און ס'זענען דארט געמאכט גאסן פון זאלץ. און צימערן פון זאלץ זענען דארט אויסגעבויט. און שטאלן פאר פערד זענען דארט פאראן. און פיגורן פון קעניגן שטייען דארט ביי די טירן פון צימערן. אלע פון זאלץ. און יאר־יערלעך באקומט מען ארויס פון דארט טויזנטער־טויזנטער צענטנערס זאלץ. אין ספר שבילי־עולם, נישט וועגן אפריקע, נאר וועגן אייראפע, נישט פון שמשון בלאד, נאר פון אברהם־מענדל מאהר, שטייט געשריבן: שוין זעקס הונדערט יאר, וואס מען האט נישט אויפגעהערט גראבן, און וואס מער מען גראבט, אלץ מער מערן זיך די שאכטעס זאלץ. פון דארט האט עס פייוויש געבראכט זאלץ און פארקויפט די מענטשן ביי אים אין שטאט און זיין געדאנק בלאנקעט ארום אין וועלטן, ווו קיין שום מענטש שפארט נישט אן. פייוויש וואלט געקענט אויסלעבן זיך זיינע טעג און יארן בכבוד. נאר א ספרים־שאפע איז געוועזן אין אלטן בית־מדרש און ס'זענען געוועזן דארט פארשלאסן חקירה־ספרים פון די צייטן פון די ערשטע חוקרים, וואס הלכה און אגדה, קבלה און חקירה, זענען געוועזן ביי זיי גלייך אנגענומען. האט פייוויש גענומען און אונטערגעצונדן זיי און דאס פייער האט ארומגעכאפט דאס בית־מדרש און כמעט די גאנצע שטאט איז פארברענט געווארן. ס'איז אים געקומען,

פֿיִוויִשן, מען זאָל אים אײַנזעצן אין קרימינאַל, ווען מען וואָלט אים נישט פֿריִער אָוועקגעשיקט צום דאָקטאָר לאַנגזאַם.

הערשל איז זיך אומגעגאַנגען מיט זײַנע שכנים, ווי אַ גאַסט. ער זעט, וואָס מען ווײַזט אים, און הערט, וואָס מען דערציילט אים. מיט פּנחס האַרטלעבענען און מיט פֿיִוויש ווינקלערן האָט ער נישט גערעדט, ביידע זענען געווען פֿאַרנומען מיט זייערע זאַכן, דער מיט דער ערד און דער מיט זײַנע מחשבֿות. אויך שרענצל, דער קראַנקן־פֿאַטער, האָט געוואָרנט הערשלען, ער זאָל זיך נישט חבֿרן מיט ווינקלערן, ווײַל ער קען שלעכט אָפּשנײַדן פֿון אים, ווײַל אַז די מרה־שחורה באַפֿאַלט אים, שאַנעוועט ער נישט קײנעם, ער שפּײַט אין פּנים אַרײַן און מאַכט נישט קיין חילוק צווישן גרויס און קליין.

דערפֿאַר האָט זיך הערשל געהאַלטן נאָענט צו ר׳ זאַנוולען. און אויך ר׳ זאַנוול האָט אים מקרבֿ געווען און האָט אים גערופֿן מײַן קרובֿ, ווײַל ער האָט זיך טועה געווען מיטן נאָמען האָרוויץ און געהאַלטן אים פֿאַר זײַנעם אַ קרובֿ, כאָטש הערשל האָט אים געזאָגט, אַז ער שטאַמט נישט פֿון של״ה. ער פֿלעג אָפּהיטן די יאָרצײַטן פֿון רביים, און דעם טאָג ווען ס׳איז אויסגעפֿאַלן אַ יאָרצײַט פֿון רבין, פֿלעג ער דערציילן די וווּנדער פֿון דעם דאָזיקן רבין. צווישן די יאָרצײַטן פֿון די רביים האָט ער אויך מזכיר געווען זײַן יאָרצײַט, און ער האָט נישט פֿאַרביטן דעם טאָג, וואָס ער האָט באַשטימט פֿאַר זײַן אייגענעם יאָרצײַט. און אַז ער פֿלעג דערמאָנען זײַן אייגענעם נאָמען, פֿלעג ער זאָגן אויף זיך אַליין: ער, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין, ער זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן.

אַז אײַנגעבויגענער פֿלעג ר׳ זאַנוול שטיין און צוגעבויגן צו הערשלען מיט אַן עניוותדיקן שמייכל אויף זײַן פּנים, מיט אַ ווײַסער יאַרמלקע אויף זײַן קאָפּ, אַזאַ ווי די וואָס עס טראָגן די שלוחים פֿון ארץ־ישׂראל. און זײַן באָרד און פּיאות זענען אָפּגעשוירן, ווײַל מען האָט זיי אים אַראָפּגענומען אין סאַנאַטאָריע. און ער פֿלעג דערציילן מעשׂיות פֿון צדיקים. און דעם טאָג ווען ס׳איז לויט זײַן חשבון אויסגעפֿאַלן זײַן אייגענער יאָרצײַט האָט ער דערציילט מעשׂיות וועגן זיך אַליין.

זינט ער לעבט האָט הערשל נישט געהערט אַזעלכע שיינע מעשׂיות, וואָס פֿון יעדן וואָרט רעדט אַרויס אַן אַהבֿת־ישׂראל און אַהבֿת־השם. אַלץ וואָס הערשל האָט געוווּסט וועגן חסידים און רביים איז געווען צום שלעכטן, ווײַל הערשל איז אויפֿגעוואַקסן אין אַ בית־מדרש פֿון בעלי־בתּים, ווו מען דערמאָנט אַ חסיד נאָר אויף אָפּצוחוזקן פֿון אים, און ער האָט ניט געזען, ווי אַ רבי זעט אויס, אַ חוץ די זינגערינס, וואָס האָבן זיך פֿאַרשטעלט אין חסידישע בגדים. אין הערשלס צײַטן זענען שוין אַרויס פֿאַרשונגען און מעשׂיות וועגן חסידים, כּדי צו אַנטפּלעקן דאָס ליכט, וואָס איז באַהאַלטן אין חסידות. דאָס זענען פֿאַרשונגען און מעשׂיות, וואָס חסידים באַטראַכטן זיי פֿאַר לעסטערונגען און די משׂכּילים — פֿאַר חוזק־מאַכערײַ.

כאטש דער דאקטער האט זיך מיט אים באגאנגען ווי מיט א געזונטן מענטש, האט הערשל געוווסט, אז ער פארשליסט פאר אים זיין הויז און ער טאר נישט ארויסגיין פון טויער און גיין וויטער ווי ביזן טויער. אבער הערשל האט נישט געהאט קיין פאראיבל אויפן דאקטער און ער איז נישט געווען אומעטיק. אדרבא, ער האט זייער פאר ליב גענומען דעם דאקטער, ווי איינער וואס האט זיך ארומגעוואלגערט אויף דער וועלט און מען האט אויף אים רחמנות געהאט און אים אריינגענומען אין א שטוב אריין.

הערשל האט באמת געמעגט פאר ליב נעמען דעם דאקטער, ווייל קיין מאל איז נאך הערשלען נישט געווען אזוי גוט ווי איצטער. זיין צימער איז א שיינס און די פענצטער גייען ארויס אין גארטן אריין און מען שטערט אים נישט דעם שלאף און ער שלאפט יעדע נאכט ביז א זייגער זיבן אין דער פרי, ביז עס קומט שרענצל, דער קראנקן־פאטער, און רייבט אים איין מיט קאלט וואסער און ברענגט אים א גלאז מילך, אדער קאווע, אדער קאקאא, אדער טיי, אדער שאקאלאד, אדער פרוכטנסאק, און א לייכטן אנבייסן, וואס איז נישט שווער פארן מאגן, און צום מיטאג גיט ער אים א גלעזל וויין אויף אפעטיט. רעגנט, זיצט ער מיט אים אין זיין צימער און שפילט מיט אים שאך. דערנאך קומט דער דאקטער און רעדט מיט אים וועגן זאכן, וואס מונטערן אים אויף. אויך ער, דער דאקטער, ווערט אויפגעמונטערט פון דעם רעדן און ער האלט אין איין דערציילן. וויפל יאר האט דער דאקטער פארבראכט אין זיין שטעטל, צוואנציק יאר, אבער דאכט זיך, אז אפילו טויזנט יאר וועלן אים נישט סטייען אויף צו דערציילן אלע אירע זאכן. טייל מאל חזרט ער איבער, וואס ער האט שוין א מאל געהאט דערציילט, און טייל מאל גיט ער נאך צו דעם עפעס צו. די אוניווערסיטעטן, וווּ ער האט געלערנט, די גרויסע שטעט, וווּ ער האט פארבראכט, טעאטערן און אפערע־הייזער, וואס ער האט געזען, זענען ווי אפגעווישט פון זיין הארצן און עקסיסטירן נישט מער פאר אים, אבער זיין קליין שטעטל לעבט און עקסיסטירט, און אז ס'איז יא אזוי — פלעג ער דערציילן וועגן אים און וועגן די מענטשן פון זיין שטעטל, וואס זיצן אין זייערע געוועלבער און לערנען משניות און זאגן תהילים. און וועגן זיין רבין, דעם דיין, וואס פלעג זיך מיט זיינע נעגל מאכן סימנים אין די ספרים, ווייל ער האט נישט געהאט קיין פעדער, און וועגן די בחורים, וואס האבן זיך געמאטערט אויסצוטייטשן זיינע סימנים. לאנגזאם האט געזאגט: א סך סודות זענען פאראן אויף דער וועלט און א סך חוקרים מאטערן זיך צו אנטפלעקן זיי. אוודאי זענען זיי חשובער פון אונדז, זיי פארנעמען זיך דאך מיט וועלטס־געהיימענישן, מיר, אבער, האבן זיך פארנומען מיט דברים בטלים, נאר זיי זענען גארנישט דערגאנגען, מיר, אבער, מיר זענען טייל מאל דערגאנגען, וואס אונדזער רבי איז אויסן געווען. אצינד זיצט ער זיך אין גן־עדן העליון און שרייבט חידושי־תורה מיט א דימעטענעם שפיץ און ער דארף שוין נישט מער קיין גענדזענע פעדער. און דעם ספר מחצית השקל, וואס ער

האט ס'גאנצע לעבן זײַנס אזוי געוואלט האבן, ביז איך זיכער, אז ער זיצט מיטן מחבר אין דער ישיבֿה של מעלה און ער איז אים מגלה די הארבע ערטער אין מגן אברהם, אדער אפֿשר גאר, אז דער מגן אברהם אליין לערנט מיט אים. איך פֿלעג האבן גרויס צער, וואס איך האב נישט געהאט די זכיה מקיים צו זײַן מײַן רבינס באגער און שיקן אים א מתּנה. צי האב איך מיר דען נישט געקענט פֿארגינען צו שיקן אים א צוויי־דרײַ גילדן? נאר כּל־זמן ער האט געלעבט, האב איך מיך געפֿוילט, און אז ער איז אוועק פֿון דער וועלט, דארף ער עס שוין נישט מער. נישט יעדער איינער איז זוכה אפּצור־דינען די וואס האבן אים גוטס געטאן, ס'איז געווּג פֿאר זיי, וואס מען צאלט זיי נישט אפּ קיין שלעכטס. קומט דאך אויס, אז מען דארף זיך מיאש זײַן? ניין, נאר איינער טוט גוטס א צווייטן און ווערט נישט באלוינט; אין א צײַט ארום טוט דער גוטס אן אנדערן, און דער אנדערער אן אנדערן. אזוי ארום באקומט דאס גוטע זײַן לוין און די וועלט האט א קיום.

און דער דאקטער פֿלעג זיך נאך א סך אנדערציילן וועגן די בלינדע מוזיקאנטן, וואס זיצן מיט פֿארלייגטע פֿיס אויף זייערע זעק אין מארק און שפּילן אויס מיט די פֿינגער אויף זייערע אינסטרומענטן הארציקע לידער, וואס האבן נישט קיין אנהייב און נישט קיין סוף, און דו שטייסט און הערסט זיך צו און עס ווערט דיר אומעטיק אויפֿן הארצן. דעם דאקטערס קול איז שוין פֿארעלטערט, נאר דער זיסער אומעט, וואס ציטערט ארויס פֿון זײַן האלדז, נעמט ארום הערשלען ווי לוסטיקע לידער. דאס זענען עס יענע לוסטיקע לידער, וואס הערשל האט זיי נישט געהערט אין זײַן וויגל. זי האט געוווּסט, צירל, אז זי האט נישט קיין שיינע שטים, דעריבער האט זי נישט געזונגען דעם קינד, ווי דער שטיגער פֿון אלע מאמעס. און יענע עגונה, וואס האט געדינט בײַ זיי אין הויז, אדער זי איז געווען פֿארנומען מיט די שטובזאכן, אדער זי איז געווען פֿארנומען מיט אירע תּכריכים און זי האט נישט געזונגען. ער פֿלעג אויך ברענגען הערשלען דערציילונגען און ראמאנען און פֿרעגן אים זאכן, וואס זענען אים ווי הלצהלעד, ווי, למשל, אויף סארא פֿערד האט גערידן דער רײַטער, ווען די יאשנע פּאניע * איז געשטאנען בײַם פֿענצטער, אדער ווי מען רופֿט יענע בלום, וואס די דאזיקע יאשנע פּאניע האט געגעבן יענעם ריטער, וואס איז בלינד געווארן אויףביידע אויגן אין א דועל צוליב איר.

דער דאקטער אליין האט קיין ראמאנען נישט געלייענט. ער פֿלעג זאגן, דער דאקטער: וואס שטייט אין די דאזיקע ביכלעך? וועגן קליידלעך און ווײַ־בערישע פּוצערײַען? א שנײַדער, א שניטקרעמער און א יוּוועליר, זאלן זיי זיך אפּגעבן מיט די דאזיקע ביכלעך, דער וואס איז נישט נישט קיין שנײַדער און נישט קיין שניטקרעמער און נישט קיין יוּוועליר, וואס גייען

* ליכטיק פֿרײַלין (פּרוי) — טיטל פֿאר א פּוילישער פּריצה.

אים אַן ראַמאַנען? די דאַזיקע ביכלעך זענען אים פֿאַרבליבן, דעם דאָקטער, נאָך פֿון זײַן פֿרוי, וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן מחמת משוגעת.

מיט אַ ליבלעכקייט אין די אויגן פֿלעג דער דאָקטער זיך צוקוקן, ווי הערשל לייענט די ביכלעך, וואָס זי פֿלעג לייענען. טייל מאָל פֿלעג דער דאָקטער זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט און אונטערזינגען זיך אַ לידל פֿון די לידער פֿון די בלינדע בעטלער, וואָס זיצן מיט פֿאַרלייגטע פֿיס אויף זייערע זעק און זינגען פֿאַר זיך.

הערשל האָט נישט געקענט די וועלט. וואָס בסך־הכּל ווייסט אָרום און אָרום הערשל? אַז די וועלט באַשטייט פֿון רײַכע און אָרעמע; אַז די רײַכע איז גוט אויף דער וועלט און די אָרעמע איז נישט גוט אויף דער וועלט. כאָטש הערשלען איז נישט גוט אויפֿן האַרצן נישט מחמת אָרעמקייט, פֿלעג ער זיך וווּנדערן אויפֿן דאָקטער, וואָס ער זעט אויס, גלײַך עס וואָלט אים געטראָפֿן אַן אומגליק. זאָל עס זײַן צוליב פּרנסה? ער איז דאָך רײַך.

איין גאָט אין הימל פֿאַרשטייט די מענטשלעכע פּירעכצער און טועכצער. דער דאָזיקער דאָקטער, וואָס אַזוי פֿיל געריכטע ווערן דורך אים געהיילט, האָט זיך גאָר זײַן ווײַב גענומען דאָס לעבן פֿון משוגעת. איינער, אַ נידעריקע בריאה, וואָס דער אייבערשטער האָט אים אַנדערש געמאַכט פֿון אַלע אַנדערע ייִדן מיט דעם וואָס ער האָט אים געגעבן אַ הילצערנעם פֿוס, אַנשטאָט אַ פֿוס פֿון פֿלייש, האָט אַזוי צעדולט דאָס האַרץ פֿון דער דאָזיקער פֿרוי, אַז זי האָט זיך אַליין, מיט די אייגענע הענט, אומגעבראַכט. און יענער ניקס שפּרינגט נאָך מיט זײַן קוליע און דרייט זיך די וואָנצעס זײַנע און האַלט זיך אין איין באַרימען פֿאַר לײַטן, גלײַך ער וואָלט אײַנגענומען אַ שטאָט מיט גיבורים.

קאַפּיטל 30

דער צער און די חרפּה און די שרעק און אַנדערע אויפֿרעגונגען

האָבן געקענט שטעלן אין סכּנה מינען און דאָס נפֿשל אין בויך, אָבער זי האָט אַלץ איבערגעטראָגן און אויסגעטראָגן און געבוירן אַ זון.

הערשלען האָט מען געבראַכט די בשׂורה, אַז ס'איז אים געבוירן געוואָרן אַ זון. אַ קורצע טעלעגראַמע פֿון צען ווערטער איז אָנגעקומען פֿון שיבוש, און ס'איז געשטאַנען אין איר: מינע מיט איר זון זענען געזונט. צו ערשט האָט הערשל נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס איז זיי עפּעס איינגעפֿאַלן אים צו וויסן צו טאָן, אַז מינע איז געזונט, און ווער איז עס איר זון, וואָס האָט זיך פּלוצלינג געיאָוועט ביי איר. נאָך דעם ווי הערשל האָט באַנומען די זאַך, האָט ער צו־געלייגט די האַנט צום האַרץ. דאָס דאָזיקע האַרץ, וואָס איז געווען נישט פֿריילעך און נישט טרויעריק, האָט זיך געוואָרפֿן נישט ווי געוויינלעך, גלייך מען וואָלט עס געקלעמט מיט אַ צוואַנג.

הערשל איז נישט געווען נישט טרויעריק און נישט פֿריילעך. אַז ער איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך זיין טאַטע מער געפֿרייט. ווי ברוך־מאיר האָט זיך עס געפֿרייט מיט זיין זון, וויפֿל סעודות ער האָט געמאַכט לכּבֿוד אים.

ווי אַלט איז ברוך־מאיר געווען, ווען ער האָט געהאַט הערשלען? זעקס און צוואַנציק יאָר. ווי האָט אויסגעזען ברוך־מאיר, ווען ער האָט געהאַט הערשלען? געווים האָט ער אויסגעזען יינגער ווי ער זעט היינט אויס, פֿון דעסט וועגן איז ער געווען אָנגעזען אין שטאָט מער ווי הערשל.

הערשל וואָלט זיך געדאַרפֿט אויסמאָלן אין געדאַנק, ווי זיין ווייב זעט אויס, ווי זיין זון זעט אויס, נאָר הערשל, וואָס איז געווען געפֿאַלן ביי זיך אַליין, איז געזעסן און זיך אויסגעמאָלן, ווי זיין טאַטע זעט אויס, כּדי זיך אַליין צו ווייזן, ווי גרויס ס'איז זיין טאַטע און ווי קליין ס'איז זיין טאַטנס זון.

די ערשטע צייט, וואָס הערשל האָט פֿאַרבראַכט אין סאַנאַטאָריע, האָט ער זיך באַמיט צו פֿאַרטרייבן פֿון זיך די זכרונות. יעדע זאַך וואָס האָט אים דערמאָנט אַן שיבוש, פֿלעג ער אָפּשטופּן. דערפֿאַר פֿלעג שיבוש באַווייזן זיך פֿאַר אים אין חלום. טייל מאָל פֿלעג ער חלומען נייע חלומות און טייל מאָל פֿלעג זיך איין חלום איבערחזרן עטלעכע מאָל. מיט דער צייט האָט ער אויפֿגעהערט חלומען וועגן זיין שטאָט ביי נאַכט און ער פֿלעג טראַכטן וועגן איר ביי טאָג. זיין טראַכטן האָט אים אַזוי נישט געשראָקן ווי זיינע חלומות, אָבער פֿלעג אים אויפֿרעגן. אין מחשבֿות שפּיגלט זיך אָפּ אַן אָפּשיין פֿון דער וואָר, און אַז די וואָר איז נישט שיין, זענען אויך די



...[שיבוש] לאָזט זיך אַרומנעמען מיט דער האַנט און צווישן די פֿינגער
פֿון דער דאָזיקער האַנט זיצט אַ בלינדער בעטלער און זינגט...

מחשבֿות נישט שיין. ער האָט זיך ווידער געזען אין שיבֿוש, אין געוועלב. ווי אַלע היִנטצייטיקע אויפֿגעקלערטע, האָט אויך הערשל נישט געגלייבט אין גילגול נאָכן טויט, אָבער צי איז דען נישט דער גילגול בײַם לעבן ערגער פֿונעם גילגול נאָכן טויט.

וויפֿל שעה פֿאַרן איז פֿון לעמבערג קיין שיבֿוש? וויפֿל סטאַציעס איז פֿון לעמבערג קיין שיבֿוש? אַז הערשל איז אַליין, פֿליט ער אין איין קורצער ווײַלע פֿון לעמבערג קיין שיבֿוש, און אַט שטייט אים גאַנץ שיבֿוש פֿאַר די אויגן. כאָטש ער קען נישט אַלע מענטשן, וואָס וווינען אין שיבֿוש, קען ער אָבער ס׳רובֿ פֿון זיי, און כאָטש ער געדענקט נישט זייערע נעמען, געדענקט ער זייערע צונעמען. פּונקט ווי מינע האָט, דערציילנדיק הערשלען וועגן די מוראַשקעס, וואָס זי האָט געזען אין חלום פֿאַרן פֿאַרגיין אין טראַגן, דער־ציילט וועגן יעדער איינער מוראַשקע באַזונדער, אַזוי האָט הערשל געטראַכט וועגן יעדן איינעם מענטשן באַזונדער. און פּונקט אַזוי ווי די מוראַשקעס זענען אים פֿאַרגעקומען, ווי זיי וואָלטן זיך געשטעלט אויף זייערע פֿיסלעך און אַרײַן אין זײַן פֿלייש אַרײַן, אַזוי האָט ער געפֿילט די מענטשן פֿון זײַן שטאָט. דאָקטאָר לאַנגזאַם, וואָס איז שוין פֿערציק יאָר פֿון זײַן שטעטל און ער קלערט נישט אומצוקערן זיך אַהין, קען אַזוי אויסלויבן זײַן שטעטל און זײַנע מענטשן; הערשל, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג פֿאַרלאָזט זײַן שטאָט — אַפֿילו דאָס בלויזע דערמאָנען איר נאָמען פֿאַרשאַפֿט אים צער.

ווידער איז פֿון הערשלען צוגענומען געוואָרן דער שלאָף. זינט ווען ער איז אַנגעקומען אין סאַנאַטאָריע, איז נישט אַדורך קיין נאַכט, ער זאָל נישט שלאָפֿן, מיט אַ מאָל זענען געקומען שלאָפֿלאָזע נעכט. אַז איינער געפֿינט זיך אין אַ צרה, האָפֿט ער אויף אַ ישועה; איז אָבער זײַן צרה אַוועק און צוריקגעקומען, פֿאַלט ער אַרײַן אין יאוש. ער האָט דאָך שוין געהאַט פֿאַרגעסן דעם צער פֿון נישט קענען שלאָפֿן און ער איז שוין געהאַט געשלאָפֿן בײַ נאַכט און געפֿרייט זיך בײַ טאָג. איצט דרייט ער זיך ווידער פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער און געפֿינט זיך נישט קיין רו. מינע רעדט נישט מיט אים און ער הערט נישט איר קול, וואָס ס׳דאַכט זיך אים ווי דער אָפּקלאַנג פֿון אַ טשוואַק, וואָס מען קלאַפּט אַרײַן אין אַ ליימענער וואַנט אַרײַן, און ער פֿילט נישט איר ריח, און ער הערט נישט איר אָטעמען, און ער זעט זי נישט שלאָפֿן. אַ האָן קרייעט נישט, אַ הונט בילט נישט, קיינער גייט נישט פֿאַרבײַ זײַן פֿענצטער, ער ליגט אויף זײַן געלעגער ווי אַ קאַליע געוואָרענער זייגער, וואָס פֿאָלגט נישט די צײַט. זײַנע אויגן זענען פֿאַר־זונקען אין זייערע לעבער, אָבער דער שלאָף קלעפּט זיך נישט צו זיי. דער־פֿאַר באַווײַזן זיך פֿאַר אים כּסדר כּלערליי מראות. שיבֿוש, וואָס באַשטייט פֿון בערג און בערגלעך, טאָלן און פֿלאַכן, שרומפּט זיך אײַן און לאָזט זיך אַרומנעמען מיט דער האַנט און צווישן די פֿינגער פֿון דער דאָזיקער האַנט זיצט אַ בלינדער בעטלער און זינגט: אויף די הויכע גראָזן פֿאַלט אַ שניי,

דאָרט אין געמויזעכץ פּאַשען זיך זשאַבעס. נאָר דער בעל־חלומות אַליין, ער ווייסט, ווען דער דאָזיקער ניגון ענדיקט זיך. דאַכט זיך, פּונקט ווי ער האָט קיין אָנהייב נישט, אַזוי האָט ער קיין סוף נישט. ווי עס זינגט זיך אַזוי דער ניגון, איז געקומען אַ פאַרהילטע פרוי און האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים און האָט אים אָפּגעבראָכן אַ שטיקל קיכל. נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו געבן עס אים, איז געקומען איינער און האָט אַ נעם געטאָן פולע זשמע־ניעס מטבעות און זיי אים אַ וואָרף געטאָן נישט אין זיין האַנט אַריין, נאָר אין זיינע אויגן אַריין, אַז עס זענען אַזש פאַרדעקט געוואָרן זיינע אויגן ווי מיט צוויי בערג. האָט הערשל געשריגן און געוויינט. אָבער זיין קול האָט זיך נישט געהערט, צוליבן סטוקען פון די רעדער פון אַ בריטשקע. האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און געזען, סאָפיע גילדנהאָרן זיצט אין דער בריטשקע, אַ שלאַנקע און אַ שיינע, קוקט אויף אים ליבלעך און ס'טראָגט זיך פון איר אַ גוטער ריח.

הערשלס קרענק האָבן זיך איבערגעחזרט. די נעכט זענען אַוועק אָן שלאָף און די טעג מיט קאָפּווייטיק. זיינע אויגן זענען צעשראָקענע און אַ גרויס עצבֿות פלאָטערט אין זיי, דאָס עצבֿות, וואָס טוט ווי די אויגן און פאַרצערט די נשמה. ער קרייט נישט ווי אַ האָן, און ער קוואַקעט נישט ווי אַ זשאַבע, און ער זינגט נישט „אויף די הויכע גראָזן פּאַשען זיך זשאַבעס", אָבער דער גאַנצער הערשל איז איין שטיק פון סאַמע יסורים און פּיין. דער דאָקטער האָט דאָס געזען און זיך געמאַכט נישט־זעענדיק.

האָט שרענצל געפרעגט דעם דאָקטער: צי זענען נישט אַ מאָל די ביכלעך אין דעם שולדיק?

האָט זיך דער דאָקטער פון אים אויסגעלאַכט און געזאָגט: וואָס קענען שאַטן עטלעכע בלעטלעך פּאַפּיר, אָדער אַז אייל זיידנס, ווען וואָס עס שרייבט זיך אין די ביכער, נאָר כּדי דיך נישט אַרויסצולאָזן מיט גאָרנישט, וועלן מיר אים דאָס און דאָס מאַכן.

האָט דער דאָקטער איינגעגעבן הערשלען אייזנפּילן און אַרסעניק און ער האָט געהייסן שרענצלען, ער זאָל אים מאַכן וואַנעס פון לעבלעך וואַסער. האָט הערשל איינגענומען די אייזנפּילן און דעם אַרסעניק און דריי מאָל אין טאָג האָט אים שרענצל אַריינגעזעצט אין אַ וואַנע און אָפּגעגאָסן זיין קאָפּ מיט לעבלעך וואַסער. עס האָט לאַנג נישט גענומען און עס האָבן זיך ביי אים אויסגעלייטערט די אויגן און ער האָט ווידער אָנגעהויבן שלאָפן ביי נאַכט און דער קאָפּ האָט אים נישט ווי געטאָן ביי טאָג. ער שפּילט ווידער שאָך און שפּאַצירט אין גאָרטן, און מאַכט זיך זיין מאַציאָן* און עסט און טרינקט און העלפט שרענצלען אויסרייסן די ווילדע גראָזן אין גאָרטן און באַגיסן די בלומען און אָנהאָקן האָלץ.

* גימנאַסטיק.

ליב זענען געווען די דאָזיקע שעהען, וואָס הערשל האָט פֿאַרבראַכט מיט שרענצלען אין גאָרטן. די ביימער און דאָס גראָז שמעקן, און די האַק און דער סערפּ בליאַסקען אין דער זון און די כרושטשעס פֿון גאָרטן הייבן די פֿליגעלעך און פֿליִען, און שרענצל קוקט מיט איין אויג אויף אים, אויף הערשלען, און הערשל ווישט דעם שווייס און לאָזט נישט אַרויס קיין קרעכץ. אַ היפּש שטיקל אַרבעט האָט ער, הערשל, און ער מעג אַ קרעכץ טאָן, אָבער ער קרעכצט נישט. אמת, אַז הָאַלצהעקער טוען אָפּ אין איין שעה, וואָס הערשל טוט נישט אָפּ אין זעקס טעג, נאָר זיי אַרבעטן אין ווינטערטעג, אָבער ער טוט עס אין זומערטעג, זיי אַרבעטן און קריגן דערפֿאַר באַצאָלטס, ער אָבער אַרבעט און צאָלט נאָך צו דעם דאָקטער. נישט ווײַט פֿון אים גראָבלט פּנחס האַרטלעבן אין דער ערד און רעדט מיט זײַנע טויטע ווײַב און קינדער. ער האָט נאָך נישט געפֿונען קיין אוצר, פּנחס האַרטלעבן. נישט אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק אַנטפּלעקט דער אייבערשטער זײַנע אוצרות פֿאַר די מענטשן, אָבער ער גיט אַ ביסל בטחון, וואָס דאָס איז מער ווערט ווי אַלע אוצרות אין דער וועלט. אָט זעסטו, ס'האָט זיך אַן עפּן געטאָן די ערד און מען האָט געפֿונען קוואַלן נאַפֿט אַן אַ סוף, איז פֿאַר־פֿלייצט געוואָרן די הײַזקע פֿון דעם דאָזיקן מענטשן און ס'זענען אומגע־קומען זײַן ווײַב מיט די קינדער, האָט אים גאָט אַרײַנגעגעבן אַ ביסל בטחון און דאָס האַלט אים אויף. די אַנדערע צוויי שכנים זײַנע, ר' זײַנוול און פּײַוויש ווינקלער, זענען פֿאַרשוווּנדן, אָדער זיי זענען געזונט געוואָרן און זיך אומגעקערט אַהיים, אָדער עס איז זיי ערגער געוואָרן און דער דאָקטער האָט זיי פֿאַרשפּאַרט אין זייערע שטיבער. הערשל האָט נישט געפֿרעגט און שרענצל האָט נישט דערציילט.

קאַפּיטל 31

דער לעצטער חודש פֿון יאָר איז חודש אלול און ער פֿאַרמאָגט אַל דאָס גוטס פֿון אַלע חדשים. איז היים, איז זײַן היץ נישט אַזוי שטאַרק ווי אין תמוז; איז קאַלט, איז זײַן קעלט נישט אַזוי שטאַרק ווי אין טבֿת אָדער שבֿט. די טעג זענען נישט אַזוי קורץ ווי ווינטער און נישט אַזוי לאַנג ווי זומער. וואַרעמע און קאַלטע וואָלקנס פֿאַרליאַמעווען די זון און אַ געלבלעך ליכט רוט אויף די ביימער אין גאָרטן. שוין דריטהאַלבן חדשים איז הערשל אין לעמבערג און ער האָט פֿון דער שטאָט נאָך גאָרנישט געזען. אַז מען פֿלעג דערציילן וועגן יונה טאָובערן, אַז ער איז געווען אין לעמבערג און נישט אָנגעקוקט די שטאָט צוליבן ספֿר שבילי עולם, וואָס ער האָט דאָרט געפֿונען, פֿלעג זיך הערשל נישט קענען אײַנהאַלטן פֿון געלעכטער. איצט זיצט שוין הערשל כּמעט דריטהאַלבן חדשים אין לעמבערג און וואָס האָט ער געזען?

זיצט הערשל איינער אַליין און טראַכט בײַ זיך: אפֿשר בין איך דאָ פֿאַרשפּאַרט, אפֿשר וועל איך שוין פֿון דאַנען קיין מאָל נישט אַרויס ביזן טויט, און אפֿילו נאָך מײַן טויט וועל איך דאָ זײַן פֿאַרשפּאַרט, ווי ס'האָט זיך געטראָפֿן אין דאָרף מאַליקראָוויק, וואָס מען האָט געפֿונען בײַ אַ פּויער אין קעלער אַ שקעלעט פֿון אַ מענטש, געקאָוועט אין קייטן. אַ סימן האָסטו, אַז איך בין פֿאַרשפּאַרט, וואָס קיינער טראַכט נישט וועגן מיר און מען גיט מיר גאָרנישט צו וויסן פֿון דער היים. איך דאַרף זיך שוין שטעלן צום מיליטער און מאַכן אַ פּדיון־הבן און זײַן אין געוועלב.

דאָס לאַנגע געוועלב טוט פּלוצלינג אַ וואַקס אויס פֿאַר הערשלען, מיט די טישן און וואָגן, מיט דער דעצימאַל־וואָג, לעבן וועלכער די מאַמע זײַנע זיצט, און דאָס קליינע קאַנטאָרל, וווּ דער טאַטע זיצט מיט זײַן בוכהאַלטונג. קונים גייען אַרויס און קומען אַרײַן און געצל און פֿײַוול באַדינען זיי. הערשלען איז פּלוצלינג באַפֿאַלן אַ גרויסע שׂנאה צו געצלען. אַזאַ שׂנאה האָט הערשל נישט געהאַט צו קיין מענטש זינט ער לעבט. מעגלעך אַז ער האָט מקנא געווען געצלען, וואָס איז אין געוועלב בשעת ער, דעם בעל־ביתס זון, טוט נישט אַ האַנט אין קאַלט וואַסער און עסט און טרינקט און שפּילט שאָך און הערט זיך אָן מעשׂיות פֿון לאַנגזאַמען, וואָס פֿאַרפּלאָנטעט אים מיט די רייד און טשעפּעט זיך נישט אָפּ און ס'אַ סבֿרא, אַז ער וועט אים שוין קיין מאָל נישט אַרויסלאָזן פֿון זײַנע הענט, און דאָס גאַנצע לעבן זײַנס וועט ער נישט קענען אַנטרינען פֿון אים. ווי אַלט איז ער דען און וויפֿל איז אים נאָך באַשערט צו לעבן? דער סוף וועט זײַן, אַז ס'וועט פֿון

אים גאָרנישט בלײַבן און אויך די וואָס ער האָט געהיילט וועלן שטאַרבן און עס וועט פון זיי אויך גאָרנישט בלײַבן. קיין מאָל האָט נאָך הערשל נישט געפילט אַזוי באַשײַמפּערלעך דעם טויט ווי אין די מינוטן. און נישט בלויז דאָס געוועלב און וואָס ס׳איז פאַראַן אין געוועלב טוען אויסוואַקסן פאַר הערשלען, נאָר אַלץ וואָס ס׳געפינט זיך בײַם טאַטן אין שטוב שטעלט זיך הערשלען פאַר די אויגן. דער אײַנגעפאַלענער טויבנשלאַק און דאָס גרויסע צימער, וווּ עס שטייט דאָס פּליושמעבל, וואָס דאָרט אַהין פלעג מינע קומען פאַר די תּנאָים און אײַנרײַבן זיך דעם שטערן מיט קעלניש וואַסער. מען קען נישט זאָגן, אַז הערשל האָט ליב די דאָזיקע שטוב, און מען קען נישט זאָגן, אַז ער האָט זי נישט ליב, נאָר ס׳איז שוין אַ מענטשנס שטייגער צו דערמאָנען זיך זײַן שטוב, ווען ער איז ווײַט פון איר.

הערשל ווייסט, וואָס ס׳טוט זיך מיט אים און ער איז בײַ די קלאָרע געדאַנקען. ווי איינער וואָס איז געקומען צו גאַסט אין דער סאַנאַטאָריע, קוקט הערשל אויף זײַנע שכנים. ער גראַבלט נישט אין דער ערד און ער דערציילט נישט קיין מעשׂיות און ער שעלט נישט שלמה רובינען, וועלכער האָט באַשאַפן אַ הונט, וואָס נעמט צו יענעמס מחשבֿות. ווער ס׳איז נישט בײַ די קלאָרע געדאַנקען, זאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ מין מאַשינדל, וואָס האָט אַ צורה פון אַ הונט, נאָר ער האָט ליב, הערשל, צו טראַכטן וועגן דעם מאַשינדל, ווײַל דורך דעם וואָלט ער געקענט דערגיין, וואָס מען טראַכט וועגן אים אין זײַן שטאָט. הערשל דערמאָנט זיך שוין נישט מער נישט זײַן מאַמעס ברודער און נישט איר עלטער־זיידן. זינט ער איז אָנגעקומען אין סאַנאַטאָריע, האָט ער נישט געטראַכט וועגן זיי און זיי זענען אים נישט צו חלום געקומען. מסתּם האָבן זיי שוין געקריגן זייער תּיקון און וואָגלען זיך שוין נישט אַרום אויפן עולם התּוהו. אויך הערשל האָט שוין געקריגן זײַן תּיקון און ער ווערט געזונט, הלוואי אויף זײַן ווײַב און זײַן זון אַזוי געזאָגט געוואָרן.

מינע האָט נישט געקענט זייגן דאָס קינד, ווײַל די וואָרצלען פון אירע ברוסטן זענען געווען אײַנגעפאַלן און דאָס קינד האָט נישט געהאַט וואָס אָנצונעמען מיטן מײַלכל. דעם אמת געזאָגט, האָט מען זיי געקענט צו רעכט מאַכן פאַרן האָבן דאָס קינד. ווי אַזוי? מען מאַכט אַזאַ מין געלעכערט היטל פון צינק און מען שמירט עס אויס מיט בוימל אינעווייניק און מען לייגט עס אַרויף איבער די וואָרצלען פון די ברוסטן און זיי גייען אויף און שטאַרצן אַרויס, נאָר די מעשׂה מיט הערשלען האָט אַזוי פאַרטאָמלט די חושים, אַז מען האָט עס פאַרגעסן צו טאָן און מען האָט זיך מיט איר נישט אָפּגעגעבן ווי עס דאַרף צו זײַן.

בערטע האָט געבראַכט פון דאָרף אַ געזונטע גויה, וואָס האָט זיך אויסגע־טויגט אין זייגן און האָט קיין מאָל נישט געוווּסט פון קיין שום מיחוש.

אויף צו להכעיס די דאקטוירים, וואס זאגן, אז שארפע געטראנקען זענען סם־המוות פאר א קימפעטארין, האט זי גלייך נאכן האבן אויסגעטרונקען א קווארט בראמפן. די איידעלע עסנס, וואס מען האט איר געגעבן צו עסן לויט דער דאקטער האט געהייסן, האט זי געגעסן מיט אפעטיט און אויך פון די פראסטע עסנס האט זי זיך נישט אפגעזאגט. זי האט אויך געטאן אין שטוב און באדינט די מוטער. בערטע און צירל זענען צופרידן פון דער אם, הלוואי זיי זאלן אזוי צופרידן זיין פונעם זויגקינד.

משולמען האט מען געיידישט צו די דרייסיק טעג, ווייל ער איז נישט געווען אין גאנצן געזונט, אז מען זאל אים יידישן צו דער צייט. דעם זעלבן טאג וואס מען האט אים געיידישט, האט מען נעדארפט מאכן דעם פדיון־הבן. נאר אזוי ווי דער פאטער זיינער האט אים נישט אויסגעלייזט, האט מען אנגעהאנגען אויף זיין העלדזל א האעלע, א קופערן בלעכל, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעקריצט א ה', וואס באטייט, אז ער איז שולדיק דעם כהן ה' סלעים.

קאַפּיטל 32

ערבֿ שבת נצבֿים־וילך איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון לאַנגזאַמען, אַז הערשל מעג שוין אַהיימפֿאָרן. נאָר כּדי אים צו פֿאַרלײַכטערן די נסיעה, האָט דער דאָקטער געשריבן, וואָלט כּדאַי געווען, אַז עמעץ פֿון זײַנע קרובֿים זאָל קומען, מען זאָל אים נישט לאָזן אַליין.

נאָך דער הבֿדלה האָט צירל אײַנגעפּאַקט ברוך־מאירס זאַכן און ברוך־מאיר האָט זיך געדונגען אַ וועגעלע און אַרויסגעפֿאָרן צום וואָקזאַל.

יענע נאַכט איז געווען די ערשטע סליחות־נאַכט. דער וואָקזאַל איז געשטאַנען ליידיק, אויסער די באַן־באַאַמטע, האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיק נפֿש. ברוך־מאיר האָט געקויפֿט אַ באַנקאַרטע און איז אַרײַן אין וואַגאָן. ער האָט אַוועקגעלייגט די זאַכן און זיך אַוועקגעזעצט בײַם פֿענצטער.

די נאַכט איז געווען אַ פֿינצטערע, דאָס פֿינצטערניש פֿון הימל און דאָס פֿינצטערניש אויף דער ערד האָבן געקוקט איינס אויף דעם אַנדערן, מיט אַ מאָל זענען הימל און ערד געוואָרן איינס און די גאַנצע וועלט איז פֿאַר־פֿינצטערט און אַנטשוויגן געוואָרן. די באַן איז געשטאַנען אויף אירע שינעס און אַ צאַפּלדיקע געקוקט אין דעם פֿיצטערניש אַרײַן, וואָס האָט קיין עק נישט, זי האָט געסאָפּעט און זיך געגרייט אין וועג אַרײַן. אַז ברוך־מאיר האָט געזען, אַז ער איז איינער אַליין אין זײַן וואַגאָן, האָט ער זיך געפֿרייט, וואָס ער האָט פֿאַר זיך אַלע בענק און ער קען זיך אויסציִען און כאַפּן אַ שלאָף. נאָר ס'איז אים שווער געווען צו פֿועלן בײַ זיך, אויף וועלכער באַנק ער זאָל זיך לייגן. צום סוף האָט ער זיך אויסגעצויגן, ווי ער האָט זיך אויסגעצויגן, און ער האָט אַוועקגעלייגט זײַנע זאַכן צוקאָפּנס. ווי ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, האָט אים זײַן האַרץ אָנגעהויבן מינטערן, אַז ס'איז די ערשטע סליחות־נאַכט, ווען אַלע ייִדן טוען תּפֿילה און בעטן צו גאָט, און ער שלאָפֿט. האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און באַנעצט די הענט אין פֿענצטער און גענומען דעם טלית־ און תּפֿילין־זאַק און אַרויסגענומען די סליחה. איידער נאָך ער האָט באַוויזן אָנצוהייבן, האָט זיך שוין די באַן געשטעלט.

איז ער אויפֿגעשטאַנען און אַרויסגעקוקט אין דרויסן אַרויס און איבערגע־לייענט דעם נאָמען פֿון דער סטאַציע. ווי ער קוקט אַזוי, איז אַרײַן איינער אַ זעלנער, וואָס ס'האָט זיך אים געענדיקט זײַן אורלויב און ער קערט זיך אום אין זײַן רעגימענט אַרײַן, האָט אַוועקגעלייגט זײַנע זאַכן און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן ברוך־מאירן.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט צום זעלנער: דער זומער איז שוין אַוועק.
האָט דער זעלנער געענטפֿערט: יאָ, הער.
האָט ברוך־מאיר געזאָגט: דער ווינטער קומט שוין אָן.

האט דער זעלנער געענטפערט: יאָ, הער.
האט ברוך־מאיר געזאָגט: אָבער דער ווינטער איז נאָך ווײַט.
האט דער זעלנער געענטפערט: יאָ, הער.
האט ברוך־מאיר געזאָגט: ס'וועלן נאָך זײַן וואַרעמע טעג.
האט דער זעלנער געזאָגט: יאָ, הער.
האט ברוך־מאיר געפרעגט דעם זעלנער: וואָס מאַכסטו, ניקאָפער?
האט דער זעלנער געענטפערט: געלויבט איז דער הער גאָט, אַל דאָס גוטס, הער.
האט ברוך־מאיר געזאָגט: דו וווּנדערסט זיך גאָרנישט, ניקאָפער, וואָס איך ווייס, אַז דו הייסט ניקאָפער.
האט דער זעלנער געענטפערט: יאָ, הער.
האט ברוך־מאיר געזאָגט: זאָג מיר, ניקאָפער, פון וואַנעט ווייס איך, אַז דו הייסט ניקאָפער, אַז איך האָב דיך קיין מאָל נישט געזען?
האט דער זעלנער געענטפערט: יאָ, הער.
האט ברוך־מאיר געזאָגט: יאָ הער, יאָ הער, יאָ הער. ליבערשט וואָלטסטו מיך געפרעגט, פון וואַנען ווייס איך, אַז דו הייסט ניקאָפער.
האט דער זעלנער געפרעגט ברוך־מאירן: פון וואַנען ווייסט דער הער, אַז איך הייס ניקאָפער?
האט ברוך־מאיר געזאָגט: איך האָב געטראָפן, ניקאָפער, איך האָב געטראָפן.
האט דער זעלנער געענטפערט: איך הייס דאָך גאָרנישט ניקאָפער.
נאָר ווי הייסטו?
האט דער זעלנער געזאָגט: אויב דער הער קען טרעפן, זאָל ער טרעפן, ווי איך הייס.
האט ברוך־מאיר געזאָגט: דו ביסט אַ קאָמישער מענטש, איוואַן.
האט דער זעלנער געזאָגט: איך הייס נישט איוואַן.
אויב אַזוי, ווי הייסטו? סטעפּאַן?
זאָל ער טרעפן דער הער, זאָל ער טרעפן.
האט ברוך־מאיר געזאָגט: דו מיינסט, פּעטרע, אַז איך האָב שוין נישט מער וואָס צו טאָן, נאָר טרעפן, ווי דו הייסט.
יאָ, הער.
האט ברוך־מאיר געזאָגט: אויב אַזוי, האָסטו אַ טעות, אַנדריי.
ער האט גלײַך אויפגעעפנט די סליחה און געוואָלט זאָגן סליחות. האט זיך דער זעלנער אויסגעצויגן אויף דער באַנק, צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן כראָפּען פון שלאָף.
האט זיך ברוך־מאיר צוגעקוקט צום זעלנער און זיך געטראַכט: ס'איז אַ גוטע נאַטור, וואָס מען האט זיי באַשאָנקען די גויִם: ווו זיי זאָלן נישט אַוועקלייגן דעם קאָפּ, שלאָפן זיי גלײַך. ער האט אַרויסגענומען זײַן זייגער און געזאָגט: צוועלף. ער האט אָפּגעגענעצט און צוריקגעלייגט דעם זייגער

אין קעשענע אַרײַן. צוועלף! איצט שטייט מען אין שול און דער חזן טוט אָן דעם טלית, שפּרינגט אונטער פֿאַרן עמוד און זאָגט אשרי.

אַ גרויס עצבֿות איז פֿלוצלינג באַפֿאַלן ברוך־מאירן. ווען ער וואָלט געוואָרט אויף דער צווייטער באַן, וואָלט ער איצט געשטאַנען מיטן גאַנצן עולם און געזאָגט סליחות, אָבער עס איז אים שוין די נשמה אויסגעגאַנגען צו זען זײַן זון און ער האָט זיך נישט גערעכנט דערמיט, אַז ס'איז די ערשטע סליחות־נאַכט.

האָט זיך ברוך־מאיר אַ פֿרעג געטאָן: פֿאַר וואָס בין איך עפּעס אַזוי טרויעריק? אָבער ער איז שוין מער נישט געווען טרויעריק, נאָר אַ גרויסע בושה האָט באַגאָסן זײַן פּנים, ווי איינער וואָס מען האָט אים אַרויסגעשטופּט מחוץ למחנה, בשעת אַלע ייִדן שטייען פֿאַר זייער פֿאָטער אין הימל און טוען צו אים תּפֿילה.

דער צוג איז אָנגעקומען אויף אַ סטאַנציע און שטיין געבליבן. האָט זיך ברוך־מאיר אויפֿגעשטעלט און אַרויסגעקוקט. אין דרויסן איז געווען שטאָק פֿינצטער. אָט דאַכט זיך, אַז דאָס פֿינצטערניש קומט פֿון הימל אַראָפּ, און אָט דאַכט זיך, אַז עס קומט פֿון דער ערד. אויף דער סטאַנציע איז אויך קיינער נישט אײַנגעשטיגן. האָט זיך ברוך־מאיר געטראַכט, הײַנטיקע נאַכט מאַכט נישט דער קיסר קיין גוטע געשעפֿטן מיט דער באַן.

די באַן האָט אָפּגעסאָפּעט, אַ פֿײַף געטאָן און זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג אַרײַן. חוץ ברוך־מאירן און דעם זעלנער איז קיינער נישט געווען אין וואַגאָן. האָט ברוך־מאיר צוגעלייגט די האַנט צום מויל און האָט אַ גענעץ געטאָן און געזאָגט סליחות.

אַ פּשוטער מענטש איז ער געווען ברוך־מאיר און נישט געווען באַהאַוונט אין די דינים. אַז ער איז צוגעקומען צו די שלוש עשׂרה מידות, איז בײַ אים געווען אַ ספֿק, צי אַ יחיד מעג זאָגן שלוש עשׂרה מידות, אָדער ער דאַרף איבערהיפּערן. האָט ער גענומען און איז עס דורכגעלאָפֿן, נישט ווי מען דאַוונט, נאָר ווי מען לייענט. אַז ער האָט פֿאַרענדיקט, האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט. ער האָט איבערגעמישט די בלעטער און זיך געטראַכט: ווער קומט פֿרײַער אָן, די צווייטע סטאַנציע אָדער די צווייטע שלוש עשׂרה מידות.

די באַן האָט גערירט און איז זיך געגאַנגען ווײַטער. האָט ברוך־מאיר אַ קוק געטאָן אויפֿן זעלנער און געטראַכט בײַ זיך: איך האָב אים געדאַרפֿט פֿרעגן, וווּהין ער פֿאָרט, טאָמער וועט ער דורכפֿאָרן די סטאַנציע, וואָס ער דאַרף, און ער וועט זי נישט באַמערקן און ער וועט פֿאַרשפּעטיקן און קריגן שטראָף.

דער קאָנדוקטאָר איז אַרײַן און קאָנטראָלירט ברוך־מאירס באַנקאַרטע און אויפֿגעוועקט דעם זעלנער. האָט דער זעלנער אַרויסגענומען עפּעס אַ פּאַפּירל און אים דערלאַנגט. האָט דער קאָנדוקטאָר צוגעלייגט דאָס פּאַפּירל צום לאַמטערן און איז אַרויס.

איידער ער איז צוריק איינגעשלאָפן, האָט אים ברוך־מאיר געפרעגט: גוט צו דינען דעם קיסר?

האָט דער זעלנער געענטפערט: יאָ, הער.

האָט ברוך־מאיר געזאָגט: אָבער אין דער היים איז אויך גוט.

האָט דער זעלנער געענטפערט: אין דער היים איז אויך גוט.

האָט ברוך־מאיר ביי זיך געטראַכט: ווי נאָענט האָט עס שוין געהאַלטן, אז מען זאָל הערשלען אָפּגעבן צו די זעלנער; ווען עס וואָלט זיך אים נישט געטראָפן, וואָס עס האָט אים געטראָפן, וואָלט ער איצט אַזוי געלעגן ווי אָט דער זעלנער. וואָס אַזוינס האָט ברוך־מאיר געזען אין דעם זעלנער, וואָס מען דאַרף זיך פרייען, אַז הערשל איז נישט אַזוי ווי ער? נאָר ווען דער זעלנער האָט געענטפערט: אין דער היים איז אויך גוט, האָט ברוך־מאיר געפילט, אַז דאָס איז דער אמת און דער אמת איז נישט, אַז ס׳איז גוט צו דינען דעם קיסר.

ברוך־מאיר האָט ווידער געטראַכט וועגן זיין זון, וואָס, ווייל ס׳האָט זיך אים געטראָפן, וואָס ס׳האָט אים געטראָפן, איז ער פּטור פון דינען ביי די זעלנער. האָט ער עס אָנגענומען פאַר ליב און געזאָגט: לך ה׳ הצדקה.
אַז ער האָט פאַרענדיקט זאָגן די סליחות און זיך געקליבן צוצולייגן זיך שלאָפן, זענען אריין אין באַן עטלעכע מענטשן. איינער פון זיי איז געווען ענלעך צו זיין ברודער משולם, אָדער ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ברוך־מאירן, אַז ער איז ענלעך צו זיין ברודער. האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן, אַז שוין אַ יאָר צען האָבן זיי נישט געזען איינער דעם אַנדערן און נישט געשריבן איינער צום אַנדערן, אַחוץ איין מאָל אין יאָר, וואָס ער שיקט אים אַ גליקווונטש־קאַרטל אויף ראש־השנה און דער שיקט אים אַ ווונטש אין גראַמען.

דאַכט זיך מיר, אַז משולם האָט שוין דערוואַקסענע קינדער; אויב איך בין זיך נישט טועה, האָט ער שוין אַ טאָכטער אויסצוגעבן. וואָס זוכט מיין ברודער משולם פאַר זיין טאָכטער? אַ ראַבינער? אַ מאָדנער מענטש, משולם. איך האָב געהערט, אַז ער איז צוגעשטאַנען צו דער חברה „אהבת ציון" אין טאַרנע, מיט דער כוונה צו פאָרן דורך זיי קיין ארץ־ישׂראל. ווען עס וואָלט נישט חרוב געוואָרן יענע קאָלאָניע מחניים, וואָלט ער געווען אין ארץ־ישׂראל און מען וואָלט צוזאַמענגענומען נדבות פאַר זיינעט וועגן. וואָס עפּעס האָב איך זיך פּלוצלינג דערמאָנט אַן מיין ברודער, דער דאָזיקער מענטש איז דאָך בכלל נישט ענלעך צו מיין ברודער.

האָט ער אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפן פענצטער. ס׳איז אים באַפאַלן אַ שלאָף און ער איז איינגעדרימלט. די באַן איז גיך־גיך געפלויגן, און מיט אַ מאָל שטיין געבליבן מיט אַ גרויסן באַסאַמאַ*. אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט שוין געטאָגט און ער איז אָנגעקומען קיין לעמבערג.

* רעש.

פון דריי טאג אין תמוז ביז סוף אלול איז הערשל געווען אין לעמבערג. זיין פנים איז פולער געווארן און באקומען א טונקעלע פארב און איז פארזיימט מיט א קליין בערדל. עס איז אוועק דאס שרעקעוודיקע צעמישטקייט פון זיינע אויגן, מען זעט נישט אין זיי נישט קיין מאטקייט און נישט קיין צעשראקנ־קייט. אויך דער געדאנק זיינער איז געווארן געזעצטער און אלע זיינע באוועגונגען זענען באזאכטע. די דריי חדשים, וואס ער האט פארבראכט ביי זיין דאקטער, וואס האט אים צוגעווינט צו זאכן, וואס טויגן צום געזונט און אפגעווינט אים פון זאכן, וואס מאכן א תל פונעם גוף, און געמאכט מאציאן און באוועגט זיינע איברים אויף דער זון און געשלאפן פון תחילת נאכט ביז סוף נאכט — האבן אים געשטעלט אויף די פיס, נאר אין דער נשמה זיינער האט אים נאך געקארטשעט, באזונדערס ווען ער האט זיך צונויפגעטראפן מיט זיין טאטן. ער האט דערפילט דעם ריח פון שיבוש און ער איז אומעטיק געווארן. ווי איינער וואס קארטשעט זיך פאר אימעצן און זאגט: זיי זשע מוחל וואס איך האב דיך אזוי מטריח געווען, אזוי האט הערשל זיך געקארטשעט פאר זיין טאטן און ביי זיך אין הארצן געבעטן אים, ער זאל אים מוחל זיין.

ברוך־מאיר איז ארויפגעפאלן דעם זון אויפן האלדז און אים ארומגענומען און געקושט און געפרעגט זאכן סתם אין דער וועלט אריין, ווי עס וואלט זיך מיט אים גארנישט געטראפן, און אזוי איז ער זיך מיט אים באגאנגען איבערן גאנצן וועג. הערשל האט דאס געפילט. אז זיי זענען געזעסן אין צוג, האט ער אנגענומען דעם טאטנס האנט און געוואלט זאגן א דאנק, נאר ער האט מורא געהאט, אז ער וועט זיך צעוויינען, האט ער געשוויגן.

דעם דאקטער האט ברוך־מאיר דערציילט, אז שיבוש האלט, אז די גאנצע מעשה מיט זיין זון איז נאר איבער א פארטל קעגן דינען ביי די זעלנער. אלץ וואס דער אייבערשטער טוט האט זיך זיין שליחות, האט געזאגט דער דאקטער, אז ער וועט אהיימקומען, וועט ער זיך נישט דארפן שעמען.

דער וועג פון לעמבערג קיין שיבוש איז נישט קיין קורצער און די צייט וואס הערשל איז נישט געווען אין שיבוש איז נישט אריבער אין שטאט מיט גארנישט. א סך זאכן זענען געשען אין שיבוש און יעדע זאך איז אן עניין פאר זיך. ברוך־מאיר האט געקוקט אויף זיין זון און געשלאגן זיך מיט דער דעה, וואס זאל ער אים פריער דערציילן. זאל ער אים אפשר דערציילן די מעשה מיטן אפטייקער, וואס האט זיי מקנא געווען און האט זיי געלאדן צום געריכט, אז זיי פארקויפן פארשידענע רפואות, ס'הייסט פארשידענע זאלצן פאר א רפואה וועגן, און ער ווייסט נאך נישט, ווער ס'וועט געווינען אין געריכט, דער אפטייקער צי די פירמע הארוויץ, אבער אויב די פירמע הארוויץ וועט נישט געווינען אין דעם, האט זי שוין געווונען מיט אן אנדער געשעפט — מיט פארקויפן פארבן. שלייען, וואס איז געהאט

אוועק קיין אמעריקע, איז צוריקגעקומען, און זינט ער איז צוריקגעקומען, האט מען אנגעהויבן מאלן די הײַזער און מען מאכט נײַע שילדן פאר די געוועלבער. א גרויסער קינסטלער איז ער, דער שליַען. פאראן קרעמער, וואס זעצן אן כדי צו מאכן זיך נײַע שילדן. ער האט אויך געמאלן די גרויסע שול. און דאס אלץ איז גארנישט אנטקעגן דעם רעש, וואס חיים־יהושע בלײַבערג האט אנגעמאכט אין שטאט, פאר וואס מען האט פארשמירט די אלטע מאלערײַען און געמאכט נײַע. אבער מחמת זײַן באשיידנקייט האט ברוך־מאיר די זאך נישט דערמאנט פאר הערשלען, ווײַל ווען ער וואלט דאס דערמאנט, וואלט ער אים געדארפט זאגן, ווער ס'האט געגעבן די פארב און ס'איז נישט ברוך־מאירס שטייגער צו בארימען זיך מיט זײַנע נדבות, בפרט נאך, אז ער האט זיך דערמיט מתכוון געווען, אז זײַן זון זאל געזונט ווערן.

אבער ברוך־מאיר האט נישט געדארפט א סך רעדן. אז מען פארט מיט דער באן, ווער שמועסט נאך אין חודש אלול, רעדט די באן פון זיך אליין. אתרוגים־סוחרים קערן זיך אום אין זייערע שטעט אריַין און זייערע בײַכער זענען אנגעדרויעט פון כעס. ווי זיי האבן זיך עם אויסגעוואלגערט בײַ די רשעים אין גרעקנלאנד, נישט פארזוכט א לעפל געקעכטס און נישט געהערט קיין קדושה און קיין ברכו, אבי זיי זאלן מזכה זײַן יידן מיט א שיינעם אתרוג. צום סוף גאר רעדט מען אויף זיי אויס כלע בייז און מען פאר־שווארצט זיי דאס פנים אין די בלעטער. אנטקעגן איבער זיי זיצן יידן ציוניסטן און שרײַען: דער וואס קויפט א קארפוער אתרוג איז אן עוכר ישראל, און ווער ס'מאכט א ברכה איבער אים, לעסטערט ער גאט, ווײַל די דאזיקע אתרוגים ווערן באמיסטיקט מיט יידיש בלוט, וואס די רשעים די גויים פארגיסן. אנטקעגן איבער זיי זיצן רבנים און חסידים, די קערן זיך אום פון די ווארעמבעדער, און די פארן צו זייערע רביים אויף ימים־נוראים, די און די שרײַען צו זיי: אפשר זאל מען קויפן אתרוגים פון ארץ־ישראל, וואס ס'האדעווען זיי פושעי ישראלים. אנטקעגן איבער זיי זיצן סתם יידן, וואס זענען נישט קיין אתרוגים־סוחרים און נישט קיין ציוניסטן און נישט קיין רבנים און זיי קויפן אויף יעדער סטאציע עפל און בארן און פלוימען און עסן מיט אפעטיט און גיבן זייערע שכנים אין צוג. די דאזיקע פירות זענען נישט אזוי חשוב ווי אן אתרוג, מען פארט נישט אויף די גרעקישע אינדזלען און קיין קארפו אײַנצוקויפן זיי און מען זאגט נישט קיין יהי רצון פארן מאכן די ברכה איבער זיי, פון דעסט וועגן האט דער אייבערש־טער אריַינגעגעבן אין זיי א טעם און א ריח און באשאנקען זיי מיט א ברכה איבערן עסן זיי. די וועלט שמעקט מיטן ריח פון אלולדיקע פירות און די גאל שטילט זיך אײַן, און די באן גייט און בלײַבט שטיין, די שטײַגן אויס און אנדערע שטײַגן אײַן. וואס איז דאס? ביסט נאך נישט פארטיק מיטן צווייטן האלבן עפל און ביסט שוין אין שיבוש.

קאַפּיטל 33

אַז הערשל איז אַרײַנגעקומען צו זיך אין שטוב אַרײַן, האָט אים מינע אויפֿגענומען טראַגנדיק אויף אירע הענט אַ קינד, וואָס איז געלעגן אײַנגעוויקלט אין אַ ווײַס קישן, ווי אַ מין ווייניענדיק רויט שטיק פֿלייש. האָט הערשל געגעבן די האַנט דעם ווײַב און האָט אַוועקגעקוקט פֿון זײַן זון. פּונקט אַזוי ווי ס'האָט אים נישט געצויגן זײַן האַרץ, אים ליב צו האָבן דעם טאָג ווען ער איז אויף דער וועלט געקומען, אַזוי האָט אים זײַן האַרץ נישט געצויגן צו אים, ווען ער האָט אים דערזען פֿאַר זײַנע אויגן.

ווי ער שטייט אַזוי, האָבן אַ פֿינקל געטאָן פֿאַר אים צוויי בלויע טראָפּנס און ער האָט דערפֿילט, אַז דעם קינדס אייגעלעך קוקן אויף אים. האָבן זײַנע ליפּן אַ צוק געטאָן און ער האָט געוואָלט זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר אים, וואָס ער האָט אים אויף דער וועלט געבראַכט און ער האָט אים נישט ליב און וועט אים קיין מאָל אין דער וועלט נישט ליב האָבן.

נישט אַזוי ווי עס טראַכט דער טאַטע הערשל, טראַכט דער טאַטע אין הימל. הערשל דער טאַטע קוקט אַוועק פֿון זײַן זון און דערווײַטערט פֿון אים זײַן האַרץ און דער טאַטע אין הימל מאַכט אויף הערשלס אויגן און גיט אַרײַן אַ ליבשאַפֿט אין זײַן האַרץ. נעכטן האָט הערשל געזאָגט: איך האָב נישט ליב דאָס קינד, און הײַנט שטייט ער איבער אים און קושט עס. נעכטן האָט ער געזאָגט: ס'איז מײַן חוב, דער חובֿ פֿון אַ פֿאָטער, צו פֿאַרטראָגן אים, ווײַל איך האָב אים אויף דער וועלט געבראַכט, און הײַנט איז ער, ווי ער אַליין וואָלט אויף דער וועלט געקומען נאָר צוליב זײַן זון. גאָט זיצט אויבן אין די הימלען און שפּילט זיך מיט זײַנע קינדער. אַ סך צו טאָן האָט דער אייבערשטער, אויפֿבויען וועלטן און זיי פֿאַרלענדן, פֿאַרלענדן וועלטן און אויפֿבויען נײַע, און דערווײַל קוקט זיך כּבֿיכול אום אַפֿילו אויף אַ קרעמער אין געוועלב, אַפֿילו אויף אַ קינד אין דער וויג. אויך הערשל שטייט נישט לײדיק, פֿון דעסט וועגן קוקט ער זיך אום אויף דעם דאָזיקן קינד.

פֿאַר וואָס לאָזט הערשל איבער דאָס געוועלב און גייט צום קינד, און נישט בלויז דאָס, נאָר ער שפּרינגט פֿאַר אים ווי אַ זשאַבע און פּאַטשט פֿאַר אים מיט די הענט און פּישטשעט ווי אַ פֿייגעלע. הערשל האָט דערזען אויפֿן קינדס מײַלכל יענע מין געלעכטערל, וואָס מאַכט אים, ער זאָל ווערן פֿריילעך. טראַכט בײַ זיך הערשל: וואָס דאַרף דען אַ מענטש האָבן, אַ ביסל פֿרייד. איך בין נישט פֿריילעך, אָבער ס'קינד דאַרף האָבן פֿרייד. איך — איך האָב נישט געהאַט קיין גוטע קינדער־יאָרן, אָבער דעם דאָזיקן קינדס קינדער־יאָרן דאַרפֿן זײַן גוטע, און אויב ס'איז נישטאָ קיין ליבשאַפֿט, קען נישט זײַן גוט,

אויב ס'איז נישטאָ קיין ליבשאַפֿט צווישן מאַן און ווײַב, איז אויך נישט גוט פֿאַר זייערע קינדער.

האָט הערשל געפֿרעגט בײַ זיך: פּאַסט עס פֿאַר ייִדן, זיי זאָלן פֿײַנט האָבן זייערע ווײַבער? מען קען נישט זאָגן, אַז ער האָט פֿײַנט דאָס ווײַב, נאָר אַזוי ווי ער האָט זי נישט ליב, דאַכט זיך אים אויס, ווי ער וואָלט זי פֿײַנט געהאַט. ווען ער וואָלט נישט געהאַט געוואָרפֿן אַן אויג אויף אַן אַנדערער, וואָלט ער געווען צופֿרידן מיטן ווײַב. אַ סך האָבן חתונה געהאַט, נישט אַזוי ווי זיי האָבן זיך געווונטשן, און זיי האָבן אַ גוט לעבן בײַ זייערע ווײַבער. די גאַנצע צרה זײַנע איז דאָס וואָס ער האָט אין זײַן האַרץ אַרײַנ־געלאָזט אַן אַנדערע. ווען נישט זי, וואָלט אים גוט געווען מיט זײַן ווײַב.

בלימע האָט נאָך נישט חתונה געהאַט. איין גאָט אין הימל ווייסט, וועמען זי זוכט. געצל שטיינען האָט זי דערווײַטערט און קיין אַנדערע האָט זי נישט דערנענטערט. אפֿשר האָט זי געוואָרפֿן אַן אויג אויף יונה טאַובערן, וואָס איז אין דער צײַט געוואָרן אַן אלמן? יונה טאַובער איז נאָך אַ ייִד אין די כּוחות. יעדער איינער וואָס פֿירט זיך אַזוי ווי ער, איז אויב ס'וועט נישט קומען קיין כאָליערע, אָדער אַ מלחמה, וועט ער זיך לאַנג עלטערן און וועט זײַן אין גאַנצן געזונט.

בלימע האָט נישט געוואָרפֿן קיין אויג אויף טאַובערן און טאַובער איז נישט נאָכגעגאַנגען בלימען. וואָס דאַרף ער דען האָבן, טאַובער? אַ בעל־ביתטע, וואָס הייצט אים אײַן דעם אויוון און בעט אים ס'בעט און וואַשט אים אויס אַ העמד און פֿילעוועט זײַנע יתומימלעך, כּדי ער זאָל האָבן אַ פֿרײַען קאָפּ צו זײַנע געשעפֿטן. און דאָס איז אַ טעות, וואָס די שיבושער ייִדן האָבן געהאַט, ווען יונה טאַובער האָט גענומען דעם הויקער, שטיין דעם שוחטס טאָכטער, האָבן זיי געזאָגט: דער אייבערשטער האָט זיך אין אים נוקם געווען, ווײַל ער האָט אים קאַליע געמאַכט דאָס פּאָר *. אָבער טאַובער האָט געוווּסט, וואָס ער טוט, ער האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, אַז זי איז מיאוס און געזען אירע מעלות. אַ ראיה האָסטו, אַז זינט ער האָט גענומען דעם דאָזיקן הויקער, איז זײַן טיש געגרייט און דער אויוון איז אײַנגעהייצט און ס'בעט איז געבעט און ס'העמד זײַנס איז ריין. און אַז זי צוואָגט אויס זײַנע יתומים און טוט זיי אָן ריינע בגדים און גיט זיי זייער שטיקל ברויט און פּראָוואָדזעט זיי אַרויס אין חדר אַרײַן, שטייט איר מאַמע און שטוינט: די דאָזיקע מויד, וואָס אירע גלידער זענען געשוואָלן געוואָרן פֿון רשעות, האָט זי פּלוצלינג באַשאָנקען מיט אייניקלעך וואָס לערנען תּורה. זי קומט אויך צו דער טאָכטער, נישט ווײַל זי דאַרף צו איר, נאָר ווײַל וואָס וועלן לײַטן זאָגן, און זי רוט זיך בײַ איר אָפּ פֿון איר האָרעוואַניע, ווײַל בײַ איר אין שטוב איז נישט אויסצוהאַלטן. די גאַנצע צײַט האָבן די טעכטער געוואָלט פּטור ווערן פֿונעם הויקער, אַצינד, אַז זייער תּפֿילה איז אָנגענומען געוואָרן, האָבן

* לויטן מדרש איז גאָט דער מזווג זווגים.

זיי ערשט דערזען, וואָס ס'פֿעלט זיי. זיי האָבן נישט געגעסן קיין מאַרציפּאַנעס, אָבער זייער שטיקל ברויט האָבן זיי געהאַט און דאָס געקעכטס איז שטענדיק געווען וואַרעם, איצט אַז זי איז אַוועק, איז אַריַין אַ קללה אין ברויט אַריַין און ס'איז אַוועק דאָס פֿיַיער פֿון דער קיך און זיי האָבן נישט אויף וועמען צו שריַיען, נאָר אויף זייער מאַמען, וויַיל געצל האָט זיך אַריַינגעלאָזט אין זיַין פֿאַראיין און דער טאַטע וואַלגערט זיך אַרום ביַי די גוטע ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך אָננעמען פֿאַר אים און זיי זאָלן שריַיבן צו די ראשי־הקהל אין שיבוש, מען זאָל אים אומקערן אויף זיַין פּאָסטן, און מען ווייסט נישט, ווען ער וועט צוריקקומען, וויַיל אויב דו שמירסט נישט אונטער די הענט פֿון די שמשים און גבאים, ווערן די גוטע ייִדן אַפּהענטיק, און פֿון וואַנען זאָל דער דאָזיקער אָרעמאַן נעמען געלט, אַז זיַין זון באַהאַלט אַ ייִדן גריַיצער.

געצל שפּאָרט יעדן גריַיצער און גיט אים אַריַין אין באַנק אַריַין. דאָס באַנקביכל איז נישט קיין גרויס, על־כּל־פּנים איז עס שוין אַזאַ וואָס קען אים מאַכן אַ נאָמען פֿון אַ בעל־תּכלית, וואָס ווייסט, אַז געלט איז געלט און געלט מאַכט געלט, מען קריגט פּראָצענט און דער קאַפּיטאַל וואַקסט.

ער צעטרענצלט שוין מער נישט קיין געלט אויף ליאַדע וואָס, ווי אַ שטייגער אויף קאָלירטע קראַוואַטלעך, וויַיל סאָלטשע נעמט זיי שוין נישט אין האַנט אַריַין און פּוצט זיך שוין נישט מיט זיי פֿאַר וויקטאָרן און פֿאַר אַנדערע. אָדער מען האָט איר געגעבן אַן עין־הרע, אָדער די אַלע סגולות און רפֿואות, וואָס זי האָט זיך באַנוצט מיט זיי כּדי געפֿעלן צו ווערן וויקטאָרן, האָבן אַ תּל געמאַכט פֿון איר ליַיב, און אַט ליגט זי אויף איר געלעגער אַרומגעלייגט מיט וואַטע און גרינע מאַשטשן און זי איז אין גאַנצן גרין. וויקטאָר איז אַוועק אין אַן אַנדערער שטאָט אַריַין, און דער וואָס איז געקומען אויף זיַין אָרט צו פֿירן אין שיבוש זינגערס געשעפֿטן מיט די ניימאַשינען האָט זיך געפֿונען אַנדערע מיידלעך. יעדער איינער האָט זיך זיַין גוסט. אויך וויקטאָרס גוסט איז נישט שטענדיק געווען דער זעלבער. טייל מאָל האָט ער געהאַלטן סאָלטשען פֿאַר אַ שיינער און טייל מאָל האָט ער געהאַלטן, אַז איר שוועסטער, ביילטשע, איז שענער פֿון איר.

ס'איז שטיל ביַים שוחט אין שטוב. ווען נישט סאָלטשעס קרעכצן און ביילטשעס איַיננעמען זי, וואָלט נישט געווען צו דערקענען, אַז מענטשן וווינען דאָרט. די ניימאַשין האָט זיך באַשטאַט ביַים הויקער אין שטוב און זי סקריפּעט נישט און באַקלאָגט זיך נישט. זי האָט אויך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן זיך, וויַיל די בעל־ביתטע אירע באַגייט זיך מיט איר גוט און שמירט אוים אירע גלידער מיט בוימל און נאַפּט און טריַיבט פֿון איר נישט אַרוים די קישקעס, און פֿון ציַיט צו ציַיט פּיעשטשעט זי זי מיט לידער און געזאַנג. דער דאָזיקער דור זינגט שוין ניַיע לידער, אָבער פֿרוי טאָובער זינגט נאָך אַלץ די אַלטע לידער, די וואָס איר מאַמע און אירע שכנות האָבן געזונגען, מאָראַלישע און באַהאַרצטע לידער וועגן ליבע און

וועגן טויט. יעדעס מאָל ווען פֿרוי טאָובער קומט צו צו דעם קאַפּיטל, הייבן אירע גראָע אויגן אָן צו גלאַנצן פֿון טרערן. האָט זי דען מורא, אַז יונה וועט זי איבערלאָזן און וועט אַוועק פֿון דער וועלט? טאָובער איז נאָך בײַ די פֿולע כּוחות. ווער ס'פֿירט זיך אַזוי ווי ער, וועט לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר,' אָבער זי — די אַלע צרות, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט פֿריִער, האָבן געבראַכט דערצו, אַז זי קען שוין נישט פֿאַרטראָגן קיין סך גוטס אויף די עלטערע יאָרן.

זי באַקלאָגט זיך נישט אויף איר מזל, נאָר זי גיסט אויס איר האַרץ אין אַ ליד, און דאָס ליד מאַכט איר לײַכטער אויפֿן האַרצן און זי נעמט זיך ווידער צו איר אַרבעט, מאַכן אַ נײַעם קיטל פֿאַר איר מאַן, אָדער אַ טלית־קטן פֿאַר זײַן זון, אָדער אַ העמדל פֿאַר זײַן טאָכטער. זייער מאַמע, די ערד זאָל איר גרינג זײַן, איז קראַנק געווען אירע לעצטע יאָרן און זי האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט דער שטוב. אָבער ער, דער דערבאַרעמדיקער, אַ לויב זײַן ליבן נאָמען, שלאָגט מיט איין האַנט און הײלט מיט דער צווייטער, אַז ער האָט טאָובערס ווײַב צוגענומען פֿון דער וועלט, האָט ער אים געגעבן אַן אַנדער ווײַב. וואָס די ערשטע האָט נישט באַוויזן צו טאָן, טוט די אַנדערע.

קאפיטל 34

הערשל האט זיך אין גאנצן אריינגעלאזט אין געוועלב. ער איז קיין מאל נישט געווען קיין גרויסער אויפטוער, אבער וואס ער האט געטאן, האט ער עס געטאן גוט. פאר דער חתונה האט זיך שוין זיין ארבעט אנגעזען אין געוועלב, אבער זי איז געווען בלויז א בייזאך צו זיינע מחשבות, אצינד איז זיין ארבעט דער עיקר און זיינע מחשבות א בייזאך. ער פארגלייכט שוין נישט מער איין פרוי מיט דער צווייטער און ער פרעגט זיך שוין נישט מער: פאר וואס ציט מיך צו דער און נישט צו דער? אז דער אייבערשטער האט באשאפן אדם־הראשונען, האט ער אים באשאפן מיט צוויי פנימער, און ער האט אים דורכגעזעגט אויף צוויי העלפטן, און געמאכט א רוקן פאר דער העלפט און א רוקן פאר דער אנדערער העלפט, צוויי באזונדערע מענטשן. פון דעמאלט אן זענען די מענטשן אין אלע דורות, וואס זענען ארויסגעקומען פון אים, יעדער איינער א מענטש פאר זיך און מוז נישט ארומזוכן זיין העלפט דווקא. מיט יארן צוריק איז הערשלען געפעלן געווען אן אנדערע, ווייל ער האט געלעבט אין טעות און געמיינט, אז ער איז מחויב דערויף, און מען איז געקומען און אים געוויזן, אז ער איז נישט מחויב. און ער פלעג זיך נאך אפעסן דאס הארץ. צום סוף האט ער זיך געטרייסט, ווי איינער וואס האט עפעס אנגעווירן און געפונען שטאט דעם עפעס אנדערש.

צירל יאגט אים שוין נישט מער יעדן טאג, ער זאל גיין שפאצירן. ווער ס'איז אזוי פארנומען ווי הערשל איז נישט פעיק צו גיין שפאצירן. ווילסט זען א מענטש גיין שפאצירן, גיי אריבער צו גילדנהארנען און קוק דארט אויף דער וואנט. ביי גילדנהארנען אין שטוב הענגט א בילד, וואס ווייזט א דארן בחור מיט א שטעקעלע אונטערן ארעם מיט איין פוס גרייט אין וועג אריין, און עס איז אנגעשריבן אויפן בילד: שפאציר. הערשלען ליגט נישט אין קאפ פלוצלינג זיך אויפצוהייבן און ארויסלאזן זיך אויף א שפאציר. ער גייט ארויס ווי אלע אנדערע שבת פאר נאכט כאפן לופט. און אז ער גייט שפאצירן, גייט ער נישט אריין אין יענער גאס, וואס רופט זיך די שולגאס. א מענטשנס הארץ זוכט עפעס נייס. אז מען גייט כסדר אויפן זעלבן ארט, ווערט עס דערבאקן. הערשל האט שוין אויסגעמאסטן יענע גאס און ער קען שוין יעדעס הויז און יעדן שטיין, פון זייער תפלה, וואס שטייט אויפן ארט פון דער אלטער שול, און ביז צום פארלאזענעם קלויסטער, וואס ס'וואקסט אויף אים רויט גראז. עפעס אנדערש איז עקביה מזל, וואס די גאנצע עובדא פון עקביה מזל איז פארשטן אלטע זאכן. אבער דער וואס הייבט ערשט אן לעבן, וואס האט ער מיט יענער גאס? איי דו וועסט זאגן: פרוי מזל, זי איז דאך א יונגע און

ס'גייט זי דאך נישט אן דאס גריבלען זיך אין אלטע זאכן, פאר וואס האט זי זיך דארט באזעצט? נאר ס'איז דער שטייגער פון א פרוי צו זיין דארט וווּ איר מאן איז. דעסט גלייכן בלימע, זי איז א דינסטמיידל, דארט פון וואנען זי ציט חיונה, דארט איז זי. א מאל האט זי געוווינט אין דער מיט שטאט, היינט וווינט זי אין עק שטאט.

אז דער מענטש ווערט באהערשט פון מחשבות, זאל ער גיין, וווּ ס'געפינען זיך נישט קיין מענטשן, אז ס'איז אים גוט אויפן הארצן, זאל ער גיין וווּ אלע גייען, נאך דערצו, אז זיין ווייב איז מיט אים, ווייל נישט שטענדיק איז א מענטש אויפגעלייגט צו שמועסן מיט זיין ווייב.

ליב זענען די שבתים פון נאך סוכות. די ערד איז ווייכלעך און זי שלאגט דיר נישט אפ דיינע פיס, און דער הימל איז נאענט און נישט ווייט פון דיר. די זון שיינט און גליט נישט, און די וועגן זענען נישט באדעקט מיט שטויב. ס'גאנצע ביסל רעגן־וואסער, וואס איז געווען אויפן הימל, איז שוין אראפ יום־טוב, אצינד מאכט דער אייבערשטער פלאץ אויף זיין וועלט פארן שניי. און ער ווארט נאך אלץ, ביז מען וועט ארויסנעמען די קארטאפליעס און מען וועט אפפירן דאס ברענהאלץ.

גייען זיי זיך אזוי, הערשל מיט מינען, צוזאמען. פאר א יארן פלעג הערשל שפאצירן מיט טאובערן, דערנאך איינער אליין, אצינד שפאצירט ער מיט זיין ווייב. טאוברעם גאנצע מעלה איז, וואס ער האט אים צונויפגעפירט מיט מינען. אז ער איז געווארן נאענט מיט מינען, האט ער אפגעלאזט טאובערן און ער שפאצירט מיט מינען.

הערשל גייט אנגעטאן מלבושים, וואס זענען געמאכט געווארן אויף צו גיין שפאצירן שבת פאר נאכט, נישט ווי יענע אויפגעקלערטע, וואס האבן שבתדיקע בגדים און וואכעדיקע בגדים. אין די שבתדיקע בגדים קענען זיי נישט ארויסגיין, ווייל זיי זענען דאך עפעס אויפגעקלערטע. אין די וואכעדיקע בגדים קענען זיי נישט ארויסגיין, ווייל ס'איז דאך עפעס שבת. א גרויסע פיקחת איז זי, צירל, וואס זי האט אים געלאזט מאכן אזעלכע מלבושים, וואס פאסן זיך סיי אויף שבת און סיי אויף אין דער וואכן, נאר די מלבושים זענען א ביסל ענג געווארן. דאס שטיקל צייט וואס הערשל האט פארבראכט ביים דאקטאר לאנגזאם איז געווען א גוטע, און הערשל האט צוגענומען אויפן לייב. אצינד זאגט שוין אפילו זיין טאטע נישט, אז הערשל איז דאר ווי פאר דער חתונה.

אויך מינע האט א ביסל צוגענומען און זי איז נישט אזוי אויסגעדארט ווי א פריצישע טאכטער. מען האט נאך נישט אויסגעפונען אזא לעפל, וואס לייגט אליין אריין דאס עסן פון טעלער אין מויל אריין, פון דעסט וועגן זעט זיך אן אויף איר א לויט פעטס. מעגלעך ווייל זי איז איצט נאך א קימפעט און מעגלעך ווייל זי פוילט זיך נישט נעמען און צוטראגן דעם

לעפל אין מויל אריין. ווער עס פארגינט אנדערע, פרייט זיך מיט דעם פארל.

הערשל און מינע זענען נישט די איינציקע אויף דער וועלט. א סך פארלעד לאזן זיך ארויס שפאצירן שבת פאר נאכט, בעלי־בתים און בעלי־מלאכות, ווייל נישט אלע בעלי־בתים זיצן א גאנצן שבת אין בית־מדרש, און נישט אלע בעלי־מלאכות קומען הערן קנאבנהוטס דרשות. עס וואלט אפשר גלייכער געווען פאר די בעלי־בתים, זיי זאלן זיצן איין טאג אין דער וואך אין בית־מדרש און ארייננקוקן אין א ספר, ווייל א גאנצע וואך זענען זיי ארייַנגעטאן אין דער פרנסה זייערער, נאר אזוי זענען זיי שוין די שיבושער ייִדן — וואס דער גוף דארף, ווייסן זיי, וואס די נשמה דארף, ווייסן זיי נישט, און מעגלעך אז אויך קנאבנהוטס רייד וואלטן די בעלי־מלאכות געמעגט הערן, נאר א מענטשן זענען ליבער זייַנע אייגענע דברים בטלים, ווי אימעצן אנדערשס א גאנצע תורה.

גייט הערשל מיט מינען איבער די שיבושער גאסן, באגעגנט עמעצן און כאפט מיט אים א שמועס, באגעגנט דעם און כאפט מיט אים א שמועס. ווי מענטשן קענען זיך טועה זיין: זיי האבן געמיינט, אז הערשל הארוויץ דערווייַטערט זיך פון מענטשן, צום סוף זעען זיי, אז ער איז אויסגעקאכט מיט יעדן איינעם. אפילו די צוויי צייַטונגס־קארעספאנדענטן אין שיבוש, וואס פלעגן נאכטראגן אויף הערשלען, אז ער האלט זיך גרויס, זענען מודה, אז ס'לאזט זיך שמועסן מיט אים. נישט אלץ וואס מען דערציילט הערשלען, אינטערעסירט אים, אבער ער קען אויסהערן, אז יענער רעדט.

קומען זיי צו צו א הויז, וואס האלט זיך אין בויען. הערשל גייט אריין אינעווייניק און באטראכט די ווענט און די צימערן, די פוטרינעס און די פענצטער. פאר איינעם, וואס איידער ער איז נאך געבוירן געווארן, האט שוין געווארט אויף אים א גרייטע שטוב, איז כדאי, ער זאל אנקוקן, ווי ס'זעט אויס א הויז, וואס מען האט נאך נישט אויסגעענדיקט. א מאל ווען די וועלט איז נאך געווען פוסט, האט איינער געבויט א שטאט, היינט אז די וועלט איז באוווינט, בויט איינער א הויז. ער באווייַזט נישט דורכצוטראכטן די זאך ביזן סוף, און עס קומען שוין אנדערע אנקוקן דאס געבייַ. ס'זענען שוין פארבייַ די דריַפוס־טעג, ווען מען האט נאך גערעדט וועגן אים, און אצינד קען שוין א ייִד אומקוקן זיך אויף אנדערע זאכן, א שטייגער אויף דעם וואס די שטאט דארף האבן און וואס עס טוט זיך עפעס אין דער מדינה, אויף די גלחים, וואס כאפן ייִדישע טעכטער און גיבן זיי אריין אין די קלאשטארעס, און וועגן קיסר זאל לעבן, וואס איז גוט צו ייִדן, און וועגן דער אליאַנץ* אין ווין און אירע פארזארגערס.

אז שיבושער ייִדן נעמען רעדן וועגן די פארזארגערס פון דער אליאַנץ אין ווין, הייבן זייערע הערצער אן קוועלן פון פרייד, וואס דער אייבערשטער

* „חברת כל ישראל חברים".

האט זיי ארומגענומען מיט באראנען און מאגנאטן, וואס זענען קרוב למלכות און שעמען זיך נישט מיט יידן. ס'זענען פאראנען יידן, וואס רעדן אנטקעגן און זאגן: מוחל טובות צו אלדי רוחות! א שטייגער חיים־יהושע בליבערג, וואס זאגט: ווען זיי וואלטן נישט געבארגט קיין געלט דעם מלכות רומעניע הרשעה, וואס טוט אז יידן געברענטע צרות, וואלט רומעניע הרשעה נישט געקענט עקסיסטירן און וואלט נישט געפלאגט די יידן. נאר זיי האבן ליבער זייער געלט ווי זייער פאלק.

בליבערג איז א מאדנער מענטש מיט מאדנע געדאנקען. וויפל האט זיך עם שיבוש אנגעפרייט דעם טאג ווען מען האט אויסגעמאלן די גרויסע שול. ער האט אבער אויפגעקאכט די גאנצע שטאט ווי א גיהנום, פאר וואס מען האט פארשמירט די צורת־הלבנה און די צוועלף מזלות און מען האט אויסגעמאלן איבערן סופיט ווי א פארם פון א שירעם. איי, די דאזיקע געמעלן זענען דאך שוין פארעלטערט געווארן, ווייל עס זענען דאך שוין אריבער רנ"ו יאר זינט מען האט אויסגעבויט די שול און מען האט זיי נישט אויפגעפרישט, און אז די שררות קומען אין דער כל־נדרי־נאכט אפגעבן כבוד יידן און הערן די תפילה, קענען זיי דאך נאך זאגן, אז מיר גיבן נישט אפ געגוג כבוד אונדזער גאט און מיר דאגהן נישט צו פארריכטן אונדזער געבעטהאוז. און אז שליינן, דער מאלער, איז צוריקגעקומען פון אמעריקע, האבן אים די גבאים געדונגען און ער האט אויסגעמאלן די גרויסע שול. ער האט אויך געמאלן די ווענט מיט א גאלדענעם און זילבערנעם שפריץ, אזא ווי אין עסזאל אויפן וואקזאל, נאר מיט דעם אונטערשייד, וואס אין עסזאל איז עס געמאכט מיט וואסערפארבן און די שול האט ער געמאכט מיט אײלפארב. אבער זאלן דערמאנט ווערן צום גוטן ברוך־מאיר און צירל, וואס האבן מנדב געווען די אײלפארב, כדי זי זאל לאנג האלטן.

דער אסיענדיקער שבת איז א קורצער. ביסט נאך נישט פארטיק מיט דיין שמועס און די וואנטפאסט איז שוין דא.

אפגעהאקטע קולות פון א טרומייטער דערהערן זיך און געלבלעכע קעטש־לעך קומען אן און שטעלן זיך אוועק אויפן הויף פון דער פאסט און די פאסטטרעגער גייען ארויס אויף דער גאס מיט די טארבעס אויף די העלדזער און זייערע בליקן זענען בייזע ווי ביי די צדקה־גבאים; אויב זיי וועלן וועלן פארהאלטן דיינע בריוו, וועלן זיי זיי פארהאלטן, נאר זיי זענען צופרידן, אז זיי קענען זיך באפרייען פון זייער משא.

שוויינגנדיק שטייען אלע שפאצירנדיקע פארן פאסטטרעגער און יעדער איינער קוקט אויס, אז דער פאסטטרעגער זאל אויסרופן זיין נאמען און נעבן אים, וואס ס'איז פאר אים. אז דער פאסטטרעגער איז אויפגעלייגט, רופט ער אויס דיין נאמען און זאגט: מארגן וועל איך דיר געבן, היינט איז גארנישט אנגעקומען פאר דיר. ווי נאר דו דרייסט זיך אויס אוועק־

צוגיין, רופֿט ער זיך צוריק און גיט דיר. די בריוו זענען פֿאַרקלעבט און דו ווייסט נישט, וואָס ס׳שטעקט אין זיי, אָדער דו ווייסט און דו ווייסט נישט אין גאַנצן, און דו מוזסט צוואַרטן, ביז דער אייבערשטער וועט מאַכן אויס שבת און וועט אָנצינדן דריַי שטערן אויפֿן הימל. און דער אייבערשטער פֿאַרזוימט זיך אויסצושטעלן די שטערן אויפֿן הימל, אָדער ס׳איז אים ליבער איין שבתדיקע מינוט פֿון אַלע זעקס וואָכעדיקע טעג, אָדער כּביכול קוקט קרום אויף זײַנע קינדער, וואָס יאָגן זיך אַזוי צו וואָכעדיקע זאַכן.

אָבער אויב די בריוו זענען פֿאַרקלעפּט, זענען די קאַרטלעך און די צײַטונגען אָפֿן און דו קענסט זיי לייענען וויפֿל דו ווילסט.

אַ סך צײַטונגען קומען אָן קיין שיבוש, אַ טייל פֿון זיי זענען אויף דײַטש, אַ טייל אויף פּויליש, און אויך ייִדישע צײַטונגען, וואָס די עמיגראַנטן, וואָס זענען אַוועק קיין אַמעריקע, שיקן צו זייערע קרובֿים. טויזנטער מײַלן ווײַט פֿון דיר זיצן כּל מיני אייבערחכמים, וואָס טראַכטן נאָר וועגן דיר, דיר צו לאָזן וויסן, וואָס דו דאַרפֿסט וויסן, און דו דערוויסט זיך זאַכן, וואָס דײַנע אָבֿות און דײַנע אָבֿות אָבֿותינו האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן, און דו האַלטסט זיך פֿאַר קליגער פֿון אַלע פֿריִערדיקע דורות. זיבן מאָל האָט דער טאַטע דײַנער אויסגעלערנט ש״ס און צוויי און פֿערציק מאָל האָט דײַן זיידע אויסגעלערנט ש״ס, און וואָס מישטיינס געזאָגט האָבן זיי געוווּסט? אַז דוד המלך פֿלעג אויפֿשטיין חצות און זינגען און לויבן דעם אייבערשטן, און אַז צום מלך פֿון קציא זענען געקומען צוויי מענטשן זיך לאָדן פֿאַר אים, איינער האָט געקויפֿט בײַם צווייטן אַ חורבֿה און געפֿונען דאָרט באַהאַלטן אַן אוצר און ער האָט אים געוואָלט אָפּגעבן דעם אוצר, ווײַל ער האָט מורא געהאַט פֿאַרן עונש פֿון גזילה, און יענער, ווידער, האָט אויך מורא געהאַט דאָס זעלבע און נישט געוואָלט נעמען — אָבער דו לייענסט אַ פֿערטל שעה אַ בלאַט און די גאַנצע וועלט איז אָפֿן פֿאַר דיר.

אויסער גויִישע און ייִדישע בלעטער קומען אויך אָן קיין שיבוש העברעיִשע בלעטער. פֿריִער פֿלעגן אָנקומען אַ סך, הײַנט קומען אָן נישט מער ווי צוויי, איינס פֿאַרן ציון־פֿאַראיין און איינס פֿאַר איינעם אַ בחור, וואָס שרײַבט העברעיִשע שירים. איין גאָט אין הימל ווייסט, וואָס ס׳איז אים אײַנגעפֿאַלן אַרײַנצוגעבן אין האַרצן פֿון אַ בחור אַזאַ ליבשאַפֿט צו העברעיִש. ער וועט דערפֿון האָבן פּרנסה? ער וועט דערפֿון האָבן כּבֿוד?

נישט ווי די אַמאָליקע דורות זענען די איצטיקע דורות. אַמאָליקע דורות האָבן ליב געהאַט לשון־קודש און געטראָגן עס ווי אַ קרוין אויפֿן קאָפּ. שוין אָפּגערעדט פֿון יונה טאָובערן, נאָר אַפֿילו סעבאַסטיאַן מאָנטאַג, דער בירגער־מײַסטער, אַז ער דערמאָנט זײַן מאמר „והוא על נדיבות יקום״, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין „המגיד״, ווען זײַן זיידע האָט מנדר געווען ח״י ריַיניש, צעשײַנט זיך אים גלײַך דאָס פּנים, אין די איצטיקע דורות וויל

קיינער נישט קיין העברעישע זאך. אז ס'האבן זיך פארמערט די תכלית־זוכער, איז אוועקגענומען געווארן דער כבוד פון אונדזער הייליקן לשון און די יידן אין שטאט ווערן אדער סאציאליסטן אדער ציוניסטן.

צי איז נישט א מאל סעבאסטיאן מאנטאג באגאנגען א פעלער, וואס ער איז צוגעשטאנען צו די גוים און זיך אפגעקערט פון ציוניזם, דער ציוניזם פארשפרייט זיך דאך וואס א מאל מערער און נעמט איין דאס הארץ פון פאלק. מעגלעך אז אין א הונדערט יאר ארום, אין א פופציק יאר ארום, וועט מען שוין טרייבן פאליטיק אפילו מיט ציוניזם און סעבאסטיאן וועט נאך אוודאי אין צווייטן אדער אין דריטן גילגול זיין א ציוניסטישער פירער, נאר היינט צו טאג האט נישט אזא איינער ווי סעבאסטיאן וואס צו טאן ביים ציוניזם. אבער ער לעבט בשלום מיטן ציוניזם און זיצט ביי איין טיש מיט די מאכערס פונעם פאראיין און טרינקט מיט זיי כרמל־וויין און וויצלט זיך מיט זיי, ווי זיין שטייגער איז, און איבעריק צוצוגעבן, אז זיינע הלצהלעך זענען בעסערע פון זייערע, ווייל זיי זענען געווערצט מיט א דבר־תורה און ער האט א שיינע שטים. ער דינט אויך אפ דעם אייבערשטן מיט דעם וואס ער האט אים באשאנקען און ער דאוונט פארן עמוד און ס'קען גאר געמאלט זיין, אז ס'איז אים ליבער דאס ברעטל אפילו פון די נעבעכ־לעך זיינע. אויב סעבאסטיאן האט פאר וועמען צו שרעקן זיך, איז עס פאר די סאציאליסטן און פאר קנאבנהוטן.

קליין און פלינק ווי א שד שפאצירט זיך דאקטאר קנאבנהוט אין מיטן שטאט, אן וואנצעס, ווי א שוישפילער, און אלע געזעלן גייען אים נאך. זינט ער איז געזעסן אין קרימינאל איז ער געווארן האפערדיקער ביי זיך. באגעגנט ער סעבאסטיאנען, גיט ער אים א קלאפ אין פלייצע ווי אויס ליבשאפט און זאגט: צוויי אנשטענדיקע מענטשן זענען פאראן אין שיבוש און ביידע זענען געזעסן אין קרימינאל. אין דעם ליגט אבער א שטאך, ווייל דעם האט מען איינגעזעצט פאר וועלן איבערמאכן די וועלט, און דעם האט מען איינגעזעצט פאר פאלשע קארטן.

א שווערע בייטש איז קנאבנהוט פאר דער שטאט. ווייל איז דעם וואס קריגט נישט פון איר געשמיסן. די דאזיקע בייטש, וואס גרויסע קריגן שמיץ פון איר, גלעט די קליינע. אז קנאבנהוט פארענדיקט זיין דרשה אין פאראיין, לאזט ער זיך ארויס שפאצירן. און אז ער שפאצירט, שלעפט זיך נאך אים א גרויסע האווידיע* און א סך אויגן קוקן אים אין מויל אריין.

קנאבנהוט זעט בעסער פון זיי. ער קוקט אויף זיין קאמפאניע און כאפט א בליק איבער זייערע קעפ. א ביסל ווייטער פון אים גייט א מיידל, איינע אליין. פארלאזט ער זיין קאמפאניע און גייט צו צו איר. דער שכל איז מחייב, אז דאס דאזיקע מיידל דארף קנאבנהוטן זיין נאענט. ווייל זי איז

* כאפטע, כאליאסטרע.

א דינסטמיידל, געהערט זי אויך צו די פראלעטאריער, אבער נישט אלץ וואס דער שכל איז מחייב צו טאן — טוט מען.

און הערשל האט שוין פארגעסן זיין מחיהדיקן שמועס, וואס דערפרייט ס'הארץ און דערפרישט די נשמה, און ער שטייט און קוקט פאר זיך. קרוב זעקס חדשים האט ער שוין נישט געזען דאס דאזיקע מיידל און פלוצלינג האט זי זיך באוויזן פאר אים. אויך מינע, וואס ס'איז נישט איר שטייגער זיך צו אינטערעסירן מיט אנדערע, קוקט פאר זיך. ס'איז עפעס פאראן אין דעם מיידל, וואס צווינגט מינען צו פרעגן זיך אויף איר, נאר איר מויל ציטערט און זי קומט נישט צום רעדן.

א שווייגנדיקער שטייט הערשל, ווי דער בעל־חלומות וואלט געקומען און אנגעהאנגען אים א בעלמע פון א חלום איבער זיינע אויגן. אזוי פירט זיך דער בעל־חלומות, ער הענגט אן א בעלמע איבערן מענטשנס אויגן אין דער צייט ווען ער זעט נישט פאר זיך, וואס זיין הארץ באגערט, און הענגט אן א בעלמע פון חלום איבערן מענטשנס אויגן, ווען ער האט פאר זיך, וואס זיין הארץ באגערט.

אויך סאפיע גילדנהארן, וואס האט זיך אנגעשלאסן צו הערשלען און מינען אויפן וועג, האט געזען בלימען גיין מיט קנאבנהוטן. לויט איר שטייגער האט סאפיע געדארפט זאגן איר מיינונג וועגן בלימען, נאר איר הארץ איז פאראומערט, און אז א מענטשנס הארץ איז פאראומערט, גייען אים נישט אן יענעמס געשעפטן. וואס האט עס געבראכט דערצו, אז סאפיעס הארץ זאל זיין פאראומערט? דאס עלנטקייט אירס, ווען איר מאן איז נישטא אין דער היים, די שמחה און דאס פארגעניגן, ווען איר מאן איז אין דער היים. נישט יעדע איינע פרוי קען זיך איבערווארפן פון איין געמיט אין צווייטן און אויסשטיין ביידע. מינע דערנעענטערט צו זיך סאפיען. די וואס איז געווען א פאטראנעסע דארף אליין האבן א פאטראנעסע. אז זי קומט צו מינען, איילט זי זיך נישט אוועקצוגיין. ס'איז שוין מער ווי א יאר ווי מינע און הערשל האבן חתונה געהאט און ס'איז נישטא וואס מורא צו האבן, טאמער שטערט זי זיי. סאפיע סודעט זיך שוין נישט מער און דערציילט נישט קיין זאכן וואס האלטן אונטער דאס הארץ און האלטן אויף דעם אטעם. מיטן גאנצן הארצן גיט זי זיך אפ מיט איר חברטארינס קינד. גאט אין הימל האט אפגעטאן זיין רחמנות פון דער דאזיקער פרוי און האט זי נישט באשאנקען מיט קיין קינדער, אבער ער האט געגעבן א זון איר חברטארין צו שפילן זיך מיט אים.

די שטערן זענען שוין ארויסגעקומען און ס'האבן זיך געעפנט די געוועלבער. מינע איז אהיימגעגאנגען און הערשל איז געגאנגען אין געוועלב אריין געבן דעם טאטן די בריוו, וואס עס האט אים געגעבן דער פאסט־טרעגער שבת פאר נאכט. א סך בריוו האט דער פאסטטרעגער געגעבן הערשלען, געשעפטסבריוו און ווערטפאפירן, בעטלבריוו און פראכטבריוו און פארבעטבריוו און נאך צוויי בריוו, איינער פון שיבוש און איינער

פֿון אַן אַנדערער מדינה. נאָר אַ בריוו איז דאָרט געווען, אַדרעסירט צו הערשלען, און ער איז געשריבן אויף לשון־קודש. דער געוועזענער דיין, וואָס איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿאַר אַ רבֿ אין אַן אַנדערער קהילה, האָט מחבר געווען אַ הלכה־ספֿר און ער האָט אים געשיקט ברוך־מאירן, און הערשל איז געגאַנגען און באַשטעלט באַזונדער אַ ספֿר פֿאַר זיך און געשיקט דעם מחבר אַ מתּנה, און דער מחבר דאַנקט אים, הערשלען, וואָס האָט ליב די תּורה און האָט גערן די וואָס לערנען זי. דעם אמת געזאָגט, דאַרף הערשל נישט קיין הלכה־ספֿרים, ווײַל ער האָט שוין פֿאַרגעסן, וואָס ער האָט גע־לערנט אין בית־מדרש, נאָר זײַן כּוונה איז געווען אונטערצוהאַלטן דעם דיין. אַ דיין, וואָס האָט די פֿעדער און שרײַבט חידושי־תּורה און גיט זיי אַרויס אין דרוק, פֿאַרדינט, מען זאָל אים אונטערהאַלטן.

און איצט איז כּדאַי צו זען דעם בריוו, וואָס איז געקומען פֿון אַן אַנדער לאַנד. וואָס פֿאַר אַ בריוו איז דאָס? אַרנאָלד צימליך, גדליה צימליכס אַ קרובֿ, ווייסט נישט אויף פּעוונע, צי ס'איז דאָ אין מאַליקראָוויק אַ פּאָסט און ער ווייסט נישט, ווי מע שרײַבט דעם נאָמען פֿון דאָרף, דעריבער בעט ער איבערגעבן גדליה צימליכן, זײַן קרובֿ, אַז ער, אַרנאָלד צימליך, וויל קומען חגאות־צײַט קיין מאַליקראָוויק.

צירל איז מסופּק אין דעם און ברוך־מאיר איז זיכער, אַז ער וועט קומען, ווײַל דײַטשן האַלטן וואָרט, און אַז ער האָט געשריבן, אַז ער וועט קומען, וועט ער קומען.

איצט לאָמיר דערלאַנגען אַ קוק אויפֿן בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין שיבוש און אַרויסגעשיקט געוואָרן אין שיבוש. זינט שיבוש איז שיבוש האָט נאָך נישט געטראָפֿן, אַז אַ שיבושער זאָל שיקן אַ בריוו פֿון שיבוש קיין שיבוש דורך דער פּאָסט, אויסער דעם משוגענעם אַפּטייקער. נעכטן האָט ער אײַנגעגעבן אין געריכט, אַז האַרוויץ פֿאַרקויפֿט אומגעזעצלעך פֿאַרשידענע זאַלצן פֿאַר אַ רפֿואה וועגן, און הײַנט גיט ער צו וויסן, אַז ער האָט בטל געמאַכט דעם אײַנגאַב. צי האָט נישט אַ מאָל סעבאַסטיאַן געגעבן דעם אַפּטייקער אַנצוהערן, און ער האָט זיך צוגעהערט, אָדער ער האָט געזען, אַז ער וועט דעם פּראָצעס אָנווערן. אַזוי צי אַזוי איז ברוך־מאיר פּטור געוואָרן פֿון דעם אַנשיקעניש, אַזוי צי אַזוי איז ברוך־מאיר צופֿרידן.

אַ קליין אַנשיקעניש האָט ברוך־מאיר געהאַט, און ער איז פֿון אים פּטור געוואָרן, אַ גרויס אַנשיקעניש האָט ער געהאַט און ער איז עס אויך פּטור געוואָרן. נאָך יענער מעשה מיט זײַן זון, האָט זיך ברוך־מאיר געשראָקן, טאָמער האָט הערשל פֿאַרלוירן די ווערדע זײַנע און צום סוף האָט ער זיך אין גאַנצן אַרײַנגעלאָזט אין געשעפֿט אַרײַן. הערשל ווייסט ווי אײַנצוטיילן זײַן צײַט, ווען צו פֿאַרברענגען מיט זײַן ווײַב און ווען צו קומען אין געוועלב, ווען צו פֿאַרנעמען זיך מיט סחורה און ווען צו פֿאַרברענגען אַ ביסל מיט מענטשן.

קאַפּיטל 35

הערשלם שטוב איז ווידער אָפֿן פֿאַר מענטשן. קודם פֿלעג ער פֿאַרבעטן געסט כּדי צו ווײַזן זײַן שטוב. איצט פֿאַרבעט ער געסט, ווײַל ס'איז דער שטייגער פֿון אַ מענטשן צו שמועסן מיט זײַנע פֿרײַנד.

נישט די אַלע וואָס פֿלעגן פֿריִער קומען, קומען איצט. אַז הערשל האָט געפֿרעגט מאָטשע שיינבאַרדן: פֿאַר וואָס זעט מען דיך עפּעס נישט בײַ אונדז? האָט אים מאָטשע שיינבאַרד געענטפֿערט און געזאָגט: ווײַל מײַן קוליע ווערט עלטער און זי פֿאַרטראָגט נישט קיין טרעפּ. אַ הלצהשע תּשובֿה האָט אים דער דאָזיקער מענטש דעמאָלט געגעבן. איצטער איז שוין אויך דעם פּוס, וואָס ער איז מיט אים געבוירן געוואָרן, שווער צו גיין אויף די טרעפּ. צו גילדנהאָרנען, וואָס וווינט אין דער נידער, קומט ער, מאָטשע; צו הערשלען, ווו מען דאַרף אַרויפֿגיין אויף טרעפּ, קען ער נישט קומען.

די גאַנצע וועלט שטייט נישט אויף מאָטשע שיינבאַרדן. אַ שטאָט פֿון פֿופֿצן טויזנט מענטשן, וואָס מער ווי אַ העלפֿט פֿון זיי זענען ייִדן, שטייט נישט אויף איין פּוס. און אויב לייבוש טשאָרטקעווער האָט זיך אויך דערווײַטערט פֿון הערשלען, האָט זיך דערנעענטערט זײַן זון, וואָווע, דאָס איז עס דער וואָווע, וואָס מאַכט שיבוש אַ נאָמען אויף דער וועלט. אין פֿלוג גענומען, וואָס אַזוינס פֿאַרמאָגט שיבוש, וואָס עס פֿאַרמאָגט נישט אַן אַנדערע שטאָט? געגנדז און אָרעמע־לײַט גייען אַרום באָרוועס ווי אין אַלע אַנדערע מקומות, אָבער איין מענטש איז פֿאַראַן אין שיבוש, קנאַבנהוט הייסט ער, וואָס איז אַ סחורה פֿאַר די בלעטער. ס'גייט נישט דורך קיין חודש, אַז וואָווע זאָל עפּעס נישט אָפּדרוקן אין די בלעטער. צירל איז נישט צופֿרידן, וואָס וואָווע האָט זיך אָנגעהויבן חבֿרן מיט איר זון. וואָס האָט זי מורא, צירל? אַז ער וועט אים קאַליע מאַכן? אַז ער וועט אים אַרײַנציִען אין אויפֿקלערעכץ? אָבער ברוך־מאיר רעספּעקטירט וואָוועז, נישט ווײַל ער האָט פֿאַר אים מורא, אַז ער וועט אים באַשרײַבן אין די בלעטער, נאָר ווײַל ער לעבט בשלום מיט יעדן איינעם.

איין מאָל אין וואָך קומען הערשלס חבֿרים צו הערשלען. דער גרויסער לאָמפּ ברענט און אַ ריין טישטעך איז אויסגעשפּרייט אויפֿן טיש און אַ מין אויסגעשטיקטער לײַפֿער ליגט אויף אים אין דער קרים און די אָם דערלאַנגט קאַווע, וואָס די סמעטענע איז מער ווי די קאַווע, און מינע שטעלט אַנידער פֿאַרשידענע קיכלעך, אַ טייל געמאַכט אין דער פֿאָרם פֿון אַ האַלבער לבֿנה, אַ טייל אין פֿאָרם פֿון אַ האַרץ. מען זיצט אַרום טיש, יעדער איינער מיט זײַן גלאָז אין האַנט, און אַ געמיטלעכע וואַרעמקייט גייט דורך דורך דער האַנט און צעגייט זיך אין אַלע איבֿרים. אַזוי ווי זיי זיצן אין די היטלען, מעגן

זיי דערמאָנען דעם שם־שמים, נאָר זיי געהערן נישט צו די חוקרים און זיי שמועסן וועגן זייערע שטייגער זאַכן, למשל וועגן געוועלב, וואָס דער גלח האָט געעפֿנט כּדי צוצונעמען ביי ייִדן די פּרנסה און וועגן נייעם ריכטער שמולעוויטש דעם קאַראַימער, וואָס נעמט שוחד ווי אַ גוי און גייט אין מרחץ אַריין ווי אַ ייִד.

די קאַווע וואָס די אָם מאַכט, איז נישט אַזוי שטאַרק, ווי די וואָס הערשל פֿלעג טרינקען, איידער ער איז געפֿאָרן קיין לעמבערג, אַדרבא, זי באַרויִקט דאָס האַרץ און גיט אַריין אַ מחיהדיק שווערקייט אין די גלידער. ווילסטו — רעדסטו, ווילסטו — רעדסטו נישט, ווילסטו נעמסטו אַ קיכל אין דער פֿאָרם פֿון אַ האַלבער לבֿנה, ווילסטו נעמסטו אַ קיכל אין פֿאָרם פֿון אַ האַרץ. בלימעס קיכלעך זענען אפֿשר געשמאַקער פֿון די, אָבער אויך די זענען געשמאַקע.

אַז גילדנהאָרן איז אין שטאָט, כאַפּט ער זיך אַריין אויף אַ ווייל צו הערשלען. לכּבֿוד אים נעמט הערשל אַרויס צוויי־דריי פֿלעשער גוטע משקה און גילדנ־האָרן פֿאַרזוכט אַ טראָפּן און לאָזט איבער דאָס גאַנצע גלעזל. איין מאָל אין זיבן יאָר בייט זיך דעם מענטשנס טעם. אמת איז, אַז עס זענען נאָך נישט אַריבער קיין זיבן יאָר, זינט ער פֿלעג טרינקען שאַרפֿע געטראַנקען, אָבער ווייזט אויס, אַז אַלע יענע יאָרן האָט ער געטרונקען נישט לויטן טעם זיינעם.

גילדנהאָרן זעט שוין נישט אויס אַזוי הויך ווי פֿריִער. ס'קען זיין, אַז ער איז באמת נישט אַזאַ הויכער. נאָר כּל־זמן קורץ איז געווען אין שטאָט, האָט גילדנהאָרן אויסגעזען הויך; אַז קורץ איז אַוועק, זעט שוין גילדנהאָרן מער נישט אויס אַזוי הויך. ווי עס זאָגט זיך אַ ווערטל ביי ליטן, מיר זענען נישט קליין ווי אַ קאַרליק, איר זענט נישט גרויס ווי די בערג.

וווּ איז ער אַהינגעקומען קורץ? ביי הערשלען אין הויז איז געווען אַ דינסט־מיידל, וואָס האָט געקענט קאָכן און באַקן, און קורץ האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף איר און ער האָט זי גענומען פֿאַר אַ ווייב. מאַכט זיך אַ מעשׂה, אַז ס'זענען געקומען די גרויסע לייט פֿון באַראָן הירש אויף אַן אינספּעקציע אין דער שול אין שיבוש, האָבן זיי געוואָרפֿן אַן אויג אויף קורצן אים משלח צו זיין. איז זיין ווייב אַוועקגעגאַנגען צום אינספּעקטאָר און זי האָט אים פֿאַרבעטן אויף אַ סעודה, האָט דער אינספּעקטאָר געזען, אַז זי איז אַ וואַזשנע בריה און ער האָט קורצן געמאַכט פֿאַרן דירעקטאָר פֿון אַ שול ביי אים אין שטאָט. פֿאַראַן אין שיבוש אַזעלכע וואָס גלייבן נישט אין קיין ניסים, אַז זיי קומען צו דער פּרשה קורץ זענען זיי מודה, אַז עס פּאַסירן נאָך ניסים אויף דער וועלט. דער דאָזיקער קורץ איז געווען דער ערגסטער לערער, האָט אָבער דער אינספּעקטאָר הנאה געהאַט פֿון זיין סעודה און האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ דירעקטאָר.

אַז ברוך־מאיר און צירל פֿאַרמאַכן דאָס געוועלב, כאַפּן זיי זיך טייל מאָל אַריין אויף אַ קורצער ווייל צו הערשלען און מינען, זען, וואָס משולם מאַכט, און הערן, וואָס מענטשן רעדן.

ברוך־מאיר זיצט זיך אויף אַ געפּלאַכטענער שטול און האַלט די האַנט זײַנע אויפֿן קייטל. איצטער אפֿילו, ווען ער איז נישט פֿאַרטאָן אין טראַכטן, האַלט ער זײַן האַנט אויף זײַן קייטל — צי דערפֿאַר ווײַל ער האָט זיך צוגע־וווינט אַ סך צו טראַכטן, האָט ער זיך אַזוי צוגעוווינט צו דעם, אָדער די האַנט זײַנע איז אים אָפּגעשוואַכט געוואָרן און זי זוכט אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן. ער רײַבט שוין נישט אַלע מאָל די הענט; אָדער האָט זיך עפּעס פֿאַרלאָפֿן צווישן אים און דער וועלט און ער איז פֿון איר נישט צופֿרידן, אָדער אַ מענטש קען זיך ענדערן.

ברוך־מאיר האָט זיך געענדערט, זײַנע איבֿרים האָבן צובאַקומען פֿלייש און זײַן פֿלייש האָט צובאַקומען פֿעטס. כאָטש ער איז נישט קיין געבוי־רענער אין שיבוש, דערקענט זיך אויף אים שיבוש. פֿון אַ סך זיצן נעמט מען צו. ברוך־מאיר זיצט צו פֿיל איבער זײַן בוכהאַלטונג און ער באַוועגט זיך נישט און גייט נישט שפּאַצירן.

צירל און ברוך־מאיר האָבן נישט ליב צו גיין שפּאַצירן. אַז די משרתים גייען זיך אַהיים און הערשל קערט זיך אום צו מינעו, בלײַבט צירל מיט איר מאַן איבערציילן דאָס געלט. אַז ברוך־מאיר און צירל זיצן זאַלבע נאַנד, זענען אַלע שפּאַצירן אין דער וועלט גאָרנישט מיט גאָרנישט קעגן דעם דאָזיקן זיצן.

שווײַגנדיג זיצן זיי זאַלבע נאַנד און לאָזן זייער צונג צו רו. אויך גאָט אין הימל לאָזט זיי צו רו און וויל נישט, זיי זאָלן אים דאַנקען, וואָס ער האָט זיי צוריקגעגעבן הערשלען אַ געזונטן. אַ געוועלב איז נישט קיין בית־מדרש, ווו מען דאַוונט און מען זאָגט תּהילים. גענוג פֿאַר זיי, אַז זיי האָבן מנדבֿ געווען אײַלפֿאַרבן אויף אויסצומאָלן די גרויסע שול. אויך ער, כּבֿיכול, האָט באַוויליקט זייער מתּנה און ער האָט געמאַכט פֿאַרגעסן הערשלען זײַן קרענק, ווי לאַנגזאַם האָט געזאָגט: ס'איז נישטאָ דער מינדסטער חשש, אַז די קרענק זאָל זיך בײַ אים ווידער אַפּרופֿן. אַ ראיה האַסטו, אַז ווען די בלעטער האָבן צו וויסן געגעבן, אַז איינער אַ משוגענער, פֿײַוויש ווינקלער הייסט ער, איז אַנטלאָפֿן פֿון זײַן דאָקטער און די פּאָליציי זוכט אים אַרום, ווײַל ער איז אַ סכּנה פֿאַר מענטשן, און הערשל האָט דאָס געלייענט, האָבן ברוך־מאיר און צירל זיך געשראָקן, אַז ער קען זיך אַ מאָל דערמאָנען זײַן סאַנאַטאָריע און דאָס קען אַ מאָל האָבן אַ שלעכטע פּעולה, אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען, ווי דאָס גאַנצע הויז יענע וואָלט מער נישט עקסיסטירט פֿאַר אים. וואָס איז הערשלס אינטערעס? דאָס געוועלב. הערשל האָט זיך אין גאַנצן אַרײַנגעלאָזט אין געוועלב און ער טוט זײַן אַרבעט ווי ס'קער צו זײַן.

די משרתים האָבן זיך וואָס אַ מאָל אַלץ מערער צוגעוווינט צו אים. זיי האָבן זיך שוין אויפֿגעהערט צו וווּנדערן אויף אים און זיי טראַכטן נישט וועגן אים, פּונקט אַזוי ווי זיי טראַכטן נישט וועגן ברוך־מאירן און וועגן צירלען. די דאָזיקע וועלט, אַלץ וואָס איז אויף איר פֿאַראַן, ווערט כּסדר

אנדערש. א מאָל פלעג הערשל שטיין א פאַרגאַפטער און די משרתים פלעגן טון זייער אַרבעט, היינט טוט הערשל און די משרתים שטייען און גאַפן. אויף דער דאָזיקער וועלט זענען גבירים אויבן און אָרעמע־לייט אונטן. אויך די אָרעמע־לייט האָבן נישט אַלע איין מזל. דאָס האָט שוין אויסגעפונען פּיוּול דער אונטערמשרת און אין דער זאַך טראַכט ער א סך אַריין. אַמאָל דינען ער און געצל אין איין געוועלב, פון דעסט וועגן איז געצל אויבן און ער אונטן, און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. געצל האָט זיך נאָך געמאַכט א חבֿרה צו קענען זיין דער אָנפירער. אמת איז, אַז הערשל, דעם בעל־ביתס זון, דערנענטערט פּיוולען און דערווייטערט געצלען, אָבער פּיוול באַנוגנט זיך נישט מיט דעם וואָס ער האָט און ער ליידט דערפון, וואָס ער האָט נישט.

געצל טראַכט נישט וועגן זיין חבֿר. געצל איז פאַרנומען מיט אַנדערע מחשבֿות. דער דאָזיקער בעל־בית זיינער איז א מאָל געווען א משרת אין דעם געוועלב און צום סוף האָט ער זוכה געווען, אַז דאָס געוועלב זאָל זיין זיינס און דעם בעל־ביתס טאָכטער — זיין ווייב. די געשיכטע חזרט זיך נישט איבער. צי וויל ער דען זיין בעל־ביתס טאָכטער פאַר א ווייב? זי, בלימע, איז דאָך נישט מער ווי זיינס א קרובֿה. און כאָטש זי איז זיינס א קרובֿה, איז נאָך אַלץ א קשיא, ווער איז חשובֿער פון וועמען, זי צי געצל. אויף הערשלס חתונה האָט מען פאַרבעטן געצלען, זי, ווידער, אָדער מען האָט זי נישט פאַרבעטן, אָדער אפשר איז זי געזעסן מיט די דינסטן אין קיך. מאָדנע זאַכן זענען פאַראַן אויף דער וועלט, וויפל דו זאָלסט דיך נישט חידושן, קענסטו זיי אַלץ נישט אויסטייטשן.

געצל פאַרדינט מער פון בלימען און ער האָט א באַנקביכל און שטייט אין דער שפּיץ פון די „פּועלי ציון" אין שיבוש, פון דעסט וועגן קוקט זיך בלימע נישט אום אויף אים. זי איז א מאָדנע מיידל, די דאָזיקע בלימע, ווער עס גייט אויס נאָך איר, קוקט זי זיך אַפילו אויף אים נישט אום. א מאָל האָט הערשל געוואָלט חתונה האָבן מיט איר און זי האָט נישט חתונה געהאַט מיט אים, היינט וואָלט געצל געוואָלט זי פאַר א ווייב, און זי קוקט זיך אַפילו נישט אום אויף אים.

מיט די אַסיענטעג זענען די אַקאַדעמיקערס צוריקגעפאָרן אין די אוניווער־סיטעטן און אַלע פאַרטיי־געשעפטן ליגן אויף געצלען. קיין זאַך מאַכט זיך נישט פון זיך אַליין. אַז דו פאַרפעלסט בלויז איין נאַכט צו קומען אין לאָקאַל אַריין, געפינסטו שוין די צייטונג א צעקנייטשטע און די שטולן צעוואָרפן. כאָטש ער האָט א סך אַרבעט, געפינט ער זיך צייט און ער גייט אַריין צו זיין שוועסטער. דער שטן, וואָס האָט אַרומגעטאַנצט צווישן זיי, האָט זיך אָפּגעטראָגן און אוועק ערגעץ אַנדערש און ס'איז שוין שלום צווישן געצלען און זיין שוועסטער.

געצל קומט מיט פולע קעשענעס און ער קלאַפּט אויף זיי מיט די הענט און זאָגט: נאַשערס, וואָס האָב איך פאַר אייך? ווער עס וועט טרעפן,

קריגט טאָפּל. זאָגן די קינדער: דאָס און דאָס האָט דער פֿעטער געבראַכט. נאָר דער פֿעטער האָט געבראַכט אַזעלכע זאַכן, וואָס נישט יעדער נאָשער ווייסט וועגן זיי. ברוך־מאיר איז נאָך אַלץ עפּעס מחדש יעדן טאָג און ער ברענגט כּלערליי נײַע סחורות. געצל איז זיך נוהג לפֿנים משורת הדין: כאָטש די נאָשערס האָבן נישט געטראָפֿן, גיט ער זיי אַ טאָפּלע פּאָרציע. געצל אַליין עסט נישט קיין זיסוואַרג, ווײַל ברוך־מאיר האָט אים אויסגע־לערנט, ער זאָל נישט זײַן קיין נאָשער. נאָר כּדי דאָס קליינוואַרג אויסצו־לערנען, וואָס ס'איז צום צעקײַען און וואָס ס'איז צום סמאָטשקען, סמאָטש־קעט ער און קײַט.

אויך טאָובער פֿאַרלאָזט נישט די קאָמפּאַניע און ער זיצט מיט זײַנע קינדער און נעמט זיך זײַן חלק, אָננעמענדיק עס מיט צוויי פֿינגער זײַנע און באַטראַכטנדיק עס גוט מיט די אויגן, בשעת דאָס ווײַב זײַנס שטייט בײַם טיש און איר פּנים שײַנט. יונה טאָובער האָט נישט געמאַכט קיין שלעכט געשעפֿט מיט איר. איר ברודער איז אַ מענטש אין אַ גרויס געשעפֿט און ער האָט אַ ברייטע האַנט.

טאָובער נעמט אַ צוקערל און באַטראַכט עס, צי איז נישט אַמאָל פֿאַראַן אין דעם טשאָקאָלאַד. און ער נעמט נישט אין מויל אַרײַן קיין טשאָקאָלאַד, ווײַל ער האָט געהערט אין נאָמען פֿון ברעזשאַנער רבֿ, אַז עס איז דאָ אַ חשש, אַז מען מישט אַרײַן עפּעס פֿון חיות און בהמות אין טשאָקאָלאַד. טאָובער איז אַ מחמיר אויף זיך און אַ מקיל אויף אַנדערע.

טאָובער איז נישט ווי די אַנדערע שדכנים. ער איז נישט פּאַכאָפּנע נאָך עסן און טרינקען און ער מאַכט זיך נישט קיין ביכעלעך צו פֿאַרשרײַבן אין זיי די נעמען פֿון די בחורים און מיידלעך, ווײַל ווען יאָ, וואָלט ער אַ קוק געטאָן אין ביכעלע און ער וואָלט געזען, אַז זײַן שוואָגער איז שוין אַ בחור אין די יאָרן און מען דאַרף אים חתונה מאַכן. אָבער געצל איז אַ בחור ווי אַנדערע בחורים, וואָס אַז עס קומט זייער צײַט, הייבן זיי אָן אַרומקוקן זיך וועגן אַ ווײַב. און ווי די אַנדערע בחורים, איז ער אַ בשיידענער און אַ שעמעוודיקער, און ער ווײַזט נישט אַרויס, וואָס עס טוט זיך בײַ אים אין האַרצן. סוף כּל סוף איז ער נישט קיין גיבור ווי שמשון, ער זאָל זאָגן: גיב מיר די דאָזיקע פֿאַר אַ ווײַב.

נאָך דעם ווי ער פֿאַרלאָזט זײַן שוועסטער און זײַן שוואָגער און די חבֿרה נאָשערס, קערט ער זיך אום צו זײַן מאַמען אין שטוב אַרײַן. ס'איז אים טרויעריק אויפֿן האַרצן און זײַנע קעשענעס זענען ליידיק. דאָס זיסוואַרג, וואָס ער האָט געהאַט אין די קעשענעס, האָט ער צעטיילט בײַ זײַן שוואָגער אין שטוב. וואָס האָט געצל באַקומען פֿאַר זײַנע מתּנות — גאָרנישט מיט גאָרנישט. ס'וואָלט אפֿשר גלײַכער געווען פֿאַר געצלען, ער זאָל קויפֿן ברויט און רפֿואות פֿאַר זײַנע שוועסטער. צי איז עס פֿאַר געצלס כּבֿוד, אַז דער קעלנער פֿון ציון־פֿאַראיין, יאַסעלע דעם סטאָליערס, זאָל אָפּרײַסן פֿון זײַן מויל און זיי אָוועקגעבן.

געצל און יאסעלע זענען נישט דער עיקר פון דער וועלט. ביידע זענען זיי באשאפן געווארן נאר כדי צו באדינען הערשלען, דער איז געוועלב און דער אין פאראיין. מעגלעד אז אויך אויף הערשלען שטייט נישט די גאנצע וועלט, נאר ער איז דאך א בעל־בתיש קינד און ער איז אויך א בעל־בית פאר זיך. פון די אלע וואס דארפן שוין חתונה האבן, איז ער דער איינ־ציקער וואס האט שוין חתונה געהאט. מינע צימליך האט ער גענומען. א גבירס א טאכטער האט ער גענומען. אמת איז, אז ער האט געוואלט בלימען, נאר גאט אין הימל און טאובער אויף דער ערד האבן געמאכט, ער זאל נעמען מינען און זאל נישט נעמען בלימען.

בלימע האט נאך נישט חתונה געהאט. זינט זי איז אוועק פון די הארוויצעס, האט זי הערשל נישט געזען, חוץ איין מאל, אין מזלם הויף, און איין מאל מיט קנאבנהוטן אין מארק, ווי זי וואלט זיך אפגעשלאסן אין א קלאשטאר און זיך אויסגעטאן פון דער גאנצער וועלט. איין מאל האט צירל געזאגט: בלימע וויזט זיך נישט ביי אונדז. פון צירלס רייד האסטו געקענט פאר־שטיין, אז בלימע ווייסט נישט צו דאנקן, זי האט זיך דאך געדארפט נאכפרעגן, וואס עס מאכן אירע קרובים און זי פרעגט זיך נישט נאך, וואס זיי מאכן. ווי דער שטייגער פון מענטשן, וואס די צייט שפילט זיי צו, האט הערשל געהאלטן, אז ער איז מיט זיך אין ארדענונג, נאר ווער איז נישט אין ארדענונג — בלימע, וואס זי קומט נישט זען, וואס דאס קינד מאכט.

הערשלס געמיט איז אין ארדענונג. אז ער טראכט וועגן בלימען, ווערט זיין הארץ נישט אויפגערודערט. זאל עס זיין א סימן פון עלטער?

טראכט ביי זיך הערשל: ווען מינע וואלט געשטארבן, וואלט אפשר בלימע איינגעגאנגען חתונה צו האבן מיט מיר. חס ושלום, אז ער וואלט געוואלט זיין ווייב זאל שטארבן, נאר וואס זאל טאן אז אלמן, נישט חתונה האבן?

און אזוי ווי ער קען נישט קיין אנדערע אויסער בלימען, האט ער געטראכט וועגן בלימען. אויב זי וועט מיט אים נישט חתונה האבן פון ליבע, וועט זי מיט אים חתונה האבן פון רחמנות. אויך אים באפאלט א רחמנות אויף זיך און אויף זיין זון, וואס וועט בלייבן א יתום, אן א מאמען.

דאס דאזיקע ווארט — יתום — איז געווארן באליבט ביי הערשלען. א סך מאל האט ער גערופן זיין זון „יתומל מיינס"... אז מינע האט דאס ערשטע מאל געהערט, ווי הערשל רופט משולמען „יתומל מיינס", האט זי אויפ־געציטערט און עס איז זי באפאלן א שרעק. מיט דער צייט האט זי זיך צוגעוווינט צו דעם. אירע אויערן האבן זיך צוגעוווינט, איר הארץ האט זיך נישט צוגעוווינט. יעדעס מאל, ווען זי פלעג הערן דעם נאמען „יתום" אין שייכות מיט איר זון, פלעג זי אין גאנצן ווערן אן אויפגערודערטע. אוודאי איז הערשל נישט אויסן געווען צו געבן א פתחון־פה דעם שטן, נאר א ווארט איז אים געקומען אויף די ליפן און איז אים געווארן היימיש.

משולם האָט זיך נישט געכאַוועט ווי עס געהער צו זײַן. אַלע קינדער־קרענקען האָבן זיך געטשעפּעט צו דעם קליינעם. אַ שוואַכינקער איז ער געווען גלײַך ווי ער איז אויף דער וועלט געקומען און זײַנע ניאַניעס האָבן געוואָלט פֿאַרריכטן די מעשׂים פֿון זײַן באַשעפֿער און זיי האָבן נאָך קאַליע געמאַכט. זיי פֿלעגן אַרומבינדן זײַן גופֿעלע מיט אַ סך ווינדעלעך און אײַנקלעמען זײַנע איבֿרימלעך, און אים אַרומהילן מיט אַ סך שמאַטעס, און ער פֿלעג שוויצן, אַז ער פֿלעג אַזש אָנהייבן פֿיבערן און קראַנק ווערן. צום מיינסטן פֿלעג זיך סטאַרען די אַם אַרויסצוווײַזן איר ליבשאַפֿט צו משולמען. איז אַרײַנגעקומען מינע, אָדער צירל, אָדער בערטע, אָדער סאָפֿיע, גיט אים די אַם אַ נעם אויף איר שויס און גיט אים צו זייגן. איז ער געשלאָפֿן, האָט זי אים אויפֿגעוועקט. איז אַרײַנגעקומען ברוך־מאיר, אָדער גדליה, אָדער הערשל, שטעלט זי אים אויף די פֿיסלעך, כּדי צו ווײַזן זיי, ווי שטאַרק ער איז, און זײַנע איבֿרימלעך זענען נאָך נישט געהאַט פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן, דערפֿאַר זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן זײַנע אינעווייניקסטע איבֿרימלעך און עס זענען שוואַך געוואָרן זײַנע קישקעלעך, און עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דאָס גראָבע קישקעלע. אויך די אַם אַליין האָט אים צוגעשאַנצט אַ פּאָר קרענקען, ווײַל זי האָט ליב געהאַט שווערע עסנס און בראָמפֿן, און דאָס האָט פֿאַרשאַט דעם קינד. כּדי ער זאָל נישט וויינען בײַ נאַכט און זי זאָל קענען אָוועקגיין צו אירע שקצים, האָט זי אים איבער זײַן וויגל אָנגעהאָנגען אַזעלכע קרײַטעכצער, וואָס שלעפֿערן אײַן.

דאָקטוירים האָבן אָנגעהויבן גיין אַרײַן און אַרויס. זיי האָבן געשריבן רעצעפּטן און אים געקאָרמעט מיט רפֿואות. זיי האָבן אים טייל מאָל אײַנגענומען אויף אַ שטיקל צײַט און פֿאַרלענגערט זײַנע קרענקען אויף אַ שטיק צײַט, טייל מאָל האָבן זיי פֿאַרריכט איין זאַך און קאַליע געמאַכט אַ סך אַנדערע זאַכן. בערטע און צירל האָבן געבראַכט ווייסערינס, וואָס יעדע איינע פֿון זיי איז געקומען מיט אירע באַבסקע רפֿואות, און וואָס, אויב זי האָט גאָרנישט אויפֿגעטאָן, האָט זי אויפֿגעטאָן מיט דעם וואָס זי האָט צו נישט געמאַכט, וואָס די צווייטע האָט געזאָגט. ווי עס זאָל נישט זײַן, האָט דאָס קינד נישט געפֿונען זײַן רפֿואה.

הערשל, צוזעענדיק ווי אַלע פּאָרקען זיך מיט זײַן קינד און עס העלפֿט גאָרנישט, האָט ער בײַ זיך געטראַכט: ווען בלימע וואָלט זיך געפּאָרעט מיט אים, וואָלט ער געזונט געוואָרן. און אַזוי פֿלעג זיך הערשל דאָס פֿאָרשטעלן: ער שטייט לעבן זײַן זון פֿון איין זײַט און בלימע שטייט פֿון דער אַנדערער זײַט און צווישן זיי ביידע ווערט דאָס קינד געזונט. איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז הערשל איז אויסן נאָר זײַן זון, ווײַל ער אַליין, הערשל, לעבט דאָך מיט מינען בשלום און ער קוקט נישט אויף קיין אַנדערע ווײַבער. וואָס פֿאַרלאַנגט ער, הערשל? בלימעס השגחה אויף זײַן קראַנק זינדעלע פֿאַרלאַנגט ער. איידער ער דערטראַכט די זאַך ביזן סוף, הייבט אָן אין אים

דאָס האַרץ צו מוסרן: וואָס עס טויג פֿאַר דיר, דאָס זעסטו; וואָס עס טויג פֿאַר אַנדערע, דאָס זעסטו נישט.

לאַכט הערשל אָפּ פֿון זיך אַליין און זאָגט: מאַראַל, מאַראַל האָט מיך באַפֿלאַסקעט. און ער דערשרעקט זיך און פֿאַרבײַסט די ליפּן, נישט אַרויס־צורופֿן אויף זיך דעם צאָרן פֿונעם גורל.

צום סוף האָט מען אָפּגעשמועסט צו ברענגען דאָס קינד קיין מאַליקראַוויק. נישט ווײַל דאָס איז נייטיק פֿאַרן קינד, נאָר ווײַל דאָס איז נייטיק פֿאַר זײַן מאַמען, ווײַל זי איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און זי איז נישט בכּוח זיך אָפּצוגעבן מיט איר זון. און כּדי צו פֿאַרפּוצן די זאַך, האָט מען געזאָגט: די רפֿואה זײַנע איז פֿרישע מילך פֿון דער קו.

איז בערטע געקומען מיט דער בריטשקע און מיטגענומען משולמען. בערטע איז געזעסן מיט איר אייניקל אויבן אָן און די אַם איז געזעסן אַנטקעגן איבער זיי, און סטאַך זיצט אויף דער קעלניע און גלעט די בײַטש זײַנע און שמייכלט צו די פֿערד. אַז די בריטשקע האָט גערירט פֿון אָרט, איז מינע געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון דער שטוב און געוויינט. הערשל האָט אַרויסגעקוקט און האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו איר צוצודריקן זי צו זיך, נאָר דער צער פֿונעם קינד האָט שוואַך געמאַכט זײַנע הענט און ער האָט זיי צוריקגעצויגן.

קאַפּיטל 36

משולם איז אַוועק און די שטוב איז געוואָרן ליידיק. כּדי זיך צו באַרויִקן, האָט הערשל גערייכערט איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן.

ער איז געווען צעפּאָרן. מינע, וואָס האָט זיך אָנגעאַרבעט בײַם אײַנפּאַקן דעם קינדס זאַכן, איז געגאַנגען פרי שלאָפן. אויך הערשל האָט זיך אויסגעשטרעקט און איז געלעגן.

הערשל האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט אויף זײַן געלעגער. קיין גרויסער שלעפער איז ער קיין מאָל נישט געווען, בפרט נאָך אין דער נאַכט וואָס מען האָט צוגענומען פון אים זײַן זון. אין אַ שעה אַרום איז ער אויפגעשטאַנען און ער איז אַראָפּ פון בעט.

האָט זיך מינע אויפגעכאַפּט און געפרעגט: ביסט אויפגעשטאַנען?

האָט הערשל געזאָגט: ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער דאָס קינד וויינען.

האָט מינע געזאָגט: ער איז דאָך אין דאָרף.

האָט הערשל געזאָגט: איך האָב נאָר געזאָגט, אַז עס האָט זיך מיר געדאַכט.

האָט מינע געזאָגט: אַ געוווינשאַפט.

האָט הערשל געזאָגט: געוווינשאַפט איז אַ גרויסע זאַך.

מינע האָט געשוויגן און הערשל איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, נישט צו שטערן איר דעם שלאָף. זי האָט אויך אײַנגעהאַלטן איר אָטעם און אויפגעכאַפּט יעדן באַוועג און יעדן ריר זײַנעם. הערשל האָט דאָס דערפילט און ער האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן.

זײַן האַרץ האָט זיך דערוואָרעמט און שטאַרק געקלאַפּט. קיין מאָל האָט ער זיך אַזוי נישט געפילט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער געפינט זיך אין איין צימער מיט אַ פרוי: מינעס אָטעמען איז געוואָרן האַסטיקער. אויך ער האָט געהאַלטן אין סאַפּען.

הערשל האָט געפרעגט מינען: דו שלאָפסט? זײַן קול האָט געציטערט, אָבער ער האָט געמיינט, אַז מינע באַמערקט דאָס נישט.

האָט מינע געענטפערט פון בעט אַרויס און געזאָגט: איך שלאָף נישט.

אירע אויגן זענען געווען אָפן און זי האָט געטראַכט וועגן איר זון, וואָס מען האָט אים פון איר אַוועקגענומען און וועגן איר מאַן, וואָס שטייט איבער איר בעט.

אין דער דאָזיקער מינוט האָט הערשל נישט געטראַכט וועגן זײַן זון און נישט וועגן קיין שום זאַך אויף דער וועלט. דאָס גאַנצע לייב און לעבן הערשלס

האָט געפֿילט דאָס נאָענטקייט פֿון זײַן ווײַב, וואָס ליגט פֿאַר אים און אָטעמט. די נאַכט איז געווען אַ שטילע. קיין שאָרך האָט זיך נישט געהערט פֿון דרויסן. יעדער ריר אין שטוב האָט זיך פֿאַרטאָפּלט. די קאָלדרע, וואָס מינע האָט זיך מיט איר צוגעדעקט, האָט זיך אַ ביסעלע אַראָפּגערוקט. הערשלס ליפּן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אין מינעס ליפּן. נאָך אַ קורצער ווײַל האָט זי אָפּגעאָטעמט און געזאָגט: היינריך, דו ביסט עס? הערשל האָט זי אַרומגענומען מיטן גאַנצן כּוח און גאָרנישט געענטפֿערט.

משולם איז בײַ מינעס עלטערן אויפֿן דאָרף און הערשלס מיט מינעס לעבן האָט זיך געביטן. צוזאַמען מיט משולמען איז אַוועק זײַן אָם, און ביז מען האָט צוגענומען אַן אַנדערע דינסט, האָט מינע אַליין געטאָן איר אַרבעט.

מען קען נישט זאָגן, אַז מינע איז אַ גרויסע טויגעריןָ. עס זענען פֿאַראַן גרעסערע בריות פֿון איר, נאָר אַז מאַן און ווײַב לעבן צוזאַמען און עס איז דאָ שלום צווישן זיי, טוט דאָס ווײַב אַלץ, וואָס זי קען, און דער מאַן איז צופֿרידן פֿון דעם וואָס זי טוט.

דאָס בעל־בתּישקייט האָט מינען אַרויסגענומען פֿון דעם נודעניש. איר פּנים, וואָס איז געווען בלייך, האָט באַקומען אַ פֿאַרב. איר מויל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרגליווערטער געניץ, האָט אָנגעהויבן אַרויסברענגען אַ לאַך. אמת, אַז אויף אירע באַקן זענען אַרויסגעקומען קנייטשן אַרום די אויערן, נאָר די דאָזיקע קנייטשן האָט הערשל ליב און רופֿט זיי: קוש־בײַטעלעך, צוליב זאַכן וואָס מאַכן זיך צווישן אַ פּאָר־פֿאָלק. יעדן פֿרימאָרגן מאַכט מינע אָנבײַסן און הערשל העלפֿט איר צו, און זי דערציילט אים די חלומות, וואָס זי האָט געחלומט בײַ נאַכט, און ער באַמיט זיך צו באַשיידן זיי. בר הדיא וואָלט זיי אַנדערש פּותר חלום געווען, אָבער הערשלס באַשיידן געפֿעלן מינען בעסער ווי די באַשיידן פֿון אַלע פּותרי־חלומות.

ער האָט ליב, הערשל, די דאָזיקע פֿרי־מאָרגן־שעה, ווען ער שטייט מיט זײַן ווײַב אין קיך און העלפֿט איר צו אין איר אַרבעט, נישט ווײַל זי דאַרף, מע זאָל איר צוהעלפֿן, נאָר איר מאָרגנראָק פּאַסט איר און ער האָט ליב אײַנצוקוקן זיך אין איר. ווען נישט דער מילכיקער און דער בעקער, וואָס ברענגען מילך און ברויט דווקא אין דער מינוט, ווען ער וויל זי אַרומנעמען, וואָלט דאָך די גאַנצע וועלט געווען געגליכן צו אַ גן־עדן.

מינע דערנענטערט אים מיט איין האַנט און שטויסט אים אָפּ מיט דער אַנדערער האַנט, און יאָגט אים אונטער, ער זאָל טרינקען די קאַווע איידער זי ווערט קאַלט. זאָגט הערשל: טרינק דו פֿון מײַן גלאָז, וועל איך טרינקען. זאָגט מינע: צי האָב איך דען נישט מײַן גלאָז, וואָס איך דאַרף טרינקען פֿון דײַן גלאָז? זאָגט הערשל: כּדי איך זאָל טרינקען פֿון דײַן גלאָז. און נישט בלויז בײַם אָנבײַסן, נאָר בײַ יעדן עסן חזרט זיך איבער די זעלבע זאַך.

איז ער געזעסן מיט מינעס און דערמאָנט זיך אין בלימען, האָט ער ביַי זיך געטראַכט: דאָס דאָזיקע מיידל האָט מיך נישט ליב געהאַט און ס׳איז ביַי מיר אַ ספק, צי זי האָט בכלל אַ מאָל עמעצן ליב געהאַט. זי האָט נישט חתונה, וויַיל זי קען נישט פאַרגינען, אַז עמעצער וועט הנאה האָבן פון איר.

פון מינעס אויגן האָט אַרויסגעבליאַסקעט אַ ליכטשטראַל, וואָס אַזאַ האָט נאָך הערשל קיין מאָל נישט געזען אויף איר. זי האָט אויך אָוועקגעלייגט איר האַנט אויף זיַין אַקסל און אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון מינעס גוף אין הערשלס גוף אַריַין. ער האָט זיך צו־געקוקט און ער האָט געזען, אַז אירע איבֿרים זענען פולער געוואָרן. ער האָט געקוקט אויף איר און דאָס פּנים האָט זיך איר פאַרריַיטלט. ער האָט ווידער געקוקט אויף איר. אפשר זענען זיַינע אויגן אַזוינס, וואָס איר מויל האָט אים נישט אויסגעזאָגט. נאָר איידער ער האָט געפרעגט, האָט אויפגע־בליצט אַ פונק פון פרייד אין אירע מוטערלעכע אויגן. גליַיך האָבן זיך ביַי הערשלען געעפנט די אויגן און ער האָט דערזען דעם אמת. גאָט אין הימל האָט אַזוי געמאַכט, אַז הערשל זאָל אַליין דערזען.

מינעס איבֿרים ווערן וואָס אַ מאָל פולער. פון דעסט וועגן איז זי בריהש און פלינק. זי זיצט נישט מיט פאַרלייגטע הענט אפילו קיין איין מינוט. אַז זי ענדיקט מיט דער שטובאַרבעט, מאַכט זי פאַרשידענע קינדערישע מלבושימלעך. זאָל איך זאָגן פאַר משולמען? פאַר משולמען זענען זיי דאָך צו קליין.

הערשל האָט נישט קיין ציַיט אָפּצוגעבן זיך מיט מלבושים. אויף זיַין וויַיבס קליידער קוקט ער זיך אויך נישט אום, שוין אָפּגערעדט פון מלבושים פאַר אַ קינד, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. די חגאות דערנעענטערן זיך און אין געוועלב איז דאָ אַ סך צו טאָן. מען האָט שוין אָנגעהויבן צוגריַיטן כלערליי קעסטלעך פאַר די וויַיבער פון די הויכע באַאַמטע. מען קען זיך פאַרלאָזן אויף געצלען און אויף פיַיוולען, אָבער דער שטייגער פון אַ גוטן סוחר איז אַכטונג צו געבן אויף זיַינע משרתים.

גדליה צימליך איז געקומען אין שטאָט אַריַין און איז אַריַינגעקומען אין געוועלב. האָט אים ברוך־מאיר דערלאַנגט אַ צעטעלע און צירל האָט פאַר־שנורעוועט די ליפּן צו אַ ריי קעסטלעך צו. אַ ביסל אָפּגערוקט פון זיַין שווער איז געשטאַנען הערשל. אמת, די אויגן זיַינע זענען נישט אַזעלכע ליבלעכע ווי זיַין שווערס, אָבער זיַין האַרץ האָט גאָרנישט צום שווער זיַינעם. כביכול האָט אויסגעליַיכט הערשלס האַרץ, און ער האָט נישט קיין פּרעטענזיעס צו דער וועלט. די וועלט פירט זיך ווי זי פירט זיך, און ס׳איז רעכט, אַז זי זאָל זיך פירן ווי זי פירט זיך. טייל מאָל זעט זיך אַז אַ קליינער שינוי אויף דער וועלט, ווי למשל, אַז הערשלס שטוב איז געוווען אַן אָרט פון צוזאַ־מענקום פאַר חבֿרים. און אַז גילדנהאָרן האָט זיך אומגעקערט אויף די

חגאות קיין שיבוש, האָט זיך די וועלט אומגעקערט צום אַלטן, און ווידער איז זיך צונויפֿגעקומען גילדנהאָרנס גאַנצע קאָמפּאַניע בײַ גילדנהאָרנען און געלאָזט הערשלם שטוב אָן געסט.

הערשל און מינע האָבן דאָס נישט געפֿילט, אָדער זיי האָבן דאָס יאָ געפֿילט, נאָר זיי האָבן זיך נישט גענומען צום האַרצן. סײַ ווי סײַ האָבן זיי זיך געקליבן פֿאָרן אין דאָרף אַרײַן זען, וואָס ס׳קינד זייערס מאַכט. איצטער אַז מלכות האָט אָנגעהויבן אַכטונג צו געבן, אַז די געוועלבער זאָלן זײַן געשלאָסן אין די חגאות, האָט הערשל געהאַט גענוג צײַט צו פֿאָרן מיט זײַן ווײַב קיין מאַליקראָוויק.

מינע מיט הערשלען זענען אַראָפּגעפֿאָרן זען, וואָס דאָס קינד מאַכט. משולם האָט זיך שווער געכאָוועט, אָבער עס האָט זיך געלאָזט דערקענען, אַז דאָס דאָרף באַקומט אים בעסער ווי די שטאָט. זײַן באַבעס קעסט האָבן אים אַ ביסל געהאָלפֿן זיך שטעלן אויף די פֿיסלעך.

ווידער האָט זיך הערשל געשפּילט מיט זײַן זון. יעדע ווײַל האָט ער צוגע־טראַכט נײַע שפּילעכישן. הערשל פֿאַרמאָגט נישט אַפֿילו דעם מינדסטן פֿונק פֿון זײַן פֿעטער משולם, וואָס דאָס קינד הייסט אַזוי ווי ער, פֿון דעסט וועגן איז אים געלונגען צונויפֿצושטעלן אַ לידל פֿאַר זײַן זון וועגן. פֿלעג ער אַזוי שטיין איבער אים און זינגען:

מַלְאָכִים עוֹמְדִים עֲלֵי סֻלָּם
מְבִיאִים דּוֹרוֹן לִבְנִי לִמְשֻׁלָּם
מַה מְּבִיאִים, אָח אוֹ אָחוֹת
וַאֲנִי וָהוּא נִשְׂבַּע שְׂמָחוֹת.

מלאכים שטייען אויף אַ לייטער, אַ סולם,
אַ מתּנה זיי ברענגען מײַן זונעלע משולם,
ברענגען זיי אַ ברודערל, אָדער אַ שוועסטערל גאָר?
אַ גרויסע שׂמחה שטייט אונדז ביידן פֿאָר.

זייער גלײַך האָט שילער געזאָגט: ווער האָט עס נישט געמאַכט קיין לידער אין דער יוגנט? מעגלעך אַז נישט אַזאַ ליד איז שילער אויסן געווען. על כּל פּנים איז שוין גלײַכער אַזאַ ליד, איידער דער צונאָמען יתומל, ווי הערשל פֿלעג רופֿן זײַן זון.

נישט אַ גאַנצן טאָג שפּילט זיך הערשל מיט זײַן זון. טייל מאָל גייט ער אַרויס אויפֿן הויף און פֿאַרברענגט אַ ביסל מיט די מענטשן. סטאַד, ווי זײַן שטייגער, פֿאָרעט זיך מיט זײַנע פֿערד און קיצלט די הינט. די הינט האָבן נישט פֿאַראיבל אויף קאָסטיוכן — מיט דעם דאָזיקן נאָמען רופֿן זיי סטאַכן צוליב די משוועקעס אין זײַנע שטיוול. די הינט פֿילן, אַז קאָסטיוך איז נישט רויִק

און זיי נעמען אַן פֿאַר ליב זייערע יסורים און לאָזן אים אויסלאָזן זײַן כּעס צו זיי. נישט אַזוי פֿירט זיך משולמס אַם. אַז סטאַד האָט זי אַ קיצל געטאָן אין בויך, האָט זי אים דערלאַנגט איבערן פּיסק. אַ מאָל פֿלעגן זי די פֿיס אַליין טראָגן צו סטאַכן. זינט זי האָט פֿאַרבראַכט אין שטאָט, האָט זי זיך צוגעוווינט צו פֿײַנע לײַט.

מינע זיצט ס'רובֿ טאָג לעבן דער מאַמען. די מאַמע אירע קען קאָכן גוטע געקעכטסן און מינע וויל זיך זיי אויסלערנען בײַ איר. און טייל מאָל לאָזט זי שטיין אירע געקעכטסן און שפּאַצירט מיט הערשלען איבערן דאָרף.

אַ פֿרישער שניי איז אַראָפּ איבערן דאָרף און דאָס דאָרף בלאַנקט. אַ פֿרישער ריח טראָגט זיך פֿונעם שניי און פֿרישט אויף דאָס האַרץ. מינעס קליינע אויערן רייטלען זיך, אַ קורצע ווײַל זענען זיי געווען קאַלט, אַצינד זענען זיי וואַרעם. אַ קורצע ווײַל האָט זי מורא געהאַט פֿאַר דער קעלט, צום סוף האָט זי געזען, אַז די קעלט דערוואַרעמט.

גייען זיי זיך אַזוי, הערשל מיט מינען, אויפֿן שניי. דער שניי שפּילט אונטער זייערע פֿיס. און נישט בלויז דער שניי, נאָר אויך די מענטשן שפּילן פֿאַר זיי. אײַנגעהילט אין שניי זיצט זיך איינער אַ שפּילער, אַ בלינדער אויף ביידע אויגן, די פֿיס אונטער זיך, און מיט אַ לירע אין דער האַנט און ער רימפּלט מיט די פֿינגער און זינגט מיטן מויל. דאָס איז נישט דער בלינדער, וואָס פֿון אים האָט גערעדט דער דאָקטאָר לאַנגזאַם, ווײַל יעדעס מאָל, ווען לאַנגזאַם פֿלעג דערציילן וועגן די בלינדע שפּילער אין זײַן שטאָט, פֿלעג הערשל זען פֿאַר זיך אַ שטאָט, וואָס איז באַגאָסן מיט זון, דער אָבער זיצט אין אַ דאָרף אין אַ שנייטאָג.

אײַנגעהילט אין שניי, זיצט זיך דער שפּילער און שפּילט זײַן טרויעריקן ניגון, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף. שווײַגנדיק שטייען פֿאַר אים מינע מיט הערשלען. דאַכט זיך, אַז זיי וועלן אַזוי שטיין און נישט רירן זיך פֿון אָרט, ביז דער שפּילער וועט אויפֿהערן שפּילן.

מיט אַ מאָל האָט הערשל אַ כאַפּ געטאָן מינען פֿאַרן אָרעם און אַ זאָג געטאָן: לאָמיר גיין!

זײַן קול איז געווען שטרענג. ווען זי וואָלט זיך נישט געווען דערשראָקן פֿאַר זײַן קול, וואָלט זי זיך געחידושט.

ווי נאָר זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך הערשל אומגעקערט צום שפּילער און אים צוגעוואָרפֿן אַ מטבע. ווען ער וואָלט נישט געווען קיין בלינדער, וואָלט ער געווען פֿאַרחידושט, סאָראַ מטבע ער האָט באַקומען, וואָס איז גרעסער פֿון אַלע מטבעות, וואָס מען גיט אַן אָרעמאַן.

איין גאָט אין הימל ווייסט, פֿאַר וואָס הערשל איז צעפֿאָרן. טייל מאָל איז ער אומעטיק און טייל מאָל איז ער פֿריילעך. סײַ זײַן פֿרייד און סײַ זײַן אומעט נעמען איבער די מאָס.

ביסלעכווייז האט ער זיך באַרויִקט. פלוצלינג איז אים אויפן געדאַנק געקור־ מען, אַז מינע האט געלערנט שפּילן קלאַוויר און אַז די אַלע יאָרן, וואָס זיי זענען צוזאַמען, האָט זי נישט פאַרלאַנגט קיין קלאַוויר צום שפּילן. ווי דער שטייגער פון מענשען, וואָס האָבן נישט קיין געפיל פאַר מוזיק, איז ער געווען דאַנקבאַר זיין ווייב, וואָס זי איז נישט מטריח זיינע אויערן.

קאַפּיטל 37

צוויי מאָל אין טאָג קומט די באַן קיין שיבוש און יעדעס מאָל ווען זי קומט, ברענגט זי אַ פּנים חדשות. די אַלע וואָס קומען זענען ענלעך איינער צום צווייטן און ס'איז נישטאָ קיין חילוק פֿון איינעם ביזן צווייטן, נאָר דאָס וואָס דער רעדט מיט אַ פּתח און דער מיט אַ סגל, דער זאָגט אײַ און דער זאָגט איי, דער גייט ריין אָנגעטאָן און דער גייט קויטיק אָנגעטאָן. אָבער טייל מאָל ברענגט די באַן אַ גאַסט פֿון אַן אַנדער לאַנד, וואָס זײַנע בגדים זענען אַנדערש און זײַן לשון איז אַנדערש.

אַרנאָלד צימליך איז נישט קיין פּנים חדשות אין שיבוש. שוין אויף דער חתונה פֿון זײַן קרובֿה, מינע, האָבן מיר אים געזען אין שיבוש. אַ סך געשעפֿטן האָט ער אין שיבוש און זיי צעוואַקסן זיך כּסדר. אויב עס זענען דיר נישט באַקאַנט אַרנאָלד צימליכס געשעפֿטן, טאָ גיי אַרויס און זע, וויפֿל הינער עס פּיקן אויף שיבושס מיסט. די הינער ווייסן פֿון גאָרנישט. זיי פּיקן אין מיסט און לייגן אייער. אָבער די וואָס האָדעווען די הינער און האַנדלען מיט זיי, ווייסן, אַז זייער גאַנצער קיום אויף דער וועלט איז פֿון די אייער, וואָס זיי שיקן צו אַרנאָלד צימליכן קיין דײַטשלאַנד. און מעגלעך אַז אויך די וואָס עסן די אייער ווייסן פֿון גאָרנישט. זיי עסן אַן איי און פֿרעגן נישט, אויף וועלכן בוים דאָס איי איז געוואַקסן. אָבער אַרנאָלד צימליך ווייסט, אַז אַלע גוטע אייער, וואָס ער גיט צו עסן די מענטשן פֿון זײַן לאַנד, שטאַמען פֿון אים. ווען נישט ער, וואָלט מען געגעסן אייער, וואָס קומען פֿון כינע, און זייערע אויגן וואָלטן געווען ענלעך צו די כינעזערס, נישט בלויע און שיינע, ווי די אויגן פֿון מענטשן אין שיבוש און איר סבֿיבֿה.

נאָך פֿאַר די חגאות האָט אַרנאָלד צימליך געשריבן, אַז אין די חגא־טעג, ווען זײַנע געשעפֿטן זענען געשלאָסן, וועט ער קומען קיין מאַליקראָוויק אויף, ווי דער שטייגער פֿון די דײַטשן, וואָס זיי האַלטן וואָרט, האָט ער געהאַלטן וואָרט.

אַ גרויסע שׂמחה איז געווען בײַ גדליה צימליכן אין הויז. ברוך־מאיר און צירל זענען אַראָפּגעקומען קיין מאַליקראָוויק מקבל פּנים זײַן דעם גאַסט. און בערטע האָט אָפּגעקאָכט די בעסטע מאכלים אירע, און זי האָט באַצירט דעם טיש מיט שיינע כּלים, ווי די דאָזיקע פּאָרצעלײַענע קאַטשקע, אויסגעדרייט מיטן בייזן שנאָבל צום גאַסט צו. אַזאַ מין ווידעראַנאַנד, ווי צווישן דעם פּנים פֿון דער דאָזיקער פֿרוי און דעם פּנים פֿון דעם עוף, איז שווער צו געפֿינען אויף דער וועלט. בערטע פֿרייט זיך מיט יעדן לעפֿל יויך, וואָס מען

זופט אוים. דאָס דאַזיקע עוף, ווידער, קוקט אויף דיר שטענדיק מיט א בייז פּנים.

גדליה האָט אַרויסגענומען ניינציקער בראָמפֿן און פֿאַרשידענע אַנדערע געטראַנקען. דאָרט אין דײַטשלאַנד טרינקט מען געמישטע געטראַנקען, וואָס באַנעצן דאָס מויל און צעלאָזן נישט די צונג. אָבער גדליהס געטראַנקען, יעדער טראָפּן זייערער רעדט ווערטער.

נאָך אַ טבֿע פֿאַרמאָגט די דאָזיקע משקה, וואָס דער וואָס טרינקט אוים צוויי־דרײַ גלעזלעך, ווערן זײַנע איבֿרים אָפּגעטעמפּט און ער פֿילט נישט, אַז ער שווײַגט, אַנטקעגן איבער אים זיצט זײַן חבֿר און ער שווײַגט אויך.

טראַכט בײַ זיך ברוך־מאיר: איך האָב געמיינט, אַז מײַן מחותּן, גדליה צימליך, איז דער עיקר פֿון דער משפּחה צימליך, מיט אַ מאָל ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער דאַזיקער צימליך, ס'הייסט אַרנאָלד צימליך, איז דער עיקר פֿון דער משפּחה צימליך. ווײַל מײַן מחותּן האָט נאָר אַ טאָכטער און זי הייסט האַרוויץ, אויף מײַן נאָמען, אָבער אַרנאָלד צימליך האָט אַ סך זין און טעכטער און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט נישט בלײַבן קיין נאָמען צימליך אין מאַליקראָוויק, דאָס אָרט וווּ עס זענען געבוירן געוואָרן די צימליכס. ווידער דאָרט, אין דײַטשלאַנד, וועלן זיך די צימליכס פֿרוכפּערן און מערן און מעגלעך, אַז די צימליכס וועלן זיך משדך זײַן מיט די האַר־וויצעס, דאָס הייסט: מײַן אייניקל, משולם, וועט נעמען אַ טאָכטער פֿון די צימליכס, אָדער מינע וועט האָבן אַ מיידל, און זי וועט חתונה האָבן מיט אַ זון פֿון די צימליכס. ברוך־מאיר האַלט פֿון די דײַטשן. זינט ער איז געפֿאָרן קיין קאַרלסבאַד אויף קוראַציע, האָט ער אָנגעהויבן האַלטן פֿון די דײַטשן.

צירל זיצט אַ שווײַגנדיקע. צירל האָט זיך שטאַרק געביטן. זי איז נישט פּאַכאַפּנע אויף גוטע געקעכטסן און יאָגט זיך נישט נאָך עסן און טרינקען. ווען בערטע וואָלט געזען, אַז די מחותּנתטע עסט ווייניק, וואָלט זי דערפֿון צער געהאַט. נאָר בערטעס אויגן און איר האַרץ זענען געווענדט צו איר קרובֿ, דעם גאַסט. אויך הערשל איז גאָט צו דאַנקען שיין געקליידט. נאָר דאָס פּנים זײַנס שײַנט נישט פֿון פֿרייד. אָבער אַ גרויסע שׂמחה וואַרט אויף אים. גאָט זיצט אויבן אין די הימלען און גרייט אָן פֿרייד פֿאַר אַלע זײַנע באַשעפֿענישן. עס איז שוין קענטיק אויף מינען, אַז זי טראָגט מיט זיך אַ גרויסע פֿרייד פֿאַר קרובֿים — אַ זון אָדער אַ טאָכטער.

צירלס אויגן האָבן זיך פֿלוצלינג פֿאַרזשמורעט. זי האָט גאָרנישט צו דעם דײַטש. אָבער וואָס איז דאָס גאַנצע גערודער מיט אים? אויב מיר וועלן טיפֿער אַרײַנקוקן אין תּוך אַרײַן, איז ער דאָך אַ זון פֿון אַ ייִד, וואָס מ'האָט אים באַגראָבן אין פֿרעמדע תּכריכים.

אָבער עפּעס גוטס איז פֿאַראַן אין אַרנאָלד צימליכס קומען: וואָס ווידער זעען מיר הערשלען מיט מינען און ברוך־מאירן מיט צירלען זיצן צוזאַמען.

אמת, אַז יונה טאָובער פעלט דאָ, אָבער אויב מיר ווען זיך אין דער זאַך אַריינלאָזן טיפער, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז מען דאַרף אים דאָ גאָרנישט האָבן. הערשל און מינע האָבן שוין חתונה געהאַט און זיי דאַרפן נישט קיין שדכן, און אויב מיר וועלן דאַרפן אַ שדכן, וועלן מיר אים שוין געפינען, ווען זייערע קינדער וועלן דאַרפן חתונה האָבן. דערוויל האָבן זיי נאָר איין זון. נאָר וואָס? דער דאָזיקער זון וויל נישט זיין קיין בן־יחיד און זיינע טאַטע־מאַמע האָבן אים נאָכגעגעבן, אַז מען דאַרף אים שענקען אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל.

משולמס ברודער איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ שמייכעלע אויף זיינע ליפּן, מיט אַ געזונט קערפּערל און מיט גאַנצע גלידער. אויך זיין מאַמע האָט זיך אויסגעמענטשלט לעבן אים. טויזנט שׂמחות האָבן זיך טאַטע־מאַמע אָנגעפּרייט מיט דעם קינד און מיט טויזנט נעמען האָבן זיי אים גערופן. יעדן טאָג, וואָס דער אייבערשטער האָט באַשאַפן, האָט ער מיט אים באַשאַפן אַ נייעם נאָמען. פאַראַן נעמען, וואָס מיינען עפּעס, און נעמען, וואָס מיינען גאָרנישט. צוליב די פיל נעמען, וואָס זיי האָבן אים גערופן, איז ווי פאַרפאַלן געוואָרן זיין נאָמען פון וויגעלע אויס.

מיט טויזנט נעמען האָבן זיי גערופן דאָס קינד און טויזנט מאָל אין טאָג קומען זיינע טאַטע־מאַמע עס זען. זיי שטייען ביי זיין וויגל און קענען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון אים. אַט לאַכט ער, אַט ניסט ער. האָסט געזען זיין נעזעלע? קומט און קוקט, ווי ער שנורעוועט אין זיינע ליפּעלעך. דער דאָזיקער חכם פאַרשטייט יעדעס וואָרט. אוי, זיין אויערל האָט געכאַפּט אַ קנייטשל אויפן קישן.

ליגט זיך דאָס קינד אין וויגל און פּיעשטשעט זיך פאַר זיינע טאַטע־מאַמע. אַ שעה וועגס פון אים געפינט זיך זיין עלטערער ברודער. גדליה און בערטע צערטלען זיך מיט אים, ווי ער וואָלט געווען זייערס אַ מיזיניק. עס איז נישט צו פאַרגלייכן דאָס צערטלען משולמען צום צערטלען זיין ברודערל, ווייל גדליה און בערטע זענען שוין אַלט און זיי האָבן שוין פאַרגעסן, ווי מען רעדט מיט אַ קינד. אָבער אויך משולמען איז נישט שלעכט אויף דער וועלט, נאָר זיין יינגערן ברודערל איז בעסער פון אים.

האָט הערשל געפרעגט מינען, ווען זיי זענען ביידע געשטאַנען ביים וויגעלע פונעם קליינעם, און ער האָט געזאָגט: וועגן וואָס האָסטו געטראַכט?

האָט מינע געזאָגט: וועגן דעמס ברודערל, וואָס איז דאָ נישטאָ.

האָט הערשל געזאָגט: ס'איז גוט, וואָס ער איז מיט די אַלטע.

האָט מינע געזאָגט: איך האַלט אויך אַזוי.

האָט הערשל געזאָגט: דו האַלטסט אַזוי, אָבער נישט צוליבן זעלבן טעם, וואָס איך.

האָט מינע געזאָגט: וואָס איז דיין טעם?

...איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז הערשל האָט געמיינט נאָר דאָס קינד...

האָט ער איר געזאָגט: ווײַל ליבשאַפֿט טיילט זיך נישט אויף צווייען.

האָט זי געזאָגט צו אים: איך האָב געמיינט, אַז דער שטייגער פֿון אהבֿה איז, אַז זי וואַקסט מיט יעדן איינעם.

האָט הערשל אָראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט: נישט מחמת דעם, נאָר זי קומט, אויב עס שטייט קיינער נישט אין מיטן צווישן איר און אונדז.

איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז הערשל האָט געמיינט נאָר דאָס קינד.

דערמיט איז געענדיקט די מעשׂה מיט הערשלען און די מעשׂה מיט מינען. אָבער בלימעס מעשׂים האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט. דאָס אַלץ וואָס בלימע נאָכט האָט דורכגעמאַכט איז אַ בוך פֿאַר זיך. אויך דער ענין מיט געצל שטיינען, וואָס מיר האָבן אים אין איין וועגס דערמאָנט, ווי אויך די אַלע אַנדערע וואָס זענען געקניפּט און געבונדן מיט אונדזער פּשוטער מעשׂה — אַך, וויפֿל טינט וועלן מיר פֿאַרניצן און וויפֿל פּענעס וועלן מיר צעברעכן אויף צו באַשרײַבן זייערע מעשׂים!

און ווען וועלן מיר דערצו קומען? — דאָס ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל.

עגנונס שאַפֿן
אין ייִדיש

א

די פֿאָרשטאַרבעט אַרום ש״י עגנונס שאַפֿן איז זיך ברייט פֿונאַנדערגעוואַקסן. כּמעט דרײַ דורות קאָמענטאַטאָרס און אָפּשאַצערס פֿאַרנעמען זיך מיט אַ פּרטימדיקן קריטישן אַנאַליז פֿון זײַנע ווערק. און לעצטנס זענען מיר שוין דערגאַנגען צו אַן איבערשאַצונג פֿון זײַנע שאַצערס און אָפּשאַצערס, צו אַ קריטיק פֿון דער עגנונשער קריטיק. ווער עס איז באַהאַוונט אין דער פֿאַרצווײַגטער פּרשה ווייסט, אַז די עצם יסודות פֿון דער אינטערפּרעטאַציע האָבן זיך געביטן. דער גרויסער בויגן, וואָס פֿירט פֿון אליעזר-מאיר ליפֿשיץ ביז ברוך קורצווײַל, איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם דאָזיקן בײַט, און עס איז נישט פֿאַראַן קיין שום יסוד אָנצונעמען, אַז אויך להבא וועט נישט מקוים ווערן דער כּלל פֿונעם גרויסן חכם: מה שהיה הוא שיהיה, כּלומר אַז דער פּראָצעס פֿון איבערשאַצונג איז נאָך לאַנג נישט קיין פֿאַרענדיקטער. מעגלעך אַז עס פֿאָדערט זיך אַ גרעסערער משך צײַט צו דערגיין סײַ די וואָרצלען סײַ דעם מהות פֿון דעם באַזונדערן פֿענאָמען, און ערשט אַ שפּעטערן דור וועט עס באַשערט זײַן צו דערזאָגן, וואָס די קריטיק מאַטערט זיך איצט צו זאָגן. אָבער וואָס מען קען שוין איצטער טון, איז צוגרייטן אַ פֿאַרלאָזלעכע דאָקומענטאַציע פֿון זײַנע אָנהייבן, וואָס זאָל אַנטפּלעקן דעם עצם אויפֿקום פֿון דעם מײַסטער. עגנונס היים, זײַנע קינדער-יאָרן זענען נישט בלויז די עיקר-טעמע פֿון זײַנע ווערק, נאָר אויך זייער עיקר-יניקה. דאָס איז דער ערשטקוואַל, וואָס אַלע איבעריקע שפּעדיקע קוואַלן באַלעבן און באַפֿאַרבן זיך פֿון אים, גלײַך ווי דער ירדן, וואָס די לעגענדע לאָזט אים נישט פֿאַרלירן זיך אין די געוואַסערן פֿון כּנרת. דער דאָזיקער צוגרייט דאַרף אויך (און אפֿשר: בעיקר) פֿאַרענטפֿערן די גרויסע קשיא: וואָס איז דער קולטור-פֿאַרמעג און דער מענטאַלער פֿאַרמעג, וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט פֿון זײַן היים און אַרײַנגעבראַכט אין זײַן ווערק, און ווי אַזוי האָבן זיך די קאָמפּאָנענטן פֿון דעם פֿאַרמעג פֿונאַנדערגעטיילט אין זײַן ווערק. מען דאַרף דאַכט זיך נישט פֿאַרלירן קיין סך איבעריקע רייד, אַז איינער פֿון די חשובֿסטע קאָמפּאָנענטן איז זײַן מאַמע-לשון.

דער קאָמפּאָנענט צעפֿאַלט זיך אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל, דער וויכטיקסטער, איז לײַכטער צו באַאַרבעטן: מיר זענען זיך מתכוון צו אַ סיסטעמאַטישן דורכקוק פֿון דער השפּעה פֿון יִדיש און אירע גילגולים אין עגנונס ווערק. די ווערק ליגן אָפֿן פֿאַר אונדז און אַן איבערגעגעבענע פֿאָרשטאַרבעט קען קלאָר באַלײַכטן, וווּ און ווי אַזוי דער יִדיש-עלעמענט האָט זיך אַרײַנגעגראָבן אין העברעיִשן נוסח, סײַ אינעם דעסקריפּטיוון סײַ אינעם דיאַלאָגישן יסוד פֿון זײַנע דערציילונגען, ראָמאַנען און לעגענדעס. מיר האָבן געזאָגט: אַן איבערגעגעבענע פֿאָרשטאַרבעט; מיר דאַרפֿן נאָך צוגעבן: אַ כּמעט דעטעקטיווישע פֿאָרשטאַרבעט, ווײַל אַזאַ סװוערענער בעל-בית אין אונדזער טאָטאַלן שפּראַך-רשות ווי עגנון איז אַ מאדים אויף אײַנצופֿלעכטן מקורים, ווײַטע אין צײַט און אין אָרט, אין אַן איינציק בילד, אַפֿילו אין אַן איינציקער פֿראַזע, אַזוי אַז דאָס אויסאַנאַנדערפֿלעכטן פֿאָדערט נישט-געוויינלעכע בקיאות און חריפֿות, אויב נישט אַ קאָנגעניאַליטעט, וועלכע איז, בײַם הײַנטיקן מצבֿ פֿון שפּראַכאַנאַליז בײַ אונדז, מער חלום ווי וואָר. עס איז דערפֿאַר נישט קיין חידוש, וואָס לעת-עתּה האָבן זיך געפֿונען, און דאָס אויך קנאַפּ, בעלנים נאָר אויף דער גרינגסטער סוגיא אין דער פֿאַרוויקלטער מסכתּא — אויפֿן ווערטל און אויף זײַן באַנוץ. אויך די קליינע אַרבעטן זענען ווײַט נישט קיין פֿאַרענדיקטע, אָבער גוט, וואָס ס'איז שוין פֿאַראַן אַן אָנהייב. לאָמיר האָפֿן, אַז עס וועט אויך קומען די צײַט צו פֿאַרענטפֿערן האַרבערע קשיות.

דער צווייטער טייל, דער ביט ווייניקער וויכטיקער, איז שווערער צו באַאַרבעטן: מיר מיינען דאָס קליינע קאַפּיטל פֿון עגנונס יִדיש געשריבענע חיבורים. מיר ווייסן שוין פֿון זײַן הקדמה צום איצטיקן בוך, אַז ער האָט זיך אין זײַן יוגנט אויסגעצייכנט מיט אַ ממש גוזמאַדיקער פּראָדוקטיוויטעט, און דווקא אין יענע יאָרן האָט ער געשריבן אַ סך יִדיש, און עס איז צו באַדויערן, וואָס דער גרויסער מאַטעריאַל, טאַקע ווײַל ער איז מסתּמא געווען רויער מאַטעריאַל, איז פֿאַרלוירן געגאַנגען. דער פֿאַרגלײַך פֿון זײַנע העברעיִש געשריבענע מיט זײַנע יִדיש געשריבענע חיבורים פֿון זײַן פֿריִער יוגנט באַווײַזט, אַז ער האָט אין העברעיִש נאָך לאַנג נישט, ווען ער האָט אין יִדיש שוין לאַנג געהאַט געפֿונען די עלעמענטאַרערע יסודות פֿון זײַן שפּראַך-נוסח, אַזוי אַז מיר זענען באַרעכטיקט אָנצונעמען, אַז דער פּראָצעס, וואָס איז אונדז באַקאַנט פֿונעם צײַטיקן מענדעלע, האָט געהאַט אַ נײַעם אָריגינעלן אויפֿלעב בײַם יונגיטשקן עגנון; מיר מיינען דעם פּראָצעס, וואָס זײַנע דרײַ גרויסע ליניעס זענען: העברעיִשע מליצה — יִדישער רייִדסטיל — העברעיִשער נוסח, אַזוי אַז די מיטל-ליניע איז די דיאַלעקטישע בריק צווישן מליצה און נוסח. דאָס וואָס עס האָט פֿאַרנומען בײַ מענדעלן צענדלינגער יאָרן, ביז ער האָט, אַן אויסגערײַפֿטער יִדיש-מײַסטער און אויפֿן גרונט פֿון זײַן יִדיש-מײַסטערשאַפֿט, צונויפֿפֿאַרוועבט אַלטע מדרש-טראַדיציעס מיט יִנגערע השׂכּלה-טראַדיציעס (מענדל לעפֿין), דאָס האָט, אויך מחמת דעם מענדעלע-אויפֿטו, פֿאַרנומען בײַ עגנונען אַ פּאָר געציילטע יאָרן. אָבער אַ פֿאַרגיכערטער פּראָצעס אַנדערשט נישט איבער זײַנע געזעצן: אויך בײַ עגנונען איז זײַן שרײַבן יִדיש די דיאַלעקטישע בריק צווישן זײַן העברעיִשער מליצה און זײַן העברעיִשן נוסח.

ב

מחמת דעם באַקומט אַ באַזונדער חשיבֿות דאָס ביסל יִדיש געשריבענע זאַכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט. ס'איז צו באַדויערן וואָס מיר האָבן ביז איצט נישט קיין ביבליאָגראַפֿישן אינווענטאַר פֿון דעם מאַטעריאַל, כאָטש מיט זײַן ביבליאָגראַפֿיע האָבן זיך פֿאַרנומען אַזעלכע אויסגעצייכנטע מומחים ווי אַבֿרהם יערי און א.-מ. האַבערמאַן. עגנונס שרײַבן אויף יִדיש האָט זיך, בעצם, זייער פֿרי פֿאַרענדיקט — מיט זײַנע אַכצן אָדער נײַנצן יאָר. אָבער אויך דאָס וואָס ער האָט מפֿרסם געווען איז צעזייט און צעשפּרייט — אין לעמבערגער „טאַגבלאַט", אין דאָרטיקן „יידישן פֿאָלקסקאַלענדער", און בעיקר אין בעטשאַטשער „דער יידישער וועקער". די דאָרט, סײַ מיטן פֿולן נאָמען, ש"י טשאַטשקעס, סײַ מיט איניציאַלן אָדער מיט פּסעוודאָנימען (אַ שטייגער: מזל טובֿ) אונטערגעשריבענע חיבורים, זענען ביז איצט נישט אויפֿגעזאַמלט געוואָרן, און ווער ווייסט, אויב מען קען נאָך הײַנט אַלץ אויפֿזאַמלען. זיי זענען אַפֿילו נישט ביבליאָגראַפֿיש רעגיסטרירט. און צווישן די חיבורים געפֿינט זיך דאָך אַ בינטל דערציילונגען, „קליינע מעשׂות פֿון גרויסע זאַכענישן", געדרוקט אין דערמאַנטן „טאַגבלאַט", וואָס זענען נישט בלויז קערנער פֿון מאָטיוון, וואָס האָבן זיך ערשט שפּעטער אויסקריסטאַליזירט, נאָר אויך קערנער פֿון פֿאַרשידענע שאַפֿערישע ריכטונגען, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַנטוויקלט.

אַ באַשיידענער אָנהייב צו פֿאַרריכטן דעם דאָזיקן פֿעלער איז, דאַכט זיך, מײַן פּרוּוו אין „דער גאָלדענער קייט" (האַרבסט 1949, העפֿט 4) און אין „הפּועל הצעיר" (יאָרגאַנג מ"ז, העפֿט 37, ט"ו אייר תשי"ד), וואָס איך וויל אים דאָ איצט איבערחזרן, — נאָך אַ מאָל איבערצודרוקן

אַ קליין בינטל לידער אויף ייִדיש, וואָס זענען געווען געדרוקט אין דערמאָנטן „וועקער". די דאָזיקע וואָכן-צייַטונג איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך אליעזר רוקח, אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער פּאַרשוין: געבוירן אין ירושלים, אַן אייניקל פֿון ר' ישׂראל ב"ק, איינעם פֿון די באַנייַערס פֿון אַשכּנזישן יישובֿ אין צפֿת און אין ירושלים, באַגרינדער פֿון אַ דרוקערייַ, בויער פֿון דער באַקאַנטער שול אין אַלטשטאָט „תּפֿארת ישׂראל" אויפֿן נאָמען פֿונעם ריזשינער — האָט ער, דאָס אייניקל, געירשנט דעם זיידנס ווערווע און אימפּעט. אָנגעקומען ווי אַן אוידעם קיין צפֿת, האָט ער זיך תּחילת געפֿירט ווי די איבעריקע ייִדן דאָרט, אָבער מיט דער צייַט האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט אַ פֿערמענט פֿון אומצופֿרידנקייט מיטן אַרומיקן שטייגער, און ער האָט גענומען פּראָפּאַגירן דאָס אַריבערגיין צו אַ פּראָדוקטיווערן קיום. זייַן רעוואָלוציאָנירנדיקער גייַסט, וואָס האָט זיך באַוויגן צווישן השׂכּלה און חיבת-ציון, האָט אים צוגעצויגן די שׂנאה פֿון דער סבֿיבֿה, און זייַנע פּראַקטישע פּרווון האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ האַרטער וואַנט פֿון ווידערשטאַנד און חרם. אַ געמיש פֿון אַ וואַגאַבונד און אַ פּראָפּאַגאַטאָר, האָט ער זיך געלאָזט וואָגלען איבער אייראָפּע, געדרשנט בעל-פּה און בכּתבֿ, רעדאַקטירט כּלערליי בלעטער, ס'רובֿ עפּעמערישע; פֿאַרכאַפּט מיט זייַן אויסערגעוויינטלעכן נאַראַטאָריש-אַנעקדאָטישן טאַלאַנט, איז ער געוואָרן אַ שם-דבֿר פֿון אַ באָהעמיען. דאָס באַגעגעניש פֿון אַזאַ טיפּ מיט דעם ייִנגל ש"י טשאַטשקעס, וואָס דער רעדאַקטאָר פֿון „וועקער" האָט אים געמאַכט נישט בלויז פֿאַר אַ מיטאַרבעטער, נאָר אויך פֿאַר אַ מיטרעדאַקטאָר, געהערט אָן שום ספֿק צו די דעצידירנדיקע מאָמענטן אין אָנהייב-פּעריאָד פֿונעם יונגן שרייַבער. עס וועט אפֿשר נישט זייַן קיין גוזמא משער צו זייַן, אַז די שטורעמדיקע מענטאַליטעט פֿון אליעזר רוקח האָט דאָס צום ערשטן לייַטיש אויפֿגעטרייסלט און צערודערט די פֿרידלעך דרימלענדיקע כּוחות פֿון אַ ייִנגל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער רויִק סטאַטעטשנער אַטמאָספֿער פֿון אַ גאַליציש שטעטל אין פּאַטריאַרכאַלישן שאָטן פֿון קיר"הן. אויב מיר זענען זיך נישט טועה, האָט אונדזער דערציילער ביז הייַנט דעם קאָלאָרפֿולן, סתּירותדיקן פּאַרשוין, וואָס האָט זיך כּל-ימיו פֿיבערדיק געוואָרפֿן צווישן אַ מאַזשאָרן ענטוזיאַסט און אַ מינאָרן ניהיליסט, נישט גענומען אויף זייַן דערציילערישער קאַנווע, און במילא אים נישט געמאַכט פֿאַר אַן אָביעקט פֿון זייַן פּאָרטרעטפּלאַסטיק; אַ סימן אַז ער רעזערווירט זיך אים פֿאַר אַ באַזונדערער קינסטלערישער עובֿדא.

ג

דאָס בינטל לידער, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „וועקער" (איצט אַ ביבליאָגראַפֿיש זעלטנקייט; אַ קאָמפּלעט געפֿינט זיך אין דער פּעוונער-קאָלעקציע אין תּל-אָבֿיבֿ, אַ ירושה פֿון אַן אַבאָנענט אין מצרים), לאָזט אין אונדז איבער אַ קלאָר געפֿיל, אַז סייַ זיי, די לידער, סייַ די דאָרט געדרוקטע פּראָזע-קאַפּיטלעך, צייכענען זיך אויס מיט בערך אַ סך אַ העכערן ניוואָ ווי די דעמאָלט העברעיִש געשריבענע זאַכן; און דאָס געפֿיל שטאַרקט אַן אַנדער געפֿיל, אַז ווען דער שרייַבער וואָלט ממשיך געווען זייַן שרייַבן אויף ייִדיש, וואָלט זיכער צו אונדזערע בעסטע טאָפּלשפּראַכיקע שרייַבערס צוגעקומען גאָר אַן אָריגינעלער כּוח. די ליטעראַטור... דער גופֿא טראָגן אין זיך די בולטע השפּעה פֿון דער דעמאָלט פּאָפּולערער דיכטונג אויף ייִדיש. עס הערן זיך קלאָרע אָפּקלאַנגען פֿון ראָזענפֿעלדן, רייזענען, יהואשן ווי אויך י.-ל. פּרצן. מיר מוזן מודה זייַן, אַז דער

רושם לאָזט זיך ניט פאַרווישן, אַפילו ווען עס זאָל זיך אַרויסשטעלן, אַז די שאַפונגען פון די דערמאָנטע דיכטערס זענען צו אים כּלל נישט אָדער גאָר קאַרג דערגאַנגען, וואָרן זייער השפּעה, וואָס האָט געקאָנט זײַן אַן אומדירעקטע, איז דאָך געהאָנגען אין דער לופט. וואָס מיר ווייסן יאָ, איז די השפּעה פון דוד עדעלשטאַט (עס וואָלט זיך, אַגבֿ, געלוינט צו דערגיין, אויב די שאַרפע אַנאַרכיסטישע נאָטע, וועלכע האָט אונדזער שרײַבער לסוף דערפירט צו זײַן סאַטירע „ספר המדינה", און וואָס שפּראָצט אַרויס פון זײַן כאַראַקטער, האָט זיך נישט, נאָך יינגלווײַז, געזוכט דאָ אַן אידעאָלאָגישן אָנשפּאַר), אָבער דווקא פון אים לאָזן זיך נישט באַווײַזן קיין סימנים פון ממשותדיקער השפּעה. אָבער איין זאַך איז דער נאָכווײַז פון השפּעות און אַן אַנדערע זאַך איז דער אָנווײַז אויף אַן אייגענעם שטעל אָדער לפּחות אַן אייגענעם זשעסט — די לידער פון יונגן בחור ווײַזן אַרויס אַ שטיק אייגנקייט אָדער לפּחות אַ שטאַרק אָנצוהערעניש דערויף, סײַ אין דער פאָלקישער שפּראַך סײַ אין פאָלקישן טאָן און בעיקר אין גרונטמאָטיוו פון זײַנע באַלאַדעס — די סאָציאַלע דיסהאַרמאָניע, וועלכע מאַכט אַ תּל פון דער האַרמאָניע פון די יום-טובֿים, צעשטערט זייער רו און פאַרטרײַבט זייער גליק. דער מאָטיוו חזרט זיך איבער אין ווײַטערן המשך פון דער עגנונשער טעמאַטיק. און דערפאַר פאַדערט זיך קלאָר צו מאַכן דעם טיפערן צוזאַמענבונד צווישן די ערשטלינגען, מיטן חן פון זייער אומרײַפקייט, פונעם אָנ-הייבנדיקן שרײַבער און צווישן די אויסגעצײַטיקטע שאַפונגען פונעם שלימותדיקן קינסטלער.

מיר גיבן דאָ די לידער אין זייער אָריגינעלן אויסזע, מאָדערניזירט נאָר אין אויסלייג און אין פונקטואַציע.

דאָס ערשטע ליד, „**אסרו חג**", האָט זיך געדרוקט אין "וועקער", יאָרגאַנג 2, נומער 28, 3טער יוני 1906:

אָפּגעריסן פון דער סטעליע
זענען אַלע גרינע שטריקלעך
און עס פאַלן דאַרע בלעטלעך
אויף דער ערד שטיקלעך, שטיקלעך.

און אַ פאָרך איז אין קלײַזל,
דושנע און מוראדיק הײמ;
פון די דאַרע, טרוקענע פּנימער
גיסט זיך אַראָפּ דער שוויים.

און ווידער זיצט אַ שוואַכער בחור
און ער וויקט, ווייקט בײַם ש"ס,
און אין דרויסן אַזוי ליכטיק,
אַזוי פריילעך אויף דער גאַס.

דאָס צווייטע ליד, "**אזכרות**", האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 2, נומער 33, 6טער יולי 1906:

נישט פון בוימל, אָך ליבע ברידער,
שטעלן מיר אײַך (אַ) יאָרצײַט אויף,
נאָר פון בלוט, פון בלוט, וואָס רינט
אַזוי לאַנג אָן שיעור, אָן סוף.

און דער קנויט, אַך ליבע ברידער,
איז נישט קיין פּראָסטע פֿאָדעם;
גופים איז דאָס, אוי גופים, גופים
פֿון אונדז עלנטע בני-אָדם.

און אין האַרצן וועט דאָס ברענען,
הייליק פֿײַער אויף אײַער זכרון,
און אַ דונער פֿול נקמה וועט
קדיש זאָגן לאַנגע יאָרן.

און דאָס בערגל אויפֿן קבֿר,
אוי שרעקלעך איז עס הויך!
פֿון צעבראָכענע הענט און פֿיס,
פֿון שטיקער פֿאַרגליווערטן מוח.

פֿון אויגן, וואָס זענען אַרויס,
פֿון הערצער, וואָס זענען פֿאַרקלעמט,
און אַ מצבֿה אויף אײַער טויט
און אונדזער לעבן אין דער פֿרעמד.

דאָס דריטע ליד, "**איר זאָלט נישט מיינען**", האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 2, נומער 35, 20סטער יולי 1906:

איר זאָלט נישט מיינען, אַז כ'שרײַב,
איז דאָס פּראָסטע, מיט טינט געשריבן,
ניין — בלוט רינט פֿון מײַן לײַב
און דערפֿון איז אותיות געבליבן.

איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך רעד,
איז דאָס רעדן דער עיקר,
ניין — מײַן האַרץ ווערט אַ שקעלעט,
דערפֿון איז ווערטער (שטיקער, שטיקער).

איר זאָלט נישט מיינען, אַז כ'בין בייז,
איז דאָס דערפֿאַר וואָס כ'בין אַ שלעכטער,
ניין — כ'רעד, עס באַגיסט מיך דער שווייס
און מ'וויל מיך נישט הערן, גאָט גערעכטער!

דאָס פֿערטע ליד, "**וואָס??** (צום נאָמענסטאָג פֿון מײַן חבֿרטע — —)", האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 2, נומער 39, 17טער אויגוסט 1906:

מײַנע געדאַנקען, איר זאָלט אײַך דערוועקן,
עפּעס אַ שיין ליד זאָלט איר מיר אַנטדעקן,
איך וויל זינגען אַ ליד, כ'וויל זינגען אַ שיר,
ווײַל היינט איז דער נאָמענסטאָג בײַ איר.

נאָר וואָס זאָל איך זינגען, כ'האָב קיין געדאַנק,
עס איז שוין ערשעפּט פֿון גאַנץ לאַנג.
איך קען העכסטנס געבן מײַן האַרץ דיר,
ס'איז שוין אָבער נישט מײַנס, דײַנס פֿון פֿריִער...

ד

די פֿיר לידער, ווי מיר זעען, זענען אַ פּראָדוקט פֿון גאָר אַ קורצער צײַט, קוים עפּעס מער ווי צוויי חדשים. פֿריִער און שפּעטער האָבן זיך דאָרט אויך געדרוקט פּראָזעזאַכן, אַ שטייגער אַ מין קריטיק איבער העברעיִשע דיכטער (איבער מרדכי-צבֿי מאַנע, נומער 27, 25סטער מײַ 1906), אַ צווײַג, וועלכן אונדזער שרײַבער האָט שפּעטער אין גאַנצן פֿאַרלאָזט. אָבער דער טאָן פֿון דער מכּלומרשטער קריטיק איז, בעצם, דער טאָן פֿון עגבונס ווייניקע נישט דערציילערישע, נאָר אָפּשאַצערישע זאַכן, וואָס זענען קליינע מײַסטערשטיק פֿאַר זיך (נאָר איבער גאָר נאָנטע — איבער בערל כּצנעלסאָן, אליעזר-מאיר ליפֿשיץ וכדומה און לעצטנס איבער גרשם שלום). אויך צו לידער האָט זיך עגנון שפּעטער כּמעט נישט מער אומגעקערט — כאָטש אַ שוואַכקייט דערצו האָט אים אפֿשר ביז הײַנט נישט אָפּגעלאָזט. בדרך כּלל איז דיכטונג, דהיינו: געבונדענע דיכטונג, נישט פֿון זײַן שאַפֿערישן רייסטער — אַ באַשײַמפּערלעך עפּישע פּראָזע-נאַטור, האָט ער זיך אין איר אויך דיכטעריש, און בעיקר דיכטעריש-ליריש, אויסגעלעבט, און אין זײַנע פּראָזעווערק געפֿינען זיך טאָקע שטאַרקע לירישע קאַפּיטלעך, טייל מאָל מיט אַ באַזונדערער ריטמיק, און אַפֿילו מיט אַ מין פּראָזעמעסיקן סטראָפֿישן אויפֿבוי. דאָס איינציקע וואָס איז אים געבליבן פֿון זײַן ליד-מאַניפּולאַציע זענען קליינע, אין זײַנע דערציילונגען צעשפּרייטע, לידלעך, וואָס היטן אָפּ אויך אין העברעיִשן נוסח אַ בכּיוונדיקע אָפּהענטיקייט און אַפֿילו אַ בכּיוונדיקע רויִקייט. מען קען כּמעט זאָגן, אַז דאָס וואָס דער אָנהייבער האָט געטון לכּרחו טוט דער רײַפֿער מײַסטער לרצונו — דאָס טעכנישע אומגעלומפּערטקייט, וואָס איז אין די יוגנטלידער אַ בולטער חסרון, ווערט אין די קליינע פֿאָלקסטימלעכע פּזמונדלעך, וואָס פֿלעכטן דאָ און דאָרט דורך זײַן פּראָזע, אַ בפֿירושע מעלה. נאָך מער, מען קען זיך נישט אָפּוווערן פֿון אַ רושם, אַז אַזוי וואָלט דעמאָלט אַ פּנים געהאַט אַ העברעיִש פֿאָלקסליד, ווען עס וואָלט געהאַט אונטער זיך אַ העברעיִשע שמועס-אַטמאָספֿער, ווי עס פֿאַרמאָגט זי הײַנט.

אָבער אין איין פּונקט איז קענטיק אַ בפֿירושע דיכטערישע הצלחה פֿון דעם קומענדיקן פּראָזע-מײַסטער אויך אין זײַנע ייִנגלישע פּרוּוון. מיר מיינען דעם סאָרט דיכטונג, ווו עס באַגעגענען זיך ענג און האַרט לירישע, עפּישע און דראַמאַטישע מאָמענטן — די דיכטעריש-דערציילערישע באַלאַדע. מיר האָבן פֿאַר זיך צוויי אַזעלכע באַלאַדעס פֿון דעם נײַנצניעריקן שרײַבער, און כאָטש זיי זענען געשריבן אין דער זעלבער צײַט, אין וועלכער ער האָט פּראָדוצירט די פֿריִער געבראַכטע לידער, זענען זיי אַנדערש סײַ אין דער פֿאַבולאַרער לעבעדיקייט און סײַ אין דער דערציילערישער אויפֿגערוימטקייט. די ערשטע באַלאַדע טראָגט דעם נאָמען, וועלכן דער שרײַבער האָט שפּעטער געגעבן אַ גרויסן ראָמאַן, אָט דעם ראָמאַן, וואָס ליגט דאָ פֿאַר אונדז איבערגעזעצט פֿון אליעזר רובינשטיינען; די באַלאַדע הייסט: „אַ פּשוטע מעשׂה" און האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 3, נומער 59, 1טער פֿעברואַר 1907, חמשה-עשׂר בשבֿט, און איר טעמע איז אויך אַ מעשׂה פֿון חמשה-עשׂר בשבֿט:

אין דער אָרעמער גאַס
דאָרט אויפֿן באַרג
שטייט אַן אײַנגעהויקערטע שטוב,

פֿינצטער און נאַס,
ס'אָרעמקייט שטאַרק
חושך, ווי אין אַ גרוב —

דאָרט וווינען
אַכט פֿאַרשוינען.

אַ גאַנץ הויזגעזינד: אַ פֿאָטער און מוטער,
זעקס קינדער אויך,
און איינס דערקוטשעט דער מאַמען ביטער
אין בויך.

איר ווייסט, דאָס הייסט —
ס'זאָל אייַך נישט זייַן צו קיין שמאָכע —
נייַן (9) וועט באַלד זייַן
די משפחה,
קיין עין הרע!

דערווייַל איז דאָרט אַ צרה.
ס'איז ניטאָ קיין ברויט,
די קינדער ווילן עסן,
די מאַמע ווינטשט זיי דעם טויט:
די ווערעם זאָלן זיי פֿרעסן.
זי שעלט און וויינט,
און איר, רבותים, מיינט,

אַז דאָס וועט זיי דעם הונגער שטילן?
אָסור,
אַזוי ווי ס'איז הייַנט חמשה-עשׂר,
אויב אַפֿילו אויף אַ האָר!

זיי ווילן און ווילן
טרוקן ברויט נאָר.
די מוטער הייבט אָן מיט גוטן,
זאָגט צו די קינדער,
אַז דער טאַטע אָנשיטן
יעדן באַזונדער,
ווען ער וועט אַהיימקומען פֿונעם וואַנדלען,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
טייטלען, באָקסערן, פֿייַגן —
אויב נישט, זאָל מיר זייַן אָסור!
נאָר אַז איר וועט שווייַגן,
וועט איר באַקומען אייַער חמשה-עשׂר.

ס'איז אַוועק מער
ווי אַ שעה
און ער,
דער טאַטע, איז ניטאָ!

די קאַץ, וואָס איז צוגעבונדן צום בעט,
מיויקעט צו: מיוי!
גלייַך ווי איינער רעדט:
אוי, אוי, אוי!
ס'איז שוין געווען שפּעט בייַ דער נאַכט,
די קינדער פֿאַרשמאַכט,

גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿן,
האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן.

פּלוצעם האָט זיך די טיר אויפֿגעמאַכט,

די קינדער האָבן זיך אויפֿגעוועקט
און אויסגעשטרעקט
די הענט מיט גדולה,
ס'איז געוואָרן אַ לעבן,
עס פֿרייט זיך יעדע נשמה:

דער טאַטע... דער טאַטע... מסתּמא
איז געקומען, און ער וועט געבן
די זיסע זאַכן
און אַ שמחהלע וועט זיך מאַכן.

די טיר האָט זיך אויפֿגעמאַכט
און מע האָט אַרײַנגעבראַכט
דעם טאַטן צו טראָגן —
צעהרגעט, צעשלאָגן,
דאָס בלוט האָט גערונען.

אַזוי האָט מען אים געפֿונען
אונטער אַ פּלויט
באַלד טויט.

וואָס איז געשען מיט די קינדער,
וואָס לאָזן זיך אויס פֿאַר הונגער? —
און אַז איר וועט שוין יאָ וויסן,
וועט דען זיי ווערן גרינגער?

און אַחרון אַחרון חבֿיבֿ — די צוווייטע באַלאַדע, וואָס פֿאַרמאָגט אַ באַזונדערן בוי און איז ווי אַן אָנזאָג פֿון אַ סאָרט באַלאַדעס, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער קורצער אידיאָמאַטישער שמועס-פֿאָרם. זי הייסט „די קבצנים" און האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 3, נומער 61, ט"ו אָדר תּרס"ז, 1טער מערץ 1907:

א

אַ צעבראָכענער דאַך,
אַן אײַנגעהויקערט שטיבל,
און לעבער אין די ווענט
און לעבער אַ סך.
און קאַלט איז אין שטיבל,
קאַלט און פּוסט,
און דאָס דאָרטיקע מעבל
אַ קופּע מיסט:
אַ צעשטיקלטער טיש,
אַ צעבראָכן בעט,
אויף אַ טשוואָק הענגט
אַ שמירה פֿאַר אַ שד;
אַ ווונטשקאַרטע הענגט,
פֿון אַמעריקע געשיקט —
די זיבעטע ערד
אויף איר ליגט;
אַ שטרויזאַק, אַ סידור,
אַ מחזור און אַן עק —
און אַ שטיבל איז טרויעריק,
ס'איז אַזש אַ שרעק.

ב

ס'ליגן דאָרט צוויי נפשות:
אַן אַלטער, אַ יונגער,
ציטערן פאַר קעלט,
גייען אויס פאַר הונגער.
הערשעלע, אַ קליינטשקער,
אָשר, זײַן זיידע,
אײַנגעקאָרטשעט אין צווייען
ליגן זיי ביידע.
אַזוי קאַפּאָרען זיי אָפּ
ביטער די יאָרן,
זײַט אָשר איז בלינד
אויף די אויגן געוואָרן.
געווען איז אַ מאָל אַ טרעגער
דער בלינדינקער אָשר,
פאַרדינט האָט ערלעך
דעם גרײַצער, כּשר.
אויסגעהאַלטן האָט ער
די גאַנצע משפחה,
און גאָט האָט צוגעשיקט
דאָס שטיקעלע ברכה.
ער האָט אויך געהאַט
זײַן אייגענע נחלה
אַ טאָכטער אַ בריליאַנט
און זי, מחלה,
אַ ווײַבל אַן אַנטיק,
אַ כּשרע נשמה,
אָסור אויב איר טרעפט הײַנט
אַזאַ קלוגע חכמה.

ג

ס'איז אָבער געקומען
דאָס אומגליק שנעל
און פון אַלעם דעם גוטן
איז געוואָרן אַ תּל:
געשטאָרבן איז מחלה
נאָך אַ ביטערער קרענק
און אָשר איז געפאַלן,
צעבראָכן ס'געלענק,
און בלינד איז ער געוואָרן,
נישט געזען ס'ליכט,
און ס'איז געקומען די נויט,
די צײַט אַזוי שלעכט.
און צרות נאָך צרות.
ס'האָט נישט געדויערט לאַנג
און זײַן איינציקע טאָכטער
איז בעגאַנגען אַ גאַנג.
איבערגעלאָזט האָט זי
דעם סגי-נהור
אַ ייִנגעלע אַ קליינס
פון אַ זעקס-
זיבן יאָר.

ד

און שכנים פון געסל
פלעגן געדענקען
די אָרעמע נפשות
עפּעס צו שענקען:
ווער אַ ביסעלע באָרשט,
ווער אַ לעפל געקאָכט(ע)ס
ווער אַ באָבעלע
מיט אַנדערע שמאָכטעס.
אַזוי פלעג זיי שפּײַזן
דאָס געסל לשם מצווה,
געהאָדעוועט כּל-ימיו,
איצט נעמט ער קצבה;
פאַרדינט תּמיד זײַן ברויט
מיט די פינף פינגער —
און אויף דער עלטער
שטאַרבט ער פאַר הונגער.
אַ פּרנסהלע געהאַט,
אַ פּרנסה בהרחבה —
און אויף דער עלטער
בעט ער אַ נדבה.
לעבן אים איז געשטאַנען,

ה

אַזוי האָבן געלעבט
אין דחקות און נויט,
געפּעכנעט אויפֿן פּיסק
פֿאַר אַ שטיקעלע ברויט.
פֿאַרבראַכט זייערע טעג
אין צרות און פּלאָג,
געשטאָרבן פֿאַר הונגער
צען מאָל אין טאָג.
געקומען איז פּורים,
דער טאָג פֿון פֿרייד,
אַ גליקלעכער טאָג אויך
פֿאַר אָרעמע לײַט,
געהאָפֿט האָבן זיי שוין
אויף אים פֿיל טעג
און האָבן זיך געלאָזט
גיין אין וועג.
זיי זענען געגאַנגען
אין דאָרף אַרײַן פֿריִער:
אַ ייִד איז דער גידעטש,
אַ גרויסער גבֿיר,
ניט אָרעם דער רענדאַר,
לויט ווי מע זאָגט,
אַז קורחס אוצרות
ער פֿאַרמאָגט —
וועלן אין דאָרף פֿיל מאַכן
און וועלן האָבן גליק,
דערנאָך זיך אומקערן
אַהיים צוריק.
און בײַ אַלע בעל-בתּים
בײַ זיך אין דער היים
איז אויף אַ סך צו האָפֿן
אם ירצה השם.
פֿיל וועלן זיי מאַכן —
וועלן גיין אומעדום —

אַ היפּשע פּאָר זילבער,
אַ וואַזשנער סכום.
און זיי זענען געגאַנגען,
געשפּאַנט און געשפּאַנט,
הערשעלע האָט געפֿירט
דעם זיידן בײַ דער האַנט.
האָבן אין דאָרף
אַ פּאָר זעקסער געמאַכט,
ביז ענדלעך איז צוגעפֿאַלן
די זינקנדע נאַכט
און זיי האָבן זיך שוין
אַהיים געלאָזט.
אין דרויסן האָט געברענט,
געבראָטן אַ פֿראָסט,
און וואָלקנס ווי שמאַטעס
האָבן דעם הימל באַדעקט
און די נאַכט, און די נאַכט
האָט זיך צעשטרעקט
אויפֿן הימל, אויפֿן טאָל,
אויפֿן הויכן באַרג,
און אַ ווינט האָט געבלאָזן,
געבלאָזן שטאַרק,
און אַ שניי איז געפֿאַלן,
געשיט און געשיט,
און אין זיי איז געפֿרוירן
יעדווידער גליד.
זיי שפּאַנען און שפּאַנען
נאַקעט כּמעט,
דאָס פֿלייש פֿונעם לײַב
קוקט אַרויס דורכן באַלאַט,
און עס בלאָזט דער ווינט
אימער מער,
און עס שיט דער שניי
אָן אויפֿהער.

ו

קאַלט אין יעדן אבֿר,
אַזש די ציין זיך פּרעסן,
זיי בלאָנדזשען, זיי בלאָנדזשען,
האָבן דעם וועג פֿאַרגעסן.
זיי האָבן פֿאַרלוירן די אַלע סימנים
און דער ווינט ער בלאָזט,
בלאָזט זיי אין פּנים.
גאַנצע כוואַליעס שניי
ציִען זיך און ציִען,
מיד איז הערשעלע געוואָרן,

ער וויל זיך אָפּרוען;
מיד איז ער געוואָרן
און אויף ס׳לעצט
אויף אַ בערגעלע שניי
האָט ער זיך געזעצט...
דערווײַל האָט צוגעכאַפּט
צו ביסלעך אַ דרימל,
איז געפֿאַלן דער שניי
פֿונעם קויטיקן הימל.

לעבן אים איז געשטאַנען,
אָנגעשפּאַרט אויפֿן שטעקן,
דער אַלטער און האָט אים
געהאַלטן אין וועקן.

ס'בילן די הינט,
ס'ווייעט דער ווינט,
עס ציטערט דער אַלטער פֿאַר קעלט,

די פֿיס ציטערן פֿאַר קעלט,
די הענט פֿעבירן,
הערשעלע שלאָפֿט,
ער קען זיך נישט רירן.

עס פֿאַלט דער שניי
און באַדעקט זיי
מיט ווײַסע תּכריכים אויפֿן פֿעלד.

ה

נאָך דעם ווי מיר האָבן דעם יונגן מחבר געזען אַ פּאָר מאָל אונטערגעשריבן מיט זײַן פֿולן נאָמען אָדער זײַנע איניציאַלן, וווּנדערן מיר זיך, צוליב וואָס ער האָט זיך איצטער געחתמעט: דבֿורה טשאַטשקעס. מעגלעך אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ קאַפּריז, פֿון יענעם סאָרט, וואָס האָט זיך שוין געטראָפֿן אין זײַן הײמשטאָט. דאָ זענען דאָך אַרויס די באַקאַנטע „ספרי שעשועים”, רעדאַקטירט פֿון דעם שפּעט-משׂכּיל און אידעאַליזאַטאָר פֿון מתנגדים און מתנגדות איטשע פֿערנהאָף, און אין איינעם פֿון די העפֿטן האָט זיך געדרוקט אַ ליד אונטערגעשריבן: מרים טשערניבאָווסקי, און מיר ווייסן דאָך, אַז אויך משה-לייב האַלפּערנס ערשטע לידער זענען געחתמעט געווען: פֿרידאַ האַלפּערן. מעגלעך אַז דאָס באַזונדערע ווייכקייט פֿון עגנונס באַלאַדע, אין וועלכער דער שטומער כּעס און פֿאַרבאַהאַלטענער אויפֿברויז ווערן פֿאַרשלונגען אין אַ מין צאַרטן רחמנות, לאָזט זיך באַטראַכטן ווי אַן אויסדרוק פֿון מוטערלעכער מענטאַליטעט, כאָטש דער אמת איז מחויבֿ צו זאָגן, אַז דאָס אײַנגעהאַלטנקייט פֿון כּעס און אויפֿברויז און דאָס אויסגעהאַלטנקייט פֿון דעם אידיאָמאַטישן באַרעדעוודיקייט, אַרײַנגעדאָפּשעט אין שמאָלע פֿערזן, זענען אַ רמז אויף אַן עפּישער נאַטור, וואָס שטעלט בלויז אויף זיך אַליין. אין די ביידע באַלאַדעס — סײַ די אין וועלכער אַן אָרעמע משפּחה קוקט אַרויס אויף דער פֿרייד פֿון חמשה-עשׂר-מתּנות, וואָס דער טאַטע דאַרף אָט-אָט ברענגען, און צום סוף שטעלט זיך אַרויס, אַז די מתּנה איז דער געהרגעטער טאַטע גופֿא; סײַ די אין וועלכער אַן אַראָפּגעקומענער בלינדער זיידע מיט זײַן פֿאַריתומט אייניקל קוקן אַרויס אויף דער פֿרייד פֿון די פּורים-הכּנסות און צום סוף ווערן זיי ביידע פֿאַרפֿרוירן אין שניי און קעלט — אין ביידע זעען מיר נישט בלויז אַ שטאַרקע השפּעה פֿון דעם שאַרפֿן סאָציאַלן באַנעם, וואָס האָט געשפּײַזט די יִדישע דיכטונג בעיקר אין איר אָנהייב און המשך, נאָר אויך אַן איבערבראָך אַ גאָר קענטיקן אין עגנונס טעמאַטיק. ווער עס האָט זיך באַמיט צו אָבסערווירן די ראָלע פֿון שבת און יום-טובֿ אין אונדזער ליטעראַטור פֿון דער מיט השׂכּלה און ווײַטער, מוז זיך אָפּשטעלן אויף צוויי ליניעס — איין ליניע, וואָס ווײַזט, אַז שבת און יום-טובֿ זענען דער איינציקער אויסשניט אין לעבן און אין שטייגער, וואָס די טאָטאַלע משׂכּילישע קריטיק און היפּערקריטיק האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ שוין-רעזערוויר אין אַ וואַלד, וואָס איז הפֿקר פֿאַר אַלע מינים יעגערס, און דיאַלעקטיש זענען טאַקע די שבתים און יום-טובֿים געוואָרן די ערשטע, שטילע, אָבער גרויסע אָפּפֿרעגפּונקטן פֿון דעם משׂכּילישן צוגאַנג; די אַנדערע ליניע, וואָס ווײַזט, אַז שבת און יום-טובֿ זענען, אין זייער רשות, מבֿטל די ווידעראַנאַנדן אין יִדישן לעבן, און צווישן זיי אויך — און אפֿשר: בעיקר — די סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן, אַפֿילו די קלאַסן-ווידעראַנאַנדן. פֿאַראַן דערויף אָן אַ שיעור ראַיות און משלים, מיר וועלן איצט אָנווײַזן בלויז אויף איין כאַראַקטעריסטישער שטעל בײַ אײַזיק-מאיר דיקן — אין זײַן ספֿרל איבער די

ייִדן אין ליטע, וואָס באַשטייט פֿון צוויי טיילן, דער ערשטער טייל איז אַ בעלעטריסטישער, כּולו אָנקלאָגעריש; דער צווייטער טייל (ווײַזט אויס אַן איבערגעזעצטער) איז אַ פּובליציסטישער, כּולו פֿאַרטיידיקעריש, און אין דעם טייל לייענען מיר: אונ עשׂ איז צו בענײדען זייער שטילעס פרידליכעס אונ פאטריארכאלישעס לעבין וואשׂ זייא פירען אין זייערע שבתים אונ אין זייערע ימים טובים. דאשׂ גאנצע אידעשע נאציאן שיינט דאן צו זיין איינע פאמיליע. עשׂ זיינען דאן אָפין דיא טירען פון דיא רייכען פאר דיא אָרעמען. מען באזוכט זיך איינער דעם אנדערין אונ מען נעמט יעדערין אויף פאר איינען גוטין גאַסט אונ מען בעווירטעט אים זייער פריינדליך אונ ברידערליך. עשׂ איז דאן קיין שפּור פֿון שטאלץ צו בליקען אונ דער נידעריגסטע פינדעט אין דעם גרויסין זיינעם גלייכין" („דיא יודען אין ליטע", 1871, זז' 37-38). קומט אונדזער יונגער מחבר, וואָס לויטן אָנגענומענעם שאַבלאָן האָט ער דאָס אין זײַנע ווערק פֿון יוגנט אויף און ווײַטער עפּיש אַרויסגעאַרבעט דעם האַרמאָניע-גאַנג אין ייִדישן לעבן, און ער צעברעכט, אין די צוויי באַלאַדעס, דעם עצם אינסטרומענט פֿון דער דאָזיקער האַרמאָניע — דער יום-טובֿ, וואָס ווערט באַטראַכט ווי דער טאָג פֿון אַחדות און דער טאָג, וואָס אין אים ווערן בטל די ווידעראַנאַנדן, דווקא ער ווערט געשילדערט ווי דער טאָג פֿון צוזאַמענבראָך פֿון יענעם אַחדות. אמת, ער באַנוגנט זיך דאָ מיט האַלב וואָכעדיקע יום-טובֿים — חמשה-עשׂר און פּורים. אָבער אין אַ העברעיִשער דערציילונג פֿון יענער צײַט, וואָס איז געדרוקט געווען אין אליעזר רוקחס „הירדן", איז דער פֿאַרשטערטער יום-טובֿ אַ שאַרפֿערער — אין דער עצם סדר-נאַכט; נישט אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלער (עלילת-דם), נאָר אַ סאָציאַלער שטער. גראָטעסק פֿאַרשפּיצט האָבן מיר עס שפּעטער אין „הכנסת כלה" — די פֿאַרשטערטע סדר-נאַכט פֿון אַן אָרעמען ישיבֿה-בחור, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל געזאָלט טועם זײַן פֿון שלאָפֿן אין אַ בעט ממש, און זײַן באַגער ווערט אים פֿאַרשטערט אין דער מינוט, ווען זײַן פֿוס דאַרף נאָך דעם סדר באַרירן דאָס ווייכע געלעגער. אַ פֿאַרגלײַך מיט „החצוצרה נתבישה" פֿון ח.-נ. ביאַליק, ווו דער שטער איז בפֿירוש אַ נאַציאָנאַלער (דער גירוש-אוקאַז פֿון דאָרף), זאָגט מער ווי אַ יעדער אַנאַליז. די משלים לאָזן זיך פֿאַרמערן און זיי באַווײַזן, אַז אונדזער דערציילער איז געטרײַ געבליבן דעם באַנעם, וואָס האָט אין אים געדעמערט נאָך אין זײַנע ייִנגלישע יאָרן און ווען ער האָט זיך אויסגעלײַטערט אין כּלערליי סײַ אויסגעברייטערטע און סײַ פֿאַרטיפֿטע דרכים.

פּראָפֿ' דבֿ סדן

פֿאַרן יאָר תשי״ז — תשי״ח

יצחק באַשעוויס

מײַן טאַטנס בית־דין־שטוב

זלמן שניאור

דער ממזר

ש. י. עגנון

אַ פּשוטע מעשׂה

ספּור פּשוט

ערנעסט העמינגוועי

דער אַלטער און דער ים

THE OLD MAN AND THE SEA

I. LONDON, *Publisher*

228 East 45th St., New York, N. Y.

געזעצט און געדרוקט בײַ
מאַרסטין פּרעס, אינק׳,
228 איסט 45 סט׳, ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאָנדאָן

138